STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09124

SHEYDVEG

Menahem Baerush Eppelbaum

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שיידוועג

* זעכצן דערציילונגען.
* דער סדר — כראָנאָלאָגיש, ווי געשריבן געוואָרן.
* אָפּטייטשונגען פון פרעמדע ווערטער — צום סוף.

ב. עפּעלבוים

שיידוועג

פאַרלאַג: „ב. עפּעלבוים־בוך־קאָמיטעט"
ארויסגעגעבן דורך „קדימה־צענטראַל"
פילאַדעלפיע
1935

Copyright 1935
by
B. EPPELBAUM

אין בוך זיינען:

I / אָפּפּלום:

שטויב — ערשטע דערציילונג — 9

שטויב — צווייטע דערציילונג — 48

שונאים — — — — — — — 74

שרעק — — — — — — — 115

II / צופּלום:

מאכט — — — — — — — 171

שלאכט — — — — — — — 187

א משפּט — — — — — — 200

א טאנץ — — — — — — — 217

סכנה — — — — — — — 232

גענעראל מאראזאוו — — — — 246

III / צונויפשלאג:

דער יונג אנטאָן — — — — — 263

איבער א שמאָל דרענגל — — — 270

פארענדערט — — — — — — 277

פאר וואָס איך לעב — — — — 286

אנטקעגן טויט — — — — — 295

דערהויבן — — — — — — 302

צייכענונג — אָ. פֿאַרטנאָף

אפּפלום I

שטויב

ערשטע דערציילונג

א.

פארבייגייענדיק מיט שטילע געלאסענע טריט שפיראס דרוקעריי, איז משהל ליפשיץ אהין אריין, גלאט אזוי זיך, געוואלט אפרוען פון אנגעשטרענגט טראכטן.

אין פאדערשטן צימער איז קיינער נישט געווען. אויף די פאליצעס האבן געדרימלט גאנצע פעק פארדרוקטע בויגנס, אלטע צייטונגען, מאקלאטור און פון ווינקל האבן געקוקט פעקלעך פאפיר. פון דרוקעריי, וואס איז געווען אין דער צווייטער זייט גלעזערנער טיר, האט זיך געהערט א שארפיען און עפעס א ניגון, וואס א זעצער האט דארט לאנגזאם געצויגן אונטער דער נאז. האט משהל א ווײלע געקוקט מיט צונויפגעצויגענע הויטן אהום די קורצזיכטיקע אויגן, שפירא איז ארויסגעקומען פויל און פארטראכט פון דער זעצעריי און אים אקעגנגעגאנגען מיט א פארהוילן הולך־בטלדיק שמייכעלע, האט זיך משהל געזעצט נעבן טיש, וואס איז געשטאנען ביים פענצטער און איז געווען פארגאסן מיט זון. שפירא האט זיך אפגעשטעלט נעבן אים, געקוקט אויף דער גאס ארויס און משהל האט שטיל און רואיק געפרעגט:

— וואס זשע הערט זיך? א?

האט שפירא צוגענומען די פארנעפלטע אויגן פון גאס, מיט א פארשנדיקן בליק געקוקט אויף משהלען, דערביי איז זיין געעלטערט פנים מיט דער נאכגעלאזטער געקנייטשטער הויט געווען ווי פארשטויבט און ער האט איינגעקנייטשט דעם שטערן:

— וואס, מ'שטיינס געזאגט, קען זיך הערן? די דרוקעריי איז נאציאנאליזירט און איך — א פארוואלטער. איר הערט נישט ווי די ארבעט לויפט?—זיך אומגעקוקט הינטער זיך און אויסגעלאזט—אזא מזל אויף זיי...

— אזוי... נאציאנאליזאציע..

משהל האָט אראָפּגעלאָזט דעם בליק, ארויסגענומען א שווארצע פּושקע, זי געעפנט און ס׳האָבן פון איר ארויסגעקוקט לאַנגע פּעדעם ברוינער טיטון. האָט אָפּגעריסן א בלעטעלע ביבולקע פון א ביכעלע, האָט עס אוועקגעשטעלט פאר די אויגן, ווי ער וואָלט געוואָלט איבערליינען די וואסער־אותיות.—

— וואָס זשע הערט זיך פּאָרט?

— גאָרנישט מיט גאָרנישט. — שפּירא האָט דערביי אריבערגעקוקט איבער אים — אָט אזוי איז מען אן אנגעשטעלטער ביי דער מאכט . . . די דרוקעריי איז דאך נישט מיין . . . מילא, בין איך א פּאַרוואַלטער און באקום קאטעגאָריע „בי״, א גאַנץ האלב פונט ברויט א טאָג, איז וואָס זשע פעלט מיר נאָך?

האָט זיך צעשמייכלט, די אויגן זיינען געוואָרן פייכטער, זיך אוועק־געזעצט און ווידער זיך איינגעקוקט אין משהלען, ווי ער וואָלט משונהדיקס געזען אין אים.

דורך דער אָפענער טיר האָט זיך געצויגן איבער דער פּאָדלאָגע א ברייטער פּאַס זון, וואָס האָט דאָרט זיך ארויפגעבויגן אויפן לאַנגען טיש און ס׳האָט זיך געפילט א טרוקענער ריח פון שטויביקער גאַס.

דערוויל האָט משהל פאררייכערט, ארויסגעלאָזט געדיכטן דויך, געטריבן ווי א שטראָמל, גענעבן א קוק אויף דער „איזוועסטיא״, וואָס איז נעבן אים געלעגן אויפן טיש, און געפרעגט:

— וואָס שרייבן זיי? הא?

— איר ווייסט נאך נישט וואס זיי שרייבן? רעוואָלוציע און קאָנטר־רעוואָלוציע, בורזשואזיע און פּראָלעטאריאט, ס׳האָט שוין דערעסן. און זיי ווערט עס גאר נישט מיאוס. אז מען האלט אין איין שרייבן!

משהלס שטים איז געוואָרן נאך שטילער.

— אפשר ווייסט איר פון אביסל ת״קערס, נאר „בלעך״?

—שווער צו קריגן? זאָלקין מוז אויך האָבן, נאר איר הערט? ווען איר פאָלגט מיך, וואָלט איר אינגאַנצן אָפּגעהאַקט, ס׳איז קיינמאָל נישט געווען פון אייערע מסחרים און איר דארפט עס איצט אויך נישט . . . איר שפּילט זיך מיט די חברה־לייט? . . .

האָט אוועקגעשטעלט ביידע עלנבויגנס אויפן טיש, אראָפּגעלאָזט דאָס פּנים צווישן די הענט, וואָס האָבן עס מיט פינגער ארומגענומען און שטילער נאר ערנסטער גענומען אבלדיק ריידן:

— ס׳איז די אמתע חברה. אָט איז היינט ווידער דאָ א „פּריקאַז״, פאר פארנעמען זיך מיט די „זאכן״ — שיסן . . . און וואו־וואו, נאָר דאָ האלטן זיי וואָרט . . . דאָס מעג מען זיי גלייבן . . . שוין נישט דאָס ערשטע

מאָל. און דאַכט זיך, אַ נייער „ספּיסאָק" פון דערשאָסענע איז אויך דאָ, איך קען עס נישט ליינען.

— מילא, ערגער פון שלעכט קען דאָך ניט זיין.

האָט שוין שפּירא געגעבן אַ נעם אַרויס דאָס פּנים פון צווישן די הענט און שוין געזאָגט אַ ביסל העכער און מיט בייזקייט:

— איך פאַרשטיי אייך נישט . . . עפּעס רעדט איר דאָך שוין גאָר ווי אַ הפקר מענטש! . . . וואָס איז מיט אייך געוואָרן? און אַ ווייב מיט קינדער האָט איר דאָך עפּעס אויך?

— סך הכל נאָר איין קינד.

— איין קינד נאָר?

— וואָס זשע וואונדערט איר זיך?

— כ'ווייס, איך קאָן אייך דאָך שוין נישט פון היינט. נאָר מיר איז עס קיינמאָל נישט איינגעפאַלן. איין קינד נאָר? טאַקע אַ חידוש. איר מוזט דאָך שוין זיין ביי די חמשים?

האָט משהל ליפשיץ געגעבן אַ מאָדנעם קנייטש מיט טונקל־קרענקלעך פּנים און שטערן אַזוי, אַז דער שוואַרץ־פּליושענער קאַפּעליוש האָט זיך אַ באַוועג געטאָן, ווי ער וואָלט צוגעטאַקעוועט, און האָט געענטפערט:

— צו חמשים איז אפילו נאָך ווייט. עס פעלן נאָך גאַנצע ניין יאָר, נאָר גאָרנישט, אַזוי זעט מען שוין אויס ביי דעם שיינעם לעבן . . .

איז אַ ווײַלע שטיל געבליבן, ווי ער וואָלט זיך פאַרטראַכט וועגן אַ וויכטיקן ענין. אין האַרצן האָט ער טרויעריק אַ שמייכל געטאָן: „אַ ווייב מיט קינדער". . . גיי דערציייל יענעם, אַז ער איז אַזאַ מחותן מיט זיין ווייב, ווי אַ שטייגער שפּירא איז מיט איר אַ מחותן. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס ער האָט די צרות, ווערט גרוי און אַלט פאַר דער צייט און מען מוז נאָך מאַכן אַן אָנשטעל ווי אַלץ וואָלט געווען ווי עס דאַרף צו זיין . . . ער האָט ווידער אַ בלאַסן שמייכל געטאָן, באַקומען טרויעריק־פרום פּנים און געזאָגט מיט שטילן זיפץ:

— און שטאַרבן פון הונגער איז בעסער? מילא, וואָס ס'איז באַשערט איז באַשערט.

— אַ מענטש דאַרף זיך דאָך אָבער היטן?

— ווי ווייט איך קאָן — היט איך זיך טאַקע.

האָט געקוקט אויף די שפּיצן פון זיינע שיך און שוין אויפשטעלנדיק זיך, געפרעגט:

— איר האָט געזען זאַלקינען?

— ער איז דאָ געווען אינדערפרי . . . האָט איך געהייסן אריינ־קומען.

משהל איז ארויס אויף דער גאַס און געטראַכט צו גיין צו זאַלקינען. האָט ער מיטאַמאָל אויפגעהויבן די אויגן און דערזען פון ווייטן שקלאָוון. יענער איז געגאַנגען גיך און מיט צעשראָקנקייט, ווי ער וואָלט געאײַלט פון ערגעץ אַנטרונען צו ווערן. זײַן קאָפּ איז געווען אויסגעשטרעקט פאָרויס און ער האָט געמאַכט מיט די הענט גײַענדיק. משהל האָט שטיל אַ שמייכל געטאָן: שטענדיק טראָגט זיך אָט דער שקלאָוו אַרום מיט „ציגײַנערלעך". האָט אַ ביטער לעבן פון זײַן ווײַב דער אַרורה און ציטערט כסדר. דערווײַל איז שקלאָוו צו אים צוגעקומען, האָט טרויעריק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך נישט אָפּגעשטעלט. האָט זיך משהל אויך אויסגעדרייט און זיך באַמיט נאָכצוהאַלטן זײַן שפּאַנען. אײדער נאָך ער האָט באַוויזן צו פרעגן, פאַרוואָס ער איז אַזוי צעטומלט, האָט שקלאָוו — וואָס איז געווען העכער פון אים — אַביסל אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און טאַמעוונדיק אַביסל זײַן גאַנג, האָט ער מיט גרויסע קוילעכדיקע אויגן גענומען דערציילן אַז ס'איז גאָרנישט גוט. די „גדולים" האָבן זיך שטאַרק אַ נעם געטאָן צום „עסק". פון הינטער דער פּלייצע וואַקסן זיי אויס און ס'איז ביטער. אָט נאָר וואָס האָט ער זיך דערוואוסט אַז עטלעכע „מענטשן" זײַנען אַרײַנגעפאַלן.

— ווער?

האָט שקלאָוו אים אָנגעהויבן אויסרעכענען נעמען און אַלץ געגאַנגען ווייטער, ביז זיי זײַנען צוגעקומען צו אַ ראָג פון אַ גאַס, האָט שקלאָוו געגעבן אַ זאָג:

— איך מוז איצט לויפן, איך האָב „עפּעס" בײַ זיך. דאַכט זיך מיר נאָר אַז מען שפּירט מיר נאָך.

אָפּגעזאָגט און גלייך אַוועק.

ליפשיץ האָט אים אַ ווײַלע נאָכגעקוקט. געזען ווי ער שפּאַנט גיך און קוקט זיך נישט אום. איז אים געוואָרן נישט הימלעך אויפן האַרצן און ער האָט געקוקט מיט ערנסטע אויגן ווי אין אַ תעניתדיקן אָוונט. און כאָטש ער האָט שוין שקלאָוון נישט געזען, האָט ער נאָך אַלץ געזען זײַנע צעשראָקענע, קוילעכדיקע גרויסע אויגן און בשעת מעשה געדענקט אָן „פּריקאַז", וואָס שפּירא האָט פאַר אים איבערגעלייענט. פאַר די אויגן איז איצט געשטאַנען די שורה: „וועט באַשטראָפט ווערן מיט דער העכסטער שטראָף"..

און אַנשטאָט גיין צו זאַלקינען, איז ער גאָר אַוועק מיט אַן אַנדער גאַס . . .

* * *

צומאָרגנס אינדערפרי האָט משהל ליפשיץ געלאָזן אויפגעהויבן די אויגנדעקלעך און ס'איז אים אויסגעקומען, אַז ער האָט זיך גאָרנישט אויפ-

געכאַפּט פון שלאָף, נאר גלאַט געעפנט די אויגן. איז ער אזוי געלעגן רואיק און זיך נאך אַלץ געוויגט אין שרעק פון חלום. ער האָט נאך געזען די צערייצטע פּנימער פון שפּיראַן און די נאַקעטע רעוואָלווערן, וואָס האָבן מיט משונהדיקע, קיילעכדיקע גרויסע אויגן געקוקט אויף זיין נאַקעט לייב, און גע־הערט ווי זיי וואַרענען אים מיט משונהדיקע קולות.

ער האָט געלאָזן אָפּגעאָטעמט, האָט אויסגעקערעוועט די אויגן, געזען דאָס צעוואָרפענע בעט, וואָס איז געשטאַנען נעבן זיינעם און ס'איז פון דעם אויפגעגאַנגען נאך אַ וואַרעמער ריח; האָט ער צונויפגעזשמורעט די קורצזיכטיקע אויגן: ס'איז אים געווען אַ חידוש, וואָס פאַניע איז שוין נישטאָ אין בעט. האָט דערפילט, אַז די גאַנצע מעשה איז געווען נאָר אַ חלום, אבער די בלינדע שרעק איז געבליבן אין האַרצן, ווי אַ שטיק האַלץ וואָלט זיך דאָרט פאַרשטאָכן און געבליבן זיצן.

דורכן פענצטער האָבן זיך געצווינגן שטילע ליכטיקע פּאַסן, אזוי שטיל און פאַרביסן, ווי זיי וואָלטן בייזעם פאַרטראַכט און לאַכן אין זיך אריין. פאַרגאַפּעטע בלויקייט האָט פון ערגעץ געקוקט מיט זומערדיקער מאָרגן־פאַרהוילנקייט.

איז ער אַ ווײַלע נאך געלעגן און געטראַכט פון דעם, וואָס שקלאָוו האָט אזעלכע גרויסע אַרויסגעשטאַרצטע אויגן, און אַז ער קוקט, קוקט פון זיי אומבאַהאָלפענע שרעק. האָט זיך דערמאַנט ווי ער האָט נעכטן געזאָגט!

— זיי שפּאַסן שוין גאָרנישט . . . זיי טוען טאַקע . . און אַט — ווידער זיינען עטלעכע מענטשן אַריינגעפאַלן . . .

איצט געדענקט ליפשיץ, אַז צווישן די אַריינגעפאַלענע האָט ער דער־מאָנט אויך פישביינען. ווער איז אָט דער פישביין? אַ? עפּעס, דאַכט זיך, קענטלעך.

און ער האָט אַליין נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ער מאַטערט זיך אזוי צו געדענקען ווער דער פישביין איז. ער האָט אבער געדענקט, אַז ער איז אַ הויכער מיט שוואַרץ־גלאַנציקע אויגן, און אַז ער האָט אים געטראָפן ערגעץ צווישן מעקלערס אין אַ קאַפע־הויז.

— הייסט עס, אַז אויך דער פישביין האַנדלט איצט מיט וואַליוטע? מאָדנע. אַלע האָבן זיך געכאַפּט צו וואַליוטע . . .

די בלינדע שרעק איז אַלץ געזעסן אין האַרצן. און אַז ער האָט געהערט ווי מען עפנט דאָרט די טיר אין ערשטן צימער אַריין, האָט ער אַ ציטער געטאָן, עטוואָס אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיך איינגעהערט און דערנאָך זיך צעשמייכלט:

— וואָס מיר קאָן אַלץ איינפאַלן.

זיך ווידער אומגעקוקט אויפן ווייבס צעוואָרפענעם בעט, האָט איין

ווײַלע זיך פאַרטראַכט וועגן דעם וואָס שוין יאָרנלאַנג, אַז זײ זײַנען זיך פרעמד און מיט אַמאָל אַ קלער געטאָן:

— און אָט בין איך שוין אַ הפקר־מענטש אויך. און וואָס קאָן ווערן דער סוף פון אַזאַ לעבן?

האָט אין זיך אָפּגעזיפצט און געטראַכט, אַז עס איז פאַרפאַלן, אַז אַזוי וועט עס זיך שוין שלעפּן, ווער ווייסט ווי לאַנג. נאָר מילא, זאָל שוין זײַן אַזוי; פרעמד, אָבער שטיל . . .

ווען ער האָט זיך אַנגעטאָן און שוין געשטאַנען אין די הויזן און שיך, האָט ער אָפּילו אַ שמייכל געטאָן:

„נישטאָ קיין רעה אָן קיין טובה . . . ס'איז דאָך עפּעס באָלשעוויקעס, דאָס לעבן איז דאָך אַלע מינוט אײַנגעשטעלט. אָבער דערווײַל האָט מען נישט אין זינען קיין „וועטשערינקעס" . . . איז נישטאָ פאַר וועמען צו זינגען . . . איז כאָטש שטיל."

דערמאָנענדיק זיך אָן די באָלשעוויקעס, האָט ער ווידער שאַרף דער־פילט די בלינדע שרעק, האָט אַ קוועטש געטאָן דעם שטערן און אַ טראַכט געטאָן: מען וואָלט אפשר טאַקע געדאַרפט אפּהאַקן . . . האַ? . . .

אַז ער איז אַרויסגעקומען אין דער פאָרנטיקער שטוב, האָט ער גע־טראָפן: פאַניע שטייט פאַרן שפּיגל און קעמט זיך די לאַנגע בלאָנדע האָר. זי איז געשטאַנען מיט נאַקעטע קלאָרע הענט און דער אויבערשטער טייל קערפּער האָט זיך געלאָסן און פויל געוויגט ביים קעמען. זי האָט זיך נישט אָפּגערוקט און ער האָט געזען אין שפּיגל, ווי זי האָט פּלוצלונג פאַר־צויגן די ליפּן און די אויגן אירע זײַנען שאַרפער געוואָרן. האָט ער שוין פאַרגעסן די שרעק און דערפילט אין זיך עקשנותדיקע פאַרביסנקייט. איז אַרײַן אין קיך זיך וואַשן און פליוסקענדיק דאָס פּנים אין קאַלטן וואַסער, וואָס ער האָט אין די הענט געהאַלטן, האָט זיך כסדר געפּלאָנטערט אין זײַן מח:

— שוין ווידער עפּעס נײַעס . . . שוין ווידער . . .

מיט אַמאָל זיך אויסגעגלײַכט און זיך אײַנגעהערט: פאַניע האָט געזונגען. דאָס געזאַנג איז געווען אַזעלכס וואָס איז אים געווען שטאַרק באַקאַנט, נאָר ער האָט עס שוין לאַנג פון איר נישט געהערט. זינט דעמאָלט, ווען עס פלעגן ביי אים זײַן „וועטשערינקעס". לינעצקי פלעגט שטענדיק קומען און מיט גלאַנציקע אויגן און כסדרדיקן שמייכל געריסט איר זינגען.

ער האָט זיך געווישט מיטן האַנטוך און די עקשנותדיקע פאַרביסנ־קייט האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט יאושדיקן כעס. אַז ער איז צוריק אַרײַנ־געקומען אין שטוב, האָט פאַניע נאָך אַלץ געזונגען שטיל און באַהאַרצט נאָך שטייענדיק פאַרן שפּיגל. נאָר מיט אַמאָל האָט זי אויפגעכאַפּט זײַן בליק

און איז שטיל געוואָרן. זיך אפּגעקערט פון שפּיגל און אויף גיך אַרויפגע־וואָרפן אויף זיך די בלוזקע, ווי זי וואָלט געוואָלט באַהאַלטן אירע קלאָר־נאַקעטע הענט. ער איז אַריין אין שלאָפצימער.

* * *

ביי פרישטיק איז מען געזעסן שטיל און אנגעצויגן. די בלייך־בלאָנדע חוהטשע, א מיידל פון א יאָר עלף, איז געזעסן מיט קלאָרע צעשראָ־קענע אויגן און האט אויך געשוויגן. משהל האט דאָס גלאָז טיי אַרומגע־נומען מיט די פינגער פון ביידע הענט און געקוקט צום פענצטער. דאָס מיידל האט פויל געגעסן דאָס שטיקל ברויט מיט פוטער.

— זע נאָר אָן עסן! — האט זיך פאַניע פּלוצלינג אָפּגעריסן — וואָס ליאַמזשעסטו, וואָס.

האט זיך דאָס מיידל וויינענדיק צעפּיעסטעט.

— כ'וויל נישט עסן און שוין.

— עס, זאָג איך דיר.

פאַניע האט זיך אויפגעשטעלט, גענומען דאָס שטיקל ברויט מיט פוטער, וואָס דאָס קינד האט געהאט אוועקגעלייגט, און אויסגעשריגן:

— די מינוט זאָלסטו עסן!

משהל האט געהאט צונויפגעצויגן די הויטן אַרום די אויגן, האט גע־קוקט ווי דורך שמאָלע רערלעך און ס'איז אים אויסגעקומען, אז פאַניע איז העכער ווי שטענדיק. האט ווידער דערזען ווי פון אירע אויגן קוקט עקל און כעס, האט ער א טראַכט געטאָן: „שוין לאַנג שטיל געווען." און געלאַסן, קאַלט געזאָגט:

— וואָס איז זי דיר שולדיק? וואָס שרייסטו אויף איר?

— וואָס איז זי שולדיק? — האט זי אויפגעהויבן בייזע אויגן און נישט פאַרענדיקט.

— דאָס ברויט איז נישט גוט! — האט די קליינע וויינענדיק געזאָגט.

— נו, זאָג דיין טאַטן, ער זאָל געבן געלט אויף וויים ברויט!

אזוי האָט פאַניע א זאָג געטאָן און זיך צוריקגעזעצט.

— נו שוין, חוהטשע, עס. דאָס ברויט טויג נישט? פאַרוואָס טויג עס נישט? ס'איז גאַנץ גוט ברויט. מילא, איז עס נישט אזוי וויים . . . וואָס זשע זאָל מען טאָן. אזוינע צייטן . . .

האָט דאָס מיידל זיך איינגעקוקט אין פאַטערס מרה־שחורהדיקן פּנים און גענומען עסן.

פאַניע האט ווידער איין קוק געטאָן אויף אים און גאָרנישט געזאָגט.

דערפון האָט משהל זיך ווידער פארקוקט אין פענצטער און דאָס גאַנצע הארץ איז שוין געווען אנגעפילט מיט יאוש.

פאַניע האָט זיך אויפגעשטעלט אַן אנגעבלאָזענע:

— איך גיי אויפן „באזאר".

האָט משהל גארנישט געענטפערט, האָט ארויסגענומען זיין געלן, אלטן „בומאזשניק", האָט אין אים אריינגעקוקט דורך די „שמאלע רערלעך" און ארויסגענומען גליכע צונויפגעלייגטע פּאַפּירלעך. האָט זיי דורכגעקוקט טאַפּנדיק מיט די פינגער און אוועקגעלייגט אויפן טיש.

פאַניע האָט דערווייל אָנגעטאָן דעם מאַנטל און דערביי אַלץ אזוי געשטאַנען גלייך פארן שפּיגל. דערנאָך צוגעגאַנגען צום טיש, איבערגעקוקט דאָס געלט און אויסגעשטעלט פארעקשנטע אויגן:

— שוין, אפּגעציילט . . .

האָט משהל געקוקט מיט פארביסנקייט און געפּאַלנקייט, האָט ווידער ארויסגענומען דעם „בומאזשניק" און צוגעלייגט נאָך עטלעכע פּאַפּירלעך.

ווען פאַניע איז ארויס האָט ער זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו חוהטשען, און שטיל און פארטראַכט גענומען גלעטן איר קעפּל בלאָנדע האָר. האָט דאָס מיידל מיטאַמאָל אויפגעהויבן אויף אים קלוגע אויגן, אויסגעצויגן די שמאלע הענטלעך. האָט ער זי אונטערגעהויבן, האָט זי ארומגעכאַפּט זיין האַלדז און זיך שטאַרק צו אים צוגעדריקט. האָט ער איר אַ קוש געטאָן אין קאָפּ און געפילט: פּייניקדיקע ווייכקייט אין הארצן. האָט זי אראָפּגעלאָזט און לייכט געשמייכלט. דערביי האָט ער גע־טראַכט:

— זאָל זי טון וואָס זי וויל. ועמען ארט עס? . . . אַלץ איינס . . ,

ב.

די גאַס איז אינגאַנצן געלעגן אונטער זון. די הייזער זיינען גע־שטאַנען שטילע און אראָפּגעדריקטע, די טירן פון די קלייטן זיינען געווען אָפן און פון זיי האָט ארויסגעקוקט פּוסטע פאַרטראַכטקייט. אַ דראזשקע איז געלאָפן איבער די שטיינער. די פּאַדקאָוועס האָבן געשלאָגן ווי זיי וואָלטן געציילט, און די גומענע רעדער — זיינען אונטערגעשפּרונגען און זיך געדרייט שפּרינגענדיק. אַ פאָרגאָן האָט זיך שווער געשלעפּט און עם האָבן געדרענ־זשעט די לאַנגע פארזשאַווערטע אייזערנע שטאַבעס, וואָס זיינען אויף אים געלעגן ווי צוזאַמענגעוואַקסן. די עקן האָבן זיך איינער אין אנדערן געשלאָגן

און אויפגעהויבן ווילדן ליארעם וואָס האָט די גאַס פּאַרטויבט, און משהל ליפשיץ איז זיך געגאַנגען שטיל, רואיק, מיט די זעלבע פּאַרטראַכטע טריט ווי אַ מאָל, ווען ער איז געווען אַ קאָמיסיאָנער פון בעסאַראַבער ווײַנען. אויף זיין פּנים איז אויך געלעגן די קרענקלעכע געלע טונקלקייט, וואָס האָט דער־מאָנט רויטן אַלטן ווײַן. דער פאַרגאַן איז שוין געווען טיף אין גאַס, נאָר דאָס דרענגשען פון די פאַרשטייפטע לאַנגע שטאַבעס האָט נאָך אַלץ פּאַר־זשאַווערט געשריגן. אויפן טראָטואַר זיינען מענער און פרויען געלאָפן און געקלאַפּט מיט הילצערנע „סטוקלקעס" אויף באָרוועסע פיס. האָט משהל געקנייטשט דעם שטערן און אים איז אויסגעקומען, אַז דער גאַסן־געשריי שטערט אים צו טראַכטן וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין. און בכלל: דאָס ביסל אייזן, וואָס זיי פירן?! וואָס פירן זיי אַזוי פיל? האָט ער אויסגעקערעוועט אויף דער „יעווריייסקי" און דאַרט געטראָפן די גאַס ליגן אַ שטילע אונטער זון. די טראַמוויי־רעלסן זיינען געלעגן פאַרשטאַפּטע, אין חלשות. האָט ער זיך עפּעס דערמאָנט און די בלינדע שרעק אין האַרצן האָט זיך ווידער אויפ־געכאַפּט, עפּעס איז אים איצט אויסגעקומען, אַז מען קוקט אים נאָך. דערפאַר איז ער געוואָרן נאָך געלאַסענער, האָט געשפּאַנט מיט שטילע טריט, זיין שוואַרץ־פליושענער הוט און שוואַרצער מאַנטל האָבן מיט אַמאָליקער נגידיש־קייט געקוקט, און בשעת מעשה האָט ער געטראַכט, אַז עס וואָלט שוין גאָר נישט געווען אַזאַ שלעכטער מסחר, אָט דער האַנדל מיט וואַליוטע, ווען מען וואָלט נאָר נישט געווען אַזוי איינגעשטעלט מיטן לעבן.

„און עס וואָלט שוין אפשר צייט געווען אָפּצוהאַקן . . . האַ? שוין צופיל כאַפּט מען איצט". . .

נאָר טראַכטנדיק דאָס — האָט ער איצט געדענקט, אַז איינגנטלעך פירט ער זיך שוין אַ לענגערע צייט מעשה הפקר־מענטש. ווי האָט ער געזאָגט דער שפּירא: „און אַ ווייב מיט קינדער". . . האָט זיך דאָס טראַכטן אויסגעקע־רעוועט און ער האָט זיך דערמאָנט אָן פאַניען:

„עפּעס איז שוין ווידער . . . עפּעס איז זי שוין ווידער צעטראָגן". . .

ווען ער האָט דאָס געטראַכט האָט ער פאַרגעסן די שרעק און געפילט, אַז ער איז שטאַרק געערגערט און ווערט אומזיסט געפּייניקט. אויפן פּנים איז אַרויס דערהויבענע פרומקייט און געטראַכט האָט ער עקשנותדיק:

— מילא, וואָס האָב איך אַנצוּוואָרן? . . .

אויף רישעלעווסקי איז ער ווידער אַריינגעפאַלן אין גאַסנטומל. ווי־דער האָט ערגעץ געשריגן אַ דרענגשען פון פאַרזשאַווערטע שטאַבעס. האָט עס אין אים אַלץ פאַרשריגן און שוין איינגאַנצן אַ רואיקער איז ער אַריין אין אַ באַשאָטנטן הויף, וואָס איז געווען אַרומגעשטעלט מיט הויכע, טונקעלע ווענט, וואָס האָבן מיט בלינדקייט געגאַפּט.

ארײַנקומענדיק צו זאַלקינען אין ביכער־געשעפט — האָט ער זיך דערפילט שטאַרק היימיש, ווי ער וואָלט ענדלעך געקומען צווישן אייגענע. דאָס געשעפט מיט די ביכער איז אויך געווען אויף „אויטשאַט", נאָר אָפן איז עס געווען און זאַלקין האָט זיך נאָך געפילט מעשה בעל־הבית. ס'איז דאָרט געווען צוגערוימט און פון פּאָדלאָגע האָט זיך געטראָגן פּייכטער ריח. די ווענט האָבן געשמייכלט מיט אַן אַ שיעור רוקנס, וואָס זײַנען אַלע געשטאַנען שטיל, ערנסט און געחלומט.

— אַ, אַט איז דאָך משהלן! . . .

אַזוי האָט אויסגערופן גרינשטיין, אַ יידל מיט אַ געל שיטער בערדל, מיט שמייכלענדיקע רויטע ליפּן און אַ ברוינע בראָדעווקע איז אים געזעסן אויף דער באַק נישט ווייט פון די ליפּן. גרינשטיינס פאַבריק איז געווען נאַציאָנאַליזירט, אַליין איז ער דאָרט געבליבן אַן אנגעשטעלטער, האָט ער דערפאַר געהאַט צייט צו זיצן בא זאַלקינען און וואַרטן ביז „די חברה וועט מאַכן פּיס."

זאַלקין אַליין איז געזעסן ביים טישל און געהאַלטן ביידע הענט אויף דעם אוועקגעלייגט. זײַנע דיקע געלע וואָנסן זײַנען שטעכעדיק געשטאַנען „דובאָם" מיט די שפּיצן אַרויף און געלאָזט אַרויסקוקן צוויי דיקע אָנגעגאָסענע ליפּן. די ברוינע אויגן זײַנען געווען קיילעכדיקע, גלאַנציקע און האָבן גלאַט אַזוי זיך געשמייכלט. איז ער איצט געזעסן און ס'האָט אויסגעזען, אַז ער טראַכט כסדר וועגן אַ וויכטיקן ענין. אַז ער האָט דערזען משהלען, האָט ער נישט איבערגעריסן דאָס טראַכטן, האָט בלויז אַ שמייכל געטאָן מיט די אויגן און געזאָגט:

— אַט איז ער דאָך דאָ.

בוימוואָל, וואָס איז געשטאַנען אַ הויכער, גלאַט ראַזירטער מיט אַ פּנים פון אַ פאַרעלטערטן בחור, דעם שוואַרצן הוט עטוואָס פאַררוקט, מיט גאָלדענע פּענסנע אויף רויטלעכער נאָז און געקוקט אין צייטונג, האַלטנדיק זי אָפּגערוקט פון זיך, ווי ער וואָלט גלאַט מיט מבינות עפּעס באַטראַכט — אַט דער בוימוואָל האָט אַרויסגענומען די אויגן פון דער צייטונג, אַריבערגעקוקט איבער די פּענסנע און געזאָגט:

— איר גייט פון גאַס? וואָס זשע הערט זיך אין גאַס?

— וואָס הייסט? האָט ליפשיץ אויסגעשטעלט צוויי „רערלעך".

— גאָרנישט. כ'מיין גלאַט אַזוי . . . און מיט צוויי פינגער אָנגענומען די פּענסנע, אַרויסציענדיק פון זיי די נאָז.

ליפשיץ האָט שטיל אַ שמייכל געטאָן, האָט זיך אויך אוועקגעשטעלט נעבן טישל און גלאַט אַזוי געפרעגט:

— פון וואָס שמועסן יידן?

— פון גאָר פיינע זאַכן שמועסט מען — האָט בוימוואָל אָפּגעזיפצט— אַט האָט איר שוין א נייעם „ספּיסאָק” פון דערשאָסענע . . . א שיינע וועלט געקומען, פאַר האַנדלען קומט שוין צו שיסן . . . יאָ, יאָ . . . הפקר!

— וואָס איז שוין ווידער? — האָט משהל א פרעג געטאָן און דאָס פּנים איז אים טונקעלער געוואָרן.

— וואָס הייסט „ווידער”? — האָט שוין גרינשטיין א שמייכל גע־טאָן — ס׳איז עפּעס א נייעס? ס׳ערשטע מאָל ביי זיי?

האָט ליפשיץ איינגעקניטשט דעם שטערן און דווקא נישט געוואָלט פרעגן „פאַרוואָס”, האָט נאָר גענומען די צייטונג אין האַנט, דערביי האָט זיין האַנט א ציטער געטאָן, האָט נאָר גענומען ליינען עפּעס א טעלעגראַמע פון איטאַליע און נישט פאַרשטאַנען וואָס ער ליינט.

האָט זאַלקין אין מיטן פון זיין שטאַרקער פאַרטראַכטונג געגעבן א זאָג:

— ליינט אָוועק די צייטונג, פּוסטע מעשות . . .זיך צוהערן, וואָס זיי זאָגן אַלץ . . . ס׳האָט א טעם און א ריח . . .

— שוין איינמאָל „פּוסטע מעשות” — האָט בוימוואָל אויסגעשטעלט די אויגן — מען נעמט מענטשן, און אפשר ווייסטו פאַרוואָס . . . פאַר עפּעס א שטיקל ת״קער און . . .

— דרייט נישט קיין קאָפּ — האָט אים זאַלקין איבערגעשלאָגן און זיך צעבייזערט — געפונען א טעמע פון וואָס צו ריידן . . . הערט, וואָס איך וועל אייך זאָגן: וואָס טויגן אייך די פּוסטע רייד, דאָס שוואַרץ יאָר וועט זיי שוין נעמען, נישט היינט — איז מאָרגן, איז נאָך א טאָג. אַט זעט איר, ווען איר ברענגט ארויף א פלעשל שנאַפּס, אבער דאָס אמתע ביסל שנאַפּס, מיט א פרישע געבראָטענע גאַנדז, אָבער אזוי מיט דעם אמתן ביסל „סאָוס”, מיט א פּאָר ווייכינקע פרישע „בולקעלעך”, אזוי די קנאַקנדיקע ווייסע בולקעס. . .און מיר זעצן זיך אוועק אזוי אין פּירן. . .אַט דאָס, פאַרשטייט איך! אבער וואָס טויג מיר דאַרט דאָס בעבעווען אייערס מיט די פּוסטע מעשות. ווייס איך וואָס! זיי שיסן גאָר נישט, ס׳הייבט זיך נישט אָן, אַט שרייבן זיי, די געגנדז ווילן זיי איבערשרעקן, עס לוינט זיך נישט די רייד.

האָט זיך גרינשטיין צעשמייכלט:

— וואָס מיינט איר וואָס? ער רעדט בפירוש צו דער זאַך.

האָט זיך שוין משהל אוועקגעזעצט און אנגעהויבן ריידן וועגן א גוט גלעזל ויין, אַט אזוי, פון דעם אמתן „ווימאַראַזיק”. ס׳האָט געשפּילט א ראָל? ס׳האָט זיך פאַרגלוסט, איז מען אריינגעגאַנגען אין א „קעלער” און גאָרנישט. ווער האָט גערעדט דערפון? און ווען א שטייגער, מיינט איר, איז עס געווען — מיט הונדערט יאָר צוריק? און מיט צוויי יאָר צוריק, אפילו

אין מלחמה־צייט, האָט געשפּילט אַ ראָל? מען האָט געדאַרפט ריידן פון דעם? זיך צונויפגעקומען אפילו ביי מיר אין שטוב, האָט מען געהייסן דער דינסט, האָט זי געגעבן אַ נעם ארויף אַ פּאָר פלעשלעך „ווימאראזיק", אָדער גאָר דעם אמתן בעסאַראַבער „נאַטוראַלן".

און משהל ציט צונויף די הויטן ארום די אויגן, ווי ער וואָלט דאָס מבינותדיק געקוקט אויף אַן „אמת גלעזל וויין". ביז זאַלקין גיט אַ זאָג:

— ווייס איך וואָס, ס'האָט געשפּילט אַ ראָל?

געטראַכט נאָך אַ ווײַלע און זיך געגעבן מיט אַ מאָל אַ שטעל אויף, זיי איבערגעלאָזט ריידן וועגן ווײַנען, און אליין איז ער אריין אין קליינעם ביורא־צימערל, זיך דאָרט אַ ווײַלע געפּאָרעט, דערנאָך געגעבן אַן עפן דאָס טירל:

— ר' משהל, זייט מוחל אַ ווײַלע.

האָט זיך משהל אויפגעשטעלט, געוואָרן אביסל צעטומלט און אהין אריין. גרינשטיין האָט דערווײַל גענומען דרייען אַ פּאַפּיראָסל פון דעם גוטן „טאַבאַק", וואָס שטייט ביי אים נאָך פון לאַנג, פאַררייכערט און גענומען קוקן אויף די רוקנס אין די שענק. בוימוואַל האָט מיט צוויי פינגער אנגענומען די פּענסנע, מיט זיי אַ פּיר געטאָן איבער דער נאָז, האָבן זיי זיך געגעבן אַ זעץ ארויף, אפגערוקט פון זיך די צייטונג און געקוקט פון ווייטן, באַטראַכטנדיק די אותיות, אויב זיי זיינען נישט געפעלשט.

דערווײַל איז זאַלקין מיט משהלען ארויסגעקומען צוריק. בוימוואַל האָט געקוקט איבער די גלעזער און זאַלקין האָט פאַרגעזעצט דאָס פריעריקע געשפּרעך:

—אמאָל האָט דאָס אַלץ געשפּילט אַ גרויסע ראָל? היינט זיצן מיר טאַקע און קוקן ווי אַ האָן אין בני־אדם, כאָטש בלעקע ארויס מיט דער צונג. און אויסגעלאָזט:

— אַז קיין מגפה נעמט זיי נישט!

— עפּעס זאָגט מען דאָך . . .איר ווייסט דאָך מסתם . . . הייבט אָן גרינשטיין.

— איי, לאָזט מיך שוין צורו מיט אייערע חלומות און מיט אייער בעבעוועו. שוין געהערט די מעשות. געזאָגט אהין, געבעבעוועט אהער, איך גלייב שוין נישט גאָרנישט. כל זמן איך וועל זיי נישט זען אויף יענער זייט — איז גאָרנישט.

אַז מען האָט ווידער אנגעהויבן ריידן וועגן די „גדולים", איז שוין משהל גאָר צעטראָגן געוואָרן, האָט ער ארויסגענומען זיין גילדן זייגערל, וואָס איז געלעגן אין אַ פושקעלע, מיט אַ מאַט לאַמענשייבל, האָט עס געעפנט, איינגעקוקט זיך מיט די „רערלעך".

— וויפיל איז שוין — האָט בוימוואל געפרעגט.
— שוין נאָך דריי.
האָט צוריק פארמאכט און געזאָגט:
— נו, שוין צייט צו גיין.
האָט זיך פארקנעפלט אויף אלע קנעפלעך און זיך געזעגנט. נאָר ווען ער איז שוין געווען ארויסגעגאנגען, האָט אים זאלקין נאָכגעשריגן:
— ר' משהל! וועט איר שוין וויסן?
— שייך צו זאָגן?!
אז ער איז צוגעקומען צו דער וואוינונג פון זילבערשטיינען, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער זעלבער גאס, האָט ער זיך דערמאָנט, אז איינ־טלעך האָט ער זיך אפגערעדט מיט אים צו ברענגען די „סחורה" אזוי, ארום זעקס אזייגער . . . איז ער א ווײַלע שטיין געבליבן הינטער דער טיר און האָט געפילט, אז ס'איז גלייכער שוין ארײַנצוגיין . . . טאָמער איז ער נאָך ניטאָ? — וועט ער שוין בעסער צו ווארטן . . .

* * *

דעם אוונט, אז משהל איז אהיימגעקומען, האָט ער געטראָפן פאניען אן אומרואיקע: אז זי האָט אים דערזען, האָט זי אויף אים געקוקט מיט רוגז און מיטלייד און געפרעגט:
— וואו ביסטו פארפאלן געוואָרן?
— איך בין גארניט פארפאלן געוואָרן. אָט, בין איך דאָך געקומען. און ס'איז אים א חידוש געווען איר באזארגטקייט.
— ווער טוט אזוינס? ס'איז שוין פיר און פינף און זעקס, און קיין מיטאָג האָט מען נאָך נישט געגעסן. וואָס מען קאן אלץ איבערטראַכטן.
— וואָס קאן מען איבערטראַכטן? מסתם איז מען פארנומען.
— היינטיקע צייטן . . . ס'איז עפּעס א שפּילעכל?
— נארישקייטן.
האָט זיך פארקוקט אין פענצטער און געזען, ווי עס טונקלט שוין איינ־דרויסן און ס'האָט אים הנאה געטאָן, וואָס ער האָט זיך נישט ארומ־געטראָגן מיט דער סחורה, נאָר זי באלד געפטרט.
פאניע האָט איצט אויף אים געקוקט ווי מען קוקט אויף א קראַנקן. האָט אים געגרייט צום טיש און דערלאַנגט עסן. חוהטשע איז געזעסן און מיט ליכטיקע אויגן געקוקט דאָ אויפן פאָטער און דאָ אויף דער מוטער. משהל איז געזעסן מיוחסדיק און געקוקט אין טעלער אריין.
— כ'האָב זיך שוין געשראָקן. פונקט איז היינט פאראן אין צייטונג

וועגן שיסן . . .

נאָר משהל האָט געשמייכלט:

— ווייס איך וואָס זיי שרייבן דאָרט, א סברה גאָר, אַז דאָס טראַכטן זיי אומישנע אויס, כדי אנצואוואַרפן א שרעק, אזוי שמועסט מען . . . היינט געווען אין אַן אָרט, האָט מען אַזוי דערציילט.

ווייכקייט האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזן אויף זיין קרענקלעך פּנים. ער האָט אנגעהויבן אויפמערקזאַמער קוקן אויף פאַניען און געזען ווי איר פּנים איז אויסגעלייטערט און פאַרטראַכט. ער האָט גענומען דערציילן, אַז ער האָט היינט געהאַט א „שטיקל געשעפט". ס'איז געבליבן א פאַרדינסטל, גאָר א נישקשהדיקס.

נאָר אין מיטן ריידן האָט ער דערפילט אַז ער האָט א טעות געהאַט . . . אַז פאַניע הערט גאַרנישט וואָס ער רעדט. זי זיצט גאָר און קוקט אין פענצטער. די זון איז שוין געווען פאַרגאַנגען און פון דער גאַס האָט זיך געטראָגן זומערדיקע שטילע פאַרנאַכטקייט, וואָס וויגט איין און ברענגט־אויף פאַרגאַנגענע ווינטן . . . פון פאַניען האָט איצט טאַקע בענקשאַפט ארויסגעזונגען און שטילער טרויער האָט פון פּנים געקוקט.

משהלען האָט זיך אָפּגעריסן אין הארצן און ער איז שטיל געוואָרן אין מיטן רעדן, האָט מיט בלאַנדזשענדיקע בליקן פרום געקוקט ארום זיך. מיט אַמאָל א זאָג געטאָן:

— אַז מען האָט נישט קיין צייט צו הערן — פרעגט מען זיך באַלד נישט!

האָט פאַניע געגעבן א הייב אויף די אויגן אויף אים. פון זיי האָט ווידער א קוק געטאָן עקל און פאַרדרוס. האָט זי גאַרנישט געזאָגט, זיך אויפגעשטעלט און אריין אין צווייטן צימער. משהל האָט אָפּגעזיפצט שטיל און שווער, צוריק געפילט די עקשנותדיקע פאַרביסנקייט און ס'איז צוריק געווען די פּייניקדיקע פרעמדקייט . . .

ג.

איינמאָל, אין א לייכטפאַרוואָלקנטן אינדערפרי, האָט משהל ליפשיץ געשפּאַנט אין גאַס. דער הימל איז געווען איבערגעצויגן מיט בלייכע, דינע געוועבן און דאָס ווינטל האָט מאָרגנדיק געגלעט מיט פרישקייט. די אַקאַציע־ביימער זיינען שוין געשטאַנען ישוב־הדעתדיקע, געעלטערטע, שוין געהאַט אראָפּגעשיט פון זיך דאָס ווייסע בליעכץ. האָט עס מיטאַמאָל א שמעק געטאָן

מיט תשעה־באבדיקן ריח און משהל האט טאקע געטראפן אין נאס א סך מענטשן, וואס זיינען געגאנגען בארוויס, אין „סטוקלקעס" און מיט זיי געקלאפט איבער לײדיקע טראטוארן. איז ער זיך אזוי געגאנגען און געטראכט אריינצוגיין צו זאלקינען, געוואר ווערן וואס עס הערט זיך. דער תשעה־באבדיקער ריח האט אים אבער אפגעהאלטן, איז ער אזוי לאנג געגאנגען, ביז ער האט אנגעטראפן שקלאוו.

איצט איז שקלאוו געגאנגען געלאסן, איז געווען אנגעטאן אין שווארצן שטרויענעם קאפעליוש, וואס האט געגלאנצט אזוי משונה, ווי ער וואלט געווען אויסגעשמירט אין סמאלע. מיט אים איז געגאנגען וועקסלער, א בלייכער, איידעלער יונגערמאן אין א ניי סטודענטיש היטל, און ביידע האבן גערעדט שטיל, געלאסן. וועקסלער — וואס איז בטבע געווען א העברייאישער לערער און איצט אביסל אונטערגעהאנדלט מיט וואליוטע — איז געווען אין מאנטל און געהאלטן ביידע הענט אין די קעשענעס. שקלאוו ווידער האט געטראגן אזא רעקל, וואס איז געווען לענגער ווי געוויינלעך און ס'איז שווער געווען עס צוצורעכענען סיי צו א מארינארקע, סיי צו א מאנטל. דאס קמץ בערדעלע איז געווען ווי פארשטויבט און אין האנט האט ער גע־האלטן א זאנטיק. אז זיי האבן דערזען משהלען, האט שקלאוו א שאקל געטאן מיטן קאפ, האט דערביי נישט געשמייכלט און נישט געווען ערנסט, נאר גלאט אזוי — פארשטארט.

— וואס זשע הערט זיך?

אזוי האט געפרעגט ליפשיץ און שקלאוו האט געענטפערט:

— ס'איז שטיל.

איז מען אזוי געגאנגען און דערווייל געשוויגן, ביז משהל האט א פרעג געטאן:

—ביי אייך „עפעס" פאראן?

— כ'האב אביסל „ציגיינערלעך" — איר האט אפשר א בעלן?

— ס'קאן זיך מאכן.

— און ער — האט שקלאוו געוויזן אויף וועקסלערן — האט אן ארט וואו מען קאן קריגן „פודן" און „רויטע".

— גוט צו וויסן.

אזוי האט משהל געזאגט און וועקסלער איז פון בלויזן ריידן געווארן נאך בלאסער און געהאט אזעלכע צעשראקענע אויגן, אז עס האט אנגענומען א רחמנות.

משהל האט זיך פארקוקט אויף שקלאווס האלדז און געזען דעם העלן העפט. האט ער איצט געדענקט, אז אט דער שקלאוו, וואס איז ביז דער רעוואלוציע געווען אן אנגעשטעלטער אין א באנק און היינט האנדלט

ער מיט וואַליוטע — האָט זיצן אין שטוב אַ ווייב אַן ארורה, און אָט צוליב דער ארורה האָט ער זיך שוין אַמאָל געשחטן דעם האַלדז מיט אַ בריטווע. נאָר מען האָט אים אָפּגעראַטעוועט און איצט גייט ער אַרום, פאַרגעסן אין דער גאַנצער מעשה און האָט „ציגיינערלעך”, איז איינגעשטעלט מיטן לעבן און גאָרנישט . . .

האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויף דעם בלייכן וועקסלער. געדענקט, אַז ער איז כסדר געווען אַ לערער און האָט זיך אַ פרעג געטאָן:

— און פון ווען אָן פאַרנעמט זיך וועקסלער מיט די זאַכן?

— נישט לאַנג — האָט שקלאָוו געענטפערט — און דאָס בין איך טאַקע שולדיק. כ'האָב געזען, אַז ער דרייט זיך אַרום אַ הונגעריקער, אַ דער־שלאָגענער, האָב איך אים אָפּגעשטעלט: „וואָס איז מיט דיר ברודער?” לאָזט זיך אויס, אַז ער איז שוין נישט אַליין, אַז ער האָט שוין גאָר אַ ווייב און ריכט זיך צו ווערן אַ טאַטע. נאָר קיין פרנסה איז נישטאָ. מילא, איז דאָך אַלץ גלייכער ווי הונגערן.

— אַזוי גאָר? וואָס איך הער! האָט איר שוין גאָר אַ ווייב?

— שוין באַלד אַ יאָר.

און משהל האָט זיך גאָרניט געקענט אָפּוואונדערן:

— אַזוי גאָר? הער נאָר הער. האָט איר שוין גאָר אַ ווייב?. . . שוין באַלד אַ יאָר זאָגט איר? . . . וואָס איך הער?! כ'האָב אייך געקענט פאַר אַ לערער און אַ תלמיד פון לערער־סעמינאַר . . . האָט עס מיך טאַקע גע־חידושט. אַ יונגערמאַן, איינער אַליין, ווי אַזוי נעמט ער און שטעלט זיך איין? אַזוי גאָר?! האָט איר שוין גאָר אַ ווייב . . .

ביידע האָבן געקוקט מיט וואונדער, אי אויף דעם, וואָס ליפשיץ קאָן זיך גאָר ניט אָפּוואונדערן, אי אויף דעם וואָס אים איז אַלץ רעכט געוואָרן דער־מיט וואָס ער האָט שוין אַ ווייב. נאָר ליפשיץ האָט אין זיך געטראַכט און געדרייט מיטן קאָפּ.

ווען זיי האָבן זיך געזעגנט און משהל איז געבליבן אַליין, האָט ער ווידער טרויעריק געטראַכט פון דעם, וואָס ער איז געוואָרן אַ הפקר־יונג, וואָס משהל ליפשיץ איז געוואָרן אַ וואַליוטשאַרזש און עס אַרט אים גאָרנישט, כאָטש ער ווייסט, אַז דאָס שמעקט ניט מיט קיין קרעפּלעך . . . אים איז אויסגעקומען, אַז דאָס אַלץ איז איבער דעם וואָס ער האָט אַ ווייב, וואָס הייסט פּאַניע, האָט צו טאָן מיט אַזעלכע יונגעלייט ווי לינעצקי און ער אַליין — נישט ער קאָן זיין מיט איר און נישט ער קאָן זיך אָפּטשעפּן פון איר. וואָרעם וואָס? מען האָט שוין אַ דערוואַקסן קינד. גיי זיך איצט גטן און מאַך ליטיש גע־לעכטער! עפּעס מאָדנע: „משהל ליפשיץ האָט זיך געגט” — ער פאַרשטייט נישט ווי אַזוי ער וואָלט דאָס געקענט הערן . . .

כאַטש ער האָט שוין דאָס געטראַכט צום טויזנטסטן מאָל, איז עס אים איצט אויסגעקומען ווי אַ נייעס. האָט ער זיך אַליין באַדויערט און גע־טראַכט:

—איצט איז משהל ליפשיץ אַ הפקר־מענטש, נאָר קיינער ווייסט כאָטש נים וואָס אין האַרץ טוט זיך . . . און חוהטשע איז נישט קיין לעבע־דיקע יתומה. מילא, זאָל שוין זיין, אַבי אָן ליטיש געלעכטער.

און מיט אַמאָל ווידער דערפילט די בלינדע שרעק אין האַרצן, אַזוי מיט אַמאָל, אַז ער האָט זיך אַרומגעקוקט און גענומען גיין שנעלער.

* * *

דערווייל האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויזן העלערע פלעקן אין וואָלקן־געוועב. די זון האָט אָנגעהויבן העלער דורכבליקן און אין גאַס איז געוואָרן פרייליכער. משהל איז אַרויס פון זאַלקינען און געטראַכט, אַז עס וואָלט נאָר געווען אַ יושר אַריינצוגיין צו זילבערשטיינען, אפשר וועט ער נעמען אַ ביסל סחורה. און ביי ראָזענצווייגן וואָלט מען אויך געדאַרפט אַ פרעג טאָן. . . דערווייל איז אים אַנטקעגן געקומען אַ שוואַרצער, הויכער יונגערמאַן מיט שוואַרצע אויגן. ס'האָט אין משהלען אַ געשריי געטאָן.

— פישביין!

ער האָט נישט געוואוסט פאַרוואָס, נאָר אין ברוסט איז אים הויל געוואָרן.

האָט פישביין זיך צעשמייכלט און באַוויזן שטאַרקע געלע ציין מיט שוואַרצע קאַנטן. האָט ער צו אים אויסגעצויגן די האַנט און זיך דערפרייט:

— איז וואָס זשע מאַכט מען?

— וואָס זאָל מען מאַכען . . . מען מוטשעט זיך.

— און מיט פרנסה?

— שווערלעך . . . און וואָס הערט זיך ביי אייך? — און געפילט האָט משהל, אַז עפּעס איז ער מיט אים צופיל היימיש, נאָר ער האָט אַנדערש נים געקאָנט.

— וואָס זאָל זיך הערן. אַזוי.

— עפּעס האָב איך געהערט . . . כ'ווייס נישט צי ס'איז אמת . . .

— וואָס מען קאָן אַלץ אויסטראַכטן. נאַרישקייטן.

דערביי האָט זיך עפּעס באַהאַלטן אין זיין פּנים און ער איז אַ ווײַלע שטיל געבליבן.

דערווייל האָט די זון ארויסגעשיינט און די גאַס האָט זיך באַגאָסן מיט ליכטיקייט. די ביימער האָבן העלער אויפגעגרינט און מען האָט אנגע־הויבן שמועסן וועגן מסחר סודותדיקער און ערנסטער.

— ס'איז שטיל, האָט משהל געזאָגט.

— ס'איז טאַקע שטיל, נאָר איך דאַרף איצט דוקא א ביסל סחורה... א געלעגנהייט... איז אפשר וואָלט איך...

משהל האָט געוואָלט זאָגן אז ניין, אז ער האָט שוין איצט כּלל נישט צו טאָן מיט דעם, נאָר געזאָגט האָט ער גאָר:

— אין גאַס רעד איך נישט פון דעם.

— גערעכט... בפירוש גערעכט... האָט יענער אונטערגעכאַפּט — וועל איך, הייסט עס, צו אייך אריינקומען...

האָט זיך משהל דערשראָקן פון דעם, וואָס ער האָט נישט באַלד אָפּגעזאָגט און האָט זיך קאָנצענטרירט אין זיך, אריינטראַכטנדיק שווער און אליין נישט געוואוסט, וואָס ער מיינט צו טראַכטן. נאָר פישביין האָט שוין גערעדט פון עפּעס אנדערש, האָט אנגעהויבן דערציילן וועגן דעם, וואָס די „רוצחים" זיינען שוין גאָר שטאַרק צעטומלט, און אויפן ים האָבן זיך שוין ווידער באַוויזן אויסלענדישע שיפן, און גענומען דערציילן א מעשה, ווי די דערפער האָבן זיך „אויפגעהויבן". אז זיי ווילן נישט קיין באָלשעוויקעס?! גיי טו זיי עפּעס... באַפאַלט מען די צוגן און ס'האַלט מיט די „גדולים" נאָר שמאָל...

ליפשיץ האָט אויסגעהערט און אַלע ווײַלע איבערגעפרעגט: אזוי? טאַקע? מיטאמאָל האָט יענער זיך אָפּגעשטעלט און אים דערלאַנגט די האַנט.

— און ווען טרעפט מען אייך אינדערהיים?

— אין אָוונט.

און איידער וואָס, ווען — איז יענער דערווייל אוועק.

משהל האָט געשפּאַנט ווייטער, נאָר אין הארצן איז געווען אזוי ווי ער וואָלט אריינגעגאַנגען אין קאַלט וואַסער און ס'האָט אים פאַרכאַפּט דער אָטעם...

און געטראַכט:

— ניין... איך האַנדל נישט מער... כ'האַנדל בכלל נישט... די גאַנצע צייט האַנדל איך נישט...

— — — — — — — — — — — — —

ד.

א פלאַמיקע זון האָט זיך געזעצט צווישן שווערע שטיקער וואָלקן. האָט בלוטיקע רויטקייט פון דאָרט ארויסגעשלאָגן, ווי די זון וואָלט זיך סוף־כל־סוף אזוי צעגליט, אז זי האָט זיך אנגעהויבן צו צעגיסן, גיסט זיך די רויטקייט אין די שווארצע שטיקער אריין . . . אין ליידיקייט האָט זיך דורכ־געטראָגן שרעק: אָט וועט עפּעס באַלד געשען. האָבן די בלעטלעך אויף די אקאַציע ־ביימער אנגעהויבן ציטערן און עמעצער האָלט אָפן א גרוים מויל, נאָר צום ארויסשרייען. לויפט א דראָזשקע גיך און שטיל. פון ערגעץ אן אָפן קליינט קוקט ארויס א קאָפּ מיט אוונטיקע אויגן. ווינט האָט א בלאָז געטאָן און נאָכגעלאָזט. האָט משהל געשפּאנט מיט פרומע אויגן און מיט דער שרעק אין הארצן; זיך באַמיט צו דערמאַנען עפּעס א וויכטיקע זאַך און ניט געקענט. געדענקט דערביי, אז פאַניע קוקט לעצטנס אויף אים מיט מאָדנע אויגן. מיט בייזקייט און רחמנות קוקט זי.

דערמאָנט ער זיך א קליינינקייט:

ס'איז געווען אָט אזא מין פארנאכט, א שטילער און שרעקעדיקער. ער איז אנגעקומען פון גאס און אין טויער געטראָפן פאַניען מיט לינעצקין. לינעצקי האָט זי געפירט געאָרעמט און פאַניע איז געווען פארטראכט, האָט מיט געבויגענעם קאָפּ זיך צוגעהערט צו זיינע רייד. האָט אבער לינעצקי אים באַמערקט און ארויסגעצויגן זיין האַנט. האָט פאַניע זיך פּלוצלונג גע־געבן א קוק־אום, לינעצקי האָט נאריש געשמייכלט און פאַניע האָט דווקא אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ, זיך אפּגעשטעלט און געזאָגט, אז זי גייט אוועק שפּאַצירן, זי וועט גיך אהיים קומען, גלייך ווי גאָרנישט. אהיים געקומען איז זי אָבער שפּעט אין אוונט — און מאָדנע ווי ער געדענקט איצט יעדע קליי־ניקייט, ער זעט געגנוי ווי זי האָט אויסגעזען און זי האָט גערעדט, גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען. פאַרקערט: זי איז געווען גאָר אויפמערקזאַם צו אים — נאָר שפּעטער האָט זי זיך כסדר געזוכט צו וואָס זיך צוצוטשעפּן און זיך צעברוגזן.

— איז וואָס זשע איז שוין ווידער?

איז ער אזוי מיט געלאַסענע טריט אנגעקומען אויף זיין הויף און אנגעטראָפן פאַניען. זי איז אראָפּגעקומען פון די טרעפּ אין הויף אריין. ביים ערשטן בליק האָט עס אין אים א ציטער געטאָן און ס'האָט עפּעס זיך אין אים פארהארטעוועט: אָט אזוי האָט זי דעמאָלט אויסגעזען . . . האָט ער זיך ארומגעקוקט, ווי ער וואָלט נאָך עמעצן גערעכנט צו דערזען, האָט נידעריקער אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אין האַלדז אריין, צונויפגעצויגן די הויטן

און ברעמען אַרום די אויגן, געקוקט דורך די „רערלעך" און גלייכגילטיק שטיין געבליבן, ווי אַ מידער.

פֿאַניע האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט, זיך באַמיט נישט אַראָפּצולאָזן די אויגן. נעבן איר האָט ער אויסגעזען מאָדנע צונויפֿגעקאַרטשעט, ווי עס וואָלט אים שטאַרק קאַלט געווען: שוין צו קרענקלעך האָט ער אויסגעזען אין פֿאַרנאַכט נעבן דער שלאַנקער, בלאַנדער און קלאָרער פֿאַניען . . . דערפֿאַר האָט איצט געשפּילט רויטקייט אויף איר פּנים און זי האָט געזאָגט מיט רחמנות-ווייכקייט, ווי מען רעדט צו אַ קראַנקן:

— גייסט אַרויף? איך וועל אויך באַלד צוריק קומען.

אויף משהלס שטיל קרענקלעך פּנים איז געלעגן פֿאַרטראַכקייט. האָט ער געקוקט אָן אַ זייט און בשעת מעשה אפֿילו באַמערקט, אַז די פֿענצטער אינדערהייך זיינען איבערגעצויגן מיט רויטן גלאַנץ.

האָט ער נאָר געפֿרעגט:

— און חוהטשע וואו איז?

— באַ בעלעטשקען, באַ די הורוויצעס.

אַ ווײַלע איז נאָך פֿאַניע געשטאַנען אין פֿאַרלעגנהייט, אַ פֿאַרטועטע, און איז אוועק. איין ווײַלע האָט משהל געהאַט בדעה זיך אויסצודרייען און זיך אָן עפּעס איבערצייגן, נאָר האָט זיך פֿאַרעקשנט, און נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ געגאַנגען מיט שטילע טריט אין שטוב אַריין.

ער האָט אויפֿגעשלאָסן די טיר, איז אַריינגעקומען אין שטוב און זי געטראָפֿן אַ שטילע און פֿאַרטראַכטע, ווי עמעצער האָט זיך דאָרט באַהאַלטן נאָך עפּעס אַ זאַך, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן. האָט ער זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט זיך וועלן איבערצייגן, אַז דאָס איז טאַקע זיין שטוב, האָט אויס-געטאָן דעם הוט און זיך פֿאַרקוקט אין פֿענצטער. בשעת-מעשה ווידער אַ טראַכט געטאָן:

— און וואָס קען פֿאַרט ווערן דער סוף פֿון אַזאַ לעבן? האַ?

ס'איז שוין געווען אוונט און איבער די שויבן איז געהאַנגען פֿאַר-טראַכטע פֿרומקייט, וואָס האָט געקוקט פֿון פֿאַרנאַכטיקער ליידיקייט. צום פֿענצטער האָבן זיך דערטראָגן שטיקער פֿון שווערע געשדייען, ווי אין גאַס וואָלטן פֿורמאַנעס אונטערגעשטופּט שווערע וועגענער מיט משאות און מיט הייזעריקע קולות געשריגן צו די פֿערד. ער האָט אין זיך דערפֿילט אַ שוידער, האָט ער אָפּגעקרעכצט שטיל, איינגעהאַלטן און באַמערקט, אַז דער לופֿטשיק שטייט אָפֿן, האָט ער אים פֿאַרמאַכט און אליין זיך אוועקגעלייגט אויף דער אָטאָמאַנע, וואָס איז געשטאַנען מיט בלינדע אויגן און שווער געגאַפֿעט. זיין געלבלעך פּנים איז איצט געווען טונקל און די ברוין-טונקעלע אויגן—איינגאַנצן פֿאַרנעפּלט מיט מאַטקייט. האָט ער זיך איינגעקאַרטשעט

אין ווינקל אָטאָמאַנע און ס'איז אים אויסגעקומען, אז ער איז גאר קליין־געוויקסיק, עפּעס האָט זי גערעדט אזוי ווייך:

— גייסט ארויף? איך וועל אויך באלד קומען.

וואו־זשע אייגנטלעך האָט זי איצט געקענט גיין?

מאָדנע: אים האָט איצט גארנישט פּארדראָסן אויף דעם, וואָס ס'קען זיין, אז זי איז זיך געגאנגען טרעפן מיט לינעצקין — אלנפאלס האָט ער אזוי געטראכט, נאר אים איז אויסגעקומען, אז עס דערנענטערט זיך א סוף, אז עפּעס וועט געשען. ער האָט ווידער דערפילט די בלינדע, נאר עק־שנותדיקע פארביסנקייט:

— עס מוז דאך אמאָל א סוף נעמען.

ס'איז געוואָרן שוין גאר טונקל. פון די ווינקלען האָבן שאָטנס זיך גע־רוקט שארכנדיק, און דער בופעט איז געשטאַנען מיט טרויעריק־אויפגערי־סענע מויל און אויערן. משהל האָט זיך מאָדנע צוגעהערט, ווי ער וואָלט געהערט דאס שארכן פון פרעמדע שאטנס און מיט פארביסנקייט אין זיך איבערגעחזרט:

... זינט דער געשיכטע מיט לינעצקין, זינט ער האָט זיי געטראָפן זיצן אין שלאָף־צימער און ביידע זיינען געווען אזוי לעקישעוואטע . . . זינט דעמאָלט נאך—שוין עטלעכע יאר... זיינען זיי זיך סיווי פרעמדע. מען גע־פינט זיך נאר אין איין הויז, מען האָט א קינד בשותפות, און מען ווארט. אויף וואָס ווארט מען? און נאָכוואָס איז זי די מוטער פון זיין קינד? גע־קומען באלשעוויקעס. א צייט שטיל געווען . . .

— וואו אייגנטלעך האָט זי איצט געקענט גיין?

ס'האָט זיך דערהערט א קלאַפּן אין טיר. ער האָט זיך מיטאמאָל דער־מאנט אן פישביינען, און ער האָט נישט געדענקט, אז ער האָט ביי זיך באַ־שלאָסן נישט צו „האנדלען" מיט אים. זיין עקשנות האָט א בלאָס פארצויגן איבער דער בלינדער שרעק.

און גייענדיק צו דער טיר עפענען, געטראכט:

— נארישקייטן . . . כ'וויים דען נישט מיט וועמען איך רעד? . . .

* * *

פישביין האָט זיך סודותדיק ארומגעקוקט און משהל האָט געזאָגט:

— זעצט אייך, וועט מען אנצינדן פייער.

האָט אנגעצונדן דאס אייל־לעמפל — א קנייטל פון וואטע, וואָס איז געלעגן מיט איין עק אין א בלעכן דעקל פון א שעכטל, אין וועלכן ס'איז גע־ווען אנגעגאָסן אביסל אייל. צוערשט האָט זיך דאָס קנייטל צעשפּריצט

מיט דינענקע פונקען, דערנאָך האָט זיך דאָס פּייערל אויסגעצויגן אין אַ שמאָל, לאַנג צינגל און געוואָרפן אַ טונקל־רויטן שיין אויפן טיש. די שאָטנס אין שטוב האָבן זיך אָנגעהויבן שטופּן הינטערווייל־עכטס און זיינען געבליבן ליגן אויף אָטאָמאַנע און בופעט. די שטילקייט איז געווען אַ שווערע, ווי אין שטוב וואָלט געלעגן אַ גוסס.

— איז וואָס זשע האָט איר געוואָלט זאָגן?

משהל איז געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. אין אים האָט זיך גע־מישט שרעק מיט עקשנות, דערפאַר האָט ער פאַרביסן און רואיק אויס־געהערט. פּישביין האָט גערעדט זייער שטיל און דערשראָקן. האָט אַ פּאָר מאָל אָפּגעהוסט מיט הוילע, לייכטע הוסטלעך אין מיטן רעדן און געוואָרן דרייסטער. האָט ער אויסגעזען, ווי ער וואָלט דאָס געבעטן פאַר זיך אַ טובה. און דערפאַר וואָס ער האָט גערעדט אַזוי סודותדיק שטיל און צעטומלט, האָט זיך משהלס פאַרביסנקייט געשטאַרקט און ס'האָט אים אָנגעהויבן הנאה טאָן די איינשטעלעניש.

— ס'איז גאָר אַ גרויסער סוחר . . . טאַקע היינט געקומען פון קיעוו . . . איך האָב שוין געוואָרט אויף אים . . . דאַרף ער האָבן אַ ביסל „סחורה" . . .

דאָס קנייטל האָט זיך שוין געהאַט צעברענט און פון שפּיץ פּייערל האָט זיך שוין געצויגן אַ דינער שוואַרצער פאָדעם. משהל האָט צונויפגע־צויגן די הויט אַרום די אויגן און אַלץ אַזוי רואיק געפרעגט:

— מוז מען צוליב דעם קומען אַזש קיין אָדעס? אין קיעוו קריגט מען נישט?

האָט יענער נאָך שטילער און ערנסטער געזאָגט:

— איינמאָל, שטייט אין קיעוו „פעסטער" . . . שטאַרק „פעסטער"... דאָס איז נומער איינס. צווייטנס ווידער: קיעווער „לייט" האָבן אויגן אין די פּלייצעס . . . יענע „גדולים" — וואו מען זייעט זיי נישט, וואַקסן זיי אויס . . . און דעם ריכטיקן אמת געזאָגט: זעט מיר אויס, אַז ער איז פּלוצ־לונג פון דאָרט אַנטלאָפן . . . ער איז פון די גרויסע קאַרפּן־קעפּ. דער גרויסער בורזשוי . . . וויל ער איצט גאָר אַריבער די גרענעץ . . .

— אַזוי . . .

משהל האָט אויפגעהויבן קאַלטע יאָושדיקע פיש־אויגן און יענער האָט געקראָגן אַ וויינענדיק פּנים, ווי עס וואָלט אים געאיבלט.

— און איר קענט אים, דעם סוחר?

— שייך צו זאָגן . . . וואָס פאַלט אייך איין, אַ הפקר־מענטש בין איך? נאָך אַ מין קענען! פאַר ווענמען האַלט איר מיך, איך בעט אייך, פאַר אַ יינגעלע? נאָך מיט יאָרן צוריק פלעג איך פאַר אים קויפן סחורה. ער האָט

געהאַט אַ זאַוואָד פון זיך, האָב איך פאַר אים געקויפט סאָדע, קאָנעפּאַ־ניע . . . קען ער מיך שוין . . .

— אַזוי . . .

און משהל האָט אויסגעשטעלט די אויגן אויף די שוואַרצע, בלינדע שויבן, האָט אויפגעהויבן די ברעמען און דער שטערן האָט זיך איינגע־שרומפּן אין דינע לאַנגע קנייטשלעך: ער האָט זיך איצט דערמאָנט, אַז ער פלעגט טאַקע טרעפן אָט דעם פישביינען ביי זיינע באַקאַנטע סוחרים, וואָס פלעגן האַנדלען מיט סאָדע און קאָנעפּאַניע . . . האָט ער גלאַט אַזוי שוין געפרעגט:

— פון וואַנען־זשע טרעפט איר צו מיר?

האָט זיך יענער באַליידיקט:

— וואָס הייסט טרעפן? וואָס בין איך וואָס? אַ מענטש פון יענער וועלט? מען איז דאָך אייגענע מענטשן . . . איבעריקנס, פאַר פרעגן קומט דאָך קיין פּאַטש ניט . . . נישט — בין איך שוין נישטאָ.

איצט האָט משהל אַ שמייכל געטאָן, ווי ער וואָלט נאָך אַ פּרוואוו זיך איבערצייגט אין דער ריכטיקייט . . . האָט ער שוין פאַרגעסן די שרעק און די עקשנות, האָט אויסגעקערט די אויגן צו יענעם און געזען, אַז זיין פּנים איז באַליידיקט:

— אַ סך דאַרף ער?

— שפּאָר.

— וואָס אַזוינס?

— אַ ביסל „לאַנגע" אָדער „פּודן" און אַ ביסל „בלעך" . . . אי־בעריקנס: ער אַליין וועט שוין מיט אייך שמועסן.

ליפשיץ האָט אַרויסגענומען זיין שוואַרצע פּושקע, האָט פאַרדרייט אַ פּאַפּיראָסל, הערנדיק יענעמס סודותדיקע רייד. האָט דאָס פּאַפּיראָסל אַריינגעזעצט אין אַ ציגאַרשפּיצל, זיך צוגעבויגן צום פלעמעל, געגעבן אַ ציי און דער פּאַפּיראָס האָט געגעבן אַ שלונג־איין אַ האַלב פּייער־צינגל. דאָס איבעריקע האָט זיך געגעבן אַ קאַרטשע־איין און דער קאַפּיטש איז זיך צעלאָפּן אין די זייטן. האָט ער זיך צוריק גלייכגעזעצט, דאָס פלעמל איז צוריק גאַנץ און אויסגעצויגן געוואָרן. משהל האָט געשמאַק פאַרצויגן, ווי פאַרן שליסן אַ גוט געשעפט, און פאַרריסן דעם קאָפּ מיט דעם בערדל, אַרויסלאָזנדיק דעם רויך דורך מויל און נאָז ווי שטראָמלעך און געזען, אַז אויבן, אויף דער סטעליע, שפּאַרט־אָן דער שוואַרצער פאָדעם אין מיטן ליכטיק־צעגאָסענעם פלעק און שטראָמט ווי רויך אין אַלע זייטן אַריין.

— הייסט עס: איר וועט קומען מיטן סוחר?

— נו געוויס, כאָטש איך קאָן אייך אויך זאָגן, וואָס אַזוינס ער

דאַרף.

האָט דערביי אַרויסגענומען אַ קליין נאָטיץ־ביכעלע און גענומען אויסרעכענען די „סחורה".

דערווייל האָט זיך געעפנט די טיר און פאַניע איז אַריינגעקומען. זי איז אַנגעקומען מיט פרישקייט, מיט יונגן אָטעם און צעבעסט. זי איז געווען אין די בלויזע העלבלאַנדע האָר און דאָס היטעלע געטראָגן אין האַנט. דער מאַנטל איז געווען צעשפּילעט און נאָר דער פּאַסעק, וואָס האָט שטאַרק אַרומגענומען די לענדן, איז געווען פאַרקנעפּלט. פון טונקעלן קלייד האָט אַרויסגעשיינט איר פולער ראָזער האַלדז־און־נאַקן. זי האָט לייכט געשפּאַנט, באַוועגנדיק מיט די היפטן און דער אייבערשטער טייל קערפּער האָט זיך גע־וויגט מיט אַ שטיל פאַרהוילן געזאַנג. האָט משהל נאָר איין קוק געטאָן, גלייך צוריקגענומען די אויגן און עקשנותדיק נישט געוואָלט פאַרנעמען אירע טריט. פישביין האָט זיך עטוואָס געגעבן אַ שטרעק־אויס און זיינע שוואַרצע אויגן האָבן זיך אַ גליטש געטאָן איבער דעם שטיל־זינגענדיקן גוף. האָט פאַניע פון דעם בליק אַ ציטער געטאָן, זיך עטוואָס פאַרהאַלטן און אַ שווערע אומרואיקייט האָט ווי שטילער, נישט־זעבאַרער פלאַם אַ ברי געטאָן איר האַרץ ווי זי וואָלט אָן אומגליק דערזען. זי איז באַלד אַריין אין צווייטן צימער און פישביין איז צעטומלטער געווען.

נאָר ליפשיץ האָט גאָרנישט באַמערקט. צופיל האָט שוין דער עק־שנותדיקער יאוש געשטאָכן אין האַרצן.

פאַניע האָט דאָרט אויסגעטאָן דעם מאַנטל, איז געווען שטאַרק צערודערט און אַליין נישט געוואוסט, וואָס ס'איז מיט איר געשען. עפּעס האָט זי געהאַט דאָס געפיל, אַז זי האָט דערזען אַ גרויל און ווייסט נישט וואו . . . „לינעצקי איז נישט געקומען . . . דאַרף מען נישט" . . .

זי איז צוריק אַרויסגעקומען אין דער ערשטער שטוב.

— און וואו איז דאָס קינד? ביים שכן נאָך?

משהל האָט געהערט ווי איר שטים האָט מאָדנע אַ ציטער געטאָן. האָט ער פאַרביסן געענטפערט.

— מסתם . . .

און ער האָט זיך נישט אומגעקוקט. ווידער איז איצט געוואָרן אומרואיק אין אים, און — ווי ער וואָלט דאָס אַליין געוואָלט.

פאַניע איז אַרויס פון שטוב.

— ס'איז דאָך אַ גרויסע סומע, — האָט משהל געזאָגט — ווער איז אומשטאַנד אויסצולייזן?

— וואָס הייסט אויסלייזן? ער וועט אייך געבן געלט, וועט איר אים קויפן.

— אויף ווען דארף ער עס?

—וואס פריער. ער ווארט דאך נאר אויף דעם. און וואס גייט עס אייך? אט גיי איך שוין און אין א האלבער שעה ארום, אפשר נאך ווייניקער, בין איך דא מיט אים צוריק, וועט ער אייך געבן געלט, א קאנטע דערוויל, וועט איר אים צוגרייטן אויף מארגן, וועט ער אייך צוצאלן — און אראפ פון מארק.

— אויף מארגן? אין אוונט אפשר.

— מילא, אין אוונט, איז אין אוונט. און טאקע גלייכער אויך . . . כאפן קאן מען דאך דא נישט . . .

פון די לעצטע ווערטער איז משהלען געווארן שלעכט אויפן הארצן. נאר יענעמס פנים איז געווען נאך ערנסטער און משהל האט נישט־ווילנדיק צוגעשאקלט מיטן קאפ און בשעת־מעשה געטראכט, אז אזא גרויסע „אפע־ראציע" וועט ער אליין נישט באווייזן ביז מארגן. וועט מען מוזן צוזאמען געבן נאך עטלעכע.

— וועט איר דא צווארטן?

— כ'גיי נישט אין ערגעץ . . .

* * *

אז פישביין איז ארויס, איז משהל געבליבן מיט געקנייטשטן שטערן און דוקא געוואלט פארשטיין, פארוואס ס'איז גלייכער אין אוונט . . . דער־וויל איז פאניע אריינגעקומען מיט הוהטשען און האט זיך געבייזערט:

— ס'איז שוין אכט אזייגער און ביי איר איז איצט טאג געווארן . . . עקשנטע!

זי האט אויסגעצויגן דאס לעצטע ווארט און די אויגן נישט אויפ־געהויבן.

האט משהל שוין פארגעסן וועגן וואס ער טראכט, איז ער געשטאנען קרענקלעך־רואיק און ביים שיין פון אייל־לעמפל איז זיין געלבלעך, געקנייטשט פנים אויסגעקומען ווי פארקאפטשעט און די האר פון בערדל, צונויפגעגאסן אין איין קאלטן.

— זי שטייט. וואס זשע שטייסטו ווי א גולם?

משהל האט זיך אומגעקוקט מיט וואונדער, און מיט עקשנות געזאגט:

— קיין אכט איז נאך אפילו נישט . . . דערביי געקוקט דורך די „רערלעך" אויפן זייגערל — עס פעלט נאך צו אכט. נאר גארנישט. שוין צייט צו זיין אין שטוב.

פאניע האט אויפגעהויבן די אויגן אויף אים און זיי באלד אפגעקערט. האט גארנישט געזאגט און זיך גענומען אנצונדן דעם נאפט־לאמפ, וועלכן

מען האָט געברענט נאָר ביים עסן. בשעת מעשה געטראַכט: ס'אמתע לעבן, אַפילו קיין לאָמפּ קאָן מען נישט ברענען ביים „גביר" משהל ליפשיץ . . .

משהל איז געשטאַנען לעבן חוהטשן, שטיל איר געגלעט איבער די האָר און דאָס קינד האָט דערביי אַרויסגעשטעלט גרויסע רחמנותדיקע אויגן. דערנאָך האָט ער זיך אוועקגעזעצט אויף דער אָטאָמאַנע און זיך איינגע־קאָרטשעט. האָט געקוקט אויף פאַניען, וואָס האָט אויסגעזען ווי צוריק־געקומען פון טעאַטער, זיך באַמיט זי זאָל דאָס נישט באַמערקן און ווידער אַ טראַכט געטאָן:

— וואָס־זשע, ס'וועט גאָר קיינמאָל קיין סוף ניט נעמען צו די צרות?

דער קנויט פון לאָמפּ האָט רויט געברענט און געקאַפּטשעט, פאַניע האָט אַרויפגעשטעלט דאָס גלעזל און דאָס פייער האָט זיך באַרואיקט, אויס־געלייטערט, און איבער דער שטוב האָט זיך העלע ליכטיקייט צעגאָסן. די שאָטנס האָבן אַפּגעטראָטן אין ווינקל אַריין, זיך פאַרזעצט אין די שפּאַרעס און פון דאָרט געלאָקערט. האָט פאַניע געמאַכט אַ גרימאַסע:

— די אמתע עלעקטרי!

און איז אַוועק זיך וואַשן די הענט.

ס'איז געווען שטיל אין שטוב. פאַניע האָט חוהטשען געגעבן עסן האָט אַפילו געפּרעגט משהלען צו ער האָט שוין אויך בדעה צו עסן וועטשע־רע. האָט ער דוקא שטיל און רואיק געענטפערט, אַז נאָך נישט. האָט אַריינ־געקוקט אין אַ נאָטיץ־ביכל און געפילט, אַז עס איז אים שטאַרק שווער. ביז — מען האָט אַנגעקלונגען אין טיר. איז ער לאַנגזאַם אויפגעשטאַנען, געזען ווי פאַניע קוקט מיט וואונדער און מיט אויסגעשפּיצטע אויערן, האָט ער גאָרנישט געזאָגט און געעפנט.

עס איז אַריינגעקומען פישביין מיט נאָך איינעם, אַ הויכן פאַרשוין. יענער איז געווען אָנגעטאָן ריין און גלאַט ראַזירט. האָט געטראָגן פּענסנע און אַ היטל מיט אַ דאַשעק. ער האָט זיך באַגריסט ערנסט און יחוסדיק. האָט שטיל געוואַרט, ביז משהל האָט גענומען דאָס אייל־לעמפּל און זיך געלאָזט מיט זיי אין צווייטן צימער אַריין.

פישביין האָט ווידער איבערגעלאָזט אַ משונהדיקן בליק אויף פאַניען און פאַניע איז ווידער געוואָרן דערשראָקן.

איז זי געזעסן צערודערט און מיט אַנגעשטרענגטקייט. זיך צוגעהערט ווי מען שעפּטשעט דאָרט אין אַנדערן צימער. דאָס מיידעלע האָט עפּעס געוואָלט פרעגן, נאָר געזען ווי די מאַמעשי איז פאַרנומען און הערט זיך צו, האָט עס געשוויגן און אַליין אויך געקוקט מיט צעשראָקענע גרויסע אויגן.

אַזוי האָט געדויערט ביז זיי זיינען אַרויסגעקומען. פאַניע האָט זיך

באַמיט נישט אומצוקוקן זיך אויף זיי. יענע האָבן זיך געזעגנט:

— הייסט עס: אויף מאָרגן.

— יאָ . . . אין אוונט.

— אַזוי אַרום זיבן — אַכט?

— כ׳רעכן.

אַז יענע זיינען אַרויס, האָט זיך פאַניע ראַפּטום אויפגעשטעלט מיט צעטומלקייט אויפן פּנים:

— ווער זיינען זיי?

— דו קענסט זיי נישט.

— וואָס האָבן זיי דאָ געטאָן?

— ווען געשעפט.

האָט פאַניע דערוויילן זיך נענטער צוגעקוקט צו דעם קרענקלעך־געצ־קנייטשטן פּנים, האָט זי פאַרצויגן די ליפּן און שוין מער גאָרנישט געזאָגט. אויפן אַרט פון דער אומרואיקייט איז געוועז איצט צער און רחמנות צו איינגן לעבן. משהל האָט זיך געפילט שטאַרק געפאַלן און גאָר שטאַרק יחוס־דיק. האָט ער אָנגעטאָן דעם מאַנטל מיט אַ קרעבצל. אין זינען געהאַט מער גאָרנישט צו זאָגן און פאַרט געזאָגט.

— ס׳איז אַ גרעסערע „אָפּעראַציע״ . . . מוז איך טאַקע שוין צוגיין אויף אַן אָרט . . .

פאַניע האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר דאָס מיידעלע האָט דערווייל אָפּגערוקט פון זיך דאָס גלאָז טיי.

— וואָס איז שוין? וואָס טרינקסטו שוין נישט?

משהל איז אַוועק. אויף די טרעפּ האָט ער אָפּגעזיפצט און אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ מיט באַדויערונג . . .

ה.

פאַניע איז געלעגן אין בעט מיט פאַרמאַכטע אויגן און ס׳האָט זיך מיטאַמאָל צעשמייכלט אין איר. ס׳איז איר מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן, אַז נישט לינעצקי איז נישט געקומען צו דער באַשטימטער צייט, נאָר זי איז געקומען צו פרי, און דערפאַר איז זי באַלד אַוועק פון בולוואַר . . . האָט זי איצט געטראַכט וועגן דעם, וואָס ער האָט דאָרט לאַנג און מיט אומגעדולד אַרומגעשפּאַנט און אַלע ווײַלע אויפגעהויבן די אויגן . . . איז זיך דער שמייכל צעוואַקסן און זיך פאַרענדיקט מיט אַ טרויעריקן באַנג. האָט זיך

אנגעהויבן וויגן אזא לייכטער שטילער נעפּל מיט ריח פון פאַרגאַנגענע טעג און ס׳איז צוריקגעקומען יענער שטילער אוונט, וואָס האָט זיך מיט יובל און סוד אריינגעגאָסן אין לייב און מיטן בלוט זיך אויסגעמישט . . . פּלוצלונג, אומגעריכט, כאָטש זי האָט עס געפילט אין שכרותדיקע פאַרפלאָנטערטע געדאַנקען, איז זי אינגאַנצן איינגעהילט געוואָרן אין לינעצקים אָרעמס. אָט קומט עס צוריק, זי פילט אַלע זיינע גלידער און זיינע ליפּן זיינען צו־געוואַקסן צו אירע. האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין אזא פאַרכאַפּטן ציטער, וואָס איז אויסגעהאַדעוועט געוואָרן פון אַ סך בענקענדיקע נעכט . . . פון זיינע ליפּן ציט זיך אזא לאַנג דין נאָדעלע, וואָס דערגרייכט צום האַרץ, צעניסט זיך אין די בלוטן און שטורעמט זיי אויף . . . דער קאָפּ זינקט אין שכרות. שטילע פרייד ציטערט אין גאַנצן גוף און שרייט מיט שטיל געשריי . . .

זי האָט לײדנשאַפטלעך־שכרותדיק אָפּגעזיפצט און עס האָט איר איצט באַנג געטאָן דער פאַרלוירענער אוונט . . . אָבער ער איז דאָך שוין איצט נישטאָ אויפן בולוואַר . . . פאַרוואָס־זשע איז זי אזוי גיך אַוועק? . . .

האָט זי זיך אנגעהויבן קערן פון זייט אויף זייט און גרוים בענק־שאַפט האָט פון איר געשריגן. דאָס לייב אירס, דאָס קלאָרע, צאַרטע לייב האָט שטום און פאַרשעמט געוויינט . . .האָט זי מיטאַמאָל געעפנט די אויגן, זיך אויפגעזעצט און געצויגן די ברעמען מיט פרומקייט, זיך געוואָלט עפּעס דערמאָנען, האָט זיך אָבער גאָרנישט דערמאָנט. האָט זי מיט רעכטער האַנט אַ גלעט געטאָן די לינקע פון עלנבויגן ביזן אַקסל, האָט אָפּגעאָטעמט פון שווערקייט און פון לעבצונג נאָך קומענדיקע אָוונטן און זיך צוריק געלייגט.

דער קלאַפּ־שלאָס האָט זיך דאָרט מיט הייזעריק קוויטשל אויפגעע־שלאָסן, די טיר האָט אַ שאַרפע געטאָן און דער שלאָס איז צוריקגעפאַלן מיט פייכטן שנעל. ס׳האָט זיך דערהערט אַ טרוקן הוסטל, גלאַט אזוי זיך אַ הוסטל. דערפאַר וואָס מען באַגעגנט זיך מיט פאַרגאַפּטער שטילקייט. פאַניע האָט מיט עקל אַ טראַכט געטאָן:

— עס גייט שוין . . .

ערגעץ טיף אין דער נשמה האָט זיך אויפגעכאַפּט שאָטן פון האָ־פענונג. זי האָט עס אַליין נישט פאַרשטאַנען, נאָר אינסטיקטיוו האָט אָט די האָפנונג דערוועקט טויבע שרעק. מיטאַמאָל האָט זיך איר דערמאָנט דער פרעמדער, וואָס האָט אזוי מאָדנע געקוקט . . . אָבער דער שאָטן האָט זיך גלייך אָפּגעווישט און זי האָט אין זיך אַ שוידער געטאָן פון זיין הוסטל און פון זיינע ווייכע קראַנקע טריט . . . ער האָט זיך דאָרט געפּאַרקעט, דערנאָך שטיל אָפּגעקרעכצט און דאָס קרעכצל האָט אין איר דערוועקט רחמנות צו

אייגן לייב־און־לעבן. אז ער האָט זיך דערנענטערט צו דער אפענער טיר פון שלאָפצימער און אריינגעפרעגט:

— שלאָפסט שוין?—

האָט זי געהאַלטן פארמאַכט די אויגן און ס׳איז איר גארנישט איינגע־פאַלן, אז מען קען ענטפערן אויף אַזאַ פראַגע.

האָט ער דאָרט ארומגעשארפיעט מיט ווייכע טריט. זיי זיינען גע־קומען פון ווייטער און נענטער. אַ בענקל האָט אַ קרעכץ געטאָן, באַלד אַ טאָפּלטן קרעכץ און ער אַליין האָט שטיל און שווער ארויסגעלאָזט דעם אָטעם. פאַניע האָט זיך מאָדנע צוגעהערט צו זיינע טריט און פון זייער ווייכקייט געפילט שרעק. איז איר אויסגעקומען, אז זי וויל אים רופן און נישט געוואוסט נאָך וואָס . . .

ביז — טונקעלע רויטקייט האָט זיך מיט שטומען ערנסט אריינגע־גאָסן אין שלאָפצימער. משהל איז אריינגעגאַנגען, טראָגנדיק דאָס אייל־לעמפּל מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט. האָט אַלץ געטראָטן מיט טויטע טריט. דאָס פלעמל האָט זיך געצויגן צו זיין אַקסל און דער קאַפּיטש איז דורכגעלאָפן אין יענער שטוב אריין. האָט פאַניע געקוקט דורך די וויעס און געזען ווי זיין פּנים איז פארוועלקט־רואיק און מאַנאַכיש־פארביסן, האָט זיך אין איר עפּעס אויסגעמישט און זי האָט נישט געוואוסט וואָס זי וויל זאָגן. ער האָט אוועקגעשטעלט דאָס לעמפּל און דאָס פלעמל האָט זיך גלייך אויסגעצויגן.

— אַ באַלייכטונג . . . ס׳איז אַ טויט, נישט קיין באַלייכטונג.

אזוי האָט זיך שטיל ארויסגערעדט פון זיין מויל און אזוי רואיק, — נישט ער האָט געזאָגט, נאָר ס׳האָט זיך געזאָגט.

פאַניע האָט זיך מיטאַמאָל דערמאַנט פישביינס בליק און די הוילע שרעק האָט אויפגעשריגן אין איר. אפשר דערפאַר, ווייל זי האָט דערהערט דאָס וואָרט: מויט.

— משהל, איך האָב עפּעס מורא . . .

ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ מיט פארזשמורעטע אויגן און מיט ווייטיק אַ צי געטאָן דאָס גאַנצע פּנים, ווי עס וואָלט אים איבערגעשראָקן דאָס, וואָס זי שלאָפט נישט. און אפשר דערפאַר, וואָס זי האָט אים דערמאַנט אין דער אייגענער שרעק, וואָס איז געלעגן אונטער עקשנותדיקן כעס. האָט צוריק נאָכגעלאָזט דאָס פּנים, האָט זייער שטיל אראָפּגעלאָזט אַ זיפצל און דער יאוש מיט דער פארביסנקייט האָט צוריק די שרעק פארפלייצט. האָט ער אנגעהויבן זיך אויסטאָן און אַלץ אזוי רואיק מיט איראָניע:

— וואָס עפּעס פאַר אַ מורא אין מיטן דערינען . . . אין מיטן האַרטן שלאָף?

— עפּעס געפעלט מיר נישט . . . עס געפעלט מיר זייער נישט . . .

— וואָס־זשע אַזוינס געפעלט דיר נישט פלוצלונג? האָ? — אַלץ אַזוי רואיק, כּאילו לאָ ידעדיק, זעצנדיק זיך אויף זיין בעט, אויסקומענדיק מיטן רוקן צו אירן.

פאַניע האָט אַ טראַכט געטאָן: „און איך דאַרף ריידן״ . . . זי האָט דאָך געזאָגט:

— האָסט געזאָגט: אַ גרויסע „אָפּעראַציע״.

— איז בכן? — אַלץ נישט אומקוקנדיק זיך און אויסטועגדיק זיך.— אַ נפקא מינה: אַ גרויסע צי אַ קליינע.

פאַניעס שרעק האָט אויסגעוועפּט.

— דעם פאַרשוין קענסטו כאָטש?

— וואָס פאַר אַ פאַרשוין? פישביינען? וואָס איז שייך? מסתמא קען איך אים.

פאַניע האָט שוין געשווינגן, געהאַט פאַרגעסן די שרעק. ס׳האָט איר איצט פאַרדראָסן אויף דעם, וואָס זי האָט גאָר אָנגעהויבן ריידן און געטראַכט: „און ס׳איז דיר נאָך אַ מיוחס . . . און קליגעטשקע איז עס . . . עפּעס אַ קליינינקייט״ . . .

— ער געפעלט דיר טאַקע נישט? וואָס־זשע? — זיך משדך זיין מיט אים ביסטו טאַקע נישט מחויב . . .

זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און געוואָוסט: מער וועט זי קיין איין וואָרט נישט ריידן.

ער האָט אַראָפּגעצויגן די שיך און געזעדט קרעבצנדיק:

— שטותים . . . וואָס איז דאָ פאַראַן מורא צו האָבן? צי איך קען אים? — געוויס קען איך אים . . . און וואָס עפּעס פּלוצלונג דאָס שרעקן זיך? . . . ס׳ערשטע מאָל? משהל ליפשיץ איז שוין ב״ה דער אמתער וואָ־ליוטשאַרזש, דער אמתער הפקר־יונג און שרעקט זיך שוין נישט אפילו פאַרן טייוול . . .

פאַניע האָט אַ ציטער געטאָן און אליין נישט געוואוסט צי פון כעס צי פון שרעק. זי האָט אָבער גאַרנישט געזאָגט און געפילט, אַז זי וויל צו־ריקקערן צו איר טראַכטן. דערביי איז איר איינגעפאַלן: „און אָט דאָס דאַרע קאַלטע יידל מיט די קאַלטע פינגער וועט שטערן . . . אַ מאָדנער כוח ליגט אין דעם מענטשל: אַלץ דערפילט עס, אַלץ דערשמעקט עס באַלד, ווי אַ קאַץ״ . . .

משהל האָט זיך דערווייל געלייגט, זיך געהילט אין דער קאָלדרע און גערעדט צו זיך אַליין:

— שטותים . . . אויב זוכן — זוכט מען די קאַרפּן־קעפּ! אָבער מיך? אַ מענטשל פון אַ ת״קער מיט אַ „גרינעם״? שטותים . . .

האָט זיך שוין געהאַט איינגעהילט אין דער קאָלדרע און אויסגעלאָזט:
— מילא . . . וואָס משטיינס געזאָגט האָב איך דאָ אנצואווערן? —
דאָס קאַפּיטש־לעמפּל מיט דער ציקאָריע־טיי?

און דווקא דערפאַר, וואָס פאַניע האָט זיך געהאַט דערשראָקן, האָט עס אין אים עקשנותדיק געשמייכלט און ער האָט בגנבה געטראַכט:
— עס מוז דאָך אַמאָל אַ סוף נעמען . . . מילא . . . איז אפשר גליי־בער . . .

איצט האָט ער שוין געשוויגן און געטראַכט פון דעם, וואָס זיין לעבן איז שוין לאַנג קיין לעבן נישט. ער איז שוין טיי־ווי־סיי אַ הפקר־יונג: שטעלט זיך איין דאָס לעבן און . . . זיצט האַלבע נעכט ביי אַן אייל־לעמפּל, וואָס קאַפּטשעט און עסט אויף דאָס האַרץ. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז עס איז שוין לאַנג אַ געיעג אויף אים. פון אַלע זייטן איז דאָס געיעג און — נישט פּטור צו ווערן און נישט צו בלייבן אַזוי . . .

דאָס ערשטע מאָל אפשר — האָט ער דערפילט, ווי עס זאַמלען זיך טרערן אין זיינע אויגן און איבער די אויגן גיסט זיך אַ בלאַס און ער האָט שווער אָפּגעזיפצט.

ז.

ליפשיץ האָט אַליין נישט געוואוסט נאָך וואָס ער טוט דאָס, נאָר ער האָט פאַרלאַנגט, אַז יעדער זאָל קומען מיט זיין סחורה צו דער באַ־שטימטער צייט. גייענדיק פאַרנאַכט אהיים, האָט ער פריער אָפּגעטראָטן ביי שקלאָוון און אים מיט זיך מיטגענומען.

אויפן וועג האָבן ביידע געשוויגן און ס'איז זיי געווען שווער אויף די הערצער. שקלאָוו האָט זיך אַלע ווײַלע אומגעקוקט און משהל, פאַרקערט, האָט זיך איינגעהאַלטן און אפילו דעם קאָפּ קיין איין מאָל נישט אויסגעקערט. דערפאַר איז ער געגאַנגען געלאַסענער און אַלע ווײַלע דערמאָנט שקלאָוון:
— וואָס־זשע לויפט איר אַזוי?

האָט שקלאָוו געגעבן אַ מרה־שחורהדיקן קוק אויף אים און שוין גע־גאַנגען געלאַסענער.

אין שטוב זיינען ביידע אַריינגעקומען פאַרטויטע און צעטומלטע, ווי זיי וואָלטן נאָר־וואָס עפּעס שווערס איבערגעקומען. ליפשיץ האָט משונה געקוקט דורך די „רערלעך". און דאָ איז פאַניע אַרויסגעקומען פון שלאָפצימער מיט פריש־געוואַשן פּנים און מיט לייכטן פּאַרפום ריח. האָט זיך טונקעלער

טרויער א גליטש געטאָן איבער משהלם ברוסט און ער האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן.

פאַניע איז צוריק אריין אין שלאָפצימער. שקלאָוו האָט אויסגעטאָן זיין שוואַרץ־שטרויענעם הוט, ער האָט זיך ניט זיכער ארומגעקוקט מיט די ארויסגעשטאַרצטע קיילעכדיקע אויגן און זיך אוועקגעזעצט אין שאָטן אויף דער אטאמאנע.

איז משהל צוגעגאנגען צום טיש, וואו חוהטשע איז געזעסן שטיל, און געמאַכט די לעקציעס, האָט זיך איינגעבויגן, אריינגעקוקט אין ביכל און געגלעט דעם מיידעלם קעפּל:

— וואָס־זשע? דו מאַכסט איצט די לעקציעס? ס׳איז דאָך שוין טונקל.

— כ׳זע שוין טאַקע נישט.

— לייגט מען אוועק דערוויי̆ל.

— די מאַמעשי . . .

איידער זי האָט געענדיקט די פראַזע, האָט זיך דערהערט פאַניעס קול מיט פאַרטוענקייט און שטרענגקייט:

— נישקשה, מען זעט נאָך — איז אריינגעקומען אין ערשטן צימער מיטן הוט אין האַנט און פאַרענדיקט — מען קען נאָך פאַרענדיקן די לעק־ציעס.

משהל האָט נישט אויסגעדרייט דעם קאָפּ:

— אַז דו זאָגסט: מען זעט — איז דאָך נישט שייך.

האָט זיך אומגעקוקט, אויפגעכאַפּט דעם שפּאַטישן אומגעדולדיקן בליק. האָט ער צעטומלט א קוק געטאָן אויף שקלאָוון, וואָס האָט ווי גע־שמייכלט, האָט ער צוגעגעבן:

— פינצטער איז נאָך טאַקע נישט. אָבער . . . שוין טונקל.

און האָט זיך געווענדעט צו שקלאָוון:

— וויפיל איז שוין דער זייגער?

אליין ארויסגענומען זיין זייגערל. געעפנט דאָס שייטל און צו־געטראָגן דאָס ציפערבלאַט צו די אויגן:

— שוין טאַקע באַלד זיבן. ווען דאַרפן זיי קומען?

— מסתם באַלד.

— אַזוי.

איז צוגעגאַנגען צו דער אָפענער טיר פון שלאָפצימער, געטראָפן ווי פאַניע שטייט פאַרן קליינעם שפּיגל און טוט אָן דעם הוט. דערביי האָט זי געהאַט אויפגעהויבן די הענט און די אַרבל האָבן זיך געהאַט אראָפּגעגליטשט. איז אים אויסגעקומען אַז ס׳זיינען אירע הענט איצט אַנדערש ווי שטענדיק:

קלארער און פולער. האָט ער אויסגעשטעלט די אויגן און נישט געקוקט צו איר:

— וואו גייט מען עם איצט?

— דאַרפסט מיך דאָ האָבן?

האָט ניט מפסיק געווען פון קוקן אין שפּיגל און פאַרענדיקט רוואיקער:

— כ'גיי אַראָפּ אַביסל.

— וואָלסטו אפשר הוהטישען אויך מיטגענומען?

— וואָס נאָך? כ'וועל נישט טרעפן אָן איר?

— טרעפן וועסטו מסתם טרעפן, נאָר עס דאַרפן קומען אהער מענטשן.

האָט פאַניע שוין א קנייטש געטאָן דעם שטערן:

— נו, זאָל זי אריינגיין צום שכן.

— זאָל זיין צום שכן.

ליפשיץ איז געווען צערודערט און פאַניע, ארויסגייענדיק מיט הוהטישען, איז אויך געווען צערודערט און שקלאָוו האָט אפּגעזיפצט:

— כ'וועל אייך זאָגן דעם אמת, ליפשיץ, איך בין אייך מקנא.

האָט משהל פאַרענדיקט דרייען דעם פּאַפּיראָס.

— מקנא? מיט וואָס א שטייגער?

— ווייס איך? גאָרנישט. מען לויפט, מען האָוועט, מען שטעלט איין דאָס לעבן, זאָל כאָטש זיין פאַר וועמען . . . ביי מיר אין שטוב איז דאָך אָן אמת גיהנום.

— איר האָט נאָך אלץ צו טאָן מיט אייער יידענע?

— איך האָב צו טאָן? איך שווייג שוין אינגאַנצן. נאָר זאָל מען זאָגן: איין מינוט ס'זאָל זיין שטיל. מען הייבט זיך אויף מיטן ליאַרעם און מיט די קללות און מען לייגט זיך מיטן ליאַרעם און מיט די חרמות און א גאַנצן טאָג קאָכט דאָס גיהנום. ס'איז מיר נאָר א רחמנות די קינדער. דאַכט מיר, זיי זיינען שוין אינגאַנצן צעחושט.

— אַזוי . . .

ביידע האָבן זיך שטיל פאַרטראַכט.

שקלאָוו האָט זיך אויפגעשטעלט און ס'האָט אויסגעזען, אז ער וויל אויסברעכן אין געוויין. ליפשיץ האָט נישט געקוקט אויף אים און א ביטער שמייכעלע האָט געוואָנקען פון די וואָנסן אַראָפּ. דער אָוונט האָט שוין געגאַפּעט אין שטוב אריין. ליפשיץ איז געזעסן איינגעהויקערט און געדרייבערט, האָט שקלאָוו אפּגעזיפצט, זיך געזעצט נעבן טיש און פאַרענדיקט:

— מוטשע זיך, שטעל איין דאָס לעבן, און אפשר ווייסטו פאַר וועמען?!

פלוצלונג א שמייכל געטאָן:

— און אפשר פאַרקערט. מען שטעלט זיך איין, ווארעם וואָס האָט מען אנצוּואווערן? דאָס שיינע לעבן?

— אויך גערעכט, — האָט ליפשיץ געענטפערט. נישט געשמייכלט, נאָר זיך אויפגעשטעלט און זיך דורכגעגאנגען איבער דער שטוב הין און צוריק.

דערווייל איז אנגעקומען טורמאַן, א דיקער אנגעגאָסענער יונגערמאַן מיט נגידיש שמייבעלע אויף לאַכנדיק צופרידן פּנים. ער איז אריינגע־קומען רעשיק און זיין גאנצער גוף איז געווען מאָדנע קיילעכדיק, ווי אפּגע־גאָסן. ער האָט געטראָגן פּענסנע, געהאַט א געגאָלטן קאָפּ אונטער א שטרוי־ענעם ווייסן הוט, וואָס איז אים געשטאַנען אויפן „שפּיץ״ קאָפּ. די באַקן — גלאַט ראַזירט און טונקל־גלאַנציק, ווי זיי וואָלטן געווען אנגעגאָסן מיט ווישניק. איז אריין מיט זיכערע טריט, העכערער שטים און גלייך:

— נו, וואָס־זשע וואַרט מען?

— די „לאַנגע״ האָט איר? — האָט שקלאָוו געפרעגט.

— וואָס פאַר א שאלה? אוודאי האָב איך. אז איך זאָג — איז געזאָגט. — און געקוקט מיט שפּאָט אויפן צעשראָקענעם שקלאָוון.

דאָ — האָט מיטאַמאָל זיך אויפגעכאַפּט די בלינדע שרעק ביי ליפּ־שיצן אין הארצן און ס׳איז אים געוואָרן שלעכט.

— כ׳האָב דאָס „דייטשל״ אויך געבהאַכט צו שלעפּן! — האָט טורמאַן זיך באַרימט.

— דאָס דאַרף מען נישט. — האָט ליפשיץ געזאָגט און געהאַט א געפיל, ווי ער וואָלט פאַרגעסן א וויכטיקע זאַך.

— וואָס זשע? א בבל איז עס ביי אייך? — האָט טורמאַן געשמייכלט וואוילעריש און זאָרגלאָז — נישקשה, אויב עס וועט אים נישט סטייען די „ענגלישע קרענק״, וועט ער זיך מיט די „יעקעס״ אויך נישט וואָרפן . . .

— הייסט עס, אז „לאַנגע״ האָט איר נישט אינגאנצן? — האָט ליפּ־שיץ געפרעגט און איין ווייַלע האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט זאָגן:

— טויג נישט דער גאַנצער עסק, און לאָמיר זיך תיכף צעגיין.

נאָר ער האָט עס נישט געזאָגט. האָט געטראַכט, אז אָט וועט מען עס באַלד איבערקומען. בכלל איז ער דאָך נישט אליין. פאַראַן נאָך יידן . . . און יענער האָט דערווייל געענטפערט:

— פאַרוואָס מיינט איר אזוי? ניין. איך האָב אַלץ . . .

האָט ליפשיץ אָפּגעזיפצט. ס׳האָט זיך דערהערט א קלונג אין טיר און דער קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט.

פישביין איז אריין, איז א ווייַלע געבליבן ווי דערשראָקן און אפּגע־רופן ליפשיצן אין צווייטן צימער:

— ווער זיינען זיי? — איינער איז שקלאוו, דאכט זיך, און דער אנדערער?

האָט שוין ליפשיץ א שמייכל געטאָן און ס'איז אים גרינג געוואָרן אויפן האַרצן:

— ס'מאכט נישט אויס. אייגענע מענטשן. איך האָב דאָך אליין נישט געקאַנט. האָבן מיר עס צעטיילט צווישן זיך.

פישביין איז אלץ געוועזן צערודערט:

—האַ? . . . יאָ . . . נו . . . אָט גיי איך און שיק אייך אריין דעם סוחר.

האָט ליפשיץ זיך ווידער דערפילט צעשראָקן „און שיק אייך אריין. . .” נאָר יענער איז גלייך ארוים. באַלד איז אריין וועקסלער.

איז אריינגעקומען מיט זיין דארקייט, בלייכקייט און זיינע אויגן האָבן שבת־פּארנאַכטיק געגלאַנצט. ס'האָט אויסגעזען, אז ער ווייסט בכלל נישט, אַז אַ מענטש איז ביכולת צו שמייכלען. האָט געהאַלטן די הענט אין די קעשענעס פון זיין שווארצן מאנטל און ס'איז אים אויסגעקומען, אז אים איז קאַלט. טורמאַן האָט אים באַקוקט, שטייענדיק אפּגערוקט פון אים:

— אַ וואַזשנער סוחר . . . אַזוי, דער אמתער.

— איך בין דען אַ סוחר? — האָט וועקסלער געענטפערט מיט אַ קול פון אַן אויסגעהונגערטן — אַז מען שיקט מיך — גיי איך, ווייטער נישט.

טורמאַן האָט זיך דערווייל אנגעהויבן דינגען: ער האָט דווקא גע־וואלט, אז עס זאָל בכלל קיין שותפות נישט זיין, נאָר יעדער זאָל זיך אפּלייזן פאַר זיין סחורה, ער האָט נאָר מסכים געווען אויף אַ פּראָצענט פאַר ליפשיצן, ווארעם:

— וואָס קער איך מיך אָן מיט אזא שטייגער סוחר? — האָט ער אנגעוויזן אויף וועקסלערן.

האָבן אלע געשוויגן און נישט איבערגעשפּארט. משהל האָט יאָ געהאַט דערקעגן, נאָר ס'איז אים מיטאַמאָל נישט ניחא געוואָרן דאָס ריידן דערפון און געטראכט: ווי דערלעבט מען שוין איבערצוקומען די גאַנצע „אָפּעראַציע” מיט טורמאַנען צוזאַמען . . . טורמאַן האָט דערווייל גענומען דערציילן „וואונדער” פון זיין פּראַקטיק. אָט איז ער שוין איינמאַל געווען נאָר אריינגעפאַלן . . . אין מיטן דער „אבלאַווע” . . . און געהאַט ביי זיך האָט ער . . . און טאַקע שפּאַר געהאַט. אין אַ קאַפע־הויז איז עס געווען. גיט ער זיך אַ דריי אוועק אין ווינקל, געגעבן אַ טו אויס דעם קאַפּעליוש מיטן מאַנטל און געבליבן אָט אין דעם הולך — דערביי האָט ער זיך צעקנעפּלט און געוויזן זיין שווארצע „ראַבאַשקע” — ארויסגעשלעפּט אַן אַלט היטל פון קעשענע, אָנגעטאָן און אוועק ווי אַ האָר פון דער מילך.

— יאָלדן פאַלן אריין!

בשעת ער האָט דאס דערציילט, איז וועקסלער געשטאַנען קני צו קני געדריקט און געציטערט. דערביי האָט ער געטראַכט, אז עס וואָלט זייער גלייך געווען, ער זאָל דאָ לאָזן די פּאָר „שטיקלעך" און אליין אוועקגיין. ער האָט זיך אבער געשעמט פאַר דעם פּריילעכן דיקן טורמאַנען, וואָס שטייט און שיט מיט „אפּעראַציעס" און לאַכט זיך אויס, „פון זייער היטעלע" — „אַ קליינ־קייט! היים יענקל ב"ר טודרוס האָט געאַסרט, מוז איך אים טאַקע פאָלגן! האָסטו געהערט: זיי פאַרוועגן . . . " האָט וועקסלער דערפאַר אומגעדולדיק געציטערט, געפילט ווי דער אָטעם ווערט אים קורצער און געדענקט: סך הכל איז עס דאָס דריטע אָדער פערטע מאָל, וואָס שקלאָוו שיקט אים „קריגן" און ער וועט מסתם אויך דאָס מאָל איבערקומען. אַז ער וועט עס נאָר איבער־קומען, וועט ער אוועק אהיים, אוועקלייגן זיין מידן קאָפּ אויף זיין ווייבלס אקסל און וועט זיך צעוויינען:

— רחלע, איך קען נישט מער . . .

וועט זי אים באַשווערן, אז ער זאָל מער מיט דעם נישט האָבן צו טאָן און ער וועט עס פּטור ווערן . . .

טורמאַן האָט דערווייל געשיט:

— עהע! דאָ זיינען זיי נאָך גאָלד. גדולים זיינען זיי? — צדיקים. אין קיעוו, ברידער, דאָרט זיינען זיי פייער־און־פלאַם, איר ווייסט, וואָס זיי האָבן דאָרט אָפּגעטאָן?!

און ער האָט גענומען דערציילן, ווי אַזוי זיי האָבן דאָרט געמאַכט אַן „אָבלאַווע", ווי אַזוי מען האָט „געפּאַקט". פאַרשטייט זיך, אַז „געפּאַקט" האָט מען די „יאָלדן" — די מעקלערלעך. די אמתע וועט מען נישט פּאַקן!

דערביי זיינען אַלע דריי געוואָרן שטאַרק צעטומלט און האָבן אויסגע־זען ווי זיי זיצן אויף אַ באַשולדיקונגס־באַנק. משהל האָט זיך געשטיקט מיט דער בלינדער שרעק, וואָס האָט געמאַכט ענג אין הארצן און דער קאָפּ האָט אים אנגעהויבן ווי טאָן.

— אודאי, אַז דאָס אַ — האָט טורמאַן געוויזן אויף וועקסלערן — האַנדלט אויך!

וועקסלער האָט באַקומען אַ וויינענדיק פּנים. שקלאָוו איז געזעסן מיט לייִדיק הארץ, נאָר ליפשיץ האָט זיך געהאַט דערמאַנט אין פּאַניעס אוועקגיין און צוריק געהאַט זיין עקשנות.

אַז מען האָט אנגעקלונגען אין טיר, איז טורמאַן שטיל געוואָרן. שקלאָוו איז אויך צו זיך געקומען און משהל איז שוין געווען רואיק. איין וועקסלער נאָר איז אַלץ געשטאַנען נעבן וואַנט, קני צו קני געדריקט און געפילט, אז ער האָט קיין קול נישט.

דער „סוחר" איז אריינגעקומען אליין. ליפשיץ האָט זיך מיט אים באַגריסט און געווען שטאַרק צעטראָגן. האָט גיך אַנגעצונדן דעם לאָמפּ און אַלע האָבן באַמערקט ווי יענער שטייט אומגעדולדיק. האָט אַרויסגענומען אַ ביכעלע און געפרעגט בײַ ליפשיצן:

— די גאַנצע באַשטעלונג?

— יאָ.

— באַלד . . .

האָט דאָס וואָרט געזאָגט מיט מאָדנער רואיקער שטים. אַלע האָבן אויסגעזעצט די אויגן, געקוקט משונה ווי יענער גייט מיט רואיקע טריט צו דער טיר, עפנט זי און משהלן האָט אַ שוואַרץ געטאָן אין די אויגן.

— אָ! — האָט עס שטיל אין אים אַ קרעכץ געטאָן. ס'איז אים געוואָרן שטאַרק ענג אין ברוסט, ס'האָט אין אים אַ געשריי געטאָן:

— אוים! . . .

דורך דער טיר האָט זיך אַריינגערוקט אַ רויט־אַרמייאיש היטל און אַ בליק געוואָרפן מיט גרויסן רויטן שטערן. אַ האַנט האָט זיך מיט עפּעס גלאַנציקס אויסגעצויגן:

— „רוקי ווערך!"

אין ליידיקייט פון שטוב האָט אַ קרעכץ געטאָן:

— אָ־אָ־אָ!

שקלאָוו האָט אָנגעהויבן דרייען מיט די אויגן, ווי ער וואָלט אינגאַנצן אַראָפּ פון זינען.. וועקסלער האָט דער ערשטער אויפגעהויבן די הענט, ווי ער וואָלט אויף דעם געוואַרט און האָט געעפנט דאָס מויל, ווי ער וואָלט געוואָלט אַרויספּלאַצן מיט געוויין. ליפשיץ איז שוין אינגאַנצן געווען רואיק, ווי ער וואָלט ענדלעך דערזען דעם לעצטן אויסוועג, וועלכן ער פילט שוין אַ לאַנגע צייט . . .

— אַ סוף צו אַלעמען . . .

האָט ער איצט געקוקט אַזוי, ווי ער וואָלט גאָרנישט געזען. דאָס פּנים זיינס איז געווען ווי אויסגעשמירט מיט ערד־קאָליר. איין טורמאַן נאָר האָט משונה גענומען טרייסלען מיט הענט און פּיס, האָט פאַרשנורעט די ליפּן, געוואָרן רויט און אַריינגערוקט איין האַנט אין קעשענע. גענומען זיך פּלאָנטערן הינטער שקלאָוון און זיך טומלען אין ווינקל אַריין.

די האַנט מיטן רעוואָלווער האָט זיך צו אים דערנענטערט, מיטן פּיסקל געקוקט אים גלייך אין פּנים אַריין:

— „רוקי ווערך"!

ער האָט אויפגעוואָרפן די הענט, זיך געזעצט אויף געבויגענע פּיס

און געוואָרן נידעריקער. די אויגן האָבן זיך ביי אים גענומען גלאַנציק דרייען, ווי געווינטן, האָט געציטערט און געשטאַמלט שלינגענדיק שווער דעם אָטעם:

— אַ פרעמדער בין איך . . . כ'וויים גאָרנישט . . . צופעליק געקומען צו גאַסט . . . צו מיין באַקאַנטן . . .

— שווייג!

— איך . . . איך . . .

דער אין שפּיציקן היטל מיטן רויטן שטערן האָט זיך איינגעבויגן נעבן טורמאַנען, אויפגעהויבן, גענומען גלאָסן אויפוויקלען, אויפגעלייגט שמאָלע, גרינלעכע פּאַפּירלעך.

— און דאָס?

— נישט מיינס . . . נישט מיינס . . .

— „לאַדנאָ"!

דאָ איז שוין ליפשיץ אינגאַנצן געווען געקומען צו זיך, האָט אפילו אַ טראַכט געטאָן ווי דער גאַנצער „קנאַקער" ציטערט צום מיינסטן. איצט האָט ער געזען, ווי עס שטייען אין שטוב עטלעכע מענטשן מיט ביקסן און נישט דער סוחר און נישט פישביין זיינען דאָ.

מיטאַמאָל האָט דאָס האַרץ צוריק גענומען רעגלמעסיק שלאָגן און ער האָט מיט געקאַרטשעטע הויטן און ברעמען אַרום די אויגן געקוקט אויף דעם קיילכדיקן גופל מיט דעם גענאָלטן קאָפּ, וואָס איז געווען שטאַרק נידעריק און האָט כסדר געשלונגען. דער האַלדז איז אים געווען איינגעקאַרטשעט און ער האָט דערהערט ווי ער שטאַמלט:

— נישט מיינס . . . איך בין גלאַט אַריינגעקומען . . . אדרבה: זאָל דער בעל הבית זאָגן . . .

און צו משהלען אויף יידיש אַ גיכן זאָג געטאָן, מיט אַ קול ווי מען זאָגט אַ שפּרוך:

— אַלץ איינס יהודי . . .

משהל ליפשיץ האָט פון אים אוועקגענומען די אויגן, איצט איז אים עפּעס קלאָר געוואָרן. אַלץ איז אים געוואָרן פאַרשטענדלעך. מער וועט שוין די בלינדע שרעק נישט פייניקן. אַ טראַכט געטאָן, אַז ס'איז זייער גלייך, וואָס פאַניע איז דערביי נישטאָ . . . זי וואָלט זיך געפּלאָנטערט און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן . . . און קלאָר איז אים געוואָרן, אַז שולדיק אין אַלעם איז נישט קיין אַנדערע, נאָר פאַניע . . . מיט פרומקייט אין די אויגן איז באַ אים געבליבן:

— מילא . . . ס׳מוז דאך אמאָל א סוף נעמען . . .

און געהאט דאס געפיל, ווי ער אליין ברענגט זיך פאר א קרבן . . .

האָט געהאט געדענקט, אז ער וועט זיך דארפן געזעגענען מיט חוה־משען. דערביי א קוק געטאָן מיט רחמנות אויף וועקסלערן, ווי וועגן זיך איז שוין גאר נישטא וואס צו טראכטן, נאָר ער, ער ציטערט נעבעך אזוי, ס׳שניידטביים הארצן.

— לייגט ארויס פון די קעשענעס! אלץ לייגט ארויס! . . .

אזוי האָט באפוילן דער מיטן הויכן שפיציקן היטל און מיטן רעוואָלווער אין האנט . . .

אָטוואָצק, אפריל 1923.

שטויב

צווייטע דערציילונג

א.

דעם גאַנצן וועג, וואָס מען האָט זיי געפירט אין טשעקאַ האָבן די אַרעסטירטע קיין איין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. משהל ליפשיץ האָט לחלוטין גאָרנישט געטראַכט, ווי ער וואָלט מיטאַמאָל אַלץ פאַרגעסן. דער געלער, קײלעכדיקער טורמאַן האָט כסדר געקוקט אין זייט אַריין, צום טראָ־טואַר; און וועקסלער האָט גלאַט גאָרנישט געזען.

זיי האָבן געשפּאַנט אין מיטן גאַס. פון ביידע זייטן זעלנער, האַלטנדיק גרייט די ביקסן און פאָרויס איז געגאַנגען דער אָנפירער פון „אָביסק", גע־גאַנגען מיט נאַקעטן רעוואָלווער אין האַנט, האָט געאָטעמט טיף און געהאַט אַן ערנסט פאַרעקשנט פּנים.

— ווי ערנסט מען געהט דאָס . . . — האָט טורמאַן נישט געקענט פאַר־געסן און דערפאַר אַלץ שטאַרקער געדרייט דעם קאָפּ אָן אַ זייט . . .

ס'איז שוין געווען אָוונט. די גאַס איז געלעגן אַ שטילע, די ביימער ביי די זייטן גאַס האָבן פאַרגאַפט זיך צוגעקוקט ווי מען פירט „וואַליוטשערזשעס", ווינטל האָט שאַרפער געבלאָזן און די בלעטלעך אויף די ביימער האָבן גע־שאַרכט מיט פאַרהוילענער איינגעהאַלטנקייט. איז משהלען אויסגעקומען אַז עס איז הערבסט. דערפאַר האָט ער טיף פאַררוקט די הענט אין די קעשענעס פון זיין דינעם מאַנטל און געקוקט מיט פרומע אויגן פאַר זיך. איינמאָל נאָר האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו וועקסלערן און געזען, ווי ביי אים איז דער קאַלנער פון פּאַלטאַ אויפגעשטעלט און די אַקסלען זיינען שפּיציק אויפגעהויבן כמעט ביז די אויערן. האָט ער צונויפגעצויגן די הויטן אַרום די קורצזיכטיקע אויגן, געקוקט דורך „רערלעך" אויף וועקסלערס בלייכן פּנים און אויף די רואיק צעשראָקענע אויגן זיינע, וואָס זיינען געשטאַ־

נען פאַרפראָרען ווי גלעזערנע. משהל האָט זיך געוואונדערט: עפּעס זעט ער גאָר מאָדנע אויס . . .

— אהער! — האָט באפוילן דער אָנפירער פון „אַביסק" און משהל האָט זיך געחידושט, וואָס מען איז אזוי גיך אנגעקומען.

אינעווייניק האָט זיי רואיקייט באַגעגנט: דאָס צימער איז געווען בעל הבתיש געמיטלעך, פון די ווענט האָבן געקוקט בלייכע טאַפּעטן מיט גרויסע גלאַנציקע, זילבערנע בלעטער. די עלעקטריק האָט געברענט העל, שטיל און רחבותדיק. ביים טיש איז געזעסן אַ יונגער, בלייכער בחור מיט קלוגע פאַרטראַכטע אויגן. אז ער האָט זיי דערזען אריינקומען, האָט ער מיד אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיך אויסגעגלייכט אויף דער שטול און זיך צוריק־געבויגן צום טיש מיט גלייכגילטיקייט אויפן פּנים.

משהל איז געשטאַנען משונה־רואיק און זיך צוגעקוקט, ווי ער וואָלט צו דעם גאָר קיין שייכות נישט געהאט. וועקסלער איז אלץ אזוי געשטאַנען מיט דעם אויפגעשטעלטן קאָלנער און קני צו קני געדריקט. עס האָט אויס־געזען, אז אים איז שטאַרק קאַלט און ער שטרענגט זיך אָן צו פארהאַלטן דאָס שלאָגן פון ציין אָן ציין. טורמאַן האָט געהאַלטן אין איין פינטלען מיט די אויגן און מיט די הענט כסדר געדרייט פאַר זיך דאָס סטודענטן־היטל, ווי ער וואָלט מיט דעם געוואָלט פאנגן דעם בליק פון „דעזשורני". ער האָט זיך כסדר געשאָקלט און עס האָט פון אים געזעצט הייסע אומגעדולד, ווי הייסער ריח פון אַ שרפה.

דער אָנפירער האָט אוועקגעלייגט דעם רעוואָלווער אויפן טיש און דערציילט פאַרן „דעזשורני קאָמענדאַנט", ווי אזוי דער ארעסט און „אַביסק" זיינען פאָרגעקומען. דערביי האָט ער צעוויקלט דאָס פּעקעלע און ארויסגע־לאָזט די וואַליוטע־פּאַפּירלעך. ווען ער האָט אויסגעגלייכט די גרינע דאָלאַרן, האָט טורמאַן באַקומען גאָר קליינע אייגעלעך און איז גאָר נידעריקער געוואָרן. דאָס פּנים איז אים געווען צערויטלט און די ליפּן האָבן זיך ביי אים געשאָקלט. ער האָט קוים איינגעהאַלטן אַ משונה וואָרט, וואָס האָט זיך פון זיי געריסן. איז ער אזוי געשטאַנען און האָט אויסגעזען, ווי ביים אויס־ברעכן אין אַ געוויין.

וועקסלער איז איצט געשטאַנען מיט אראָפּגעלאָזענע ברעמען, ווי ער וואָלט זיך געשטאַרקט איבערצוקומען אַ טיפן שניט אין לייב. דערביי האָבן זיינע צונויפגעדריקטע קניען שטאַרק אַ ציטער געטאָן און משהל האָט אַלץ געקוקט אזוי רואיק מיט טיפקייט אין די צונויפגעצויגענע „רערלעך".

— די דאָלאַרס? — ווי איז אייער פאַמיליע?

טורמאַן האָט אנגעהויבן שטאַמלען מיט וויינענדיק קול.

— איך . . . מיין פאַמיליע . . . טורמאַן . . . טורמאַן . . . אבער זיי

זיינען נישט מיינע . . . איך בין נאָר צופעליק . . .

— „לאַדנאַ" . . . מיר וועלן שוין פעסטשטעלן . . .

אַזוי האָט געזאָגט דער „דזשורני" און מיט אַזאַ גלייכגילטיקייט, אַז טורמאַן האָט צוריק אָפּגעצויגען דעם אָטעם. דערנאָך האָט דער „דזשורני" זיך פויל אויפגעשטעלט, געלאָזן און רעגלמעסיק געשטעלט עטלעכע שפּאַן. יעדער שפּאַן האָט אָפּגעענטפערט מיט ווייכן קלונג פון שפּאָרן, האָט גע־עפנט אַ טיר, עפּעס אַרויסגעזאָגט, זיך צוריקגעקערט אויף זיין אָרט, און באַלד איז אַריינגעקומען איינער אַ הויכער, געזונטער זעלנער מיט אַ שוואַרן „נאַגאַן" אין אַ הילצערנער שייד ביי דער זייט, האָט רעכט נישט געקוקט אויף זיי, און מיט אַ רואיק קול געזאָגט:

— גייען מיר.

דער הויף איז געלעגן אַ טיפער און אַ פאַרגאַפּעטער. אַרום זיינען די ווענט געשטאַנען הויכע און טונקעלע. עס אַזוי אויסגעקומען, אַז מען געפינט זיך אין אַ טיפן, גרויסן גרוב. טיף אין הויף זיינען געלעגן טונקעלע שעניקעס. אַ פּאָר מענטשן האָבן פון זיי געשלעפּט און אַנדערע האָבן זייערע שעניקעס געטרייסלט. דערפאַר איז דאָרט געשטאַנען אַ געדיכטער שטויב ווי נעפּל. אין מיטן הויף איז געשטאַנען אַ הויכער סלופּ, האָט אַרויסגעשטאַרצט ווי אַ פאַרגליווערטער ריזיגער פינגער. אַז משהל האָט אים דערזען, האָט דאָס האַרץ אין אים געגעבן אַ רין־אויס און עס איז געוואָרן הויל און קיל אויף דעם אָרט. אין קאָפּ האָט זיך געגעבן אַ מיש, אין די אויגן — אַ שוואַרץ . . . האָט ער געגעבן אַ לאָז אַראָפּ די וויעס און זיך פאַרהאַלטן אין גאַנג. האָט צוריק געעפנט די אויגן און דערזען, אַז אויפן סלופּ ווינט זיך לאַנגזאַם אַ לאַמטערן.

אַראָפּקומענדיק פון די טרעפּ, האָט זיי אַנגעטראָפן אַ זעלנער. אין דער שטילקייט האָט זיך געפילט זיין צופרידן שיינענדיק פּנים. ער איז גע־שטאַנען פעסט אַרונגעגאַרטלט מיטן פּאַסיק און אויפן אַקסל איז אים געהאַנגען די ביקס. האָט עפּעס אַ באַלעקע געטאָן מיט דער צונג, ווי ער וואָלט נאָר־וואָס געענדיקט עסן און גוטמוטיק אַ זאָג געטאָן מיט אַ הייזעריק־קלאָר קול:

— עהע, „נאַוויטשקי".

— נאַ, נעם זיי צו — האָט געזאָגט דער מיטן „נאַגאַן", אויסגע־צויגן די האַנט און געשאָקלט מיט אַן אויסגעשטרעקטן פינגער:

— איינער, צוויי, דריי.

— „לאַדנאַ!" — האָט דער זעלנער געענטפערט צופרידן און געטריי.

וועקסלער האָט דערביי שטיל אָפּגעזיפצט און טורמאַן איז אַריין דער ערשטער אין דער גרויסער, לאַנגער קעלער־שטוב, וואָס האָט געדרימלט אין

האַלב־טונקל. ערגעץ האָט אַ רויט פּייערל געבערענט און פון דער צעמענטענער פּאַדלאָגע האָבן די טריט ביינערדיק אָפּגעהילכט.

משהל איז געבליבן שטיין נעבן אַ וואַנט, נישט געוואוסט וואו ער איז און גאַרנישט געזען אַרום זיך. דאָס צימער איז געווען טיף און עס האָט זיך געפילט אַ ריח פון פייכטער ערד. ער האָט נאָך אַלץ גאַרנישט ניט געטראַכט. אין האַרץ האָט זיך פאַרגליווערט האַרטקייט, האָט אויסגעפילט דעם גאַנצן חלל דאָרט און געשטראַמט פון זיך פייניקדיקן טרויער און יחוסדיקייט. אין קאָפּ האָט זיך גענומען פלאָנטערן אַן אַנגענעם־פינצטערע מחשבה, וואָס הייבט אויף העכער פון דעם ביז אהעריקן. האָט ער זיך גענומען פילן געלייטערטער און דערפילט, אַז דאָס אומגעלומפּערטע לעבן זינקט אַלץ נידעריקער און נידעריקער אונטער זיינע פיס.

— שוין . . . זיך אויסגעשפּילט!

דאָס קול איז געקומען אין שוואַרצן געהילט און ער האָט דערזען נעבן זיך אַ באַקאַנט בלייך פּנים, איין ווײַלע געקוקט מיט וואונדער, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט עפּעס דערמאַנען. דערנאָך ברייטער געעפנט די אויגן און געזען ווי וועקסלער שטייט אינגאַנצן אָן כחות . . . האָט ער גאַרנישט געענטפערט און נאָר אַ טראַכט געטאָן:

„הייסט עס, אַז אויך וועקסלער איז אויסגעשפּילט . . . געווען אַ לערער און גאַרנישט. האָט זיך אים פאַרגלוסט . . ."

ער האָט נישט דערטראַכט. פרעמדן ווייטיק האָט ער דערפילט: דאָס האָט ער דאָך אַליין אים אַריינגעצויגן אין דעם עסק . . . דאָס האָט ער דאָך אים געשיקט איינהאַנדלען . . .

איצט האָט ער דערזען ווי אין צימער געפינען זיך אַ סך מענטשן.

דאָס לעמפּל דאָרט אין ווינקל ברענט העלער און די מענטשן זיינען דווקא רואיק און שטיל. דערזען ווי טורמאַן איז שוין דאָרט היימיש מיט אַלע, שפּאַנט פון איינעם צום אַנדערן, און אָט רייסט ער זיך אָפּ מיט נאָך איינעם, בלייבן זיי שטייען אָן אַ זייט, מען שושקעט זיך און מען וואונדערט זיך . . .

איז אים מיט אַמאָל צוריק רואיק געוואָרן אין האַרצן. ער האָט איצט דערפילט מידקייט און אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין:

— אויך דאָס אייגענע: ערגער ווי שלעכט קען דאָך נישט זיין . . .

דערווייל איז אַריינגעקומען דער „גאַדזיראַטל", אַ בלאָנדער גוי מיט אַ גוטמוטיק פאַרטאָן פּנים. די ברוינע בלוזקע איז אים געווען צעשפּילעט ביים האַלדז און די אונטערשטע העלפט האַלדז איז געווען העלער. די האָר אויפן קאָפּ זיינען געווען אביסל צעשויבערט. האָט ער זיך אוועקגעשטעלט אין מיטן צימער מיט ברייט־צעשטעלטע שטיוול, האָט זיך אַרומגעקוקט מיט בעל הבתישער פאַרנומענקייט און געזאָגט:

— העי, טאָווארישטשי! און שלאָפן וועט איר דאך אויך וועלן. קומט־זשע אויפן הויף ארוים נאך שעניקעס.

עס איז געוואָרן א רעש און א טומל, ווי מען וואָלט זיך אויסגעפּאקט נאָך א שווערער נסיעה. טורמאַן האָט פארגעסן אָן אלעם און געוואָרן פאר־נומען מיט דעם נאכטלעגער. האָט ער געשלעפּט צוויי שעניקעס און עס איז געווען משונה צו קוקן אויף זיין שווארצן קאָסטיום, וואָס האָט אויף זיך געשלעפּט די גרויע שעניקעס. משהל האָט שווער געסאָפּעט און דער הארטער הוט זיינער האָט זיך געבויגן צום אראָפּפאלן. דער זעלנער, וואָס ביים טיר, וועלכער איז נישט לאנג צוריקגעקומען פון פראנצייזישער געפאנגשאַפט, האָט אלץ גוטהארציק־צופרידן געפלאָפּלט און א זאג געטאָן מיט דעם הייזעריק־קלאָרן קול:

— „עי, גאָלובטשיק!"

און האָט דעם שווארצן הוט גלייכגעזעצט אויף יענעמס קאָפּ.

ווען טורמאַן האָט זיך דורכגעפּאקט מיט זיינע צוויי שעניקעס, האָט דער זעלנער געקוואָלן:

— „זדאָראָוואָ".

וועקסלער איז אויסגעקומען דער לעצטער. ער האָט אנגענומען דעם שעניק און האָט אלץ נישט פארשטאנען, צו וואָס מען דארף דאס נאך, האָט אלץ געציטערט און דעם שעניק שווער געשלעפּט. האָט דער זעלנער געגעבן א זאָג:

— עי, ביסט דאך גאר א שוואַבינקער!

האָט זיך איינגעבויגן, אנגענומען דעם שעניק פון דער צווייטער זייט, אונטערגעהויבן און איבערגעחזרט:

— „סלאַבינקי".

משהל האָט עס דערהערט. האָט ער זיך אויסגעדרייט צו וועקסלערן, צונויפגעצויגן די הויטן ארום די קורצזיכטיקע אויגן און אליין נישט געוואוסט נאך וואס ער קוקט אזוי אויף אים. נאר געפילט האָט ער מאדנע ווארעם געפיל צו אט דעם וועקסלערן.

אין צימער איז געוואָרן פרייליכע לעבעדיקייט. מען האָט גערעשט און געמאכט די געלעגערס. טורמאַן האָט ארויפגעלייגט איין שעניק אויפן אנדערן, האָט זיי אויפגעקלאַפּט, אפּגערוקט פון וואנט און דער „נאדזיראַטעל" האָט געזאָגט:

— נאר היינט אזוי . . . אין די קאמערן זיינען בעטלעך פאראן . . . גוטע אייזערנע בעטלעך . . . די אמתע בעטן . . .

די שטימען זיינען געוואָרן העלער, קלאָרער, און מענטשען — רירעוור־דיקער, אויפגעלייגטער, ווי מען וואָלט אהער געקומען זיך איינארדנען.

האָט דער נאַדזיראַטל גענומען אַ שעניק, צונויפגעוויקלט ווי אַ וואָל, זיך אוועקגעזעצט אויף אים מיט ברייט־צעשטעלטע פיס, האָט פאַרדרייכערט אַ דיקן פּאַפּיראָס אין אַ לאַנג ציגאַר־שפּיצל און אָנגעהויבן דערציילן פון אַמאָליקע צייטן, פון „צאַרסקי רעזשים", פון פּאָלק, וואו ער איז געווען פעלדפעבל.

— עך „מאַטושקאַ", האָט מען דאָרט געטריבן, אַז די קישקעס זיינען שיער אַרויסגעפאַלן . . . „ביעגאָם אי ביעגאָם". און אַ ליאַדע זאַך — אהאַ! פּעטש! הייסע, פייערדיקע, און נאָך דעם — אפילו אַ סטאַרשע — „הויפּטוואַכטע": זיץ, ברודערקע, און קוועטש די נאַרע אַ צוויי וואָכן. און פאַר יעדער נאַרישקייט, אַ ליאַדע וואָס — באַלד אַריינגעצימבלט . . .

און ער האָט זיך צעשמייכלט.

— ביי גאָט, ס'איז געווען ערגער! אַבער גאָר ערגער! . . . היינט „פּאַ־קריינעמיערע" קען מען כאָטש אַ וואָרט פרעגן: פאַר וואָס? ענטפערט מען: פאַר דעם און דעם . . .

איז מען געשטאַנען אַרום אים, האָט מען צוגעשמייכלט. געמיטליכקייט האָט פון אים געשלאָגן. האָבן אַלע געטראַכט: אַ וואוילער חברה־מאַן! . . . איינער האָט ביי אים גענומען דאָס זעקעלע טיטון און זיך אַ פּאַפּיראָס פאַר־דרייט. דערווייל האָט זיך פון דער ברייטער פּאָליצע, וואָס איז געווען אויף דער וואַנט, אַראָפּגעלאָזט אַ פּאָר שטיוול מיט פיס. איינער האָט זיך דאָרט אויפגעזעצט, זיך געריבן די אויגן און אַזוי געבליבן זיצן אַנטקעגן שיין פון לעמפּל. משהל האָט באַמערקט, אַז דאָס איז אַ מיליציאָנער, און איינער האָט אַ זאָג געטאָן:

— נאַ דיר, אָט איז ער דאָך אויך דאָ . . .

האָט דער נאַדזיראַטל געקוקט, געקוקט און אַ זאָג געטאָן:

— אהאַ . . . מסתם אין „לאַפּקע" געכאַפּט . . . האַ?

האָט יענער גאָר פּלוצלינג דורכגעזייט אַ קללה דורך די ציין און נישט געענטפערט.

— העי, דו, — האָט דער „נאַדזיראַטל" אויפגעהויבן דעם קאָפּ — שטיי אויף און גיי שלאָפן . . . דער וואָס שילט זיך פאַרן שלאָף, טאַנצט ביינאַכט מיט שדים . . .

האָט זיך צעלאַכט:

— מיט רוחות וועסטו האָבן צו טאָן . . .

און פון דעם געלעכטערל, וואָס האָט זיך דורכגעקוילערט איבערן צימער, זיינען אַלע געוואָרן ערנסט און צעטומלט. געפּרעסטע שטילקייט איז געוואָרן.

ערשט איצט איז משהלען אַלץ קלאָר געוואָרן. איצט, האָט ער גע־

דיענקט, אַז מען האָט אים געכאַפּט מיט וואַליוטע, און פּאַר וואַליוטע . . . ווער ווייסט עס נישט וואָס מען טוט דערפאַר . . . האָט ער זיך אָפּגעקערט פון אַלע איבעריקע און אנגעהויבן שפּאַנען הין און צוריק מיט שטילע געלאַסענע טריט. האָט זיך באַמיט זיינע טריט זאָלן זיך וואָס ווייניקער הערן און נישט ער האָט זיך געשראָקן, נאָר עפּעס האָט ער זיך איינגעעקשנט, געוואָלט דערגרונטעווען און פאַרשטיין פון וואַנען דאָס קומט, וואָס ער האָט זיך מפקיר געווען און פאַרוואָס עס אַרט אים נישט. האָט ער זיך מיט אַמאָל דערמאַנט אָן פאַניען, אָן דער הויכער בלאָנדער פאַניע, וואָס איז מכלומרשט זיין ווייב, לעבט מיט אים אין איין שטוב, האָבן צוזאַמען אַ טאָכטער — און ביידע האָבן זיך שוין יאָרן לאַנג פיינט. זי פירט זיך אַ באַזונדער לעבן און ער — ער פירט גאָר קיין לעבן נישט . . .האָט זיך דערמאָנט אָן סטודענט לינעצקי, וואָס איז שוין אַ צייט איר „ליובאָווניק" — מיט אַ באַזונדער הנאה האָט ער איצט געהאַלטן דאָס וואָרט אין קאָפּ — איז וואָס־זשע איז דער חידוש, אַז מען ווערט אַ הפקר־מענטש? וואָרעם:

ס׳מוז דאָך אַמאָל אַ סוף נעמען! . . .

און דאָ האָט ער זיך מיטאַמאָל דערמאָנט אָן חוהטשען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און דערזען דאָס בלייכע פּנימל פון זיין עלף־יאַריקער טאָכטער. האָט ער דערפילט גרויס גאַרונג אַ גלעט צו טאָן איר קעפּל. איצט האָט ער זיך דערמאַנט, ווי זי האָט עס אים אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענטלעך אַרום האַלדז און ביטער געוויינט:

— כ׳וויל נישט זאָלסט גיין! . . . גיי נישט טאַטע! . . .

האָט איצט ווידער געפילט די הענטלעך אירע אַרום האַלדז און עס האָט אין אים שטאַרק אַ ציטער געטאָן. האָט ער פאַרמאַכט די אויגן. זיך צוגעטוליעט אין ווינקל צו דער קילער וואַנט. פייכטקייט האָט זיך אין די אויגן אַריינגעגאָסן און ס׳האָט אים דורכגעגרוילט דאָס גאַנצע לייב:

— מער וועל איך זי נישט זען . . .

און געפילט אַז דער גרויל גייט נישט איבער, נאָר גליווערט איין אין זיין לייב און אין קאָפּ . . .

ב.

. . . העלע פינצטערניש. געדיכטע שוואַרצקייט. נאָר משהל זעט אַלץ. אין דער ערשטער שטוב איז קיינער נישטאָ, נאָר פון אַלע ווענט גיסט זיך געלעכטער. רינט דאָס געלעכטער ווי שטראָמען וואַסער. אין האַרצן דרייט

זיך עפּעס אַזוי פֿלינק און עס רוישט ווי אַ מיל. פֿון צווייטן צימער שיינט אַריין ליכטיקייט און עס שלאָגן שרייענדיקע קלעפּ פֿון אַ זייגער:

— ביסט קראַנק! . . . ביסט אַלט! . . . משהל ליפּשיץ איז אַלט . . . איך בין יונג! . . . איך האָב ליב . . .

דאָס געלעכטער, וואָס רינט פֿון די ווענט, ווערט רעשיקער, גיסט זיך צונויף אין איין מענער־שטים — דאָס לאַכט לינעצקי פֿון די ווענט אַרויס . . .

די וואַנט איז מיטאַמאָל דורכזיכטיק געוואָרן. זאָל זי זיצן מיט אים . . . משהל נעמט אַוועק די אויגן, נאָר ער זעט פֿאָרט, ווי ווייס־ראָז עס בלאַנקט און זינגט איר גוף. אירע הענט לייכטן און וויקלען לינעצקיס האַלדז, ווי זי בייגט זיך און דרייט זיך אַרום אים און ער שמייכלט . . .

שפּאַנט זי דורך איבער דער ע„שטער שטוב מיט ווייסע הענט און צעלאָזטע ליכטיקע האָר. וויגט זיך איר איבערשטער טייל גוף אַזוי פֿויל אויף די לענדן . . . קאַרטשעט זיך משהל און פֿילט, אַז ער וואַקסט אַראָפּ, נידע־ריקער, נידעריקער. ער איז שוין ביי דער ערד. קוקט ער אַרויף צו איר און זי איז אַזוי הויך און שטאָלץ.

— לינעצקי . . . זע ווי דאָס קוקט . . .

און דאָס געלעכטער צעשאַלט.

ס'אַרא גרינע פֿאַסן עס גיסן זיך פֿון אירע אויגן. משהל וויל עפּעס זאָגן. ער ווייסט שוין וואָס צו זאָגן, נאָר די צונג אין מויל איז צוגעוואַקסן, טרויעריק שטייען חוהטשעס אויגן און גלאַנצן אין נאַסקייט.

— ניין חוהטשע, וועסט קיין לעבעדיקע יתומה נישט זיין . . .

לייגט ער אַוועק דעם קאָפּ אויף חוהטשעס אַקסל. אַרום איז אַזאַ געדיכטער רויש און ער איז הויל — אין גאַנצן אויסגעהוילט . . .

— פּאַפּענקאַ . . . פּאַפּענקאַ . . .

צעשמייכלט זיך עס אין אים. שמייכלט עס אַזוי זיס. נאָר צוויי מיילער לאַכן.

אַך ווי זיי לאַכן . . .אָט ווינקט דער הוק פֿון סטעליע, ווינקט מיט אַזעלכע גרינע אייגעלעך. שטעקט אַרויס אַ רויט צינגל, רופֿט אים:

— קום צו מיר . . .

— פּאַפּענקאַ . . . פּאַפּענקאַ . . .

ציט ער צענויף די הויטן אַרום די אויגן. זעט ער זאַלקינס דיקע ליפּן פֿאַרפּרעסט און מיט די פֿינגער ציילט ער אים די וואַליוטע־פּאַפּירלעך.

— זע, זיי שטעקן דאָך אַרויס פֿון די קעשענעס . . .

שטופּט ער זיי אַריין, שטופּט זיי, נאָר זיי קריכן צוריק אַרויס.

— זאָלן זיי קריכן! . . . אַלץ איינס . . . אַלץ איינס . . . .

אַהאַ! ער האָט זיך געריכט אויף דעם. אָט שטייט ער, דער טשעקיסט.

דער רעוואָלווער האַלט אָפּן דאָס מויל. קוקט שטייף פון לינעצקים האַנט:
— „רוקי ווערך!"
דער הוק צעגיסט זיך מיט גרין געלעכטערל און דער זייגער פון פּאַניעס שלאָף־צימער שלאָגט טרויעריק:
— משהל ליפשיץ! דו ביסט אַלט!
— פּאַפּענקאַ . . . פּאַפּענקאַ . . .
די קליינע חוהטשע שטיקט זיין האַלדז מיט אירע הענטלעך, וואָס האָבן זיך ארומגעקלעפּט.

— — — — — — — — — — — — — — —

ער האָט דערהערט אַן אָכץ און מיט גוואַלדיקער אַנשטרענגונג די אויגן אויפגעריסן. דאָס האַרץ אין אים האָט משונה געקלאַפּט, ווי עפּעס אַ באַזונדער זאַך וואָלט דאָרט געשלאָגן אין ווענטל פון זיין ברוסט און וויל זיך דווקא ארויסרייסן. האָט ער געגעבן אַ קוק צו דער סטעליע, וואָס איז געלעגן אַ גרויע און פאַרבליפּטע. מיט איין ציטער זיך געגעבן אַ זעץ־אויף און דערזען: נעבן אים, אויפן שעניק, איז געזעסן וועקסלער און זיך פאַרגאַנגען אין אַ העשעדיק געוויין. האָט ער געהעשעט שווער און גיך, געהאַלטן פאַרשטעלט דאָס פּנים און די אַקסלען זיינע האָבן זיך באַוועגט ארויף און אַראָפּ.

האָט משהל פאַרגעסן צו טראַכטן וועגן דעם, וואָס אים האָט נאָר־וואָס זיך געחלומט, אָדער ער האָט עס געטראַכט מיט פאַרמאַכטע אויגן. האָט מיט אַמאָל באַקומען אַ פול האַרץ ווייכקייט, זיך דערביי דערמאָנט, ווי וועקסלער האָט שווער געסאָפּעט שלעפּנדיק דעם שעניק און ווי דער זעלנער האָט געזאָגט:
— „סלאַבינקי".
האָט זיך דערמאָנט, אַז אייגנטלעך איז ער אליין שולדיק אין וועקסלערן. האָט ער באַקומען גרויס רחמנות אויף אים:
— וועקסלער . . . וועקסלער . . . וואָס־זשע טוט זיך מיט אייך?
האָבן יענעמס אַקסלען זיך באַרואיקט, האָט ער צוגענומען די הענט פון פּנים און דאָס פּנים איז איצט, ביי דער שיין פון לעמפּל, געווען אַזוי קליין, אויסגעצויגן, קינדיש, די אויגן — גרויס, פול מיט געבעט און בענקשאַפט.
— וואָס איז מיט אייך, וועקסלער?
האָט יענער אויסגעשטעלט אויף אים די געבעט־אויגן און משהל האָט אין זיי דערזען גרויסן צער, וואָס האָט אים געמאַכט פאַרגעסן אין זיך אליין. און נישט בלויז אַ צער, נאָר אַ גוואַלדיק טיפע בענקשאַפט, וואָס האָט געגרוילט מיט ווינטערדיקן שטילן אוונט. מיט אַמאָל האָט יענער אויסגעצויגן

די הענט און מיט זיי אנגעכאַפּט משהלס האַנט:

— איך האָב קיין כוח נישט איבערצוטראָגן . . . כ׳גיי אויס פון בענק־שאַפט . . . דאָס האַרץ פּלאַצט דערמאָנענדיק זיך אָן איר . . .

און אויסגעזען האָט וועקסלער מיטן אָפענעם מויל, ווי ער וואָלט זיך געטרונקען און קען דעם אָטעם שוין ניט כאַפּן.

און משהל האָט געקוקט און שטאַרק געקניימשט דעם שטערן מיט גרויס וואונדער. ס׳וואָלט אים גאָר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז אָט דער וועקס־לער, וואָס איז זיך שטענדיק געווען אַ העברייאישער לערער און ביז דער לעצטער צייט אַ תּלמיד פון העברייאישן לערער־סעמינאַר, אַז אָט ער האָט שוין אַ ווייב און אַז אינגיכן דאַרף ער אַ טאַטע ווערן.

— אַזוי גאָר? האָט איר שוין גאָר אַ ווייב? שוין חתונה געהאַט? האַ?

משהל האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין: אַזוי, הייסט עס אַ ווייב . . . אָט פאַרוואָס ער האָט זיך איינגעשטעלט . . . און אַליין נישט געוואוסט נאָך וואָס ער פרעגט עס:

— ווי־זשע הייסט זי?

— דינה הייסט זי, דינהלע . . .

האָט אוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף משהלס אַקסל און זיך צעוויינט ווי אַ קראַנק הילפלאָז קינד, זייענדיק דאָס געוויין דורך די ציין.

— און איז אויף דער צייט . . .

ס׳איז אין דער שטילקייט איינגעזאַפּט געוואָרן דאָס שטילע געוויין. משהל האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אָן זיך און מיט האַרץ־ווייטיק געקוקט אויף וועקסלערן, ווי ער וואָלט געווען זיינס אַן איינציקער פעטער . . . דער ריח פון זיין חלום האָט זיך צוריקגעקערט און משהל האָט גאַנץ רואיק געטראַכט, אַז אַזוי האָט זיך עס געמוזט ענדיקן. וואָרעם ווי לאַנג קען זיך אַ מענטש אַזוי פּייניקן . . . און וואָס מער ער האָט געפילט זיין אייגענעם גורל אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן זיין רחמנות צו וועקסלערן: ער האָט געשפּירט פיזישן ווייטיק קוקנדיק אויף דעם בלייכן פּנים, וואָס איז קרענקלעך געווען צו אים צוגעשפּאַרט.

די קאַמער אין אַלץ אַזוי געווען איינגעדעקט אין געדיכטער טונקלקייט, וואָס אָטעמט מיט גרויס אָפן מויל פון די ווינקלען אַרויס. מענטשן האָבן געבראָכעט מיט הויכע און שטילערע כראָפּערייען ליגנדיק מיט קעפּ צו ברוסטן געבויגן. משהל האָט געזען, ווי דאָרט, אין ווינקל, ליגט טורמאַן מיט זיין קיילעכדיקן גוף און שוואַרצן אַנצוג. ליגט אויף די צוויי שעניקעס און דערפאַר העכער פון אַלע. וואָרפט ער זיך דאָרט און קערט זיך מיט אומגעדולד — אָט האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים אַרויף, צעוואָרפנ־

דיק ביידע הענט אין די זייטן.

פון דער פּאַליצע אַראָפּ האָט זיך אַראָפּגעקוליעט אַ הייזעריקע בייזקייט.

— אין זייער מאַמען אַריין . . .

דאָס איז ווידער דער מיליציאַנער געזעסן מיט אַראָפּגעהאַנגענע שטיוול. האָט משהל ווידער אַרויפגעקוקט ווי ער וואָלט געוועןטשיקאַווע צו זען וואָס דער מיליציאַנער טוט דאָרט. יענער האָט צוריק אַרויפגענומען די שטיוול, האָט זיך דאָרט אויסגעצויגן אויף דער פּליצע, די קניען אויפגעשטעלט ווי קראַקוועס און עס האָט זיך דערהערט אַ שפּיי, וואָס האָט אין סטעליע נאָס אָנגעשלאָגן.

דערוויל האָט זיך געעפנט די טיר. אַ וואָרט האָט זיך געהערט, און מיט גיכע טריט איז אַריין אַ קליין, רירעוודיק יידל, זיך אָפּגעשטעלט מיט אַ פּעקעלע צונויפגעוויקלט אין פּאַפּירן, און זיך גענומען דערנענטערן. ס'איז אויסגעקומען, אַז די פינצטערע גאַס האָט אים אַהער אַריינגעשפּיגן. זיין פּנים איז געווען צעחושט, אָפּן און שטיל. דערזען צוויי מענטשן זיצן אויף די שעניקעס איז ער צוגעקומען אָפּענהאַרציק און צוגעלאָזט, מיט יידישער פּשוטקייט און נאָענטקייט אין אַן עת־צרה. האָט ער זיך איינגעבויגן און גענומען ריידן שטיל און איינגעהאַלטן, נישט וועקנדיק קיינעם מיט זיין שטים.

—וויים איך וואָס זיי ווילן? גאָר נישט . . . כ'בין אַ פּוילישער . . . האָט מען אַרעסטירט די פּוילישע . . . כ'וויים פאַר וואָס? עפּעס איבער דער מעשה מיט זייער מלחמה . . . האָט מען מיך אויך געזוכט אין דער היים, בין איך נישט געווען. האָט מען דערוויל פאַרנומען מיינע זאַכן . . . האָט מען אָנגעזאָגט אַז איך זאָל זיך „יאַווען". וואָס־זשע האָב איך מורא צו האָבן? האַ? נישט אַזוי? בין איך געקומען . . .

— אינמיטן דער נאַכט?

משהל האָט זיך אַזוי געפרעגט מיט אַזאַ פאַראינטערעסירונג, ווי ער וואָלט אַהער געקומען נאָר צוליב דעם, כדי אויסצוהערן, ווי מענטשן קלאָגן זיך פאַר אים, און אין זיך האָט ער געהאַט אַזאַ יחוסדיק פאַרעקשנט געפיל: מילא, מיט מיר איז עפּעס אַנדערש . . . איך . . . איך האָב עס אויף זיך אַליין גענומען . . .

— ניין, געקומען בין איך אין אוונט, אַרום ניין. האָבן זיי אַליין נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט מיר . . .בין איך דאָרט געזעסן . . . געזעסן און געוואַרט . . . ביז ס'איז אַריינגעקומען עפּעס איינער, ווי רופט מען אים דאָרט.

— אַליין געקומען? — האָט וועקסלער איבערגעפרעגט. עס איז אים איצט לייכטער געווען נאָכן וויינען.

— צו וואָס האָט איר געדאַרפט נאָך אַליין קומען? — האָט משהל

געפּרעגט.

— וואָס־זשע? איך האָב געדאַרפט וואַרטן ביז מען וועט ווידער קומען נאָך מיר? . . . וואָס האָב איך דאָ מורא צו האָבן? . . . די זאַכן מיינע זיינען מיר אויך אַ שאָד.

האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך זיך אַראָפּגעבויגן און סודותדיק גע־פּרעגט דווקא ביי משהלען:

— און ווי מיינט איר, זיי וועלן מיר צוריקגעבן די זאַכן? כ'האָב דאָרט געהאַט אַביסל גרינע טויזנטער, כ'האָב זיך געגרייט אַהיים צו פאָרן קיין פוילן . . . אַ פּוילישער בירגער . . .

האָט וועקסלער אַפּגעזיפצט און משהל האָט אים דווקא שטאַרק אויס־געהערט מיט מבינות. יענער האָט אַלץ אַזוי רואיק־צעשראָקן און גוטמוטיק־צוגעלאָזט גערעדט:

— זיי ליגן שוין ביי מיר פון לאַנג . . . כ'האָב איינגעקאַסירט פאַר דעם געשעפט, וואָס איך האָב פאַרטראָטן. דערווייל בין איך דאָ געבליבן מיטן געלט . . . פאָרן קיין קראָקע איז שוין ניט מעגלעך געווען. מילא, האָב איך זיי געדאַרפט אַרויסוואַרפן? ליגן זיי. כ'בין דאָך עפּעס אַ פּוילישער ביר־גער . . . איך קען דאָס אַלץ באַווייזן מיט פּאַפּירן. ווי זשע מיינט איר? וועלן זיי עס צונעמען?

— כ'רעכן אַז נישט. — האָט משהל געזאָגט, און אים איז גוט געווען פון דעם, וואָס ער זאָגט, אַז נישט.

— אמת, נישט? איך האָב אויך אַזוי גערעכנט. אָבער ווען איך קום נישט, וואָלטן זיי געמיינט, אַז איך באַהאַלט זיך, אַז גאָט ווייסט ווער אַזוינס איך בין . . . בין איך געקומען. נישט אמת?

אַט אַזוי ריידנדיק האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויף משהלס שעניק האָט צעוויקלט דאָס פּעקל און עס האָט זיך באַוויזן אַ ברויט, פּוטער, קעז, אַ טעפּעלע און אַ לעפעלע. ער האָט דערביי געשמייכלט:

— אַלץ איינס גיי איך שוין, האָב איך מיטגענומען. מען מוז דאָך עפּעס עסן אויך. אפשר זייט איר הונגעריק, ביטע, נעמט.

האָט גלייך אַרויסגענומען אַ מעסערל און גענומען שניידן דאָס ברויט און שמירן מיט פּוטער.

— נעמט . . . עסט . . .

משהל האָט זיך איצט דערמאָנט, אַז וועקסלער האָט נאָך גאַרנישט אין מויל געהאַט פון נעכטן בייטאָג אָן. מאָדנע: זיך אַליין האָט ער נישט אין זינען געהאַט. אים איז אויסגעקומען, אַז ער איז מחויב צו זאָרגן פאַר וועקסלערן . . .

— נו, וואָס־זשע זיצט איר? — האָט יענער געפּרעגט.

— נעמט טאַקע, וועקסלער — האָט שוין משהל געזאָגט.

דורך די קליינע פענצטערלעך, וואָס זיינען ווי לײדיקע — מיט גראַטעס פאַרשלאָגענע — קעסטלעך געשטאַנען אין דער הייך, האָט זיך אַנגעהויבן אַריינגיסן קילע פרימאָרגן בלייכקייט. אַ משונה קול האָט טעמפּ און הויל אַ רוף געטאָן פון ערגעץ. משהל האָט געזען, ווי וועקסלער איז פלוצלונג געבליבן פאַרגליווערט און אויפגעהערט עסן, האָט ער שטיל אַפּגעזיפצט און זיך שוין אינגאַנצן אויפגעשטעלט.

דערווייל איז געוואָרן אַ קרעכצעריי. ס׳איז אַריין אַ בלוליכע העלקייט און פרישקייט, האָט מען זיך אָנגעהויבן אויפזעצן, ציהען זיך און גאַפּען מיט די אויגן. באַלד האָט זיך אויפגעהויבן שטילער גערויש. משהל האָט אוועקגעשפּאַנט אין ווינקל, אַ ווייטע געשטאַנען און מיט עקשנות טרויעריק געטראַכט וועגן דעם, וואָס ער האָט געזען אין חלום. געטראַכט, אַז פאַניע שלאָפט איצט גאַנץ רואיק און חלומט פון איר „ליובאַווניק״. שוין . . . וואָס האָט מען זיך שוין איצט צו היטן . . . האָט זיך דאָס עקשנות אויפגעהויבן, מוח און האַרץ פאַרגאָסן.

— מילא, אַ סוף זאָל עס נעמען.

און דווקא אָן כעס געטראַכט:

— איינער מוז דאָך ווען עס איז אַפּטרעטן . . . אויף וואָס דען זיצט מען יאָרן אין שטוב, מען האָט זיך פיינט און מע וואַרט? . . . מילא, האָב איך זיך דערוואַרט . . .

פון גרויס פאַרביסנקייט האָט ער אפילו פאַרגעסן אָן חוהטשען, צוליב וועלכער ער האָט זיך שטענדיק געפּייניקט און ניט געוואָלט קומען צו קיין „ליטיש געלעכטער״, און פאַרשטאַנען, אַז אַזוי האָט עס געמוזט זיין. דערפאַר טאַקע האָט ער זיך געלאָזט אויף הפקר צו האַנדלען מיט וואַליוטע און זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן. אָבער, וואָס האָט ער געהאַט צו וועקסלערן? האָ? פאַרוואָס האָט ער אים אַריינגעצויגן אין דעם איינשטעלעניש?

ער האָט פון ווייטן געקוקט אויף וועקסלערן, זיך דערמאַנט, אַז ער האָט שוין אַ ווייב אוןביידע האָבן זיך שטאַרק ליב, האָט ער שטאַרק רחמנות געקראָגן אויף אים.

„וואָס איז ער נעבעך שולדיק? און זיין ווייבל וואָס איז שולדיק?״

פּונקט ווי דאָס וואָלט געהאַט אַ שייכות מיט דעם וואָס ער אַליין „האָט סיי ווי סיי ניט געהאַט וואָס אָנצואָווערן״.

ביי די שעניקעס האָט איצט שוין געראַשט. טורמאַן איז שוין געשטאַנען אויף די קניען און געשניטן דעם פרעמדענס ברויט. ער האָט עס געטאָן גיך, אין איין אָטעם, ווי ער וואָלט זיך געאיילט אַפּצועסן. וואָרעם דערנאָך וועט ער זיין שטאַרק פאַרנומען. דאָס יידל האָט געהאַט עטוואָס גערויטלטע

בעקלעך און פעטע גלאַנציקע ליפּן, האָט ער גוטמוטיק געקוקט ווי טורמאַן שניידט און שמירט און הנאה געהאַט פון דעם, וואָס נאָך אַ ייד עסט. וועקסלער אָבער איז שוין געשטאַנען נעבן וואַנט אונטערן פענצטערל, קני צו קני געדריקט, און שטאַרק מיד געשוויגן.

דער „נאַדזיראַטל" איז אַריינגעקומען:

— וואַשן זיך! ווער עס וויל — זאָל גיין אויפן הויף!

— — — — — — — — — — — — —

דעם גאַנצן טאָג און אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין האָט משהל ליפּשיץ קיין איין וואָרט נישט אַרויסגעבראַכט פון זיין מויל. ער איז געזעסן אויפן שמאָלן בענקל, וואָס איז געשטאַנען ביים וואַנט, און שוואַרצער טרויער האָט זיך געגאָסן איבערן גאַנצן לייב. ער האָט לחלוטין נישט געדענקט אין דער וואַליוטע, מיט וועלכער ער האָט געהאַנדלט און ביי וועלכער מען האָט אים געכאַפּט. ער האָט, מיט גרויס רחמנות צו זיך, געקוקט טיפער אין זיינע אָפּגעלעבטע יאָרן און געוואוסט, אַז זיין סוף ציט זיך פון דאָרט . . . ער האָט אַ סך געטראַכט פון חוהטשען, וואָס איז שוין אַ יתומה. . .און אַז ער וועט זי שוין קיינמאָל ניט זען. אָנגעהויבן גלייבן מיט וויכקייט אין האַרצן, אַז ס'איז מן הסתם אַזוי באַשערט . . . ער איז געזונקען אין תהום פון פאַרגאַנגענע פינצטערע נעכט, פּוסטע טעג, און האָט הנאה געהאַט פון זיין פּיין. אַ פּאָר מאָל נאָר האָט דער וויטיק זיין גאַנץ לייב דורכגעשניטן און עס זיינען אויפגעגאַנגען ווייסע בלאָמען פאַר די אויגן. דערנאָך אָבער, איז אין אים געוואָרן ליידיק, אויסגעטריקנט און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַריינגיסן אין האַרץ די לייכטקייט און רואיקייט פון אויסגאַנג.

— ס'האָט דאָך געמוזט אַמאָל אַ סוף נעמען . . .

מיט אַמאָל האָט ער זיך ביינאַכט אויפגעשטעלט, האָט זיך אַרומגעקוקט און געזען, אַז אַלע ליגן שוין אויף זייערע שעניקעס, האָט דערפילט אין זיך דערהויבנקייט פון אַ מענטשן, וואָס האָט שוין ניט קיין שום חשבונות מיט דער וועלט. האָט זיך ווידער אַרומגעקוקט און דערזען ווי וועקסלער זיצט אויף זיין שעניק, דעם קאָפּ צווישן ביידע הענט, און וויגט זיך אין כחות. איז ער מיט שטילע טריט צו אים צוגעגאַנגען, זיך צוגעבויגן, און זיין שטים איז איצט געווען גאָר אַן אַנדערע:

— זאָרגט ניט, וועקסלער . . . נישקשה . . . גאָט וועט העלפן . . .

וועקסלער האָט אַרויסגענומען דעם קאָפּ פון צווישן די הענט, האָט מיט וואונדער געקוקט אויף משהלס פּנים, וואָס איז איצט געווען ווייכער, שיינערדיקער און היימישער, האָט ער באַקומען צעגלאַנצטע אויגן און לייכטער אָפּגעזיפצט.

— און וואָס באמת זייט איר שולדיק? מילא, איך . . . מיר איז שוין

אזוי באַשערט געווען . . . אבער איר? שטענדיק געווען אַ לערער . . . האָט זיך געטראָפן איין מאָל, צוויי מאָל. איז בכן?

— איר ווייסט דאך . . . — האָט וועקסלער געזאָגט מיט אַ ווייַנענדיק קול, דערפילנדיק וואָרעמע טרייסט.

און משהל האָט זיך דערמאַנט צו דאַוונען מעריב. האָט ער אָפּגעזוכט אַביסל וואַסער, זיך די הענט געוואַשן און זיך געשטעלט דאַוונען. איז ער שוין געשטאַנען לחלוטין רואיק, צופּיעסטעט, האָט כסדר געטראַכט פון דעם, וואָס וועקסלער איז דאָ „גאָט די נשמה שולדיק", און האָט אַ ווייבל, וואָס איז אויף דער צייט. און ס'איז געווען נישט צו פאַרשטיין: וואָרעמע גוטסקייט האָט ער געהאַט צו אַט דעם ווייבל, און ס'איז אים גוט געווען פון דעם.

ער האָט געדאַוונט שטיל, געהאַט גרויס הנאה פון דעם דאַוונען און געוואוסט אַז ער וועט עפּעס טאָן פאַר וועקסלערן. וואָס אַזוינס? ער האָט פון דעם ניט געטראַכט, נאָר אין אים איז געווען די זיכערקייט אַז עפּעס וועט ער פאַר אים טאָן. דאָס האָט אים באַרואיקט און דערהויבן . . .

ג.

די נאַכט איז משהל ליפשיץ געשלאָפן, און אינדערפרי איז ער אויפגעשטאַנען אַ שטילער, אַ רואיקער, נאָר מיט פאַרזאָרגטקייט אויפן פּנים. וועקסלער איז אויך רואיקער געווען. האָט ער געהאַט אַ פּנים ווי נאָך אַ שווערן תענית.

ווען זיי זיינען אַרויסגעקומען אויפן הויף זיך צו וואַשן, איז אַ בלויער הימל נידעריק געהאַנגען און אַ ליכטיקע זון האָט מיט העלקייט דעם הויף פאַרגאָסן. משהל האָט שטאַרק איינגעאָטעמט די פרישע לופט און האָט הנאה געהאַט פון דער זון, וואָס האָט מיט פרישער וואָרעמקייט געגלעט איבער קאָפּ און האַלדז. ער האָט לייכט געזשמורעט די אויגן און צוריקבאַקומען די רעגלמעסיקייט פון טראַכטן און זען.

שפּעטער האָט ער געדאַוונט. בשעת מעשה האָט אים באַנג געטאָן וואָס ער האָט ניט קיין טלית און תפילין. האָט ער געשפּאַנט הין און צוריק מיט ווייכע טריט, שטיל געשעפּטשעט און ווידער געדענקט וועקסלערן מיט זיין ווייבל. דער עיקר האָט ער זיך אַריינגעטראַכט אין זיין ווייבל, און אים איז אויסגעקומען אַז ער זעט זי: אַ ברונעטע, בלייכע און שמאָלע. און וואָס מער ער האָט געטראַכט, אַלץ נעענטער האָט ער זי געזען.

דערנאָך איז אַריינגעקומען אַט דער זעלבער געלער גוי מיט דעם נאַגאַן

אין הילצערנער שייד. געבליבן שטיין מיט אן אפגעברענט, פאַרהאַרטע־וועט, פאַרטאָן פּנים, וואָס האָט געגלאַנצט פון לייכטן שווייס; האָט אַרויס־גענומען אַ פּאַפּירל און אויסגערופן:

— ליפשיץ.

— וועקסלער.

— טורמאַן.

טורמאַן האָט זיך אפּגעריסן פון דעם פּאַרשוין אין שוואַרצן קאַפּעליוש, מיט וועלכן ער האָט פון נעכטן אָן געהאַלטן אין איין אייננעמען, האָט באַקומען צעמישטע אויגן און געוואָרן שטאַרק נעבעכדיק. וועקסלער האָט אויסגעשטעלט די תענית־אויגן מיט געבעט, און משהל איז געבליבן פּונקט אַזוי רואיק ווי פריער, נאָר דעם שטערן האָט ער שטאַרק איינגעקנייטשט.

— קומט מיט מיר.

זיינען זיי געגאַנגען מיט שטילע, לאַנגזאַמע טריט. טורמאַן איז געלאָפן פאַרויס, זיך געפּלאָנטערט אַרום דעם געלן גוי מיט דעם פאַרהאַרטעוועטן פּנים. דער פּאַרשוין האָט זיך רעכט נישט איינגעהערט, וואָס טורמאַן פרעגט בײַ אים און כסדר געענטפערט: וואָס ווייס איך? מען האָט געהייסן רופן, רוף איך . . . כ'קען נישט וויסן . . .

זיי זיינען אַריינגעקומען אין זעלבן צימער פון וואַנען מען האָט זיי אין קעלער־שטוב אַראָפּגעשיקט. איצט איז יענער דזשורני ניט געווען. אויף זיין אָרט איז געזעסן אַ בלאָנדער שייגעץ מיט כעסדיקע אויגן און נעגאָלטן ווייסן קאָפּ. ער האָט געקוקט בייז, ניט ווייל ער איז אויף עמעצן בייז געווען, נאָר אַזוי האָט ער שוין געקוקט. האָט זיי דערזען, האָט ער אנגעלענט ביידע עלנבויגנס אָן טיש און די פיס געשטרעקט אויסגעצויגענע איינעם פאַרויס אונטערן טיש און דעם אַנדערן אַרונטער — צוריק פון טיש. האָט עס אויסגעזען אַז ער איז שוין מיד צו זיצן אויף אָן אָרט. ער האָט איבערגעפרעגט זייערע נעמען, אַריינגערופן דריי זעלנער מיט ביקסן און איינעם דערלאַנגט אַ צעטעלע:

— וועסט זיי אַריבערפירן אויף דער אַנדערער זייט גאַס צום „סליעדאָ־וואַטל", צימער נומער 7.

— גוט.

משהל האָט שאַרף דערשפּירט: עפּעס דערנענטערט זיך, נאָר ער האָט ניט געוואוסט וואָס אַזוינס — און זיך אפילו ניט געפּרואווט טראַכטן וועגן דעם.

ווען זיי זיינען אַרויס אין דרויסן, אַרומגערינגלט פון די זעלנער, האָט משהל דערהערט אַ קרעכץ, נישט געוואוסט פון וואַנען ער קומט, זיך אַרום־געקוקט און דערזען: נישט ווייט פון דער געביידע שטייט אַ יונגע פרוי

און ברעכט די הענט.

ווי ער וואָלט זי גלייך דערקענט. זי איז טאַקע געווען א ברונעטע, מיט א בלייך אויסגעצויגן פּנים. די אויגן אירע זיינען געווען שטאַרק גרוים און גרויל האָט פון זיי געקוקט, אָט ווי וועקסלערס אויגן ביינאַכט, ווען ער האָט אים געטראָפן זיצן אויפן שעניק . . . וועקסלער האָט ארויסגע־קרעכצט:

— דינהלע . . .

זיינע אויגן האָבן זיך איבערגעגאָסן און ער האָט זיך געהאַט אָפּגע־שטעלט, נאָר די זעלנער האָבן נישט געלאָזט ריידן און נישט שטיין. משהל האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, עפּעס א טרייסט־וואָרט, א פאַרזיכערונג, נאָר ער האָט געשוויגן און א טראַכט געטאָן:

— שטייט שוין, הייסט עס, דעם דריטן טאָג און וואַרט . . .

וואָרעמקייט און שוואַרצער טרויער האָבן פאַרגאָסן דאָס האַרץ. שוין גייענדיק אויף די טרעפּ איז אים אויסגעקומען אז ער דאַרף עפּעס וועקסלערן זאָגן.

— וועקסלער?

— האָ? — האָט וועקסלער איבערגעפרעגט, ניט ווייל ער האָט ניט גע־הערט, נאָר גלאַט אזוי, ווייל איבער די אויגן האָט אים איצט גענעצט.

זיי זיינען געבליבן שטייען אין קאָרידאָר. איין זעלנער — מיטן צע־טעלע — איז אריין אין צימער. באַלד איז ער ארויסגעקומען און מען האָט אריינגערופן: טורמאַן!

משהל איז געשטאַנען שטאַרק פאַרטראַכט. וועקסלער האָט מוראַדיק געציטערט. אין קאָרידאָר האָט אָפּגעשלאָגן דאָס קלאַפּן פון זיינע ציינער אין מויל. מיט אַמאָל האָט זיך טויב דערהערט טורמאַנס שטים. ער האָט דאָרטן וויינענדיק זיך געקלאָגט און זיך פאַרענטפערט. משהל האָט שטאַרק ערנסט געזאָגט:

— הייסט עס . . . מען האָט אייך געשיקט . . . דאָס ערשטע מאָל . . . זענט איר געגאַנגען . . .

האָט וועקסלער אויסגעשטעלט די אויגן, ווי ער וואָלט דערזען א תהום איבער וועלכן מען הייסט אים אריבערשפּרינגען:

— איז ווער זשע האָט מיר געשיקט?

— איך. גאָר פשוט: איך . . .

אויף וועקסלערס פּנים האָט געגעבן א שפּאַר ארוים גרויל און ווייטיק, ווי ער וואָלט געזען אז א מענטש שניידט זיך אליין דעם האַלדז.

נאָר משהלס פּנים איז געווען ווייך און היימיש:

— מיר איז דאָך אַלץ איינס . . . יאָ געשיקט, ניט געשיקט . . .

וועקסלער האָט געשווינגן און די אויגן האָבן זיך ווידער גענעצט. פון אינוויינים האָט זיך אַליין געהערט טורמאַנס וויינענדיק קול, ווי ער וואָלט זיך געקלאָגט וואָס מען פּייניקט אים אומזיסט און אומגישט. ביז די טיר האָט זיך געעפנט און מען האָט אַריינגערופן וועקסלערן.

איז משהל געשטאַנען אָנגעשטרענגט און געוואָלט הערען וואָס וועקסלער זאָגט דאָרטן. נאָר וועקסלערס קול איז געווען שטאַרק שוואַך. האָט משהל דערפאַר געקנייטשט דעם שטערן און האָט לסוף שטאַרק אָפּגעזיפצט.

— ליפשיץ!

ס'האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין האַרצן. נאָר תיכף איז דאָרט רואיק געוואָרן. ער איז שטיל אַריינגעגאַנגען. אַריינקומענדיק האָט ער זיך דערזען אין שפּיגל, וואָס איז אויף דער וואַנט געהאַנגען, און האָט זיך נישט דערקענט: די האָר גרויער און דאָס פּנים העלער. גאַרנישט דער משהל ליפשיץ. האָט זיך דערמאָנט, אַז אין דרויסן שטייט וועקסלערס ווייבל . . . ווער זשע האָט געקענט וואַרטן אויף משהלען? — פאַניע? לינעצקי? . . . האָט דערפילט געוואַלדיקע פאַרביסנקייט , נאָר זי האָט באַלד אויסגעוועפּט און ער האָט צוגעטראָגן זיין בליק צום „סליעדאָוואַטל".

אין אַ זייט איז געשטאַנען טורמאַן מיט צעהיצט פּנים און וועקסלער איז געווען רואיקער. דער סליעדאַוואַטל איז געזעסן ביים טיש, האָט געהאַט לענגערע, שוואַרצע, פעט־גלאַנציקע האָר און אַ שוואַרץ בערדל, האָט געטראָגן פּענסנע און דאָס גאַנצע פּנים זיינס האָט געשווינגן און געקוקט.

— ביטע, זיצט.

משהל האָט זיך געזעצט.

דער סליעדאוואַטל האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף אים, האָט באַקומען עפּעס ווייכקייט אין פּנים און דאַן געפרעגט:

— וואָס זשע, איר האָט דען נישט געוואוסט אַז ס'איז פאַרווערט צו האַנדלען מיט וואַליוטע?

משהל האָט אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען:

— וואָס קען מען העלפן?

—צי ווייסט איר, וואָס עס קומט לויט די ראַטן געזעצן פאַר האַנדלען מיט וואַליוטע?

משהל האָט דערפילט: ציטער בויערט דורך זיין גוף פון קאָפּ ביז די פינגער פון די פיס. האָט ער אָנגעהויבן ריידן מיט געשלאָגן קול: מ'שטיינס געזאָגט זיין האַנדלען. אז סך הכל האָט ער קיין פאַרמעגנס קיינ־מאָל ניט פאַרמאָגט. איז מען געקומען און אים אונטערגעפירט. מען האָט ביי אים באַשטעלט . . . און אַ קינד איז דאָ אין שטוב, און עסן וויל עס . . . מילא . . .

האָט אין מיטן רײדן חרטה געקראָגן, האָט דערפילט יענע עקשנות וואָס לאָזט נישט זיך קלאָגן און דערציילן פו אומגליק, וואָס פרעסט אויפן הארצן, האָט ער דרייסטער אויסגעלאָזט:

— מילא, איך בין ביי איך אין די הענט. ווער קען דערציילן די סבות וואָס טרייבן דעם מענטשן צו באַגיין אפילו גרויסע פאַרברעכנס?

האָט דער סליעדאוואטל אנגעהויבן קוקן אויף אים מיט צוטרוי און אפילו רחמנות.

— איר אנערקענט אז איר זייט באַגאַנגען אַ פאַרברעכן?

—ס'הייסט . . . מען האָט דאך מיך געכאַפּט . . . אָבער מען האָט מיך אונטערגעפירט.

— גוט. הייסט עס אז איר זייט נאָר אַ מעקלער?

— נישט מער.

— זאָגט זשע מיר: ביי וועמען האָט איר די וואַליוטע געקויפט?

— דאָס קען איך נישט.

— און איר וועט נישט זאָגן?

— ניין.

— דאָס וואָלט אייער גורל אַ סך פאַרלייכטערט. צוליב וואָס זאָלט איר ליידן פאַר אנדערע?

— מן הסתם איז מיר אזוי באַשערט. כ'וועל נישט זאָגן.

— דערלויבט, בירגער ליפשיץ: וואָס האָט דאָן געטאָן ביי איך אין שטוב דער בירגער טורמאַן?

אַ ווײלע האָט משהל געקוקט מיט ווייטיק. נאָר טורמאַן האָט זיך אריינגעמישט:

— צוגאַסט געקומען . . . ווי איר זעט מיך אַ לעבעדיקן . . . געקומען צוגאַסט, ווי צו אַ באַקאַנטן . . . אדרבה, זאָל ער אליין זאָגן, נאָר דעם אמת. . .

— שווייגט! האָט דער סליעדאוואטל אויסגערופן — בירגער ליפשיץ, דער בירגער טורמאַן איז אייערער אַ היימישער מענטש, אַ שטוב־באַקאַנטער?

האָט ליפשיץ אָפּגעזיפצט:

— —געוויס קען איך אים, איך קען אים . . .

— און ער איז בלויז צוגאַסט געקומען?

— אודאי אזוי . . . איז טורמאַן אויפגעשפּרונגען — זאָל ער נאָר זאָגען דעם אמת. זאָל ער מיך ניט אריינשלעפּן אין זיינע . . . אוואַנטיורעס.

משהל האָט געפילט אז יענער שפּעט פון אים, און ווייל ער איז שוין געווען ארויס פון דער גרענעץ, וואו טורמאַן האָט זיך געפונען, דערפאַר האָט ער דערפון געפילט אַ גרויסן שאַרפן ווייטיק.

— צוגאַסט? . . . וויים איך . . . — האָט משהל געשטאַמלט.

—ער זאָגט ליגן! — האָט טורמאַן אויסגעשריגן.

— שווייגט! — איז דער סליעדאַוואַטל אויפגעשפּרונגען.

ער האָט ארויסגענומען א פּאַפּיר פון דער „פּאַפּקע", אריינגעקוקט און געזאָגט:

— בירגער טורמאַן, איר האָט דאך פון קעשענע ארויסגעוואָרפן דאָ־לאַרן? . . .

— נישט אמת! דאָס האָט דער מענטש ארויסגעוואָרפן פון קעשענע!— האָט ער אנגעוויזן אויף וועקסלערן.

וועקסלער האָט באַקומען אַן אָפּן מויל, גרויסע אויגן און גרינלעך פּנים.

— אודאי, דאָס האָט ער ארויסגעוואָרפן! איך האָב זיך קיינמאָל ניט פארנומען מיט אזעלכע זאכן. איך בין א סטודענט! . . .

דער סליעדאַוואַטל האָט אויפגעהויבן די אויגן אויף וועקסלערן. וועק־סלערן האָט אבער אזוי פארשלאָגן דער אטעם, אז ער האָט ניט געקענט קיין קול ארויסברענגען, האָט ער נאָר געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

האָט עס אויפגעריסן אין משהלען, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און מיט רואיקער, זיכערער שטימע געזאָגט:

— ס'איז שקר! די דאָלאַרן האָט געבראַכט הער טורמאַן. ער האָט זיי מיר ניט געוואָלט געטרויען און אליין געקומען מיט זיי — כדי באַלד צו נעמען געלט . . .

טורמאַן איז אונטערגעשפּרונגען, געעפנט דאָס מויל, — ער האָט אבער נאָר ארויסגעוואַליעט די אויגן, געוואָרן אנגעגאָסן מיט בלוט און קיין אטעם ניט געהאַט.

— און צוגאַסט איז ער צו מיר קיינמאָל ניט געקומען.

ס'איז געוואָרן א ווײַלע שטיל אין זאַל, ווי די ווענט וואָלטן אויפגעבראַכן אין אומענדלעכער פּוסטקייט אריין.

דער סליעדאַוואַטל האָט איבערגעריסן די שטילקייט:

— און ביי וועקסעלן האָט מען דאך גאָלד־שטיקלעך געפונען?

— דאָס זיינען זיינע אייגענע געווען . . . ער איז א לערער: זיך קיינ־מאָל ניט פארנומען מיט קיין האַנדל . . . ער האָט ניט לאַנג חתונה געהאַט . . . איז עס אים פון נדן פארבליבן . . . האָב איך אים געטראָפן . . . ער האָט געהונגערט . . . האָט ער זיי מיר געבראַכט צו פארקויפן . . . קוקט אים אָן . . .

מיט אַמאָל האָט טורמאַן צוריק אטעם באַקומען און אנגעהויבן שרייען. זיין פּנים איז געוואָרן שטאַרק רויט און ער האָט אַלץ ארויפגעוואָרפן אויף זיי ביידע. האָט זיך ווידער גענומען שווערן און קלאַפּן אין האַרץ. ער איז א סטודענט! און זיי — זיינען וואַליוטניקעס! ביז דער סליעדאַוואַטל האָט אויסגעשריען:

— מאַלטשאַט! קאַנוואַי!

איז אריין אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס, שטיין געבליבן גרייט צו דערפילן באַפעלן, און טורמאַן איז שטיל געבליבן.

— מיט וואָס באַשעפטיקט איר זיך, בירגער טורמאַן?

— אַ סטודענט בין איך. אַ סטודענט.

— וואו לערנט איר?

— איצט לערן איך נישט. ס'איז דען דאָ וואו זיך צו לערנען?

— פון וואָס לעבט איר?

— וואָס הייסט: פון וואָס מען לעבט? מען מוז דאָך לעבן . . . אַלע לעבן דאָך . . . — האָט ער זיך גענומען פּלאָנטערן.

— אייער פּראָפעסיע — בירגער וועקסלער?

— אַ לערער.

און גלייך ארויסגענומען זיין מיטגליד־קאַרטע פון לערער פאַראיין.

משהל האָט געקוקט אף וועקסלערן מיט קלאָרע אויגן.

— גוט. דאָס בלייבט ביי מיר.

אזוי האָט געזאָגט דער סליעדאוואַטל און וועקסלערס פּנים האָט פאַרלוירן די גרינקייט.

ווען זיי זיינען אראָפּגעגאַנגען צו גיין צוריק אין קאַמער אריין, האָט משהל געהאַט דערלייכטערונג און גרויסן צער אין האַרצן. ווען ער האָט דערזען דאָס ווייבל אין דרויסן איז אים אויסגעקומען, אַז זי קוקט אויף אים מיט דאַנקבאַרקייט און בענטשט אים שטיל מיט די ליפּן. וועקסלער האָט דורך די דראָט־פאַרצוימונגען אריבערגעוואָרפן צו איר אַ פּאָר טרייסט ווער־טער. משהל האָט ניט געהערט וואָס ער זאָגט, נאָר ס'איז אים אויסגעקומען, אַז די ווערטער זיינען מיט אים פאַרבונדן.

טורמאַן איז געווען אינגאַנצן צעמישט. ער האָט איצט גערעדט קלאָגנ־דיק און מיט טרויעריק־בעטנדיק קול:

— איר האָט מיך געקוילעט . . . אָן אַ מעסער געקוילעט . . . דעם האַלדז איבערגעשניטן . . .

נאָר משהל האָט גאָרניט געענטפערט.

ד.

ס'האָבן זיך געצויגן פוסטע טעג און טויבע נעכט. איצט זיינען זיי שוין געזעסן אין אַ גרויסער קאַמער מיט גרויסע פענצטער. די פענצטער זיינען

געוועזן מיט לאַנגע דינע גראַטעס, און עס זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט בעט־לעך. האָט עס געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ שפּיטאָל־פּאַלאַטע. מענטשן זיינען טאַקע ארומגעגאַנגען אויסגעצערט און קרענקלעך, טייל מיוחסדיק פאַרביסן און געשוויגן מיט גאוה. אַנדערע האָבן געהאַט אַן אויפגעלייגט אויסזען, ווי זיי וואָלטן געדאַרפט אַן אָפּעראַציע איבערקומען. פרעמדקייט איז געוועזן צווישן די מענטשן, און אויפמערקזאַם איז איינער צום צווייטן געווען. משהל האָט לחלוטין געשוויגן און ס'האָט אויסגעזען, אַז ער האָט עפּעס שרעקלעכס פאַרטראַכט. דערפאַר איז ער געווען קאָנצענטרירט אין זיך אַריין ווי ער וואָלט כסדר ניט געזען אויסער זיך און נאָר געקוקט אין זיך . . . זיין פּנים האָט פאַרלוירן יעדן אויסדרוק פון שמייכל און באַוועגונג — איז געווען פאַרשטיינערט. צייטנווייז נאָר, ווען עטלעכע מענטשן האָבן צווישן זיך גערעדט מיט באַדויערונג און זאָרג, האָבן שטיל אָפּגעזיפצט און געהאַפט אַז די „גדולים" זאָלן היינט־מאָרגן נעמען דעם וועג, וואָרעם: „וואָס־זשע? ס'וועט גאָר קיין סוף ניט נעמען? אַלץ האָט דאָך אַ סוף" . . .האָט זיך משהל צוגעהערט, געקוקט דורך די „רערלעך" און מיט צער באַמערקט ווי אויגן צעגלאַנצן זיך און פּנימער לייטערן זיך. האָט ער געקוקט און מיט אַמאָל אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ:

— אַז וואויל איז צו די וואָס האָפן . . .

גלייך ווידער זיך פאַרקוקט אין ווייטקייט, און ס'איז ניט געווען צו פאַרשטיין צי ער שפּאַסט דאָס אָדער מיינט עס ערנסט. דערפאַר זיינען יענע שטיל געוואָרן און מען האָט געקוקט אויף אים מיט פרעמדקייט און מיט שרעק.

נאָר משהל איז שוין געזעסן נעבן פענצטער און אַזוי געשוויגן, אַז ס'האָט זיך שוין ניט געגלייבט, אַז ער האָט פריער עפּעס גערעדט.

אַ פּאָר מאָל אין טאָג, נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעשוויגן און געטראַכט אַ פּאָר שעה, האָט ער זיך פּלוצלונג אויפגעשטעלט און צוגעגאַנגען צו וועק־סלערן, וואָס האָט אַלץ געבלאָנדזשעט צווישן שרעק און בענקעניש, האָט זיך נעבן אים אוועקגעזעצט און אים גענומען טרייסטן מיט רואיקע, זיכערע רייד:

— וואָס ס'איז שייך צו אייך . . . האָט איר לחלוטין נישט וואָס צו זאָרגן . . . ס'איז דאָך קלאָר . . . אַלץ קלאָר . . .

און וועקסלערן האָט זיך טאַקע געדאַכט, אַז ס'איז שטאַרק קלאָר. דער־פאַר האָט ער נאָך טרויעריקער אנגעהויבן קוקן אויף ליפשיצן . . .

טורמאַן איז כסדר געווען פאַרנומען, האָט זיך כסדר געשושקעט מיט די ערנסטע, פאַרביסענע, וואָס האָבן מיט זיכערקייט געוואַרט אויף אַ גרויס געשעעניש . . . האָט ער ניט געהאַט קיין צייט צו משהלען און זיך ניט

אומגעקוקט אויף וועקסלערן, נאָר פון צייט צו צייט איז ער פּלוצלונג געשטאַנען נעבן משהלען און טרויעריק און סודותדיק זיך אָפּגעקלאָגט:

— איר האָט מיך געקוילעט . . . אָן אַ מעסער געקוילעט . . . וואָס האָט איר געהאַט צו מיר? . . . אַ ייד זענט איר? . . . אַ גזלן זענט איר!

איינמאָל בייטאָג האָט מען וועקסלערן אַריינגעגעבן אַ „פּעקל" פון זיין פרוי . . . איז משהל געשטאַנען און געקוקט ווי ער צעבינדט עס, און ער האָט לייכט געשמייכלט. ער האָט געהאַט אַ געפיל, ווי מען איז צופרידן מיט אַ געטרייער שנור. האָט געזען ווי וועקסלער האָט אויף אַ האַנטוך איבערגעלייגט אַ פּאָר ווערטער, האָט ער מיט אַמאָל געפרעגט:

— וואָס זשע מאַכט זי דינהלע, האַ?

אַזוי האָבן זיך געצויגן טעג און משהל האָט כסדר געטראַכט אין זיך אַריין, איז געווען שטאַרק פאַרנומען, האָט געדאַווענט פרום און שטיל מיט נעילהדיקע אויגן, ווי ער וואָלט זיך געגרייט אומצוקומען אויף קידוש השם. האָט ער אַ סך מאָל ניט געהערט וואָס מען רעדט צו אים, און אָפט געטראַכט: „וואָס זשע האָב איך געהאַט צו וועקסלערן? נאָך וואָס האָב איך אים אַריינגעשלעפּט? מילא איך . . ." און געדענקט אָן וועקסלערס יונג צעשראָקן ווייבל, וואָס שטייט אויפן גאַס און וואַרט אויף אים, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט נעבן וועקסלערן און געזאָגט:

— וואָס ס'איז שייך צו אייך — איר האָט ניט וואָס צו זאָרגן . . . ס'איז דאָך אַלץ קלאָר . . . נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג . . . עס וועט אַ סוף נעמען.

וועקסלער, וואָס איז געווען איינגעקאַרטשעט און שוואַך, האָט זיך עטוואָס אויסגעגלייכט און גענומען קוקן מיט באַהאַלטענעם שמייכל און אָפּענעם צער.

טורמאַן איז אין גאַנצן שטיל געוואָרן. פלעגט ער אָפט ליגן אויפן בעטל און דריקן דעם קאָפּ מיט די הענט. אָפטמאָל איז אים שרעקלעכע אומגעדולד ווי שנעון באַפאַלן, האָט ער זיך געגעבן אַ זעץ אויף, איז צוגעלאָפן צו משהלען און פאַרבראָכן די הענט:

— וואָס האָט איר מיר געטאָן, וואָס? איר האָט דאָך מיר געשאַכטן . . .

נאָר משהל האָט משונה געקוקט, און ס'איז אויסגעקומען, אַז ער פאַרשטייט נישט וואָס מען רעדט צו אים.

* * *

איינמאָל ביינאַכט האָט משהל דערפילט ווי אַ פינגער שטויסט אָן זיין האַנט און ער האָט דערהערט:

— שטיי אויף!

ער האָט מיט ציטער און אימפּעט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, פּונקט ווי ער וואָלט אויף דעם געוואַרט, און זיך גיך געגומען אנטאָן.

די הענט האָבן אים שטאַרק געציטערט, דאס האַרץ האָט זיך אים א פּאָר מאָל א וואָרף געטאָן און ער האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דאָס איז. און אין מיטן אנטאָן האָט ער מיט צעשראָקענע אויגן געגעבן א הייב אויף דעם קאָפּ:

„איז וואָס-זשע, וואָס-זשע ווערט מיט וועקסלערן?"

ווי דאס איז נאָך דאָס לעצטע וואָס ער מוז וויסן . . .

ער האָט געזען ביי דער שוואַכער שיין פון לעמפּל, אז נאָך א פּאָר מענטשן טוען זיך אן. ער האָט אבער בשום אופן נישט געקענט דערקענען ווער זיי זיינען. צי איז טאַקע אזוי טונקל, אדער אין די אויגן טונקלט? . . . מאָדנע: ער קוקט זיי אין די פּנימער, זעט זיי און זעט פּאָרט ניט ווער זיי זיינען . . . וואָס זשע שפּרינגען די פינגער? . . . האָ?

האָט ער אלע ווײַלע אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אלע ווײַלע האָט אַלץ אין אים א שווידער געטאָן. ס'איז טאַקע טונקל. דאָס לעמפּל קאַפּטשעט מיט רויט פייערל און שטיל געדויש שטייט אין ליידיקייט, ווי מען וואָלט זיך ערגעץ געגנבעט מיט שנעלע טריט. דורך די פענצטער האָבן געקוקט שוואַרצע שטיקער, מיט שוואַרצע פּאַסן. ס'האָט אויפגעהערט שנאַרכן, אויף די געלעגערס זיינען אלע געלעגן פאַרגולמט, אָן אָטעם.

— נו, דירעוודיקער, שנעלער! — האָט זעלנעריש קול געדעדט שטיל.

אין מיטן קאַמער האָט ער דערזען נעבן זיך טוּרמאַנען, וואָס האָט גע־קוקט מיט משונהדיקע פרעמדע אויגן. ס'האָט אויסגעזען, אז ער גרייט זיך ארויסצולאָזן א מוראַדיקן יאָמער, וואָס איז אים געבליבן שטעקן אין האַלדז. נעבן אים איז געשטאַנען א שטילער, פאַרביסענער ערל מיט בייזע שפּיציקע אויגן, וואָס האָט כלל ניט חרטה געהאַט אויף בייזע מעשים . . . משהל האָט זיך איינגעקוקט אין זיי, מיט אמאָל דערזען קלאָר זייערע פּנימער, און ס'האָט אים א שיין געטאָן: נישטאָ וועקסלער . . .

האָט ער באַקומען א געפיל אז אַלץ איז שוין פאַרענדיקט. האָט זיך אים אויסגעלייטערט אין קאָפּ, ווי איינעם וואָס האָט שוין אַלץ איינגעפּאַקט און איז שוין גרייט זיך צו לאָזן אין וועג אריין. איצט האָט ער געזען ווי עטלעכע מענטשן זיצן אויף זייערע בעטלעך מיט פאַרפרוירענע אויגן, איז ער געוואָרן פול מיט פרומקייט און געזאָגט:

— באַלד.

איז מיט געפאַלענע ניט רואיקע טריט צוגעגאַנגען צו וועקסלערס בעטל און אנגעטראָפן אויסגעשטאַרצטע הענט און שטייענדיקע אויגן, האָט ער אנגע־

כאַפּט די הענט. זיי האָבן געציטערט און זיך געקרעמפּט. האָבן זיי זיך צוקושט אַזוי משונהדיק. משהל האָט מיט די הענט געטאַפּט דאָרע פּליִיצעס און וועקסלער האָט געזייעט אַ משונהדיק געשטיקט קול דורך פאַרקלעמטע ציין.

— זיי געזונט . . .

האָט זיך פאַרכלינעט און אַרויסגעשעפּטשעט:

— געדענק, מיין קינד . . .

דערביי האָט זיך אים אין קאָפּ אויסגעמישט. געדיכטער נעפּל איז דאָרט אַנגעלאָפן און צוריק אָפּגעטרעטן, האָט זיך אָפּגעריסן פון אים און שוין מיט גאַר שטילע טריט געגאַנגען צו דער טיר.

— נו, „זשיוואָ” . . .. קומט.

מען האָט זיי אַריינגעפירט אין אַ קאַנצעלאַריע צימער. דאָרט זיינען געשטאַנען נאָך אַ פּאָר צעטומלטע מענטשן, האָבן געקוקט אַזוי ווי זיי וואָלטן גרוילעדיק געחלומט, וואַכעדיקערהייט.

מיט אַמאָל האָט טורמאַן פאַרשטאַנען. די אויגן האָבן זיך אים גענומען דרייען. שטיל איז געווען און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז עס רוישן די אויגן וואָס דרייען זיך ווילד. פאַרגליווערטע פאַרהווילנקייט האָט מיט אימה געקוקט אויף זיי.

פּלוצלונג האָט טורמאַן אָנגעהויבן רעווען, ווי דער ווילדער ליאַרם וואָלט זיך אָן זיין ווילן אַרויסגעריסן פון האַלדז. ער האָט זיך געגעבן אַ לאָז צו דער טיר מיט אויסגעשטרעקטע הענט. ס'איז געוואָרן אַ רעש און טומל.

משהל האָט אַ ווײַלע צוגעמאַכט די אויגן און אַלץ אין אים איז געווען צונויפגעגאָסן אין איין ציטער, וואָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן אַ פּאָר מינוט. עפּעס איז אים אויסגעקומען אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין שטורמדיקס, וואָס ציטערט מיט אים. ביים האַלדז האָט עס געשטיקט און ס'איז געוואַלדיק ענג. אַז ער האָט די אויגן געעפנט, איז טורמאַן געזעסן אויף די קניען מיט פאַרבראָכענע הענט און זיך ווילד געריסן.

ס'איז געוואָרן אַ ראַנגלעניש. טורמאַן האָט געשריגן, געוויינט און זיך געצאַפּלט; הענט האָבן זיך איבער אים געפּאָרקעט; פּנימער אָנגעגאָסן און אָנגעשטרענגט, קעפּ אויפגעהויבן און די העלדזער געשטייפּט. ס'האָט אויס־געזען, אַז אַלץ איז צונויפגעגאָסן און באַוועגט זיך אויף איין אָרט. זיינע הענט זיינען אויף דער פּלייצע פאַרבראָכן און איינער סאַפּעט און ציט דעם שטריק פעסטער.

נאָך איינער נעבן משהלען האָט זיך אָוועקגעשטעלט מיט פעסטע טריט, ווי ער וואָלט געוועכנט איינצואוואַקסן, האָט געסאָפּעט ווי מידע גאַנדז, און ס'האָט אויסגעזען, אַז ער זעט אומדערטערגלעכע שרעק . . .

משהל האָט ווידער געזען אַז וועקסלער איז צווישן זיי ניטאָ, האָט ער געוואוסט אַז דער לערער איז געראַטעוועט. זיין פּנים איז דערביי געוואָרן מאָדנע אויסגעאיידלט און געשיינט מיט שטילער רואיקייט פון אַ זעלבסט־מערדער, וואָס האָט געהאַט כח איבערצוּרייסן מיטן לעבן, וואָס האָט אים באַליידיקט.

ער איז געשטאַנען רואיק, האָט גאָרניט געטראַכט.

מיט אַמאָל האָט אין אים אַ שוידער געטאָן, זיך אָן חוהטשען דערמאַנט און — פרום אַ טראַכט געטאָן:

— מען דאַרף זאָגן וידוי . . .

אָטוואָצק, מאַי 1923

שונאים

א.

וואסיל זשוטקאָ איז געווען יונג, שטאַרק און רייך. זיין בעל'הבתיש־קייט האָט ער געפירט מיט א סדר און איז געווען דער פאַרמעגליכסטער פויער אין דאָרף. ער האָט נישט געטרונקען, נישט אויסגעבראַכט קיין געלט און זיין פאַרפונדעוועטקייט איז געוואָרן פעסטער פון יאָר צו יאָר. זיין יונג ווייב מאַטראָנע איז געווען אַ הויכגעוואַקסיקע, ברייטפּלייציקע, קרעפטיקע פוי־ערטע מיט שוואַרצגלאַנציקע אויגן, פול קלאָר פּנים, און ער האָט זי שטאַרק ליב געהאַט. זי איז געווען אַ גוטע, ציכטיקע בעל־הביתטע און זייער אַ פרייליכע; אז זי האָט זיך אוועקגעשטעלט אין גאָרטן אדער אין פעלד, האָט די אַרבעט געברענט אונטער אירע הענט; זי האָט דערביי געזונגען פריילעך מיט האַרציקער שטים, און פויערים אין פעלד האָבן זיך אויסגעגלייכט, גע־שטאַנען פאַרגאַפט און פון וויטן געליאַפּעט פאַרזשמורעטע אויגן. דאָס שטיבל זייערס איז געשטאַנען אין מיטן דער ברייטער גאַס און אַרויסגעשיינט פון צווישן אַלע איבעריקע. ס'האָט פון געפאַרבטן גאַניקל געשמעקט מיט פּריצישקייט. אין שטיבל איז געווען ציכטיק, אויפגערוימט, און איבער די פענצטער, שניי־ווייסע פאַרהענגלעך. דאָס עסן האָט וואַסיל שטענדיק געטראָפן אין צייט און — אַזעלכע געשמאַקע מאכלים, ווי מאַטראָנע האָט געקאָכט האָט וואַסיל אין ערגעץ נישט געגעסן. דאָס איינציקע בלאָנדע טעכ־טערל זייערס האָט געטראָגן קלאָרע פּריצישע קליידלעך, איז געווען געזונט, האָט זיך גוט אַנטוויקלט, האָט געהאָלפן רוימען אין שטוב און מיט קינדעריש קולעכל נאָכגעזונגען דער מוטער. דאָס קינד האָט כסדר געקלעפּט צו דער מוטער; געווען מיט איר אין גאָרטן, אין פעלד און אין שטוב.

איז דען אַ וואונדער, וואָס וואסילן האָט דער האָבער געשטאַכן און

ער האָט זיך געבלאָזן? ס׳איז טאַקע נישט קיין וואונדער. און ס׳איז אויך נישט קיין וואונדער וואס פּויערים האָבן אים נישט פאַרגינען און מיט קנאה וועגן אים גערעדט:

— דער חזיר האָט מזל! רייך, פעט, רויט, און נאָך אזא שיינע בעל הביתטע!

—יאָ, דער חזיר האָט מזל!

צי וואַסיל האָט געהערט וואָס מען רעדט וועגן אים, צי ער האָט עס אַרויסגעזען פון זייערע אויגן. סיי ווי סיי געוואוסט האָט ער דערפון. דער־פאַר האָט ער זיך גאווהדיק און פאַרביסן געברוגזט און זיך געהיטן פאַר שכנים ווי פאַר שונאים. ער האָט זיך געבלאָזן. פאַר קיינעם קיין גוט וואָרט נישט געהאַט און קיינעם צו זיך נאָענט נישט צוגעלאָזט. האָט קיין טובה נישט געבעטן און די קלענסטע קלייניקייט נישט פאַרשווינגן. האָט מען ביי אים א ברויט געליגן — האָט ער געדענקט עס אָפּצומאָנען.

אזוי האָט אמאָל געטראָפן:

וואַסיל איז געשטאַנען אין פעלד צווישן הויכע זאַנגען און דערזען: איוואן פּעטריק — אַט דער מילנער מיטן רויטן קאָפּ האָר און קליינע בייז־פאַרצויגענע אויגן, האָט אָפּגעלאָזט זיין ראַבע קו אויף וואַסילס „קאָנעשינע״. האָט ער געשוויגן, זיך אראָפּגעזעצט צווישן די זאַנגען און גערולדיק געוואַרט מיט פאַרטאַיעטער פאַרביסנקייט אין ברוסט. ווען איוואן איז אַריין צו זיך אין מיל האָט ער זיך פאַרזיכטיק פאַרגנבעט, פאַרנומען די קו, זי פאַרטריבן צו זיך אויפן פאַדוויר און זי פאַרשלאָסן אין זיין שטאַל. אז איוואן פּעטריק איז געקומען צולויפן נישט טויט נישט לעבעדיק און זיך גענומען פאַרענט־פערן, האָט וואַסיל געשוויגן. אים דוקא רואיק אויסגעהערט, נאָר, אז איוואן איז שוין געווען פאַרטיק מיטן פאַרענטפערן זיך און מיט חניפהדיק שמיי־כעלע געזאָגט:

— וואַסיל גוטינקער! גיב מיר אַרויס די קו.

האָט וואַסיל געציילט די ווערטער: —

— די קו וועל איך דיר אַרויסגעבן, נאָר פריער וועסטו באַצאָלן א גאַנצן רובל.

האָט איוואן אַרויסגעוואַליעט קיילעכדיקע אויגן, דאָס פּנים האָט זיך אים אָנגעגאָסן מיט בלוט, געוואָרן ווי א פענכער פול מיט קאַרשן־זאַפט. א ווײַלע זיך געשטיקט מיט הייסער ביטערקייט, און וואַסיל האָט דערווייל קרום א שמייכל געטאָן:

— וואָס פאַר א גוטינקער בין איך דיר? א רובל באַצאָל.

איוואן האָט גענומען שרייען און שליידערן מיט וויסטע קללות. שכנים זיינען זיך צונויפגעלאָפן, געשטאַנען אנגעכמורעטע, שווערסאַפּענדיקע

און אויסגעהערט איוואנס געשרייען. ס'האָט אבער ניט געהאָלפן. וואסיל האָט זיך געהאַלטן ביי זיינעם.

— מיין „קאָנעשינע" איז נישט הפקר! וועסט באַצאָלן א רובל!

— א גאנצן רובל?

— יאָ, א גאַנצן רובל!

— נו גוט, איך וועל דיר באַצאָלן. נאר געדענק!

— כ'על געדענקען.

— ס'וועט אויף דיר קומען א צייט! אוי וועט זי קומען! מיר וועלן זיך נאך דערלעבן א נקמה אין דיר! דאָס מזל איז נישט אויף אייביק . . . האָלסט עס נישט אין בוזעם!

— דערווייל באַצאָל!

— אז אויסקרענקען זאָלסטו עס!

די איבעריקע פּויערים האָבן געשוויגן. אין זייערע פאַרביסן־שמייכלענדיקע אויגן איז געווען צו דערקענען: אויך זיי טראַכטן אזוי . . .

וואסיל האָט גאוהדיק און מיט חוזק־שמייכל צוגענומען דעם רובל און האָט זיך א זאָג געטאָן:

— ווען מען סטראַשעסטו, איוואן? וועסט פריער אין דער ערד פוילן, קבצן, איידער דו וועסט זיך אין וואסילן נוקם זיין.

מיטן מויל האָט זיך טאקע וואסיל אויסגעלאַכט פון אלע סטראַשונקעס, נאר אין הארצן האָט ער געוואוסט: אלע זיינען אים שונאים; אלע וואַרטן אויף זיין בראָך — דערפאַר האָט ער זיי פיינט געהאט און זיך פאר זיי געהיטן: האָט ביי וואסילן געפּלאַצט א ראָד פון וואָגן, האָט ער זיך צעשראָקן אומגעקוקט צי קיינער זעט נישט. איז א פערד ביי אים פאַרשלאָפט געוואָרן און אויפגעהערט עסן — האָט ער קודם כל פאַרשפּאַרט דעם פּאָדוויר, כדי קיינער זאָל אהין נישט אריינקומען, און האָט אינדערשטיל זיך אליין געפּאַרקעט ביים פערד: האָט געריבן דעם צונג מיט זאַלץ, האָט עס לאַנג געטריבן אין א ראָד אויפן פּאָדוויר, ביז — ס'האָט צוריק גענומען עסן און אים איז אראָפּ א שטיין פון הארצן.

פּויערים זיינען צו וואסילן אין הויז נישט געקומען, האָבן פון וויטן געוואָרפן נייגעריקע בליקן צו זיין פּאָדוויר. דער איינציקער וואָס פלעגט צו אים אמאָל אריינקומען איז געווען דער ייד, דער שניידער, וואָס פלעגט פאר אים אמאָל נייען א קורטקע, אדער פאַריכטן דעם פּעלץ. אויף אים איז וואסיל ניט געווען ברוגז און פלעגט אים היימיש רופן: בערצע.

— א, בערצע! ווי זאָגסטו בערצע? וואסיל האָט אסך שונאים?

— לאָך זיך אוים פון אלע שונאים! וואָס קען דען איין מענטש טאָן דעם צווייטן? אז גאָט וויל נישט, איז אלץ נארישקייטן. לאַך זיך אוים.

— גערעכט בערצע! אויסלאַכן זיך און גענוג!

אויסלאַכן זיך. עס רעדט זיך גרינג ארויס, אבער ערגעץ אין לייב שרעקט עס: ווער ווייסט וואָס שונאים קאָנען אָפּטאָן. מען דאַרף זיך היטן.

האָט ער זיך געהיט. פויערים האָבן געקוקט אויף אים מיט שטיל אנגעכמורעטע געזיכטער. אז ער האָט זיך זונטיק באַוויזן אין גאַס שפּאַ־נענדיק אַזוי ברייט צוזאמען מיט זיין שיין ווייב, וואָס האָט געוויגט אירע היפטן — האָבן אַלע אים געגריסט מיט דרך ארץ און די היטלען אראָפּגענו־מען. דערפון האָט וואסיל געוואוסט אז ער איז זיי א פרעמדער, אז אַלע וואָלטן אים געוואָלט באַגראָבן לעבעדיקערהייט, האָט די פאַרביסנקייט ווי פראָסט פאַרקאָוועט זיין האַרץ און ער האָט אויף זייערע באַגריסונגען כמעט נישט געענטפערט.

— בלאָזט זיך דער חזיר!

— וועט זיך אַזוי לאַנג בלאָזן ביז ער וועט פּלאַצן!

— זאָל ער שוין . . .

וואסיל האָט די שושקערייען נישט געהערט. אבער ער האָט זיי נעפּל־דיק געשפּירט, ווי מען שפּירט נעדיכטן שטורעם פון זייער ווייט.

און דערפאַר:

אז מאטראַנע האָט זיך פּלוצלונג דערפילט שלעכט, איז געוואָרען שטאַרק בלאַס און גענומען שווידערן: האָט זיך נישט געקענט האַלטן אויף די פיס און איז ווי אונטערגעהאַקטער בוים אוועקגעפאַלן אויפן בעט, האָט וואסיל תכף פאַרמאַכט דעם טויער פון פאַדוויר און די טיר פון שטוב: זאָל זיך נאָר קיינער פון דעם נישט דערוויסן. דעם זעלבן טאָג איז אויך דאָס בלאָנדע טעכטערל פאַרשלאָפט געוואָרן און זיך נעבן דער מאַמען אוועקגעלייגט.

א פּאָר טעג זיינען זיי געלעגן פאַרטאַיעטע, האָבן „געברענט", גע־קרעכצט, און קיינער האָט פון דעם ניט געוואוסט. וואסיל האָט געעפנט די טיר, איז אוועק און געבראַכט אין שטוב אריין אָן אַלטע פויערטע — מאַ־טראַנעס א מומע — און צוריק פאַרמאַכט די טיר. דער אַלטער האָט ער באַ־פוילן:

„גיי נישט אוועק פון שטוב און קיינער זאָל זיך פון דעם נישט דער־וויסן."

די אַלטע האָט זיך אין שטוב געפּאַרקעט און די קראַנקע האָבן גע־קרעכצט. וואסיל איז געפאָרן אין פעלד, געווען אין גאָרטן, האָט פאַרגראָבן די קאַרטאָפל, געשמעקט דעם אנקומענדיקן הערבסט און געשוויגן. און איינמאָל פאַרנאַכט, אז ער איז אהיים געקומען, האָט אים די אַלטע באַגעגנט מיט א צעגרימאַסעט פּנים:

— וואסיל ליבער! זונעלע טייערער! זע אליין: מאטראָנע ליגט מיט

פּאַרשטשעמעטע ציין און נעמט גאַרנישט אין מויל אַריין . . . זע אַליין: דאָס פּנים פּלאַמט, דאָס גאַנצע לייב ברענט . . . און דאָס קינד איז אַנגעצונדן ווי קיניק האָלץ . . . פּאָלג מיך וואַסיל . . . שפּאַן די בריטשקע, פּאָר און ברענג אַ דאָקטאָר אָדער אַ פעלדשער . . . כ׳האָב זייער מורא . . מען שמועסט: דער „סיפּניאַק" גייט אַרום איבער די דערפער . . .נעם, וואַסיל, און שפּאַן איין . . .

האָט וואַסיל געקוקט און געזען: מאַטראָנע ליגט מיט פאַרקלעמטע ציין און אַ מרוקעריי שפּאַרט זיך שווער צווישן זיי. געהערט ווי דאָס טעכ־טערל „יענטשעט" מיט אַ דין קולעכל ווי אַ הינטל. האָט געטראַכט, געטראַכט, און מיט אַ מאָל אַ זאָג געטאָן:

— מען דאַרף נישט „באַבקאַ". מאַטראָנע איז אַ געזונטע . . .וועט זיך איבערליגן נאָך אַ פּאָר טעג, זיך איבערקרעכצן און וועט אויפשטיין . . . און דאָס טעכטערל וועט אויך אויפשטיין . . . ס׳איז גאַרנישט . . .

די אַלטע האָט אָפּגעזיפצט. זיך געצלמט, געשעפּטשעט מיט ווייכע ליפּן רופנדיק גאָט צו הילף און וואַסיל האָט געזאָגט מיט זיכערקייט:

— נישקשה. אויף מאַטראָנען קען מען זיך פאַרלאָזן. זי וועט אויס־האַלטן . . .

נאָר אינדערפריה:—

ווי אַ פאַרהוילענע קראַפט וואָלט אים פּלוצים אַ שליידער געטאָן, איז וואַסיל אויפגעשפּרונגען פון זיין געלעגער, איז געבליבן שטיין מיט צעעפנט מויל און אַרויסגעוואַליעטע אויגן: די שיינע, קרעפטיקע מאַטראָנע איז געלעגן אין בעט מיט פאַרשטאַרט געל־בלייך געזיכט און פאַרשפּיצטער נאָז. די ליפּן זיינען געווען ווייענדיק צונויפגעפרעסט, די אויגן זיינען געשטאַנען אָפן, נאָר ס׳זיינען געווען אַנדערע אויגן: מאַט־פאַרלאָשן און מיט פראָסט־הייטל איבערגעצויגן.

פון צווייטן צימער איז מיט שאַרענדיקע טריט אַריינגעקומען די אַלטע, איז צוגעגאַנגען צום בעט, קלויסטערישקייט האָט פאַרצויגן איר פּנים:

— דערבאַרם זיך, גאָט! — האָט זי אַרויסגעברומט. אַ ווײַלע גע־פינטלט מיט די אָפּגעקראַכענע ברעמען, אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגן, דינעם קוויטש, זיך אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט איבער די אויגן, אַ טאַפּ געטאָן די קאַלטע האַנט מאַטראָנעס און געזאָגט:—

— אוי גאָט דערבאַרמדיקער! ווייזט אויס: נאָך ביינאַכט אויסגע־גאַנגען און דו זונעלע האָסט נישט געפילט . . .

וואַסיל איז געשטאַנען אַ דערטשמעלעטער מיט טעמפּ פּנים. פון נעלענער אין ווינקל, האָט זיך נאָך אַלץ געצויגן דאָס שוואַכע „יענטשען" פון קינד, נאָר אויך דאָס „יענטשען" איז געווען אַנדערש. גאַרנישט מענטשלעך. דאַן — דאָס „יענטשען" האָט זיך איבערגעגאָסן אין אַ כריפּען, וואָס האָט גע־

זונקען, געפאלן און נישט געווארן. די אלטע האט צוגעשארפיעט צום געלעגער און ווידער ארויסגעלאזט א דינעם קרעכץ:

— פאטער הימלישער! דערבארם זיך און פארגיב די זינדיקע נשמות . . .

די אלטע האט שטיל געוויינט מיט קינדערישער שטים.

ערשט איצט האט זיך עס פאטופעט ביי וואסילן אין קאפ וואס דא איז געשען:

— גאט מיינער!—

האט געגעבן א זשמורע־צונויף די אויגן און א צי ארויף דעם קאפ ווי א הונט, וואס האט געקראגן א שניט מיט א דראנג איבערן מוח, האט אפ־געציילט דריי הארטע שפאן און זיינע אויגן האבן זיך איבערגעקערט. דעם קינדס פנימל איז געווען קליין און ווייס ווי קאלעך. פון דער ווייסקייט האט געשפארט שארפער ווייטיק, ווי עס וואלט אן כוחות געשטרעקט די הענטלעך נאך הילף . . .

ווי הייסע גערדיכטע קנויל האט דער רעווע זיך פארשלאגן אין האלדז און אין הארצן האט זיך צעפלאקערט אומגעהויער־גרויס רחמנות צום קינד. דער רחמנות האט גענומען שפארן די ברוסט אויף אלע זייטן. ער האט מיט ביידע שווערע הענט זיך געכאפט פארן קאפ און זיך גענומען וויגן אויף די פיס . . .

— — — — — — — — — — — — — —

צעעפנט האט זיך דער טויער פון פאדוויר און דורך דער טיר האבן זיך געשפארט פויערים און פויערטעס. אין שטוב איז געווארן ענגער און גערדיכטער. וועקסענע ליכט האבן געברענט מיט שווערער קלויסטער־מרה־שחורה. די פויערים זיינען געשטאנען אן היטלען מיט פלאקסענע און שווארצע קעפ, צעשויבערטע און שטארק גלאטיקע, געשטאנען פארפרוירענע, זיך גע־צלמט און ליפן האבן געשעפטשעט. פויערטעס האבן מיט איינגעהאלטן וויינענדיקע שטימען געצויגן פרומע געזאנגען. וואסיל — א פארשטויסענער— איז געזעסן אפגעזונדערט אויף דער באנק, מיט אראפגעהאנגענעם צעשויי־בערטן קאפ, און קיין אבר האט זיך אין אים נישט גערירט.

דריי טעג האט זיך עס געצויגן. א לאנגער שווארץ־בלאטיקער פאר־לאזטער וועג . . . ס'האבן געברענט און געטריפט ליכט. ס'זיינען געקומען און געגאנגען פויערים און פויערטעס. מען האט זיך געצלמט און שטיל מתפלל געווען. מען האט געבראכט טרונעס, די טויטע אין זיי אריינגעלייגט, און וואסיל האט ווי א פרעמדער געשוויגן. דער קאפ איז אים געווען פאר־

הילצערט און ס'האָט אין אים געעגבערט: ווער האָט עס אים אָפּגעטאָן? האָ? פּויערים האָבן געקוקט אויף אים מיט רחמנות, האָבן אים געזוכט צו טרייסטן, גערעדט צו אים פרומע רייד: „ס'איז גאָטס ווילן, באַשערט אזוי פון האר דעם הימלישן . . . ווער קען פארשטיין זיינע וועגן”? נאר וואסיל האָט געשוויגן און ס'איז ניט געווען צו דערקענען צי ער הערט די רייד. פּלוצלונג — האָט ער געגעבן א הייב־אויף צוויי אויגן און אזוי א קוק געטאָן, אז פּויערים האָבן גענומען פּלאָנטערן מיט די צינגער און זיך אָפּגערוקט פון אים.

ב.

מען האָט געבראַכט דעם „פּאַראַפּיע”־גלח. ער איז געקומען מיט א גערדיכטער געלער באָרד און מיט א גרויסן זילבערנעם צלם, וואָס איז אים געלעגן אויפן אָפּגעשטאַרטן בויך. אז וואסיל האָט אים דערזען אריינקומען, האָט ער זיך אויפגעשטעלט, געשטאַנען מיט הכנעה און מיט געבויגענעם קאָפּ אויסשטעלנדיק בעטנדיקע אויגן, האָט ער געוואַרט צו דערהערן ווערטער וואָס זאָלן אים די לײדן גרינגער מאַכן. נאָר דער גלח האָט זיך גלייך גענומען צו זיין „ארבעט”: האָט אָנגעטאָן די גאָלדענע „טאָגע” און גענומען זינגען מיט א בויך־שטים, ווי פון הוילער פאַס ארויס. זיין פּנים איז געווען פאררייטלט, פליישיק, און אויף וואסילן האָט ער נישט געקוקט. האָט וואסיל פארקלעמט די ציין, די קינבאַקן האָבן זיך שטייף אנגעצויגן און ער האָט שוין געהאַלטן די אויגן צו דער ערד. — ווי עס וואָלט אים גאַרנישט דאָ אָנגעגאַנגען.

נאָר אין מיטן זינגען איז אזוי געשען: —

איוואן פעטריק האָט מיט געקנייטשט וויינענדיק פּנים זיך דערנענטערט צו וואסילן, אים צו זאָגן א פּאָר טרייסט־ווערטער: —

— וואסיל ליבענקער, באַדענק זיך . . . ס'איז דאָך גאָטס ווילן . . . נעם אָן פּאַר ליב גאָטס שטראָף . . .

וואסיל איז געוואָרן ווי פלאַם וואָלט זיין נאַקעט לייב פּלוצלונג ארומגעכאַפּט, די אויגן האָבן זיך אנגעגאָסן מיט קאַכיק בלוט, חיהשער רעווע האָט פון אים א ריטש געטאָן, ער האָט אויפגעהויבן טרייסלענדיקן קולאַק:

— הינטישער זון!

דאָס געזאַנג פון גלח האָט זיך איבערגעהאַקט. דאָס „פּאַטערל” איז געבליבן מיט פארשטאַרט אָפן מויל. פּויערים האָבן זיך א שטויס געטאָן צו וואסילן, זיך אריינגעשפּאַרט צווישן אים און איוואנען. איוואן איז געווען

בלייך און זיינע ליפּן האָבן שטאַרק געציטערט, וואַסילס אויגן האָבן געברענט מיט שוואַרץ פייער און איינער אין אַ זייט האָט אַ זאָג געטאָן:

— „זדורעל טשעלאָוויק"!

— „זדורעל"? האָט ווער שטיל איבערגעפרעגט.

— מען זעט דען נישט? פון זינען געריררט . . .

— אַ שטראָף פון גאָט . . .

— און אפשר אַ פאַרדינטע . . .

וואַסיל איז שוין צוריק געזעסן אויף דער באַנק, געהאַלטן דעם צע־פּאַטעלטן קאָפּ צווישןביידע הענט, זיך געוויגט און געקרעכצט מיט טעמפּ קול:

— ווי גוט זי איז מיר געווען . . . ווי שיין זי איז מיר געווען . . . ס'אַר אַ געטריי ווייב זי איז מיר געווען . . . —

האָט זיך ווידער אויפגעשטעלט, די אויגן האָבן געשרפעט, האָט גע־דרייט דעם קאָפּ, ווערגנדיק זיך, נאָר קיין טרערן האָבן זיך נישט געוויזן. פויערים האָבן געקוקט מיט שרעק, רחמנות, און האָבן זיך געהאַלטן אָפּ־גערוקט פון אים.

— אַ? זיך דערלעבט אַ נקמה אָן וואַסילן? אַ? מענטשלעך גוטינקע! וואָס האָט איר מיר אָפּגעטאָן, וואָס? עך, איר הינטישע זין!

זיין קערפּער האָט קאָנוואולסירט פון קאָכיקן צאָרן.

אַן עלטערער פויער האָט מיט פרומער זיכערקייט געזאָגט:

— קום צו זיך, וואַסיל . . . באַדענק זיך, זונעלע . . . ס'איז אַ זינד זיך צו בונטעווען קעגן גאָט . . .גאָט איז אַ פאָטער אַ גוטינקער און ער ווייסט וואָס ער טוט. זינדיק נישט וואַסיל . . .

וואַסיל האָט געקוקט, געקוקט און זיך צוריקגעזעצט.

ווידער האָט מען געשעפּטשעט:

— „זדורעל" . . .

— אַזאַ געזונטער . . . אַזאַ יונגער . . .

— און געוועזן צו וואָס צו לעבן . . .

— אַ שווערע שטראָף . . .

שטיל געוואָרן. דער גלח האָט ווידער געזונגען מיט זיין בויך־שטים. פויערים האָבן געבויגן די פּלייצעס, קרעכצנדיק אַרויסגעטראָגן די טרונעס. וואַסיל איז נאָכגעגאַנגען מיט אַראָפּגעהאַנגענעם קאָפּ און ער האָט אַלץ נישט געקענט באַגרייפן: „ווי אַזוי האָבן זיי עס מיר אַזוי אָפּגעטאָן? ווי אַזוי" . . .

צוריקגעקומען פון דער לויה, האָט וואַסיל אוועקגעשיקט די אַלטע און איז אַליין געבליבן אין שטוב. האָט פאַרהאַקט די טיר און קיינעם צו

זיך נישט אריינגעלאָזט.

דריי טעג האָט ער זיך נישט געוויזן אין דרויסן. ער איז געזעסן אויף דער באַנק, געהערט ווי מען קלאַפּט אָן טיר און זיך נישט אָפּגערופן. געקלאַפּט האָט די אַלטע—מאַטראַנעס מומע—האָט אים גערופן ביים נאָמען, זיך געבעטן, און ער — ווי ער וואָלט נישט געהערט. ער האָט געזען פויערישע פּנימער אין די פענצטער; יענע האָבן געפינטלט מיט די אויגן, באַוועגט מיט די ליפּן, נאָר ער האָט זיך פון אָרט נישט גערירט —

דער אַלטער אָרימער קאַנדראַטיק, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר וואַסילס אַ קרוב, איז געקומען צום פענצטער, האָט געקלאַפּט און גערופן: וואַסיל! העי וואַסיל! דערנאָך האָט ער שטאַרקער גענומען קלאַפּן:

— העי וואַסיל! דו הערסט? כ'על די שויב אויסברעכן!

האָט וואַסיל זיך גענעבן אַ שטעל־אויף, געכאַפּט אַ „קלאַניצע", זיך פאַרמאָסטן קעגן פענצטער:

— וואָן, הינטישע צורה!

האָט יענער ברייט צעעפנט די אויגן, זיך אָפּגערוקט, אויפגעצויגן די אַקסלען און באַדויערנדיק געשאָקלט מיטן אַלטן קאָפּ, געקוקט ווי וואַסיל שטייט אינעווייניק מיט דער אויפגעהויבענער „קלאַניצע", זיך איבערגע־צלמעט און אַוועק מיט געלאַסענע טריט.

— פריידט זיך, הינטישע זין! פריידט זיך—האָט וואַסיל אַראָפּגעלאָזט די הענט מיט דער „קלאַניצע" און מיט האַרטע טריט גענומען שפּאַנען איבער דער שטוב. אין האַרצן האָט געקאָכט צאָרן, געקאָכט געדיכט און שווער ווי קלעפּיקע, קאָכיקע סמאָלע, האָט כסדר געקוועלט און זיך געשפּאַרט אין אַלע זייטן: עס וועט זיי נישט געשוויגן ווערן . . . ער האָט געביילט די פויסטן און אַ פּאָר מאָל איבערגעחזרט: „עס וועט זיי נישט געשוויגן ווערן" . . .

זשורקע — דאָס גרויע הינטל מיט די לאַנגע דינע האָר — האָט זיך אַרומגעדרייט אין שטוב, האָט געגראַבלט מיט די פאָדערשטע פיסלעך אָן טיר און אַרויסגעלאָזט פּיפּלדיקע קוויטשערייען, נאָר וואַסיל האָט נישט געעפנט. ער איז געווען פאַרזונקען אין כעס ביז איבערן קאָפּ . . .

אַז דער הונגער איז אים אָנגעקומען, האָט ער געשניטן גרויסע פּע־נעצן ברויט, געקייט אין איין אָטעם און נישט געפילט וואָס ער עסט. אין מיטן קייען — און אין האַרצן האָט עפּעס זיך צעריסן, האָט גענעבן אַ שאָס־אַרויף אין קאָפּ אַריין און ער האָט אויפגעהערט קייען. מיט אָפן מויל געגאַ־פּעט אין ליידיקייט אַריין. דאַן — אַראָפּגעהאַנגען דעם קאָפּ און געזעסן ווי פּיינלעך פאַרבענקט פערד. געזעסן אַזוי, לאַנג, האָט געאָטעמט דורך צעעפנט מויל, וויינענדיק געקנייטשט דאָס פּנים, קיין טרערן האָבן זיך נישט געוויזן . . . האָט ער זיך גענומען שאָקלען און געפילט דאָס האַרץ צערייסט זיך אין אים

פון גרויס בענקעניש.

„וואָס האָבען זיי געהאַט צו מיר? . . . ווער האָט עס מיר אפּגעטאָן . . און פאַר וואָס? . . .״

זיך געוויינט, פאַרגאַנגען אין רחמנות צו זיך אַליין, ביז — צוריק האָט דער כעס א קאָך געטאָן אין זיינע ביינער, האָט ער אריינגעפּלאַכטן זיינע דיקע בלאָנדע האָר צווישן די האַרטע פינגער פון ביידע הענט, האָט גענומען רייסן, פליקן און דערביי גערעוועט מיט טרוקענע טעמפּע רעווען . . .

אזוי איז ער אפּגעזעסן אין שטוב דריי טעג מיט דריי נעכט און האָט זיך קיין איין מאָל נישט אויסגעטאָן. בלויז א פּאָר מאָל האָט ער זיך ארויס־געכאַפּט אויפן פּאַדוויר צו די פערד.

זונטיק אינדערפרי, האָט זיך וואסיל אויפגעהויבן א מרה שחורה־דיקער, א שטילער און א ביסעל באַרואיקטער. האָט דערהערט ווי זשורקע— וואָס האָט זיך מיט א טאָג פריער ארויסגעכאַפּט — וויינט הינטער דער טיר, האָט ער זי געעפנט און דאָס הינטל אריינגעלאָזט.

זשורקע איז אריין א פרייליכער, האָט געהאַלטן פאַרריסן ראָס שמאָלע הנעוודיקע קעפּל, האָט באַוועגט מיטן עק, באַלבלענדיק דינע קולות דורך דער נאָז און זיך גענומען רייבן אָן וואסילן. האָט וואסיל אויסגעצויגן די האַנט, א גלעט געטאָן דאָס הינטל איבערן קעפּל:

— ארימער זשורקע!

דאָס הינטל האָט פון גרויס פאַרגניגן פאַרמאַכט די אויגן און גענומען פרייליך צאַפּלען מיט דער גאַנצער פעל טופּענדיק מיט די פיסלעך; זיך אוועק־געלייגט אויף דער ערד, אויסגעשטרעקט די מאָרדע אויף די פאָ־דערשטע אויסגעצויגענע פיסלעך און געקוקט מיט בוימל־וויכע קיילעכדיקע אויגן. וואסיל האָט מיטן פוס א רייב געטאָן זשורקעס רוקן און דאָס הינטל האָט פאַרזשמורעט די אויגן און געטריבן בלעזלעך דורכן האַלדז. אזוי, ביז וואסיל האָט צוגענומען די אויגן און זיי צוגעטראָגן צום פענצטער. איז זשורקע אויפגעשטאַנען, א טרייסל געטאָן די פעל און מיט דריבנע גיכע טריטלעך אוועק אין קיך שנאַרכנדיק מיטן פאַרריזטן נעזל אין איין אטעם.

וואסיל האָט געדענקט „היינט איז זונטיק״ און געדענקט אָן קלויס־טער, וואו מען וועט היינט אפּריכטן תפלות, האָט זיך דערוועקט אין אים א האָפנונג אויף טרייסט, האָט ער זיך ארומגעוואַשן און אנגעטאָן א פּריש העמד. ווען ער האָט דאָס העמד געהאַלטן אין די הענט צום אריינשטעקן דעם קאָפּ אין דעם, האָט ער דערשפּירט א שטאַרק־היימישן, ליבן ריח . . . און דאָס פּנים איז אים וויינענדיק געוואָרן. איז ער א ווײַלע אזוי געשטאַנען פאַרגליווערט מיטן העמד אין די הענט . . .

— — — — — — — — — — — — — — —

וואסיל האָט זיך אנגעטאָן און איז ארוים אויפן פּאדוויר. זשורקע איז ארוים נאָך אים, האָט ניט אויפגעהערט שפּרינגען און זיך פרייען מיטן בעל הבית, וואָס איז ענדלעך געקומען צו זיך.

וואסיל האָט איינגעשפּאנט די בריטשקע, געוועזן גרייט אויפצוזיצן און — זשורקע האָט זיך מיט א האווקע א שליידער געטאָן צום טויער, כדי צו לויפן פאָרויס. נאָר וואסיל האָט אויסגערופן:

— אהער גיי, זשורקא!

האָט זשורקען צוגעפירט צו דער „בודע" און אים אָנגעבונדן אויפן שטריק.

— יועסט דאָ בלייבן, זשורעטשקא . . . וועסט די „כאַטע" היטן . . .

האָט זיך אויסגעגלייכט, א ווײַלע געקוקט מיט געטריישאפט צום הינטל, וואָס האָט געטופּעט מיט די פאדערשטע פיסלעך רייסנדיק זיך צו אים, מיט בעטנדיקע אויגן און וויינענדיק קוויטשעריי. דערנאָך אפּגעזיפצט: „אליין געבליבן, זשורעטשקאַ! . . . מער האָב איך קיינעם נישט . . . אַלע זיינען מיר שונאים . . . וועסטו היטן" . . .

איז אויפגעזעסן אויף דער בריטשקע און ארויסגעפאָרן פון פּאָדוויר.

ג.

אין דרויסן איז געשטאנען שטילער, כמורנער אסיען. די ביימער האָבן געשטאַרצט טרוקענע, אָן בלעטער. די „כאַטעס" — ארויסגעשטעלט אין ליידיקן דרויסן. די גאַס — א שווארצע, א טרוקענע, האָט אונטערטעניק געוואַרט אויף דריבנעם רעגן. די כמאַרעס זיינען ווי טונקעלע וואטע־פלאַכטעס געקראָכן לאַנגזאַם און נידעריק. ערגעץ האָבן חזרים געכרוקעט און דער זשורוועל פון ברונעם האָט הייזעריק געריטשעט. וואסיל איז געפאָרן און נישט געקוקט צו די כאַטעס. דאָ און דאָרט איז פאר א כאַטע געשטאַנען א פויער מיט די ווייסע זונטיק־ארבל; א שיקסע אין א רויט קאַפּטל מיט א ווייס פּארטוכל, האָט מען אים נאכגעקוקט מיט וואונדער, צערודערונג, און נישט געוואָגט אים „גוטמאָרגן" צוצושרייען. וואסיל האָט געשפּירט די נאָכפאָלגנדיקע בליקן, האָט ער געפילט גרוים בושה און צו דער זעלבער צייט — דערהויבנקייט: אַלע זיינען דאָך זינדיק קעגן אים . . . ווען ער איז ארוים פון דאָרף איז אים גרינגער געוואָרען. ער האָט ווידער געדענקט דעם קלויסטער און דעם „הייליקן" וואָס איז אפּגעקומען פאַר אַלעמענס חטאים, האָט ווידער האָפנונג זיך געוועקט אין אים, האָפנונג אויף טרייסט . . . האָט ער

גענומען אונטערטרייבן דאָס פערד און מיט אַלע אברים געשפּירט ווי עס ציט צום קלויסטער . . .

ער האָט געטראַכט: פאַר „אים" וועל איך מיין האַרץ אויסגיסן און „ער" וועט מיך טרייסטן.

אין קלויסטער איז געווען ענג, היימיש און וואַרעם. אַסך ליכט האָבן געברענט און דער „נאַראַד" האָט געקניט און געבויגן די קעפּ. דער גלח האָט הייזעריקלעך געזונגען ציטערדיק די ווערטער. הייסער אָטעם האָט געפּאַכעט איבער אַנטבלויזטע קעפּ ווי הייס־זומערדיקער ווינט איבער צייטיק זאַנגען־פעלד. די פּנימער זיינען געווען שטילער, ערנסטער, איידעלער, און די מיילער האָבן נאָכגעזאָגט די זינגענדיקע תּפילות. איז וואַסיל געשטאַנען אויף די קני און געשעפּטשעט שטרעקנדיק די הענט:—

„אַלמעכטיקער הימלישער . . . דערבאַרם זיך און שיק טרייסט צו די דערשלאָגענע."

דער גלח האָט עפּעס אויסגעשריגן מיט ציטערדיק קול און דער „אָרגל" האָט גענומען פּלייצן מיט טענער. דער כאָר פון מיידלעך אין ווייסע קליידער האָט זיך צעזונגען מיט קוויטשנדיקע לויטערע שטימען.

האָט וואַסיל אויפגעהערט שעפּטשען און ווי געצויגן פון אַ כשוף האָט ער מיט צעעפנט מויל זיך צוגעהערט צום געזאַנג פון די מיידלעך. עס האָט זיך אוועקגעוויקלט דער נעפּל פון פאַרגאַנגענער צייט און ער האָט גע־זען: מאַטראָנע, אַ יונג מיידל אַנגעטאָן אין ווייס קלייד, שטייט אין כאָר און זינגט. ער האָט דייטלעך געהערט איר ברוסטיקע שטימע און ער האָט געשטרעקט דעם קאָפּ צו זען די זינגערקעס ביים אַלטאַר . . . דער כאָר האָט לאַנגזאַם געצויגן די ווערטער אין געזאַנג.

וואַסילס פּנים האָט זיך גענומען קנייטשן, די וויעס האָבן געציטערט, אין האַרץ איז געוואָרן וואַרעמע ווייכקייט, פייכטקייט איז צוגעטראָטן צו די אויגן. אָט, אָט, און עס קומט טרייסט . . .

ער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן: איהם האָט זיך געדאַכט ער האָט געהערט אַ שאַרף געלעכטערל הינטער זיך. ער האָט געגעבן אַ דריי־אויס דעם קאָפּ — איוואַן פּעטריק . . . ער שושקעט עפּעס צו אַ שכן און דער שמייכל ליגט נאָך אויף זיינע ליפּן. האָט עס אים געגעבן אַ פּלאָם־אויף אין האַרצן און דער קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט . . . איז צוריק געקומען די שווערקייט און דער כעס האָט צוריק געקאָכט אין די ביינער.

ער האָט זיך שוין נישט צוגעהערט צום געזאַנג, זיינע פויסטן האָבן זיך געביילט, נאָר אַן זיין וויסן, און דאָס האַרץ האָט געריצט מיט ווייטיק: „ער לאַכט . . . זיך דערלעבט . . . אַ נקמה דערלעבט . . . "

ער האָט צוריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווידער גענומען מתפּלל זיין,

אבער—ער האָט זיינע ווערטער נישט געהערט און נישט פאַרשטאַנען.

איצט האָט ער פאַרנומען ווי היימישע פויערים ארום אים שושקען זיך, אים איז אויסגעקומען אז זיי כיכיקען:

„אוים . . . אַ סוף צו וואַסילן."

האָט ער ווידער אויפגעהויבן די אויגן צום „הייליקן", וואָס האָט צו אים אראָפּגעקוקט פון קרייץ מיט אַ געזונקענעם קאָפּ, נאָר וואַסיל האָט זיין בליק נישט געקענט אויפכאַפּן.

„העלף מיר, דערבאַרמדיקער!"

נאָר דער „דערבאַרמדיקער" האָט נישט געקוקט צו אים און זיין געבעט נישט פאַרנומען. „ער" קוקט אין אַ זייט ווי ער וואָלט אים נישט געזען . . .

ווידער האָט וואַסיל פאַרנומען אַ שושקען. האָט ער אויפגעשטרעקט דעם קאָפּ און דערזען: אַלע שטייען שוין אויפגעשטעלט. אַ? און דער כאָר זינגט שוין נישט . . . און ביי דער טיר שטופּט מען זיך צום ארויסגיין.

ער איז אויפגעשטאַנען, איז ארויסגעגאַנגען, זיך נישט אומגעקוקט, נישט געענטפערט אויף די באַגריסונגען פון שכנים, איז אויפגעזעסן אויף זיין ברימשקע און צוריקגעפאָרן מיט געזונקענעם קאָפּ, מיט טרויער אין האַרצן, און מיט קאָכעניש אין לייב:

„זיך דערלעבט! מען פּרייט זיך אויף וואַסילס בראָך! . . . אויס־וואורפן! . . . "

— — — — — — — — — — — — — — —

ס'האָבן זיך געצויגן רעגנדיקע נאַסע טעג, טעג וואָס הייבן זיך נישט אָן און לאָזן זיך נישט אויס, נאָר קומען פון דער נאַכט און גיסן זיך אין דער נאַכט אריין. דאָס דאָרף איז געלעגן פאַראומערט, נאַס, קויטיק, און וואַסיל האָט זיך טרייסטן נישט געקענט. ער האָט געאַרבעט אין שייער, צונויפגע־לייגט דאָס שטרוי, „געפּאָיעט" די פערד, געהאַקט האָלץ, געפירט האָלץ, און אומעטום מיטגעטראָגן מיט זיך זיין פאַרצערנדיקן צאַרן: אַלע זיינען שולדיק אין זיין אומגליק און אַלע פרייען זיך אויף זיין בראָך. האָט ער קיינעם נישט געקוקט אין פּנים און קיינעם פריינדלעך נישט געענטפערט. האָבן פויערים גע־נומען אים אָפּטרעטן דעם וועג און זיינען שטיל געוואָרן ווען ער איז פאַרבייגע־גאַנגען.

האָט געטראָפן אין שטילן פאַרנאַכט: שיקסעס מיט יונגען זיינען געשטאַנען פאַר אַ הויז, געשליידערט קוויטשערייען און זיך געשטיקט מיט רוישיקע געלעכטערס; אז וואַסיל איז פאַרבייגעגאַנגען, זיינען די געלעכטערס איבערגעהאַקט געוואָרן און גרויסע אויגן האָבן אים נאָכגעקוקט.

וואַסיל איז געגאַנגען זיין וועג, האָט זיך נישט אומגעקוקט, נאָר זיין

פלייצע האָט געפּילט די בליקן, און ער האָט פון ווייטיק און בושה געקריצט מיט די ציין.

און ס'איז געוועזן זונטיק, און וואַסיל איז ווידער אין קלויסטער געקומען. ער האָט געקניט פאַרן „דערלייזער" און געבעטן טרייסט. דער „הייליקער" האָט אָבער אַלץ געהאַלטן דעם קאָפּ אויף אַ זייט געבויגן און דווקא נישט געקוקט אין וואַסילס זייט. דער כאָר האָט ווידער געזונגען און וואַסיל האָט געזוכט מאַטראָנען צווישן די ווייסע מיידלעך, ביז ער האָט ווידער דערהערט ווי מען שושקעט זיך הינטער זיינע פּלייצעס. איז ער האַסטיק אויפגעשטאַנען, איז אַרויס פון קלויסטער, איז גלייך אַהיים געפאָרן, און דעם גאַנצן וועג האָט ער גערעוועט מיט טרוקן קול און זיך געריסן די האָר פון קאָפּ; האָט געשלאָגן דאָס פערד, געשאָקלט מיט דער בייטש און געשפּיגן מיט וויסטע קללות.

ער איז אָנגעקומען אין דאָרף, געטראָפן די כאַטעס שטילע, ליידיקע, האָט ער געגעבן אַ פאַרצי די לייצעס, אָפּגעשטעלט די פערד, און — ער וועט אַראָפּ און וועט אונטערצינדן דאָס דאָרף . . . איז באַלד געוואָרן ווילד אין כעס אַלמאַי די פערד האָבן זיך אָפּגעשטעלט, האָט ער זיך געגעבן אַ שטעל-אויף אין ברישטשקע, שטייף פאַרצויגן די לייצעס און מיט הייסן אימפּעט גענומען שמייסן. די פערד האָבן זיך אַ ריס געטאָן מיט פאַררויסענע קעפּ און ברייט צעעפנטע נאָזדרעס און זיך גענומען יאָגן, רייסנדיק זיך פון די פעלן אַרויס. זיי זיינען פאַרביי זיין „כאַטע" און משוגע זיך געטראָגן ווייטער איבערן דאָרף. פויערטעס זיינען אַרויס פון די שטיבער, האָבן גענומען קווייטשען און רופן הילף. זיי האָבן געזען ווי די ברישטשקע שפּרינגט און די נאַסע ערד שפּריצט פון אַלע זייטן. וואַסיל האָט גערעוועט און געשמיסן און די פערד זיינען אויסגעצויגענע געשווימען אויף די ביי-כער . . .

וואַסיל האָט דערהערט די קווייטשערייען, האָט ער זיך באַזינט און אויפגעהערט שמייסן. די פערד האָבן גענומען טאַמעווען. וואַסיל האָט פון יענער זייט דאָרף אויסגעקערעוועט און שוין געלאָזן צוריקגעפאָרן צו זיין שטיבל. פויערטעס האָבן שטיל געבראָכן די הענט:

„זדורעל . . . אינגאַנצן גערירט פון זינען."

ד.

אין שטיבל איז געווען טרוקן און וואַרעם, ס'האָט געשמעקט מיט

ראַזאָווע ברויט, וואָס וואַסיל אַליין האָט מיט אַ טאָג פריער געבאַקן. ער האָט צוגעמאַכט די טיר מיט אַזאַ פאָרזיכטיקייט ווי ער וואָלט זיך געהיט נישט אויפצוּוועקן עמעצן. ער האָט אויסגעטאָן די בורקע, זי אַוועקגעוואָרפן אויף דער ערד און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק ביים אויוון.

— עך פאַרשאָלטענע!

געשפּירט ווי דער כעס אין אים וואַקסט גערדיכטער און הייסער: „ווי די „באַבעס" האָבן עס געקוקט . . . עך" . . .

זשורקע איז געשטאַנען אָפּגערוקט פון אים; געשטאַנען מיט פאַריסן קעפּל און צעטומלטע אויגן: געקוקט מיט שרעק אויפן בעל הבית וואָס שטיקט זיך מיט זיין רעוּוען און רייסט די האָר פון קאָפּ. זשורקע האָט געפילט די נאָענטקייט פון אַן אומגליק, איז געשטאַנען אויף פאַרשטייפטע פיסלעך, גרייט צו באַפאַלן דעם, וואָס וויל דעם בעל הבית שלעכטס טאָן.

וואַסיל האָט שווער אָפּגעזיפצט, מיט שטאַרע, פיינלעך־פאַרבענקטע אויגן געקוקט אין פענצטער, דערנאָך די אויגן אויסגעקערעוועט צו זשורקען:

— אהער ניי!

זשורקע האָט אַ ציטער געטאָן, האָט פאָרזיכטיק גענומען שטעלן געלאַסענע, נישט זיכערע טריט. עפּעס האָבן וואַסילס אויגן געקוקט אַזוי מאָדנע . . .

— עך, זשורקאַ! זיך גוט דערלעבט, האַ?

איז שוין זשורקע צוגעקומען, אַוועקגעלייגט די פאָדערשטע לאַפּקעס אויף וואַסילס קני און אויף זיי — די שמאָלע מאָרדע. האָט געקוקט מיט געטריישאַפט און מיט בלינדער מורא, פינטלענדיק מיט די טונקל־ברוינע אויגן.

— אַזוי? דו היטסט זיך אויך פאַר מיר? קוקסט אויף מיר מיט פאַלשקייט?

וואַסילס גרויסע האַנט האָט געגעבן אַ נעם צונויף דעם הינטלס אויערן מיט אַ שטיק פעל צוזאַמען:

— האַ? וואָס גאַפּעסטו אַזוי אויף מיר? האַ? דיר געפעל איך שוין אויך נישט?

זשורקעס אויגן האָבן זיך געגעבן אַ גיס אָן מיט שרעק צום פּלאַצן. האָט גענומען דרייען דאָס קעפּל, רייסנדיק זיך פון דער שווערער האַנט.

— אַזוי? רייסט זיך? ווילסט פון מיר אַנטלויפן? אויך אַ שונאַ?

און מיט דער אַנדערער האַנט האָט וואַסיל אַראָפּגעלאָזט אַ פּליאַסק איבער הינטישן פּיסק. די ציין האָבן אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג און פון פּיסק האָט זיך אַרויסגעיאָגט אַ יאָמערלעכער שאַרפער קוויטש. די הינטערשטע פיסלעך האָבן גענומען טופּען אין איין אָטעם. וואַסיל איז צעמישט גע־

וואָרן. ער האָט געהאַלטן אין איין פליאַסקען איבער דער מאַרדע. דאָס שטיבל איז געוואָרען פול מיט קוויטשערייען. אין גאַס איז מען זיך צונויפגעלאָפען, נייגעריקע פנימער האָבן זיך געוויזן אין די שויבן.

הינטער די פענצטער האָבן פויערים געמורמלט:

— „זדורעל״ . . .

— משוגע פון צרות . . .

— פאַרלוירן געגאַנגען אַ מענטש.

וואַסיל האָט ענדלעך אָפּגעלאָזט די אויערן און זשורקע איז אָפּגע־שפּרונגען מיט אַזאַ אימפּעט, אַז ער איז געפאַלן און זיך אַ קוליע געטאָן איבערן רוקן, צוריק אויפגעשפּרונגען, זיך פאַרשלאָגן אין אַ ווינקל, גענומען „יענטשען״ ציטערנדיק מיט דער גאַנצער פעל און געצויגן דאָס קעפל אין געדיכטהאָריקן האַלדז אַריין.

דאָס יענטשען האָט געגעבען אַ צעברען וואַסילס ווייטיק: אַט אַזוי האָט זיין טעכטערל געיענטשעט איידער עס איז אויף אייביק איינגעשלאָפן . . . האָט ער אַריינגעוואָרפן דעם שווערן קאָפּ אין די הענט אַריין און זיך גע־נומען לאַנגזאַם ווינען:

״אוים וואַסיל . . . נישטאַ קיין ווייב, נישטאַ קיין קינד און נישטאַ קיין וואַסיל . . . אַלץ וועט שוין איצט גיין אין דער ערד אַריין״ . . .

דאָס הינטל איז דערווייל אַנטשוויגן געוואָרן, האָט זיך מיט שטילע טריטלעך צוגעשאַרט צו דער טיר, געלאַקערט און געוואַרט זי זאָל זיך עפענען. וואַסיל איז אַלץ אַזוי געזעסן און גערעדט זיך אַליין אויף צעזעצעניש, עס האָט אים געברענט דאָס האַרץ, נאָר קיין טרערן זיינען אין אים נישט געווען.

דערווייל — און די טיר האָט זיך פאַרזיכטיק געעפנט. זשורקע האָט זיך גלייך געגעבן אַ כאַפּ אַרויס, זיך אָפּגעשטעלט פון יענער זייט טיר, אַ טרייסל געטאָן די פעל און מיט פאַרלייגטע אויערן אָוועקגעשוואָלעוועט איבער גאַס ווי פון אַ רוח געטריבן. אין שטוב איז אַריינגעקומען דער דאָרף־שניידער בערקע: אַ דאַרער ייד מיט בלייך אָפּגעצערט פנים און טונקל־בלאָנד בערדל.

— אַ גוטן אָוונט, פעטערל וואַסיל! — האָט ער טרויעריק אַ זאָג געטאָן.

וואַסיל האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון די הענט אַרויס, האָט געקוקט מיט וואונדער: ווי קומט עפּעס אַ מענטש צו אים? האָט דערקענט ווער דאָס איז און געזאָגט:

— בערצע, אַ?

האָט זיך בערקע געזעצט נעבן אים אויף דער באַנק, געקוקט מיט גרויסע פאַרזאָרגטע אויגן.

— וואָס זשע ווע‍סטו זאָגן, בערצע? האָ? נישטאָ מער וואַסיל, מען האָט זיך דערלעבט אַ נקמה אין וואַסילן, האָ?

— וואָס איז פאַראַן צו זאָגן. אַ מענטש, כל זמן ער לעבט האָט ער צרות. קיינער איז פון צרות נישט אויסגעהיט.

— אָבער אַזעלכע צרות ווי מיינע?

— ס'איז טאַקע אמת, וואַסיל: גרויסע צרות . . . ס'האָט דיר אודאי אַ גרויס אומגליק געטראָפן, יאָ וואַסיל . . .

דערפאַר וואָס בערקע האָט מסכים געווען אַז זיינע צרות זענען גרוי־סע, איז וואַסיל ווייכער געוואָרן און גענומען ריידן:—

— זעסט, אַט ביזטו . . . כאָטש אַ פרעמדער . . פון אַן אַנדער „וויאַרע", אָבער קיין שונא ביסטו נישט . . . האָסט מיטלייד . . . אַנדערע אָבער . . .

— פאַרוואָס מיינסטו אַז אַנדערע זיינען דיר שונאים? וואַסיל טייערער, האָסטו דען ווע‍מען שלעכטס געטאָן?

— זעסטו דאָך! אַלע זיינען זיי מיר שונאים! עד, הינטישע זין! זיי האָבן זיך אין מיר נוקם געווען.

וואַסיל האָט מיט פאַרשטייפטע הענט זיך אָנגעשפּאַרט אָן באַנק אויף וועלכער ער איז געזעסן. דער ייד האָט אָפּגעזיפצט, מיטגעשוויגן, גע־טראַכט, און דאַן געזאָגט:

— עך פעטערל וואַסיל . . . דיינע צרות זיינען דאָך עפּעס גרוי־סע . . . אָבער — פאַראַנען נאָך גרעסערע . . . אַט האָט דיר אַ גרויס אומ־גליק געטראָפן . . . גאָר אַ גרויס אומגליק . . מען קען נישט זאָגן , .ביסטו אָבער אַ מענטש אין די בעסטע יאָרן און — עס וועט זיך פאַרהיילן . . . וועסטו צו זיך קומען, וועסטו אַן אַנדערע געפינען . . . שיינע ווייבער פעלן נישט . . . און דו ביזט יונג, שטאַרק, רייך, אַנדערע אָבער איז ערגער . .

וואַסיל האָט זיך אָנגעבלאָזן, געקוקט מיט חשד און דער ייד האָט זיך גענומען קלאָגן:

„ווייסטו דאָך . . . קענסט מיך דאָך נישט פון היינט . . . שטענדיק געאַרבעט, שווער און ביטער געהאָרעוועט און קיין ברויט נישט געהאַט . . . איז נאַדיר . . . נעמט דאָס ווייב און געווינט אַ צווילינג . . . זיינען שוין אַכט פאַראַן . . . אַכט מיילער . . . און אַליין לעבט מען נאָך אויך . . . אַכט פּיסקלעך בעטן עסן און איך בין ווי אויפן וואַסער . . .

דער גוי האָט געשוויגן, געווען אויף דער וואַך. דער ייד האָט זיך ווייטער געקלאָגט:

— און קיין פאַרדינסט איז נישטאָ . . . אַ „סומאַטאָכאַ" אומעטום. מלחמות . . . פאַרטריבן דאָס קיסרל און אַ „מעזשדואַסאַביצאַ" איז גע־

וואָרן . . . שלאָגט מען זיך אין די שטעט . . .קוילעט מען זיך אויף די וועגן . . . וועמען זשע ליגט עס אין זינען זיך עפּעס צו נייען? אַפילו קיין פּאָר הויזן נייט מען נישט . . . אז קיין געוואַנט קריגט מען נישט, אז אַלץ איז מיט גאָלד גלייך. און איצט—נאָך אַ צווילינג געקומען . . . ס׳איז ביטער פּעטערל וואסיל, זייער ביטער . . .

— און ביי מיר זיינען צוויי אוועקגעקומען!

— זאָג איך דאָך . . .און אַ גרויסער הונגער ווערט . . . און קיין ארבעט איז נישטאָ . . . און אַכט מיילער . . . וואָלט איך געגאַנגען אין אנ־דערע דערפער ארבעט זוכן — איז אלציינס שלעכט אומעטום. און אויף די וועגן באַפאַלט מען . . . רויבער אומעטום . . . אַ ייד — איז גלייך אוועק־געלייגט. דיר וואסיל — איז בעסער, זאָג איך . . . דו וועסט זיך נאָך טרייסטן . . . כ׳וויס: ס׳איז דיר שלעכט, דאָס האַרץ דריקט, טוט וויי, אבער ס׳איז נישט אויף אייביק . . . איך אָבער — איך ווינטש זיך דעם טויט. ווי דו זעסט מיך לעבן . . . איך בעט אויף זיך דעם טויט: נישטאָ שוין קיין כוח צו ליידן, און די פּיסקלעך ווילן עסן . . .

מיט געררייצטקייט האָט דער גוי אַ זאָג געטאָן:

— און מיר פעלט גאַרנישט. הונדערט קינדער וואָלט איך געקענט פּאַשען, נעמט דאָס איינע און שטאַרבט, נעמט דאָס ווייב און עקט זיך. איז צו וואָס? צו וואָס דאַרף איך אַלץ וואָס איך פאַרמאָג?

דער ייד האָט מיט פאַרבאָרגענער האָפנונג ווייטער געצויגן:

— האָסט דאָך אים געקענט, לייזערקן, דעם קרעמער אונדזערן?

— נו יאָ.

— שוין נישטאָ.

— געשטאָרבען?

— דערהרגעט.

— דערהרגעט?

— נו יאָ. אַ שווערע זאַך היינטיקע צייטן אַ מענטשן צו הרגענען? פאַר וועמען האָט מען דען איצט מורא? פאַראַן נאָך „נאַטשאַלסטוואָ”, אבער — עט! געפאָרן נאָך סחורה לייזערקע, געלט אביסל געהאַט ביי זיך, און אַ ייד — האָט מען אים אין וועג אפּגעשטעלט, מיט אַ דראָנג איבערן שאַרבן און — דערטשמעליעט . . .טויט און פאַרפאַלן . . .

— דערטשמעליעט?

— אויף טויט. איצט וויינט די „קאַביטע” און די קינדער הונגערן. ווען ער האָט געלעבט האָט ער אויך מיך אין זינען געהאַט, ארויסגעהאָלפן, אויף באָרג געגעבן . . . איצט אָבער . . . עך ביטער! . . . און פּלוצלונג אַ צווילינג . . . ווען איך וואָלט כאָטש געהאַט אַ זעקל קאַרטאָפל . . .

וואַסיל האָט געגעבן אַ קאַרטשע דעם האַרטן שטערן: „אַהאַ! מײַנע קאַרטאָפל געפעלט זיי״ . . .

— האָב איך מיט מענטשן גערעדט: אַזוי און אַזוי . . . זאָל מען אין אַרעמע נשמה אַרויסהעלפן . . . האָבן מיר גערעדט, געשמועסט אַז עס ווערט אַ הונגער . . . אַז קאַרטאָפל זײַנען אויך נישטאָ . . . ביי עטלעכע בלויז . . .

— ווער האָט געשמועסט? . . . האָט וואַסיל כיטרע געפרעגט אַ פראַגע.

— ווייס איך? מען האָט געשמועסט . . . פּיאָטער גיוטאַק . . . איוואַן פּעטריק . . . האָט מען געשמועסט: ביי דיר וואַסיל איז פאַראַן . . . קאַרטאָפל הייסט עס . . . ביי אַנדערע — זייער ווייניק . . . ס׳מערסט האָט מען שוין נישט פאַר זיך אַליין גענוג . . . און דער ווינטער האָט זיך ערשט אָנגעהויבן . . .

— וואָס זשע ווילסטו? — האָט וואַסיל פּלוצלונג אויסגעשריגן מיט כעס — אַזוי? מען האָט געשמועסט? איוואַן פּעטריק? איז וואָס? און אַז ביי מיר איז פאַראַן, וועל איך זיך מיט די „היצלעס״ טיילן? וואָס?

דער ייִד האָט גענומען באַוועגן מיט די ברעמען ווי אַ בלינדער. צע־טומלטקייט האָט געזאָטן אונטער דער הויט פון פּנים:

— וואָס איך וויל? . . . וואָס זאָל איך דען וועלן? . . . איך וויל גאָרנישט . . .

— גאָרנישט ווילסטו? האַ?

—גאָרנישט . . . אָט בין איך אַרײַנגעקומען, רעדט מען . . .

— אַזוי? רעדט מען?

— נו יאָ . . . און ס׳איז טאַקע ביטער אויך . . . מען גייט ממש אויס פון הונגער . . . האָט מען געשמועסט . . . און —

וואַסיל איז אויפגעשפּרונגען. רציחה האָט אין אים געדיכט געקאָכט און געזעצט דורך זײַנע אויגן, פּנים און האַלדז.

— אַזוי? איוואַן פּעטריק? ס׳וועט אַ רוח אין זייערע פּאַסקודנע טאַטעס אַרײַן! אַ שׂרפה אין זייערע הינטישע נשמות! . . . נישקשה! . . . וואַסיל לעבט נאָך! איך לעב! און עס וועט זיי נישט געשוויגן ווערן! איוואַן פּעט־ר־ר־יק.

דער נאַמען האָט געררייצט און געצונדן דאָס לייב זײַנס ווי רויטע טוך רייצט ווילדן אָקס.

ער האָט געביילט די פויסטן, פון זײַנע נאָזלעכער האָט הייסקייט גע־רייכערט . . . ער האָט געזעצט מיט די פויסטן איבערן טיש: ער וועט זיי אָנלערנען! דאָס האָבן זיי אים דאָס ווייב מיטן קינד פאַרסמט! זיי!

— גאָט איז מיט דיר וואַסיל! וואָס רעדסטו? ווער האָט פאַרסמט? פון „סיפּניאַק״ . . . פון טיפוס . . .

— שווייג הונט איינער! פארסמט זאָג איך דיר! וואָס? דו ווילסט מיר די ציין פארמוליען? וואָס מיר „סיפניאק”? מאַטראָנע איז געווען קרעפּטיק! ווי אַ פערד שטאַרק! פארסמט זאג איך דיר! און דו וועסט „סמעיען” מיר דערציילן מעשות פון איוואן פעטריק?

ער איז געשטאַנען מיט אויפגעהויבענע קולאַקעס האַרט נעבן ייד. בערקע האָט געגלאָצט די טרויעריקע אויגן, געווען בלייך ווי קרייד: איז ער טאקע משוגע ווי מען זאָגט? מיט ווייסע ליפּן האָט דער ייד געשטאַמלט בעטנדיק:

— האָסט אַ טעות, וואסיל . . . קיינער איז דיר קיין שונא נישט . . . האָסט זיך איינגערעדט . . .

— „ברעשיש”! ווי אַ הונט ליגסטו! אַלע זענט איר מיינע בלוטיקע שונאים! אַלע! דו אויך!

בערקע האָט זיך קוים אַ לעבעדיקער ארויסגעכאַפּט פון שטיבל.

אויפן גאַס איז דער דארער ייד מיטן בלייכן פּנים און טונקל־בלאָנד בערדל געבליבן שטיין אַ פאַרלוירענער, האָט האַסטיק געאָטעמט און געשפּירט: זיין ליַיב איז באַדעקט מיט שוויים. וואָס וועט איצט זיין? ס'איז געווען זיין לעצטע האָפנונג צו קריגן אַ ביסל קאַרטאָפל ביי וואסילן . . . איז ער טאקע משוגע, וואסיל? איצט איז שלעכט. כאָטש נעם און שטאַרב מיט וויַיב און קינדער . . . מיט אַלע חושים האָט ער געשפּירט: אַ גרויס אומגליק רוקט זיך אָן אויף אים . . .

ס'האָט געטונקעלט אין דרויסן. שטאַרקער האָט גענומען בלאָזן דער ווינט און אין „כאַטע” האָט זיך גענומען ארומדרייען אַ קעלט. וואסיל איז געזעסן אַ פאַרמאַטערטער, שווער געאָטעמט און געקריצט מיט די ציין. ס'איז געווען שטאַרק שטיל. דאַן האָט זיך דערהערט געזאַנג.

וואסיל איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, ארויסגעקוקט און געזען: קעגנאיבער אין אפענעם פאדוויר האָט אַ שיקסע זיך געפּאַרקעט צוגרייטנדיק עסן פאַר די חזירים און דערביי געצויגן מיט קוויטשנדיק הילכיק קול אַ פאַרבענקט אוקראַיניש לידל:

—„בודע פלאַוואַטי
אי . . . נוראַטי,
דאַלינקו איסקאַטי.

די האַרציקע שטים האָט געעגבערט די לופט:

„אי נו־ראַ־טי
דאָ־אָ־לינ־קו איס־קאַ־טי.”

וואסיל האָט גענומען דרייען דעם קאָפּ ווי אויף אַ געווינט און גע־העשעט אָן טרערן: אָט, אָט צערייסט זיך אין אים די ברוסט פון בענקשאַפט

און ווייטיק. האָט ער זיך אָפּגעקערט פון פענצטער, זיך גענומען דרייען איבער דער כאַטע, ברעכנדיק זיך די הענט, און האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען. פון דרויסן איז געקומען די שטים פון מאַטראָנען; זי האָט געוויינט אויף איר מזל וואָס איז פאַרלוירן געוואָרן און זי זוכט עס אונטערן וואַסער:

דאָ־אָ־לינ־קו איס־קאַ־טי."

— — — — — — — — — — — — — — —

ה.

גערדיכט־פינצטערע פייכטע נאַכט איז געלעגן צעלייגט איבער פעלד און צונויפגעשמאָלצענעם וואַלד. דאָס פערד האָט געלאָסן, ריטמיש געציילט די טריט, און יעדער טראָט האָט צוריקגעבראַכט אַ זיפץ פון בלאָטיקן וועג, וואָס האָט אָפּגעהילכט ווי אַ שמוצער פון גרויסע נאַסע ליפּן. וואַסיל איז געזעסן אויף זיין פּריצישער ברישטשקע, אַ צעהיצטער פון בראַנפן, און האָט זיך געוויגט לויטן שאָקל פון ברישטשקע.

אין וואַסילס קאָפּ האָט זיך שווער גערירט גערדיכטער קלימפּער, און אין האַרץ איז געווען ענג פון טעמפּן ווייטיק.

„נישטאָ וואַסיל . . . געווען אַ וואַסיל און נישטאָ מער! אַ „פּיאַניצע" איז געוואָרן וואַסיל . . . די נשמה צום טייוול אין די הענט איבערגעגעבן און — עס העלפט נישט . . . עס ווערט נישט גרינגער אויפן האַרצן. עך, וואַסיל! . . . "

ער האָט געדענקט:

אַ האַלבן טאָג האָט ער פאַרבראַכט אין קלויסטער; געשטאַנען אויף די קני פאַרן „דערלייזער" און גאַרנישט! זיין פּיין איז ניט געשטילט גע־וואָרן. אויך „ער"—וואָס האָט געליטן און לײַדט פאַר אַלעמענס זינד — האָט זיך פון אים אָפּגעקערט, האָט געהאַלטן געבויגן דעם קאָפּ, געשמייכלט און דווקא געקוקט אין דער זייט, וואו איוואַן פּעטריק האָט געקניט . . . און איוואַן האָט געקוקט אויף אים מיט שפּאָט: „האָסט אַ ווייב וואַסיל? אַ? און וואו איז דיין שיין טעכטערל?" — אויך דער „הייליקער" איז מיט זיינע שונאים. איז וואָס זשע איז אים געבליבן צו טאָן? איז ער אַרויס פון קלויסטער און אוועק אין שענק . . . געטרונקען און געשטומט . . . איז וואָס?

וואַסיל האָט געדרייט דעם שכורן קאָפּ:

„דו אויך? דו — וואָס דאַרפסט זיין מיטן גערעכטן? דו — אויך מיין שונא?״

אזוי האָט ער געפּלאָנטערט מיט דער צונג אין פינ־צטערער נאַכט, און אויך אין אים איז געווען פינצטערע נאַכט און קרעכצנדיק האָט ער צוגעמאַכט די אויגן און אזוי געבליבן מיט אַראָפּגע־האַנגענעם קאָפּ.

דער ווינט האָט געטריבן פוילע קעלט, און: —

. . . אויפן פאַדוויר זיינעם שיינט ליכטיקע זון. אַ געזאַנג פון פייגל, און די גרינע ביימער לאַכן מיט גרין־גאָלדיק געלעכטער. מאַטראָנע שפּאַנט אַרום מיט געזונטע טריט, אַ פריילעכע, אַ שיינענדיקע און זי איז אין אירע פאַרביקע זונטיק־קליידער. די פּאַטשערקעס ציטערן אַרום איר קלאָרן האַלדז און בלישטשען קעגן דער זון. זי זינגט מיט לויטער־ברוסטיקער שטים און מיט פאַרליבטקייט. שפּאַנענדיק באַוועגט זי מיט אירע הויכע ברייטע היפּטן. . . אַט און זי בלייבט שטיין. קוקט און דערזעט אים אַנקומען. צעפלאַמען זיך אירע אויגן. צעעפענען זיך אירע פולע רויטע ליפּן און עס גיבן אַ בלענד ווייסע ציין. צעוואַרפט זי די אָרעמס און פאַלט צו אים צו אזא הייסע, אזא שמעקעדיקע ווי היים געשמאַק קאָרן־ברויט:

— וואַסיל! וואַסיל מיינער! אָדלער ליכטיקער!

וואַסיל האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, צעעפנט די אויגן, געזען זיינע אויסגעשטרעקטע שטייפע הענט און:—

ער האָט גענומען שרויפן דעם קאָפּ, זיך געצאַפּלט פון זיין בענקשאַפט וואָס האָט אים פאַרכלינעט:

„עך מאַטריאָנישקאַ! מאַטריאָנישקאַ!״

דאָס אָכצנדיקע געשריי האָט געליאַרעמט אין נאַסער נאַכט. דאָס פערד האָט געגעבן אַ שטרעק־אויף דעם קאָפּ און אויפגעשטעלט די אויערן.

וואַסיל האָט זיך אַרומגעקוקט: פינצטער און נאַס. אין קאָפּ האָט זיך אים געלייטערט און ער האָט געדענקט: איצט שטייט זיין כאַטע אין דאָרף אַ פּוסטע, פאַרחושכטע און קאַלטע. קיינער וואַרט דאָרט נישט אויף אים. דאָס בעט איז צעוואָרפן, פרעמד און קאַלט.

זיין טעמפּער שווערער קרעכץ האָט זיך געוואַלגערט ווי אַ מידער הונט איבער שוואַרצן וועג:

„עך, באָזשע מי מאָי!״

ווידער האָט דער בעס זיך צעברענט אין אים: „אַלע זיינען מיר שונ־אים . . . אויך דער „דערלייזער״ איז מיט די שונאים״ . . .

ביי זייטן וועג האָבן ביימער געשאַרכט מיט פייכטקייט און מיט האַרטקייט. פון ערגעץ האָט דערבלאָנדזשעט אַן אויסגעצויגן וואָיען פון אַ

הימלאַזן הונט, וואָס בלאַנקעט אַרום איבער וועגן. וואָסיל האָט געטראַכט צום טויזנטסטן מאָל: „. . . איצט איז אויס . . . נישטאָ קיין מאַטראָנע און וואָסיל בלאַנקעט אַרום ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער הונט: אַ שכור . . . אַ הימלאָזער! אַ פאַרוואָגלטער פון מענטשן און פון גאָט . . . אויס וואָ־סיל!" . . . און ווידער האָט ער געטראַכט פון איוואַן פּעטריק, און ווידער פון „דערלייזער" —

דער כעס האָט ווי זשאַווער געטאָטשעט זיינע ביינער.

פון וויטן האָבן זיך געשוואַרצט די דאָרף־כאַטעס; זיינען געזעסן אויף דער ערד ווי נאַסע „סטאָיגעס" היי. אָט דאָרט ליגט זיין גאָרטן. אויפן גאָרטן — די „קאַפּיעצעס" קאַרטאָפל . . . זיינע קאַרטאָפל . . . אָ? עפּעס אַ פּלעמל האָט פון דאָרט אַ וואונק געטאָן.

ווילדע צעקאַכטקייט האָט אים ווי מיט אַ „דובינע" איבערן קאָפּ דערלאַנגט: „אַזוי הייסט עס! נאָך פאַר זיי וויניק וואָס זיי האָבן מאַטראָנען פאַרסמט" . . .

ער האָט מיט פאַרשטייפטע הענט אַ צי געטאָן די לייצן. דאָס פערד האָט גענומען שטעלן גיכע טריט, די בייטש האָט זיך צעוויאַכטשעט און דאָס פערד האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיט אימפּעט. וואָסיל האָט געאָטעמט הייס, האַסטיק. עס זאָל אים גאָר נישט האָבן אָפּגענאַרט . . . ער זאָל נאָר עמעצן פּאַקן ביי די קאַרטאָפל . . . עך, וועט ער זיי ווייזן! וויאָ!

די בריטשקע איז אונטערגעשפּרונגען. געשפּריצט פון אונטער די רעדער מיט נאַסער בלאָטע. אַהאַ! איצט האָט ער שוין דייטלעך געזען: פון אַ „קאַפּיעץ" שלאָגט אַרויס אַ שמאָלער פּאַס שיין. עך!

ער האָט אָפּגעשטעלט די בריטשקע, אַראָפּגעשפּרונגען, אַ ווײַלע געשטאַנען, געטראַכט און נישט געוואוסט וואָס ער טראַכט. דער צאָרן זיינער האָט אין אים געשמייכלט מיט משונהדיקער צופרידנקייט: ענדלעך זיך דער־וואַרט.

וואָסיל האָט געוואוסט: מען גנבעט זיינע קאַרטאָפל . . . זיינע קאַר־טאָפל . . . דער אָטעם האָט געבריט די ווענטלעך פון זיינע נאָזלעכער.

מיט ציטערדיקע פינגער האָט ער אין בריטשקע דערטאַפּט די „דו־בינקע", און מיט באַהאַלטענער פּאַרטאַיעטער הנאה האָט ער זיך געלאָזן דערנענטערט צום נעעפּנטן „קאַפּיעץ".

— ווער איז דאָרט? האַ?

עס האָט זיך דערהערט אַ ציטער און אַ פאַל. דאָס ליכט איז פאַרלאָשן געוואָרן.

— ווער איז דאָרט?

דוקא מיט רואיק קול האָט ער די ווערטער אָפּגעציילט.

פון „קאַפּיעץ" איז געקומען וויינענדיק קול: א שעפּטשען פון ווערטער, נאר וואסיל האָט די ווערטער נישט פארשטאנען. פרעמדע ווער־טער . . .

— „א נוקא"! גיי נאָר ארויס.

— וואסיל! . . . פּעטערקע וואסיל! . . . האָב רחמנות . . .

— ארויס גיי!

— מיינע קינדער שטאַרבן פון הונגער . . . דו . . .

— ארויס גיי!

דער גאנצער כעס אויף מענטש און גאט האָט זיך איצט צונויפ־גענומען אויף איין אָרט אין וואסילס הארץ, האָט אויפגעריסן און גענומען נעריכט שפּריצן אין אלע אברים אריין.

— דערבארם זיך . . . געדענק אין גאָט . . .

— אין גאָ־אָ־ט! — האָט וואסיל געקריצט די ציין — ארויס גיי!

ער האָט געדריקט דאָס דרענגל מיט קרעמפּיקע פינגער פוןביידע הענט, געשטאנען געבויגן, אנגעגאָסן מיט פארביסנקייט.

— פריער גיי ארויס! ארויס זאָג איך דיר!

פון „קאַפּיעץ" האָט זיך ארויסגעהויבן א קאָפּ, א שווארצער קאָפּ, און מיט אים — א דין געשטיקט, רחמנותדיק געוויין:

— האָב מיטלייד . . . מיינע קינדער . . . געדענק אין גאָט . . .

—עך!

דאָס דרענגל האָט שווער, הארט, פּלאַמיק א שניט געטאָן איבערן שווארצן קאָפּ. יענער איז געפאַלן מיטן פּנים אראָפּ נעבן „קאַפּיעץ", דאַן זיך גענומען אויפהייבן און וואסיל האָט געוואַרט . . . יענער איז אויפ־געשטאַנען, געצויגן פיינלעכן יאָמער און גענומען לויפן. וואסיל האָט אים נעלאָזט אָפּלויפן. דאַן: וואסיל האָט זיך א לאָז געטאָן, אנגעיאָגט:

— עך!

ווידער א שניידנדיקער זעץ.

קוויטשענדיק־גרוילעדיקער יאָכץ האָט זיך אפּגעריסן פון רוי בלוט, אוועקגעבלאָנקעט, און דער מענטש איז געפאַלן.

א ווײַלע איז וואסיל געשטאַנען אַן פארשטאַנד און מיט ליידיקע הענט; דאָס דרענגל האָט זיך געהאַט פון זיי ארויסגעגליטשט. דאַן האָט ער זיך אָנגעבויגן, דאָס דרענגל אויפגעהויבן און גענומען זעצן, רעווענדיק דערביי מיט פארשטיקטע קולות:

— הינ־טיר־שע זין! . . עך! מיין ווייב פאַר־סמט! עך! מיין קי־נ־ד אומ־גע־בראַכ־ט, עך! מיין לע־ב־ן צע־בראָ־כ־ן . . . עך! עך! עך!

ער האָט געקלאַפּט מיטן דרענגל. געזעצט מיט די פיס, גערעוועט

מיט קולות פון א ווילדער בהמה וואָס אין ברענענדיקער שטאָל . . .
מיט אַמאָל — ווי טרייבנדיקע בייטש וואָלט אפּגעשטאַנען — איז ער שטיל געוואָרן. געקוקט און געזען: דער מענטש ליגט ווי א שטיק ערד. פון זיין געביין איז געקומען געשריי: „אַ מענטש דערהרגעט."
ער האָט דערפילט שווידער, האָט ער זיך אפּגעקערט, דערביי פאַרמאַ־טערט געאָטעמט. ער איז אוועק צו דער בריטשקע, אריינגעלייגט דאָס דרענגל, ווידער געטראַכט.
ער איז צוגעגאַנגען צום „קאַפּיעץ", אים פאַרמאַכט, פאַרשאָטן מיט ערד, פאַרגלעט מען זאָל נישט דערקענען אז ער איז גערירט געוועזן.
ערגעץ האָבן פליגעל געפּאַטשט און א האָן האָט געקרייעט אין סוף נאַכט אריין . . .

ו.

וואסילן האָט אויפגעוועקט יאָמערלעך געוויין, וואָס האָט ראַפּטום זיך דורכגעריסן דורך די פאַרמאַכטע פענצטער פון זיין כאַטע. דער פייער האָט אויפגעצאַפּלט פון זיין געדיכטן שלאָף און קאַלטע שרעק האָט זיך א גאַס געטאָן איבער פאַרהאַרטעוועטער ברוסט. איז ער גלייך אראָפּ פון געלעגער, איז צו צום פענצטער און דערזען: איבער בלאָטיקער גאַס, שליאַפּנדיק און פלאָנטערנדיק מיט די פיס, מאַכנדיק מיט די הענט, איילט א פרוי. נאָך איר לויפן דערוואַקסענע און קלענערע קינדער. שטיקער געשריי בלאָנקען איבער גאַס און הינטער פענצטער. פאַר די הייזלעך — שטייען פויערים, פּוערטעס, ריידן צווישן זיך און שאָקלען באַדויערנדיק מיט די קעפּ: נישט גוט. ביטערע צייטן זיינען געקומען . . . „האָ? זאָל עס זיין דער ייד בערקע?"
וואסילן איז עס פּלוצלונג איינגעפאַלן: אין דער פינצטערער נאַכט האָט ער דערהרגעט דעם ייד בערצע. איצט איז דעם פויער געוואָרן קלאָר פאַר וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען די ערשטע ווערטער זיינע: דאָס האָט דער ייד עפּעס געמורמלט אויף זיין לשון . . .האָ? אפשר זיין גאָט צו הילף גערופן . . .
א פאַרגליווערטער איז וואסיל געשטאַנען נעבן פענצטער. ער האָט איצט געדענקט ווי בערקע איז ביי אים געווען, זיך געקלאָגט אז זיינע קינדער הונגערן. דעם יידנס פנים האָט זיך קלאָר באַוויזן: בלייך, טרויעריק און מיט אזא טונקל־בלאָנד בערדל, ווי ביים „דערלייזער" אין קלויסטער . . .
„האָב רחמנות . . . געדענק אין גאָט" . . .

און דאָס וואָרט „גאָט״ האָט אים אינגאַנצן ווילד געמאַכט . . .
וואַסיל האָט געפילט: זיין לייב ציטערט.

איבער גאַס האָבן פּויערים געשפּאַנט מיט געלאַסענע טריט. פּויערטעס און קינדער, מיט גרויסע שטיוול און טשיזמעס אויף די פיס האָבן געשליאַפּעט אין בלאָטע. מיט אַמאָל האָט זיך באַוויזן אַ קליין מיידעלע מיט אַ דאַר גופל, איז געווען אין צעריסן קליידל, האָט געפּאַטשט מיט באָרוועסע פיסלעך און זיך געריסן מיט יאָמערדיק קול, ווי מען וואָלט איר דאָס לייב מיט אַ טעמפּ מעסער געשינדן. קיינער האָט זי נישט פאַרהאַלטן אין איר געלאָף און ביי איר גאָרנישט געפרעגט. פּויערים האָבן איר דעם וועג אָפּגעטראָטן און פּויערטעס האָבן זיך די אויגן געווישט.

איצט האָט וואַסיל פאַרשטאַנען וואָס ער האָט ביינאַכט אָפּגעטאָן. ער האָט אומגעבראַכט אָן אומשולדיקן שטילן מענטשן . . . אַ טאַטע פון קינדער האָט ער דערהרגעט, און פאַר וואָס? פאַר אַביסל קאַרטאָפל.

איצט — און דער כעס אויף מענטשן און „דערלייזער״ האָט אויסגעוועפּט און אים איז באַפאַלן שרעק פאַר אייגן לעבן . . . האָט ער אַ טראַכט געטאָן: „אַלע גייען, דאַרף מען אויך גיין . . . מענטשן וועלן זיך וואונדערן: האַ? פאַר וואָס ווייזט זיך עפּעס נישט וואַסיל? דאַרף מען גיין״ . . .

און ער האָט זיך גענומען אָנטאָן.

ער איז אַרויסגעקומען אויפן גאַס, האָט זיך אַרומגעקוקט, דערזען: נעבן אַ כאַטע שטייט אַן אַלטער פּויער, טוליעט זיך אין זיין פּעלץ, איז ער צו אים צוגעגאַנגען:

— וואָס אַזוינס האָט פּאַסירט? האַ?

— ס׳האָט פּאַסירט . . . נעבן דאָרף ליגט אַ הרוג — האָט דער אַלטער געזאָגט.

— אַ דערהרגעטער?

— יאָ. אַ דערהרגעטער. איוואַן פּעטריק איז מיטן טאָג צוגלייך אין מיל געגאַנגען, דערזען אַ מענטש ליגט. איז ער געקומען, איוואַן פּעטריק, און אַ ליאַרם אויפגעהויבן. גייט — זאָגט ער — גייט און זעט: דער גאַנצער קאָפּ צעטשמעליעט . . . אַ האַנט איבערגעבראָכן . . . אַ מענטש איז געפּטרט . . .

— ווער זאָגסטו? איוואַן פּעטריק?

— איוואַן פּעטריק האָט אים געפונען. ס׳איז, דאַכט זיך, אַ זשידעק . . .אונדזער בערקע דאַכט זיך.

— בערקע זאָגסטו? אונדזער בערצע?

דער אַלטער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. וואַסיל האָט זיך גלייך

אויסגעדרייט און מיט גרויסע שפּאַן אוועק איבער דער גאַס.

דער אַלטער פּויער האָט אים נאָכגעשאָקלט מיטן קאָפּ: האַלט אין איין איבערפרעגן, פּאַרשטייט נישט וואָס מען רעדט צו אים . . . פון זינט דאָס ווייב און קינד זיינען פון אים צוגענומען געוואָרן . . . ווי ער גאַפּעט עם מיט די „שליפּעס" . . . עך, וואָס פון אַ מענטש ווערט . . .

הינטערן דאָרף איז אויף שוואַרץ, בלאָטיק פעלד געשטאַנען אַ רעדל פּויערים און פּויערטעס. אין רעדל האָט געיאָמערט אַ צונויפגעפּלעכט פון געוויינען. ס'האָט געזיפּט דריבנער הערבסט-רעגנדל און אין דער הייך איז געשטאַנען נעפּלדיקע טונקלקייט, וואָס האָט דעם הימל פאַרבאָרגן. די לאַנגע דינע בעריאָזע צווייגלעך זיינען אַראָפּגעהאַנגען נאַסע, וויינענדיקע, מיט גרויסע טראָפּנס אויף די שפּיצן. מיט אימפּעט און שטאַרק צעטומלט פּנים איז וואַסיל צוגעקומען, שטיין געבליבן, מיט קיינעם זיך נישט באַגריסט און מיט פאַרשפּיצטע אויערן זיך צוגעהערט.

—פאַרפּייניקטער מאַן מיינער! . . . אומגליקליכער בערקע מיינער . . ווי איז צו מיין לעבן . . .

אַזוי האָט די פּרוי געקלאָגט מיט רענדזשענדיק קול און זיך געזעצט מיט די פויסטן אין קאָפּ. דאַן האָט זיך פון איר אַרויסגעריסן אַ לאַנגער קוויטש און זי האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער שוואַרצער ערד נעבן דערהרגעטן.

אין וואַסילן האָט עס שאַרף דורכגעציטערט: „האַ? טאַקע בערצע!" ער האָט זיך גענומען דורכשטופּן דורך דער ענגשאַפט פון די פּויערים, נישט אַרויסברענגענדיק קיין וואָרט.

— העי! וואָס שטופּסטו זיך אַזוי? — האָט אַ יונגער שייגעץ זיך געבייזערט.

— וואָס טרעטסטו אויף מענטשן? — האָט אַ צווייטער אַ פּוס אויפגעהויבן.

וואַסיל האָט זיך נישט אומגעקוקט און נישט געענטפערט. אַן עלטערער פּויער האָט דעם יונגן שייגעץ ביים אַרבל אַ צי געטאָן:

— לאָז געמאַך.

— וואָס איז? אויף די קעפּ דאַרף ער קריכן?

— שווייג . . . אַ צעדולטער נעבעך . . . פאַרגעסן?

— אַ? — האָט דער שייגעץ זיך דערמאַנט און איז שטיל געוואָרן.

בערקע איז געלעגן מיטן פּנים אַרויף. דער קאָפּ איז געווען צופּלעט און פון צובראָכענעם שאַרבן איז געווען אַרויסגעדריקט פאַרבלאָטיקטע געדיכטקייט . . . דאָס פּנים איז געווען געל-בלאַס, מיט ערד-פלעקן. די אויגן זיינען געשטאַנען אָפן, פאַרגלייזטע, דאָס בערדל איז געווען נאַס, צונויפגעקלעפּט ווי אַ סאַלטן.

וואסיל האָט א ווײַלע געקוקט אויף דעם פּנים און זיינע ליפּן האָבן זיך גענומען בייגן און צוקן: די אויפגעריסענע פאַרשטאַרטע אויגן פון הרוג האָבן געקוקט גלייך אויף אים, געקוקט מיט ווײַנענדיקער פאַרלאָפּנקייט און דאָס גאַנצע פּנים — אַ שטיק ווייטיק.

וואסיל האָט אפּגעקערט די אויגן, געפילט: עפּעס געשעט מיט אים. דאָס ווייב מיט די קינדער האָבן געוויינט, זיך געוואַלגערט אויף בלאָטיקער ערד און זיך געריסן מיט הייזעריקע שטימען. פּלוצלונג האָט די פאַרצוקטע שניידערקע זיך געגעבן אַ שטעל־אויף, האָט געאָטעמט האַסטיק ווי אַ פאַרמאַטערטע דאַרע גאַנדז וועלכע מען האָט לאַנג געטריבן, האָט זיך גענומען רייסן די שוואַרצע האָר פון קאָפּ:

— הרגעט מיך אויך . . . הרגעט מיך! מאַכט איינגאַנצן אַ סוף פון מיר . . . רוצחים! וואָס האָט איר געהאַט צו אים? רוצ־חי־ם! . . .

וואסיל האָט אַרויסגעוואָליעט קײַלעכדיקע אויגן: אים איז אויסגעקומען אַז זי שרייט דאָס צו אים. האָט ער גענומען אַפּטרעטן הינטערוויילעכטס. זיינע אויגן האָבן זיך געצאַפּלט. פּויערים האָבן גענומען קוקן אויף אים מיט גרויס וואונדער. וואסיל האָט זיך אַפּגעקערט און אוועק.

פּויערים האָבן געזען ווי ער פּלאָנטערט אוועק מיט די פיס. איינער האָט אַ זאָג געטאָן:

— „זדורעל" . . .

— אַז מען זאָגט משוגע — גלייב, האָט אַ צווייטער צוגעטאַקעוועט.

— מען זעט דאָך: משוגע געוואָרן אַ מענטש.

וואסיל האָט געשפּאַנט און נישט אויפגעהויבן די אויגן פון דער ערד. ער האָט כסדר געזען די פאַרלאָפענע אויגן מיטן בלאָנדן בערדל. אין די אויערן איז געזעסן דאָס רענדזשענדיקע קול: „הרגע מיך! דערהרגע מיך אויך, רוצח!"

אין פּויעריש פאַרשטיינערטן האַרצן האָט עפּעס נאָכגעלאָזט, צעגאַנגען . . . שאַנד און ווייטיק האָבן ווייך זיך געגאָסן איבער ברוסט. אין קאָפּ האָט זיך געפּלאָנטערט אַ דיק שטריקל: איז וואסיל שוין דער ערגסטער . . . דער זינדיקסטער . . . אַ רוצח איז ער. אַ טאַטן פון קינדער אומגעבראַכט. און דער ייד איז דאָך געווען דער איינציקער, וואָס איז אים קיין שונא נישט געווען. אַלע זיינען אים שונאים, דער ייד נישט, און אים האָט ער דערהרגעט.

ווען ער איז אַריינגעקומען צו זיך אין שטוב האָט ער געזען: זשורקע קוקט אויף אים מיט שרעק און אומצוטרוי, קוקט און רוקט זיך הינטערווילעכטס פון אים. האָט ער זיך געפּרוואווט דערנענטערן, נאָר דאָס הינטל האָט גענומען ציטערן, האָט זיך פאַרוקט אין אַ ווינקל און גענומען וואיען.

וואסיל איז געשטאַנען דערשלאָגן. האָט געפילט רחמנות צו זיך

אליין. דאָס הינטל האָט ער ארויסגעלאָזט און א פארלוירענער געבליבן שטיין אין מיטן שטוב.

„הרגע מיך! דערהרגע מיך אויך! רו־צ־ח!"

„האָב רחמנות . . . געדענק אין גאָט."

אין דער טעמפּקייט, וואָס האָט אים אנגעפּילט פון זינט מאַטראָנע מיטן טעכטערל זיינען געשטאָרבן — האָט זיך אנגעצונדן א פונק, געגומען לייכטן . . . דער פונק איז געוואָרען גרעסער, העלער, האָט ער מיט ביידע גרויסע הענט ארומגענומען זיין קאָפּ און זיך צערעוועט:

— וואָס טוט זיך מיט מיר? וואָס איז געוואָרן מיט מיר? גאָט מיי־נער! א שכור . . . א רוצח . . . עלנט . . . פארלאָזן . . .

וואַרימע ווייכקייט האָט געגעבן א שפּאַר פון הארצן אין די גלידער אריין:

— גאָט הימלישער! א פארלוירענער בין איך . . . מאַטראָנע! וואָס פון דיין וואסיל איז געוואָרן!

און — צום ערשטן מאָל פון זינט מאַטראָנע איז טויט — האָבן טרערן א שפּאַר געטאָן צו זיינע אויגן.

מיט א ריטש האָט זיך וואסיל א וואַרף געטאָן אויפן בעט און זיך צוכליפּעט. שווערע, גרויסע טרערן האָבן געקאַפּעט פון זיינע אויגן, גע־שנירלט איבער די באַקן. דאָס געוויין האָט געפּליצט פון אלע זיינע קאַנ־וואולסירנדיקע גלידער.

דער טויט פון ייד האָט אויפגעטשוכעט דאָס מענטשלעכע אין פאַר־האַרטעוועטן פּויערשן הארץ.

— — — — — — — — — — — — — — —

ז.

צומאָרגנס איז ער אויפגעשטאַנען א בלאַסער, טרויעריקער און גע־פאַלענער. אין הארצן איז געווען הויל און ווינט האָט זיך דאָרט ארומגעדרייט. אין קאָפּ האָט זיך שווער געפּלאָנטערט: „א רוצח בין איך . . . א זינדיקער בין איך . . א פארלוירענער בין איך . . ." און דאָס געל־בלייכע פּנים מיטן בלאָנדן בערדל טרעט נישט אָפּ פון די אויגן, און די פארלאָפענע אויגן וויינען: „האָב רחמנות וואסיל טייערער" . . . האָט ער געצווינגן דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען: „וואָס האָב איך געטאָן, וואָס? אן אָרעמען מענטשן אוועק־

געליינט . . . ווי אזוי האָב איך עס געקאַנט?״
ווען ער איז דערנאָך ארויסגעקומען אין דרויסן, האָט ער געטראָפן: פּויערים זיינען געשטאַנען אין אַ רעדל און געשמוסט צווישן זיך. אז מען האָט אים באַמערקט זיינען אַלע גלייך שטיל געוואָרן און די געזיכטער האָבן זיך אויסגעקערט צו אים. מען האָט זיך שטאַרק געהילט אין די פּעלצן און די פּנימער זיינען פרום געווען. פון דעם איז אין וואסילס קאָפּ אַ צעמישעניש געוואָרן. האָט ער די אויגן צו דער ערד אַראָפּגעלאָזט און האָט צוריק פאַר־קערעוועט צו זיך אויפן פּאַדוויר. אבער אריינגיין אין שטוב האָט ער נישט געקענט. צום ערשטן מאָל אז ער האָט מורא געהאַט צו זיין אין שטוב אליין. די אָפענע, שטאַרע אויגן פון דערמאָרדעטן זיינען פון אים נישט אַפּגעע־טראָטן . . . ער האָט געדענקט ווי דאָס אָפּגעריסענע יידישע מיידעלע איז געלאָפן מיט באָרוועסע פיסלעך און דאָס האָט אים דערמאַנט אין זיין טעכטערל וואס איז אים געשטאָרבן. אים איז אויסגעקומען אז אין שטוב וויינט זיין מאַטראָנע:
„הרגע מיך! דערהרגע מיך אויך״. . .
זי וויינט דערביי יאָמערלעך. קען נישט און וועט נישט זיך באַרואיקן. און דאָס טעכטערל ציטערט אין ווינקל . . .
האָט וואסיל נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך. האָט ער איינ־געשפּאַנט די בריטשקע און געפאָרן פון דאָרף ארויס.
אויפן פעלד איז דער דערמאָרדעטער ייד געלעגן אויף אביסל שטרוי און איז געווען צוגעדעקט מיט אַ זאַק. נעבן אים איז געשטאַנען דער דאָרף־סאָלטאַס מיט אַ שטעקן אין האַנט. אויף אַ נידעריקן „פּיען״ פון אַ בוים איז געזעסן די אלמנה און אָן כוחות זיך שטיל געשאָקלט. וואסיל אבער האָט געהערט: יאָמערלעך געוויין שרייט פון איר. דאָס געל־בלייכע פּנים האָט ער קלאָר געזען, כאָטש ס׳איז געווען צוגעדעקט.
ווי אייזקאַלטער שטראָם האָט שרעק אויף אים אַ פליי געטאָן, האָט ער געגעבן אַ טרייב דאָס פערד און געוואָלט גיך פאַרבייפאָרן. דער סאָלטאַס האָט אים אבער דערזען, געקוקט צו אים . . . האָט ער דערפאַר דאָס פערד איינגעהאַלטן, אַפּגעשטעלט און אראָפּ פון בריטשקע.
די אלמנה האָט זיך איצט לאַנגזאַם געוויגט און הייזעריקייט האָט געשפּריצט פון איר געהויקערטן דאַרן גוף:
— וואָס האָט מען געהאַט צו אים . . . פאַר וואָס לאָזט מען מיך מיט די קינדער נאָך „זשיפּען״?
דער סאָלטאַס האָט געזאָגט:
— האַ, וואסיל?! גוטע צייטן זיך דערלעבט . . . רוצחים . . . „ראָז־באַיניקעס״ . . . איז אַ וואונדער וואס גאָט שיקט שטראָף אויף מענטשן?

הונגער . . . מגפות . . . און אין די שטעט, וואָס עס טוט זיך . . . מען שניידט זיך די העלדזער . . . אַ? שיינע צייטן . . .

וואסיל האָט מיט שווערקייט אויפגעהויבן די אויגן, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ווען דאָס אומגליק טרעפט — דעם איז וויסט און פינצטער . . .

דער סאָלטאָס האָט אָפּגעזיפצט:

— עך וואסיל! אַן אומגליק צו אַן אומגליק איז נישט גלייך . . . אזוי איז עס . . אז גאָט שטראָפט — איז נישט אזוי שווער . . . אבער אז עס באפאלט אַ גזלן, אַ „דושאָהוביניק". . . פאַר וואָס? ווען האָט ער שלעכטס געטאָן? האַ? און אַ ווייב מיט אַכט פייגל . . . טייל אָן פעדערלעך נאָך . . . איז דערוויילע גאָר גרויס . . . זיי וועלן דאָך פון הונגער אויסגיין.

וואסיל האָט געהערט מיט געבויגענעם קאָפּ. דאָס רחמנות האָט געברענט אין הארצן ווי גליענדיקע קוילן. ער האָט געפילט: טרערן שפּאַרן זיך צו די אויגן. האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האנט, זיך אויסגעדרייט און מיט שווערע טריט אוועק צו דער בריטשקע.

אז ער איז געקומען אין שטאָט, איז שוין געווען שפּעט נאָכמיטאָג און ער איז גלייך אוועק אין קלויסטער צו זוכן דערלייכטערונג פאַר זיין פיינלעך געמיט.

אין קלויסטער איז געווען פוסט, נאַכטיק און שטיל. אַ פּאָר „דזשאַדעס" און אַלטע באַבעס האָבן דאָרט געקניט און שטיל געפּרעפּלט מיט ווייכע ליפּן ווי פיש . . . די ליכט האָבן געברענט מרה־שחורהדיק. וואסיל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, זיך געצלמט און געבליבן מיט פאַרשטאַרט געוויין אויף פאַרגרעבט פּנים: ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו בעטן. איצט האָט ער נישט געדענקט אַז אַלע אין דאָרף זיינען זיינע שונאים און אז ער איז געבליבן אָן ווייב און קינד. דער צער און כעס פון זיין עלנטקייט זיינען אָפּגעטראָטן. ער האָט איצט געוואוסט בלויז איינס: ער האָט אַ מענטש דערהרגעט. און — נישט סתם עפּעס אַ מענטש.

איז ער געשטאַנען אויף די קני אַ געבויגענער, מיט שווער געזונקענעם קאָפּ און האָט געשוויגן. דאַן האָט זיך אין זיין געביין צעשריגן די געפּאַלנקייט און זינדיקייט — טרערן האָבן גענומען פליסן פון זיינע אויגן. אָן קול האָט ער געוויינט . . . מיט אַ מאָל האָט ער אויפגעהויבן די אויגן צום „דערלייזער" וואָס הענגט אַ צוגענאַגלטער אויפן קרייץ און זיין בליק האָט זיך צונויפגעשלאָגן מיט פיינלעכן בליק פון „דערלייזער". איצט איז ער געווען אין דער זייט אין וועלכער דער געקרייציקטער האָט געקוקט . . . :—

בערקע! דער שניידער בערקע קוקט אַראָפּ צו אים פון קרייץ . . .

קוקט מיט שטאַר־פאַרלאָפענע אויגן . . . ר׳האָט אויפגעציטערט און דייטלעך געהערט:

„האָב רחמנות וואַסיל! . . . געדענק אין גאָט . . . ״

ער האָט צוגעכאַפּט די בליקן פון געקרייציקטן, נאָר די אָפענע שטאַרע אויגן זיינען ניט אָפּגעטראָטן...ער האָט זיך געכאַפּט צלמען, נאָר קיין ווערטער האָט ער נישט געהאַט . . . איז ער אויפגעשטאַנען, זיך שטיל אַרויסגעגנבעט פון קלויסטער, אָבער די אויגן זיינען מיטגעגאַנגען און פאַר אים געשוועבט. . .

* * *

ס׳איז געווען זונטיק. וואַסיל איז אַ פאַרשעמטער געשטאַנען אין קלויס־טער און האָט מורא געהאַט זיך צו טרעפן מיט די בליקן פון געקרייציקטן, וואָס זיינען געווען די בליקן פון דערמאָרדעטן. אין קלויסטער איז געווען ענג און דושנע. אַסך ליכט האָבן געברענט, און אַ נייער יונגער גלח האָט זיך באַוויזן ביים אַלטאַר. אַלע האָבן געקניט. וואַסיל האָט זיך אויך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני. ער האָט פאַרבראָכן די הענט, און דער בליק פון געקרייציקטן האָט געשטאָכן זיין ליב ווי אַנגעגליטע שפּילקעס. אים — דעם פּויער — איז אויסגעקומען אַז דאָס האָט ער דערמאָרדעט און פאַרפּייניקט דעם „דער־לייזער״. . . אין האַרצן האָט אַ משונהדיק באַשעפעניש זיך אַרויסגערוקט פון ווינקל און גענומען ליאַרמען אין בלוט אַריין:

— פאַרשאָלטענער! וואָס בעטסט דו איצט צו אים, אַז דו אַליין האָסט זיין בלוט פאַרגאָסן? . . .

ס׳האָט אים פאַרצויגן אין האַלדז און מיט פאַרשלאָסענע ליפּן האָט ער זיך געצלמט. דאָס באַשעפעניש אין האַרצן האָט געליאַרמט:

— רוצח! אַליין האָסטו דאָך אים פאַרפּייניקט. . . מיט דיינע הענט דיין גאָט דערהרגעט! און — דו צלמסט זיך נאָך?״

האָט ער אויפגעהערט זיך צלמען. געוואָלט אויפשטיין און אַנטלויפן פון דאַנען. נאָר דאָ האָט זיך דערהערט דעם גלחס זינגענדיקע שטים. זי איז געווען פרום, ווייך און וואַרעם.

„און ער — דער „דערלייזער״ ליידט פאַר אַלע אונדזערע זינד . . .
און אַז זיינע קינדער באַפלעקן זיך מיט שאַלקהאַפטיקע מעשים—
אויף אים פאַלן די פלעקן . . .
און אַז די דינער זיינע באַגיין פאַרברעכנס — וועד ווייִנט אויף
זייער אומגליק?

דער „דערלייזער וויינט אויף זייער אומגליק. וואַרעם:—
ער ליידט פאַר זיינע קינדער, זיינע דינער . . .״

וואַסיל האָט צעעפנט דאָס מויל, געקנייטשט דעם האַרטן שטערן. צו אים רעדט דאָס דאָך דער גלח. וואַרעם: ער ווייסט, דער גלח, וואָס עס טוט זיך

ביי וואַסילן אין האַרצן. דער גלח האָט ווייטער געצויגן זיין זינגענדיק קול אַ ביסל העכער:

„און וויסן זאָלט איר:
די רייד פון דערלייזער זיינען געווען צו זיינע אַפּאָסטאָלן
אַזוי צו זאָגן:
זאָל דאָס שלעכטס, וואָס דו טוסט דיין חבר און שכן,
זיין דיין אייגן שלעכטס —
וועסטו דאָס שלעכטס נישט טאָן;
און וויסן זאָלט איר:—אַז אַ מענטש טוט שלעכטס,
איז עס אַ באַווייז:
דער נישטגוטער זיצט אין אים און רעדט אים אָן שלעכטס
צו טאָן.
דערבאַרם זיך גאָט אויף דיינע זינדיקע קינדער!
ווארעם ס'איז געזאָגט:
אַז אַ מענטש טוט אומווירדיקעס, איז ער שוין מיט דעם
אַליין געשטראָפט.
דערבאַרם זשע זיך אַלמעכטיקער און העלף פאַרטרייבן
נישטגוטע פון די הערצער."

חרטה האָט געקלעמט וואַסילס האַרץ. געקלעמט מיט פיינלעכן וויי־טיק: און וואָס זאָל ער איצט טאָן? און דער גלח האָט דערזונגען:

„און וויסן זאָלט איר: האָט מען שוין דאָס שלעכטס געטאָן,
דאַרף מען חרטה האָבן, זיך מתודה זיין און אָפּקומען
פאַר די זינד אויף דער וועלט,
כדי נישט צו קומען מיט אַ שווארצער נשמה אויף יענער
וועלט. — אָמן."

וואַסילס אויגן זיינען געווען צוגעקלעפּט צום גלח. חרטה האָט הייס געשריגן אין זיין לייב. ער האָט געאָטעמט האַסטיק און שטיל ווידערהאַלט: „דאַרף מען זיך מודה זיין אויף די זינד און אָפּקומען אויף דער וועלט"...

האַ? מען דאַרף זיך מודה זיין און אָפּקומען.

— — — — — — — — — — — — — — —

דאָס מאָל איז וואַסיל אַרויסגעקומען פון קלויסטער מיט דערלייכ־טערונג און האָפנונג. ער האָט נאָך געגוי אַליין נישט געוואוסט אויף וואָס ער האָפט. דאָס מאָל איז ער ניט געגאַנגען אין שענק און האָט נישט גע־

טרונקען. ער איז געפאָרן אהיים, און דעם גאַנצן וועג האָט ער געטראַכט פון גלחס רייד. און וואָס מער ער האָט פון די רייד געטראַכט אַלץ מער איז אין אים געוואַקסן די חרטה, און אַלץ ווייניקער האָבן פאַר אים געשוועבט די שטאַרע פאַרלאָפּענע אויגן, און אַלץ מער איז האָפנונג געווען אין הארצן.

יענע נאַכט איז ער זייער נישט רואיק געווען. ער האָט אַליין נישט געוואוסט צי ער שלאָפט צי ער איז וואך. ער האָט זיך צו ע‍פּעס געגרייט. מיט אַלע גלידער זיך געגרייט.

אַלץ האָט זיך צונויפגעמישט אין איין קלימפּער: דאָס בלייכע פּנים בערקעס קוקט צו אים פון צלם אַראָפּ. מאַטראָנע ווײנט ביטער: פאַרוואָס האָסטו דיין גאַט פאַרפּייניקט און מיך פאַרשעמט? ווי קען איך זינגן אין כאָר ווען מיינע אויגן זעען דעם „דערלייזער" דורך דיינע הענט געקרייציקט? און דעם גלחס שטים וואַרנט: „און אַז דיינע הענט זיינען אויסגעשמירט אין בלוט, זאָלסטו פאַר דיינע זינד אָפּקומען אויף דער וועלט" . . .

ס'איז אוועק די נאַכט און ס'איז געקומען אַ טאָג, אַ כמורנער טאָג, העלערע נאַכט. וואָסיל איז דעם גאַנצן טאָג אָפּגעזעסן אין שטוב. די אויגן זיינען אים אָפּט איבערגעגאָסען געוואָרן מיט טרערן און אין הארצן איז ענג געווען.

ערשט פאַרנאַכט האָט ער דערהערט ווי עס ריטשען די בהמות און עס הירזשען די פערד, איז ער ארויס אויפן פּאָדוויר, אנגעפּאָיעט די פערד מיט די בהמות, זיי צוגעוואָרפן היי, צוגעשיט „אַבריק" און זיך צוריקגעקערט צו דער שטוב. האָט אנגעטראָפן זשורקען אויפן הויף און:—

דאָס הינטל איז געווען דערשלאָגן, די פעל אויסגעשמירט, די ווייסע שמאַלע מאָרדע פאַררייצט. און אַז דאָס הינטל האָט אים דערזען, האָט זיך עס גענומען רוקן צום טירל.

— זשורקאַ! עך זשורקאַ! קום אריין אין שטוב!

נאָר דאָס הינטל האָט געקוקט אויף אים מיט אומצוטרוי און מיט ווייטיקדיקע אויגן. געזען זיינע צעשויבערטע האר, געדענקט די קלעפּ און זיך אָפּגעקערט פינטלענדיק מיט די אויגן.

— ווילסט נישט? דו שעמסט זיך אויך מיט מיר?

ער האָט טרויעריק געשאָקלט דעם קאָפּ און איז אַליין אריין אין שטוב. ווידער געזעסן, געטראַכט און געדענקט דעם גלחס רייד.

אַזוי זיינען אוועק אַ פּאָר טעג און אַ פּאָר נעכט. ביז:—

ס'איז געקומען אַ נאַכט אין וועלכער ער האָט מיט קיין אויג נישט צוגעמאַכט. די גאַנצע שטוב איז געווען פול מיט געוויין פון מאַטראָנען, די אַלמנה און די קינדער; אין ווינקל איז בערקע געהאַנגען אויפן קרייץ מיט נעבויגענעם קאָפּ און פאַרפּייניקט פּנים. מאַטראָנע איז געווען אין ווייסע

קליידער, נאר איר פּנים האָט זי פאַרדעקט מיט די הענט.

ער האָט דאָס אַלץ געזען מיט פאַרמאַכטע אויגן און האָט מורא געהאַט זיי צו עפענען, און דאָס באַשעפעניש אין הארצן האָט זיך גערייצט: „אפילו הינט קערן זיך אָפּ פון דיר... ווייל א רוצח ביזטו! דיין גאָט האָסטו פאַרפייניקט. דערפאַר איז דיין ווייב און קינד פון דיר צוגענומען געוואָרן... דערפאַר..."

ער האָט ענדלעך אויפגעריסן די אויגן, איז אַראָפּ פון געלעגער, מיט געשטערעקטע הענט דערשפּאַנט צום ווינקל וואו די „איקאָנע" איז געהאַנגען אונטערן געלבליכן שיין פון דער „לאַמפּאַדע"; האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, זיך געצלמט און געשעפּטשעט:

„דערבאַרם זיך אויף א זינדיקער נשמה... כ'בין א רוצח.. כ'האָב אבער חרטה... כ'בין גרייט תשובה צו טאָן.. דערבאַרם זיך הימל־שער"...

וואַסיל האָט דאָן שוין געוואוסט וואָס צו טאָן. איז געווען גרייט...

ח.

א ווייסער טאג האט געלויכטן איבערן דאָרף. ביינאַכט איז אויסגע־פאַלן א שניי און דער ווינט איז ערגעץ אוועק. די ביימער זיינען געשטאַנען שטילע, ווייס־באַוואַטעטע, שמייכלענדיקע און רואיקע, ווי אויסגעשלאָפענע זקנים. די דעכער זיינען געווען באַוואַקסן מיט ווייסן מאַך, און דער הימל — אויך א ווייסער. פון די קוימנס האָבן זיך געשרויפט רויך־גרייצערס און אינדערהייך זיינען זיי צעשוואומען געוואָרן.

וואַסיל איז אַרויסגעקומען פון זיין שטוב מיט אן איינגעפאַלן גע־ליטערט פּנים און זיך געלאָזט שפּאַנען איבער גאַס. האָט אנגעטראָפן זיין „גרעסטן שונא" איוואַן פעטריק, זיך אָפּגעשטעלט און מיט ערנסט קול:

— גוט מאָרגן, איוואַן.

איז איוואַן געוואָרן צעטומלט און געענטפערט:

— גוט מאָרגן, וואַסיל. וואָס זשע מאַכסטו וואַסיל? ווייסט דאָך...

— קום מיט מיר איוואַן.

— וואוהין? — האָט איוואַן באַקומען פולע אויגן חשד.

— וועסט שוין זען. קום, בעט מען דיר.

— כ'האָב קיין צייט נישט, איך...

— שפּאַר זיך נישט, איוואַן. א מענטש בעט דיר: קום, גייט מען.

כ׳דארף דיך האָבן. וואסיל איז שוין אוים וואסיל . . . א פארלוירענער איז וואסיל . . . דארפסט זיך פאר אים מער ניט שרעקן איוואן. . .קום זשע, איוואן, כ׳בעט דיך.

— וואוהין ווילסטו גיין?

— זיי ניט שלעכט, איוואן, קום.

איוואן האָט אלץ געקוקט מיט חשד, האָט זיך געקראַצט אין פאטיל־ניצע.

דערווייל איז צוגעקומען נאך א פויער, און וואסיל האָט געזאָגט:

— אט איז פיאטער קאצובע. גוט מאָרגן פיאטער. וועסט אויך גיין מיט אונדז.

פיאטער איז געשטאנען מיט זיין שיטערער בארד, די קוטשמע ביז די אויגן אראָפגערוקט. ער האָט פרום געפינטלט מיט די אויגן:

— וואוהין, שכנים? הא?

— כ׳וויים נישט . . . וואסיל רופט ערגעץ — האָט איוואן גע־שטאמלט.

— וועט מען גיין — האָט פיאָטער געזאָגט.

אויפן וועג האָט וואסיל נאך צוויי פויערים פארהאלטן און געבעטן מיטגיין. אלע האָבן געקוקט אויף אים מיט חשד און מיט רחמנות: א געשטראפטער. ווייב און קינד פארלוירן און דער שכל איז אים פארפינצ־טערט. . .וואוהין פירט ער?. . . וואסיל האָט אויף זיי נישט געקוקט. ער האָט געזען עפעס אזוינס, וואָס קיינער פון די באַגלייטער האָט נישט געזען . . .

וואסיל איז געגאנגען פאָרויס, ווי ער וואָלט געפירט א פראָצעסיע, און די פויערים זיינען אים נאכגעגאנגען מיט שווערע טריט און שווערע שטיוול. האָבן געשוויגן און שטיל זיך איבערגעוואונקען. פאר די כאטעס האָבן זיך באוויזן פויערטעס און שיקסעס. האָבן נאכגעקוקט ווי וואסיל שפאנט מיט גרויסע זיכערע שפאן און פויערים שפאנען נאָך. האָבן זיי געשאָקלט מיט די קעפ און געשמוצערט מיט די ליפן.

ביז זיי זיינען צוגעקומען צום סאָלטאסעס שטוב — איז די מחנה שוין געווען א גרויסע.

דער סאָלטאס איז געשטאנען אין הויז ביים פענצטער. אז ער האָט דערזען די מחנה אנקומען א שווייגנדיקע, ערנסטע, מיט פרומע געזיכטער— ווי מען גייט אין „הייליקן” צוג — און פאָרויס שפאנט וואסיל מיט בלייך צעטראָגן פנים, האָט ער געכאפט אויף זיך דעם פעלץ און ארוים אנטקעגן;

— וואו גייט מען עם שכנים? הא?

— צו דיר! — האָט וואסיל געזאָגט.

האָט שוין דער סאָלטאס באקומען אויגן פון א ווילדן פויגל און

פּויערים האָבן זיך נייגעריק ארום אים און וואסילן ארומגעשטעלט. געוואַרט אומגעדולדיק. וואסיל האָט גלייך אנגעהויבן:

— איר האָט זיך דערלעבט . . . געפּטרט וואסילן . . איצט איז וואסיל איינזאם ווי א הפקר־הונט . . . נישטאָ קיין ווייב און קיין קינד מער . . זאָל זשע באַטש די נשמה ריין זיין . . . בין איך געקומען זיך מודה זיין . . הערט זשע אַלע און וויסט: איך בין א „דושאָהובניק”, א רוצח!

אַלע האָבן געקוקט מיט גרויס מיטלייד און וואסיל האָט ווייטער גערעדט:

— זייט אַלע וויסן: דאָס האָב איך דערמאָרדעט דעם „הייליקן” . . . כ'מיין בערקען!

אַלע געזיכטער זיינען שטארק צעטומלט געוואָרן. א פּויערטע האָט שווער אפּגעזיפצט און שטיל זיך געצלמט. דער סאָלטאס האָט מיט ווייטיק געקנייטשט דעם שטערן:

— צו וואָס, וואסיל? צו וואָס רעדסטו אזעלכע רייד?

— וואָס הייסט צו וואָס? איר הערט דאָך: דאָס האָב איך מיט א דובינע דערהרגעט בערקען! ס'איז געווען ביינאכט . . . כ'בין געווען שכור . . האָב אים ביים „קאָפּיעץ” געטראָפן און — דערהרגעט . . . איך — מיט מיינע אייגענע הענט, האָב איך אים אומגעבראַכט.

ס'איז געוואָרן א שרעקעדיקע שעפּטשעריי, ווי מען וואָלט פּלוצלונג אן אומגליק דערזען. איוואן פּעטריק האָט אין א זייט שטיל א מורמל געטאָן: „זשאַלקאַ” . . . אינגאַנצן פון זינען” . . .

דער אַלטער פּיאָטער האָט אנגעהויבן:

— נו, גיי אהיים וואסיל . . . ביסט נישט געזונט וואסיל . . .

וואסיל האָט באַקומען גרויסע ווייַנענדיקע אויגן.

— וואָס טוט זיך דאָ? פאַר גאָט דעם הימלישן שווער איך אייך: איך בין דער מערדער! איך, וואסיל, האָב אים דערהרגעט! סאַלטאַס! דאָס בין איך דער רוצח. פאַר גאָט און פאַר לייט בין איך זיך מודה! וואָס זשע שטייט איר און גאַפט ווי די גולמס? בינדט מיך. פירט מיך צו „נאַטשאַלסטוואַ”! כ'בין דאָך א מערדער!

ס'איז געוואָרן א געדרייערי פון קעפּ. א קרעכצעריי. א פּויערטע האָט זיך געווישט די אויגן:

— וואָס פון א מענטש קען ווערן . . .

— און אזוי יונג נאָך . . . האָט א צווייטע פאַטאַקעוועט.

וואסיל האָט גענומען שרייען ווי א צום טויט פארוואונדעטער:

—וואָס זשע שווייגט איר? איך בין דאָך זיך מודה פאַר אייך ווי פאַר גאָט אליין: איך בין דער מערדער! וואָס זשע קוקט איר אזוי אויף מיר?

דער סאַלטאַס האָט געגומען ריידן בעטנדיק, וויינענדיק:

— וואַסיל טייערער! קום צו זיך . . . אַז גאָט שיקט זיין שטראָף דאַרף מען דעם קאָפּ דען פאַרלירן? וואַסיל ליבער . . . וואָס איז דיר דען איינגעפאַלן? גיי אהיים, רו זיך אויס . . . גאָט איז אַ פּאָטער . . פאָלג מיך און גיי אהיים.

אַ מינוט איז וואַסיל געשטאַנען מיט צעעפנט מויל, האָט געהערט ווי עמעצער באַדויערט אים שטיל.

— האַ? פאַר אַ משוגענעם ווילט איר מיר מאַכן? וואָס זשע? נאָך ווייניק פאַר אייך? נאָך ווייניק נקמה זיך אין וואַסילן דערלעבט? רשעים וואָס איר זענט! חיות ווילדע זענט איר! „היצלעם"!

זיין האָפנונג איז געוועזן פאַרלאָשן. ער איז געווען פאַרלוירן און — נישט געבליבן פאַר אים קיין וועג, קיין טרייסט, קיין באַרואיקונג . . . ווי אַ קינד האָט ער זיך אויפן קול צעוויינט. פינצטערע שרעק און שוואַרצער פּיין האָבן פון אים ארויסגעוויינט.

פויערים האָבן געפינטלט מיט פאַרטרערטע אויגן. פויערטעס האָבן זיך געצלמט און שעפּטשענדיק געבעטן פאַר דעם אומגליקליכן, וואָס האָט אוועקגעשפּאַנט מיט זיין קלאָג . . .

ט.

וואַסיל איז לאַנג געזעסן אין כאַטע איינגעטונקן אין געדיכטער פינצ־טערניש, געזעסן פאַרהילצערט פון פּיין.

שפּעט ביינאַכט האָט ער זיך אויפגעשטעלט, האָט אנגעטאָן דעם פּעלץ, זיך פעסט ארומגעצויגן מיטן פּאַסעק און מיט אנטשלאָסענע טריט ארויס אויפן פּאָדוויר.

איבערן דאָרף איז געלעגן שוואַרצע נאַכט. געדיכטער נעפּל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ביז די שניי־באַדעקטע דעכער. די שטיבלעך זיינען געשטאַנען בלינדע מיט שאַרף־גלאַנציקע שויבן, און ערגעץ האָט אַ הונט געצויגן אַ וואָיען אין נאַכט אריין. איז וואַסיל געשטאַנען פאַרבלאָנדזשעט און פון פינצטערקייט האָט צו אים געקוקט דאָס בלייכע פאַרפּייניקטע פּנים. האָט ער צוגעמאַכט די אויגן, געקנייטשט דאָס געזיכט און דערביי געטראַכט פון דעם, וואָס זיין שטוב שטייט אַ לידיקע און מאַטראָנע ליגט טויט מיט געל־פאַר־שפּיצטער נאָז . . . געזען ווי אַרום אים שטייען פויערים שוויגנדיקע מיט רחמנות אין די אויגן, און געהערט ווי דער סאַלטאַס זאָגט: „וואָס פעלט דיר

איין, וואסיל? ביסט נישט געזונט, וואסיל. פֿאָלג מיך און גיי אהיים" . . .
איז וואָס זשע? איז פֿאַר אים קיין רעטונג נישטאָ? וועט ער שוין קיינמאָל נישט קענען געפֿינען קיין באַרואיקונג פֿאַר זיין זינדיקער, שוואַרצער נשמה? ווי דער גלח וואָרנט: „דאַרף מען תשובה טאָן און אָפּקומען פֿאַר די זינד אויף דער וועלט."

אין די פֿויערשע ביינער האָט זיך צעפּלאַקערט די תשוקה אָפּצוקומען פֿאַר די זינד זיינע. ער מוז דאָך אָפּקומען. וואָרעם, וואָס נאָך אייגנטלעך איז אים פֿאַרבליבן? אין שטוב איז קיינער נישטאָ . . . מאַטראָנע איז פֿאַרשעמט און האָט נישט קיין רו אין קבר . . . דאָס בלייכע פֿאַרפּייניקטע פּנים פֿון געקרייציקטן טרעט נישט אָפּ פֿון אים . . . אפֿילו זשורקע קערט זיך אָפּ פֿון אים.

— זשורקאָ! עך זשורקאָ!

פֿון אַ פֿינצטערן ווינקל האָט זיך דאָס הינטל שטיל אַרויסגערוקט. געבליבן שטיין אויף ווייסן שניי מיט פֿאַריסן קעפּל און גרויסע אויגן.

— קום אַהער, זשורקאָ. קום אַהער . . .

נאָר דאָס הינטל איז נישט צוגעגאַנגען.

האָט וואסיל געקוקט אויפֿן הינטל, געוואָלט עפּעס פֿאַרשטיין, נאָר — סאיז שווער געווען צו טראַכטן. האָט ער אָפּגעזיפֿצט און אַרויסגעמורמלט:

— נישטאָ מער קיין כוח . . . אַ סוף זאָל עס נעמען.

ער איז אַריין אין שטאַל, האָט אַרויסגעפֿירט דאָס יונגע, שוואַרצע פֿערד, אַנגענומען מיט ביידע הענט די גריווע, אונטערגעשפּרונגען, אַ גליטש אויפֿן בויך, און ער איז געבליבן זיצן רייטנדיק אויפֿן פֿערד. נאָך אַמאָל געקוקט אויפֿן עלנטן, פּוסטן, הויז זיינעם . . . אומפֿאַרשטענדלעכס אַרויסגעמרוקעט, דערלאַנגט דעם פֿערד מיט די קנאַפּל אין די זייטן, און:—

דאָס פֿערד האָט געגעבן אַ ציטער מיט דער גאַנצער פֿעל, פֿאַריסן דעם קאָפּ, אַרויסגעלאָזט אַ קורצן הירזשע, זיך אַ וואָרף געטאָן צום אָפֿענעם טויער און ווי אַ שוואַרצער פֿאַס זיך גענומען ציען איבער שניי.

זשורקע האָט אַרויסגעלאָזט אַ האַווקע; זיך אָפּגעריסן פֿון אָרט און — נאָך!

ווידער האָט וואסיל אַ זעץ געטאָן מיט די קנאַפּל און דאָס פֿערד האָט זיך גענומען רייסן פֿון דער אייגענער פֿעל, זיך אויסגעשטרעקט און אוועקגעשאָסן ווי אַ פֿייל. די פֿינצטערע הייזלעך, די דאַרע פֿאַרשנייעטע ביימער, זיינען אימפּעטיק געלאָפֿן צוריק און פֿאַרשוואונדן. דאָס הינטל האָט נאָכגעהאַלטן. פֿון וואסילס מויל האָט זיך אַ רעווע געצויגן ווי אַ שוואַרצע שנור . . . זשורקע האָט נאָכגעשוואָלעוועט מיט פֿאַרלייגטע אויערן און אַרויסגעהאַנגענער צונג.

א פּאָר מאָל האָט זיך דאָס פערד מיט וואַסילן דורכגעטראָגן דורכן דאָרף הין און צוריק. דאַן —

דאָס פערד מיט וואַסילן זיינען ארויס פון דאָרף און זשורקע — שווערסאָפּנדיק דורך אפענעם פיסק — איז נאָך מיט די לעצטע כוחות. הינטערן דאָרף האָט וואַסיל איינגעהאַלטן דאָס פערד. דאָס צוקאַכטע, מיט שוים באַדעקטע פערד, האָט גענומען שטעלן פיס און איז ענדלעך שטיין געבליבן פאַכנדיק מיט די זייטן איבער וועלכע ס'זיינען געלאָפן ווייס־זידנ־דיקע שנירלעך.

זשורקע איז אנגעלאָפן, זיך אפגעשטעלט ביי דער זייט, זיך אראָפּ־געלאָזט אויף די הינטערשטע פיסלעך און גיך געסאָפּעט מיט ארויסגעבעלע־קעט צינגל.

א ווײַלע איז וואַסיל שטיל געזעסן אויפן פערד און געפילט: דער קאָפּ ברענט אים, ווי ער וואָלט אים געהאַט אריינגערוקט אין פלאַקער; אין די גלידער האָט געשלאָגן געדיכטע היץ און דאָס האַרץ האָט זיך געצאַפּלט אין קלעם. אַ? אָט דאָ נישט ווייט איז ער געלעגן . . .

געלאָסן האָבן זיינע אויגן דערבלאַנדזשעט צום הילצערנעם צלם, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון איוואַן פּעטריקס מיל. די מיל האָט איצט געפּרווירן מיט פאַרשטאַרטע געשטרעקטע פליגל. האָט וואַסיל א צי געטאָן דאָס ציימל און איז צוגעריטן צום צלם.

איצט — און ער האָט באמערקט: דער נעפּל צוגייט און עס ווערט העלער דער דרויסן. אַ? עס ווערט טאָג; די פּויערים וועלן אָניאָגן און ווידער נישט דערלאָזן זיין נשמה זאָל זיך בארואיקן. האָט ער זיך גענומען איילן:

ער האָט זיך אויפגעשטעלט אויפן פערד וואָס איז געשטאַנען גע־טוליעט צום צלם. מיט ציטערדיקע הענט האָט ער פאַרבונדן דעם שטריק ארום צלם אויבן. אין אים האָט עס גערוישט און אין גערויש איז געווען קלאָרקייט. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, אריינגערוקט דעם קאָפּ אין פּעטליע, דאַן א זעץ געטאָן מיט די פּאַדקאַוועס אויפן פערדס רוקן. דאָס פערד האָט זיך געגעבן א גליטש אוועק און:—

וואַסיל האָט געגעבן א הייב די הענט, נישט באַוויזן זיי צו דערטראָגן ביזן האַלדז. זיך א צאַפּל געטאָן. און די הענט האָבן גענומען פאַלן . . .

זשורקע איז אויפגעשפּרונגען אויף אַלע פיסלעך, ארויסגעלאָזט א שאַרפן וואַי, צוגעשוואַלעוועט צום צלם, אומפּעטיק א שפּרונג געטאָן און זיך איינגעקלאַמערט אין וואַסילס פיס. א ווינטל האָט א טרייב געטאָן. די פיס האָבן זיך א שאַרפן קאַרטש געטאָן. זשורקע איז מיט א קוויטש אפּגעפאַלן. וואַסילס קערפּער האָט געציטערט, קאַנוואַולסירט, זיך באַוועגט.

ווידער האָט זשורקע ארויסגעלאָזט א קוויטש. ווידער מיט אַ שפּרונג זיך אנגעטשעפּעט אין וואסילס פּיס. איצט זיינען די פּיס געווען שטאַר־געשטרעקט און זשורקע האָט זיך מיט זיי געוויגט און געיאָגט קוויטשערייען דורך נאָז און פּיסק. דאָס פערד איז ערגעץ געלאָפן אין גאַלאָפּ . . .

— — — — — — — — — — — — — — —

זשורקע האָט דערפילט אז די פּיס לעבן נישט, איז ער אפּגעשפּרונגען, געבליבן שטיין מיט פאַריסן קעפּל און פאַרלייגטע אויערן. האָט לאנג געקוקט ווי זיין בעל הבית הענגט שטיל אויפן צלם, זיין פּנים — טונקל אנגעגאָסן, צעגרעמאסעט, און די צונג — שפּארט פון מויל ארויס.

דאָס פערד איז געשטאַנען אין פעלד מיט טרויעריק־אראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

אַ ווינט איז מיט שארפקייט אָנגעלאָפן. דער הימל איז געווען בלייך, האָט צעעפנט א ברעם און געקוקט מיט אַ העל־גרוי אויג. זשורקע איז אלץ געשטאנען מיט פאַריסן קעפּל, און די אויגן — פול מיט וואונדער און שרעק. מיט אַמאָל — זשורקע האָט פאַרשטאַנען. פּאַניק איז דעם הינטל באַפאַלן. האָט עס ווילד זיך גענומען יאָגן ארום צלם, ווי אַ רעדל זיך געדרייט, דאן זיך אפּגעשטעלט, זיך צעוואָיעט מיט קולות, וואָס האָבן די בייזע בשורה געטריבן צום דארף . . .

פילאדעלפיא, 1923

שרעק

א.

עס זעט נישט דער מענטש—
עס זעט אבער זיין מזל . . .

דער אַלטער ליפשיץ איז צוגעקומען צום ראַג פון דער גאַס, האָט זיך געגעבן א שטעל־אָפּ און די ווייסבאַברעמטע אויגן האָבן זיך ברייט צעעפנט מיט וואונדער, ווי ער וואָלט דערזען א מענטשן, וואָס איז שוין לאַנג געשטאָרבן און ער אליין איז געווען ביי זיין קבורה. ער האָט גאָרנישט געזאָגט, איז האַרט צוגעגאַנגען צום טישל, וואָס איז געשטאַנען באַדעקט מיט א טישטוך און אויף דעם — אביסל סחורה. האָט לייכט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און שטיל אַרויסגעזאָגט איין וואָרט:

— וויינשטאָק?!

וויינשטאָק איז געזעסן ביים טיש אויף א קעסטל. האָט ער אַרויסגענומען די אויגן פון ביכל, וואָס ער האָט אָפּן געהאַלטן און אויף זיין פּנים איז געווען רויטקייט און צעמישעניש . . . זיינע שוואַרצע, עטוואָס אויסגעשטאַרצטע אויגן, זיינען געווען איינגעהילט אין טרויער און ער האָט א טראַכט געטאָן: „פאַרט דערזען". האָט זיך אויפגעשטעלט און דאָס פּנים איז אים צוריק בלייך געוואָרען. דער שטערען האָט זיך צוזאַמענגעקנייטשט אונטערן דאַשעק:

— אַזוי איז עס . . .
— שוין לאַנג?
— שוין א וואָך . . . אַז ס'איז קיין אנדער אויסוועג נישט געבליבן . . .

— אזוי . . .

דאָס לעצטע וואָרט האָט דער אַלטער ליפּשיץ אויסגעצויגען מיט אַ געפּרעסט קול און האָט זיינע אויגן אַוועקגעשטעלט אין ליידיקייט אַריין: זעט, מענטשען, וואָס עס איז געוואָרן פון אַ רייכן, גרויסן סוחר . . .

ביידע האָבן אַ לענגערע ווײַלע געשוויגן. דערנאָך האָט דער אַלטער ליפּשיץ, וואָס האָט געוואוינט אויף איין גאַס מיט וויינשטאָקן, אָפּגעזיפצט מיט אַ דאָפּלט, ווייך זיפצל און געזאָגט:

— יאָ . . . שוין דערלעבט . . . און וואָס? ס'גיט כאַטש עפּעס?

— וואָס ווייס איך? איך ווייס? דערווייל שטיי איך . . .

וויינשטאַק האָט דערפילט: שווערקייט האָט זיך אַוועקגעלייגט דאָרט וואו דער האַלדז הייבט זיך אָן. די אויגן האָבן זיך מיט ביטערער פייכטקייט איבערגעגאָסן. ער האָט צונויפגעצויגן די ברעמען און געקוקט אַריבער דער גאַס, דאָרט אַהין, וואו אין קליינעם שטאָט־גאָרטן האָבן זיך עטלעכע שקצימלעך געשפּילט, מיט אַמאָל צוריקגענומען פון דאָרט די בליקן און זיך אָנגעהויבן קלאָגן:

— מענטשן לויפן . . . וואָרעם: וואָס זאָל מען טאָן? אַז מען קען נישט אַריבער — מוז מען אַרונטער . . . טרעט מען אָפּ און אַ סוף . . . אָבער מיט קינדער? ווי אַזוי לויפט מען? איז מילא: שטייט וויינשטאָק שוין, גאָט צו דאַנקען, מיט אַ טישל . . . און וואָס, מ'שטיינס געזאָגט, האָט ער אויפן טישל? אַ קנעפּל, אַ טאַשמע, אַ שטיקל טואַלעט־זייף און אַ צאָן־בערשטל. דאָס האָט מען נאָך באַוויזן אַרויסצוכאַפּן פון געשעפט פאַר דער „נאַציאָנאַליזאַציע" . . . איז וואָס קען מען שוין דערלעבן פון אַזאַ טישל? ווען אַ שטיינער פעלט היינט דאָס צאָן־בערשטל און ווען ליגט אין זינען טואַלעט־זייף? אַז ס'איז קיין ברויט נישטאָ?

דער אַלטער ליפּשיץ האָט באַדויערנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. האָט אָפּגעזיפצט און מיט אַמאָל זיך צעוואונדערט:

— וואָס זשע? אַזוי וועט עס שוין טאָקע בלייבן? מען וועט זיי שוין טאָקע נישט איבערקומען?

— ווייס איך? דערווייל זעט מען נישט . . .

— און איך זאָג: מען וועט זיי איבערקומען . . . איר וועט זען: מען וועט זיי איבערקומען . . . וואָרעם ווי איז עס מעגלעך?

וויינשטאָק האָט זיך שוין צעשמייכלט:

— מען האַלט זיי אין איין איבערקומען, און דערווייל: שטיי איך שוין דאַנקען גאָט אויפן ראָג מיט אַ טישל.

— וואָס זשע דען? מען וועט זיי אָפּטרעטן? גאַרנישט? איבערלאָזן אַלץ אויף הפקר און אַנטלויפן?!

דערווייל איז צוגעקומען א הויכע דארע גויע, זי האָט זיך אפגעשטעלט ביים טישל, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער ליכטיקער זון און ס'האָט אויסגעזען: א טיש שטייט געגרייט און ווארט אויף א חשובן גאסט. זי האָט געקוקט אויף דעם הער ווײנשטאָק און גענומען שמייכלען אין זיך אריין. דער שמייכל אירער האָט ווײנשטאקן געגעבן א קיל אין האַרצן, אזוי ווי מען וואָלט פלוצלונג צו דעם צוגעלייגט א שטיק אייז: ווער איז זי, די גויע? הא?

ער האָט געפילט אַז זי קען אים און דערפאר שמייכלט זי אזוי. נאר ווער איז זי?

די גויע האָט גענומען אין דער גרויסער צעוואקסענער האנט אריין א שטיקל טואלעט־זייף. האָט צו דעם געשמעקט און געשמעקט, אַלץ אזוי געשמייכלט אין זיך אריין און געפרעגט:

— וויפיל קאָסט עס?

דער גויעס פנים איז געווען אזוי ליכטיק, ווי די גאַנצע זון וואָס איז געשטאַנען אין דרויסן וואָלט זיך אויף איר פנים צוזאמענגענומען.

ווײנשטאָק האָט א ציטער געטאָן. באקומען א געפיל ווי א מיאוסע זאָך וואָלט זיך צו אים צוגעקלעפּט צו דער נאקעטער ברוסט . . . דאָס איז דאך די ארימע גויע וואָס פלעגט ביי אים וואשן וועש! . . .

— אַ? . . . וואָס? . . .

— וויפיל קאָסט עס? — האָט די גויע שוין אפן געלאכט.

— דאָס? — ער האָט דאָס שטיקל זייף איבערגענומען פון איר האַנט, האָט עס באקוקט, ווי ער וואלט זיך געדארפט איבערצייגן אָן עפּעס. דער אַלטער ליפשיץ האָט דערווייל אפּגעזיפצט און מיט שוואכע, לאנגזאמע טריט אוועק, האלטנדיק דעם קאפּ געבויגן.

— זעקס טויזנט . . . זעקס טויזנט . . . —האָט ווײנשטאָק איבערגע־חזרט און געפילט אזוי, ווי זיך צו געבן א רייס־אָפּ פון אָרט און נעמען לויפן שרייענדיק אַן אומפארשטענדלעך, יאָמערלעך געשריי.

— זעקס טויזנט?

די גויע האָט נאך א פּאָר מאָל געשמעקט צו דעם, האָט אַלץ אזוי גע־שמייכלט מיט ביטערע פינקלדיקע אויגן און האָט עס צוריקגעלייגט:

— ס'איז פאר בורזשויען . . . זעקס טויזנט! . . . געהערט אַביסל!?

צי די זון איז פארגאנגען אונטער א וואָלקן? ס'איז אים טונקל גע־וואָרען אין די אויגן . . . און ער אליין הערט נישט, וואָס דאס מויל רעדט ארויס:

— וויפיל דען?

— א טויזנטער גיב איך . . .

ער האָט מער גארנישט געזאגט און די גויע איז אוועק. פון מיטן וועג האָט זי אויסגעדרייט דעם קאָפּ און דאָס געלעכטער האָט נאך אלץ געקוקט פון איר פּנים.

וויינשטאק האָט זיך צוריק אראפּגעזעצט אויפן קעסטל. געפילט ווי בלינדע פיין זיצט אין אלע גלידער:

„פיין דערלעבט . . . פיין דערלעבט . . . דער גרויסער סוחר . . . דער רייכער, שטאלצער געשעפטסמאן וויינשטאק — שטייט מיט א טישל אין מיטן גאס . . . בעט זיך ביי די וועשן זי זאָל קויפן” . . .

טונקלקייט האָט זיך געצויגן פאַר די אויגן און ער האָט זיך דערמאנט אן אידאן, אן אָט דער אידא, וואָס איז געווען א בוכהאלטערשע ביי אים אין געשעפט. אין די לעצטע פאַר וואכען האָט ער זי אינגאנצן נישט געזען. פאַרוואָס האָט ער זיך איצט דערמאנט אן איר? ער וואלט איצט אוועק־געלייגט זיין מידן קאָפּ אויף איר אַקסל און וואָלט זיך אפשר צעוויינט פאַר איר . . .

איינמאל האָט שוין אזוי פּאַסירט. ער האָט מיט טרויער געקוקט צו איר:

— אידא . . . מיר איז נישט גוט . . .

— איך וויים, טייערער . . . איז אפשר . . .

— וואָס מיינסטו, אידיטשקאַ?

— אפשר קען איך דיר מיט עפּעס העלפן?

— דו?

און אידא האָט באקומען אזא טרויעריק פּנים. זי האָט זיך צו אים צוגעטוליעט, האָט מיט אירע ווייכע הענט ארומגענומען זיין האלדז, האָט צו אים גערעדט מיט געטריישאפט פון א מוטער, און איר הארץ האָט דערביי האסטיק געשלאָגן:

— סאמויאיל . . . כ׳האָב די בריליאנטענע אוירינגלעך . . . פאַרקויף זיי . . .

ער האָט דערפילט געפאלנקייט. די אוירינגלעך האָט ער דאך איר געקויפט . . . אים האָט זיך געדאכט, אז ער איז געווארן נידעריקער. נאר איר שטים האָט אים גערירט און געטרייסט. אין האלדז האָט אים גענומען צי־טערן . . .

— ניין אידא . . .אזוי שלעכט האלט עס נאך נישט . . . נישקשה, מיר וועלן אלץ איבערקומען . . . מיר וועלן אלע צרות איבערקומען . . .

זי איז געוואָרן פריילעכער, האָט אים גענומען קושן און האלדזן, זיך טוליען צו אים קינדעריש און שעפּטשען:

— איך בענק נאך דיר . . . איך טראכט שטענדיק פון דיר . . .

וויינשטאָק האָט זיך איצט ארומגעקוקט. אים איז אויסגעקומען, אז עמעצער שטייט נעבן אים. איצט ווייסט וויינשטאק אז אידאס גוטסקייט האָט אים איבערגעשראָקן. ער האָט מורא געהאט דאָס זאָל אים נישט צופיל פארבונדן צו איר . . . איצט טוט אים הנאָה, וואָס ער האָט זיך נישט באַנוצט מיט איר גוטסקייט. און אויפן האַרצן איז איהם דערפון גרינגער געוואָרן.

ער האָט געטראַכט:

„אפשר פאָרט . . . אפשר וועט מען פארט קענען אנטלויפן פון דעם „גיהנום" . . . וועט ער אפפירן דאָס ווייב מיט די קינדער קיין פוילן. דאָרט האָט זי אייגענע: אַ טאַטן, רייכע ברידער . . . זאָלן זיי נאר זיין פארזאָרגט, וועט ער שוין וויסן וואָס ער האָט צו טאָן . . . ווען דער דאזיקער לערער, וואָס וואוינט מיט אים בשכנות, זאָל עס טאַקע מיינען אויף אן אמת . . . זאָל טאקע וועלן פאר אים אויך באקומען אַ „פראָפּוסק", ווי ער זאָגט צו . . . אז ער וועט נאר וועלן, וועט ער באַקומען . . . ער איז דאך ביי „זיי" א גאַנצער מאכער . . . נאר גיי פארלאָז זיך אויף די „לייט" . . .

דערווייל האָבן זיך די פענצטער פון אנטקעגנאיבערדיקן הויז צעפלאַמט, זיך אנגעגאָסן מיט פייער און פארנאכטיק ווינטל האָט אַ בלאָז געטאָן. די ביימער אין קליינעם שטאָט-גערטל האָבן זיך צעשאַרפט:— עס קומט דער אוונט.

וויינשטאק האָט געעפנט דאָס קעסטל, ארייַנגעלייגט דאָס ביסל סחורה פון טישל אראָפּ, ער האָט עס געטאָן איילנדיק. גיך אטעמענדיק, ווי ער וואָלט געדאַרפט לויפן אויף אן ארט, וואו מען וואַרט אויף אים. דאָס קעסטל סחורה מיטן טישל האָט ער אריינגעשטעלט אין שטוב-קלייטל צו סאלאַ-מאָנטשיקן, צו אט דעם נידעריקן, פולן קרעמער, וואָס האָט אין שטוב געהאלטן א שפייז-געוועלבל — די דאזיגע מינים געוועלבלעך זיינען נאך נישט געווען נאציאנאַליזירט.

— נו, גאַספּאַדין וויינשטאָק? — האָט סאָלאָמאָנטשיק א פרעג געטאָן שטייענדיק הינטערן לאַנגן טיש.

וויינשטאָק האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, געקוקט אויף דעם נידעריקן געפּאַקטן יידל, וואָס איז געשטאַנען אין אַ פאַרשמעלצעוועט, פאַרמעליקט רעקל און האָט געהאט א כיטרע רחמנותדיק פּנים.

— וואָס מיינט איר?

— עפּעס געלייזט?

— אַ קלייניקייט.

— אַזוי?

און האָט נישט געוואוסט וואָס ווייטער צו זאָגן.

וויינשטאָק האָט אפּגעהוסט שטיל און ווייך. דאָס פּנים איז אים נאָך געווען דערשראָקן נאָר עטוואָס רואיקער, ווי ער וואָלט ענדלעך אַ נישט אנגענעמע זאַך איבערגעקומען. ער איז געשטאַנען אַ הויכער, אַ שלאַנקער און געטראַכט:

„סאָלאָמאָנטשיק האָט שוין אויך אויף מיר רחמנות" . . .

— איך לאָז דאָ מיינע זאַכן.

— גוט, גאָספּאָדין וויינשטאָק.

און דער „גאָספּאָדין" איז ארויסגעקומען אזוי זיס, אזוי ווייך, אז וויינשטאָק האָט די אויגן אראָפּגעלאָזט.

גייענדיק אהיים האָט ער געטראַכט פון צוויי זאַכן און ס'איז דאָך געווען איין טראַכטונג: ער האָט געטראַכט פון אוועקפאָרן קיין פּוילן און צו דערזעלבער צייט איז דאָס געווען פארבונדן מיט דעם, וואָס ער האָט ביי איראַן נישט גענומען די אוירינגלעך און האָט איר די לעצטע פּאָר וואָכן נישט געזען. ס'איז אויסגעקומען, אז דאָס דערלויבט אים אוועקצופאָרן . . .

„ווען דער דאָזיקער באָרנשטיין זאָל עס נאָר מיינען אויף אַן אמת: אים אנגעבן אלס זיין שוואגער און קריגן פארביידע אַ „פּראָפּוסק" . . . אויב ער וועט נאָר וועלן — וועט ער דאָך קריגן . . . נאָר גיי פארלאָז זיך אויף דעם „פארשוין", אז ער אליין קוקט נאָך אַלץ אויף מיר ווי אויף אַ בורזשוי . . און אפשר . . ."

* * *

אז וויינשטאַק איז ארייַנגעקומען צו זיך אויפן הויף, איז אים אנט־קעגנגעקומען זיין עלטער יינגל דודקע:

— פּאַפּאַ?!

אזוי האָט אויסגערופן דאָס צען־יעריקע יינגל מיט די קלוגע שווארצע אויגן און איז אים אנטקעגן געלאָפן. דאָס יינגל איז געווען בלייך און האָט געהאַט אַ לענגלעך פּנים, איז געווען הויכגעוויקסיק און געהאַט, לאַנגע, שמאָלע פיס. דאָס אנצוגל וואָס ער האָט געטראָגן, האָט אויסגעזען אַ פרעמדס אויף אים. די אַרבל זיינען געווען קורץ און ס'איז אויף אים ענג געווען. ער האָט גע־שמייכלט צום פּאָטער און פרייד איז געווען אין זיינע אויגן.

— וואָס איז עפּעס?

— וואָס זאָל זיין? — האָט דאָס יינגל איבערגעפרעגט.

פון טיפן קאָרידאָר איז ארויסגעקומען מאַדאַם וויינשטאָק. אַ הויכע, אַ דאַרע מיט צעריסענע שטעק־שיך אויף די פיס און זי האָט געטראָגן מיט זיך אַ שמייכל, וואָס איז געלעגן ווי זון־שיין אונטער דער פלאַכער דינער הויט

פון איר פּנים. זי האָט גיך געשאַרט מיט די טריט, האָט די שמאָלע אַקסלען געטוליעט אין ליכטן טיכל, און דאָס שוואַרצע קליידל אירס, האָט געוואונקען מיט פעטע איינגעפונדעוועטע פלעקן. זי האָט מיטביידע הענט צונויפ־געצויגן דאָס טיכל אונטער. דער גאַמבע און אירע ליפּן זיינען געווען צעצויגן אין אַ שמייכל.

„וואָס זשע איז עס פאַר אַ פרייד?" — האָט וויינשטאָק אַ טראַכט געטאָן און באַקומען אַ געפיל, ווי ער וואָלט זיך נאַר וואָס פאַר עפּעס דערשראָקן.

— גוט נאָוונט.

ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. זיך געלאָזט גיין אין קאָרידאָר אַריין און די פרוי נאָך אים. זי האָט אַלץ אַזוי געשמייכלט און ער האָט געפילט, אַז זי האָט אים עפּעס אָנצוזאָגן. ער האָט זיך אָבער נישט געאײַלט צו פרעגן: ער איז געווען שטאַרק צופּיעסטעט פון דעם טאָג שטיין ביים טישל און דער גויעס שמייכלען איז אים אַלץ געשטאַנען פאַר די אויגן.

אין שטוב שוין, האָט די פרוי געזאָגט:

— באָרנשטיין איז נאָר וואָס פון גאַס געקומען.

— נו? — האָט ער זיך אויסגעדרייט צו איר.

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן, געשמייכלט און מיט אַ דינער שטים אויס־געלאָזט:

— שוין דאָ!

— וואָס אַזוינס?

— אַ „פּראָפּוסק"!

— אַ „פּראָפּוסק"? טאַקע? און פאַר אונדז אויך?

— וואָס דען דערצייל איך דיר? . . . שוין, די אַנדערע וואָך פאָרן מיר.

דאָס געפיל פון איבערשרעק, וואָס איז פריער געבוירן געוואָרן אין וויינ־שטאָקן, האָט מיטאַמאָל אויפגעפּלאַצט, זיך צעריסן און אַ שטראָם פון שרעק האָט זיך געגעבן אַ גאָס איבערן האַרץ, האָט זיך געגעבן אַ שרויף־אַרויף, אַ שלאָג אין קאָפּ און דאַרט אַ מיש געטאָן. אַ פּאָר מאָל האָט ער אַ שלונג געטאָן און אַליין נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס ס'האָט אים אַזוי דערשראָקן.

צווישן די צווייגן פון בוים, וואָס איז געשטאַנען האַרט ביים פענצטער, האָבן רויטע פלעקן געציטערט, ווי פּייערדיקע פייגל וואָלטן זיך צווישן בלעטער געקעכלט און געשפּרונגען פון אָרט צו אָרט. די בלעטלעך האָבן ליכט געציטערט מיט פאַרנאַכטיקער פאַרטראַכטקייט. מיט אַמאָל האָבן זיך די רויטע פלעקן אויסגעלאָשן. דער פאַרנאַכט איז אַריין דורכן פענצטער און טונקל־פּורפּור האָט איבערגעצויגן די שויבן.

וויינשטאָק איז געשטאַנען צעטומלט און האָט געהערט: ערגעץ קלאַפּן

שווערע רעדער אויף האַרטע שטיינער און ערגעץ גאָר ווייט ציטערט אַ געשריי, וואָס ציט זיך ווי אַ לאַנגע שנור אין פאַרנאַכט.

— וואָס זשע ביסטו אַזוי דערשראָקן געוואָרן?

אַזוי האָט פרוי ווײַנשטאָק אַ פרעג געטאָן און פון אירע שמאָלע, טונקל־גרויע אויגן האָט שטילער פאַרדראָס אַ שפּאַר געטאָן.

— ווייס איך?

— וואָס זשע? ס׳איז דיר אַ שאָד דאָס טישל אין גאַס? . . . עפּעס האַלט דיך דאָ? . . .

— ווער זאָגט? ווער זאָגט? . . . איך וואָלט גאָר געוואָלט עפּעס עסן . . . כ׳האָב אַ גאַנצן טאָג אין מויל נישט געהאַט . . . גאָר פּשוט: איך בין הונגעריק . . .

— אָט גרייט איך צום טיש.

ווײַנשטאָק האָט אויסגעטאָן דאָס היטל און האָט אַלץ געקוקט מיט דערשראָקענע, פאַרנאַכטיקע אויגן און בלייך צעפּיעסטעטע פּנים . . .

ב.

ביי באַרנשטיינען אין שטוב האָט געברענט אַ קליין נאַפט־לעמפּל. דאָס לעמפּל איז געשטאַנען אויפן טיש און שוואַך באַלויכטן דאָס גרויסע ווייסע צימער, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט פאַרנאַכט. באַרנשטיין האָט אויפגעהויבן ליכטיקע, גרויסע אויגן און האָט מיד געשמייכלט. דאָס לעמפּל האָט באַלויכטן זיין אייַנגעפאַלן, דאַר פּנים און ער האָט אויסגעזען ווי אַ קראַנקער וואָס הייבט אָן קומען צו זיך.

— זיצט, זיצט . . .

אַזוי האָט געזאָגט פרוי באַרנשטיין, אַ נידריק יונג ווייבל מיט געשווירענע שוואַרצע האָר. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לייוונטן קליידל, וואָס איז געווען אויפגעבלאָזן אַרום איר. זי האָט געשמייכלט דער אַריינגעקומענער אין פּנים אַריין און די פרייד פון דערהערטער בשורה איז געווען אויף איר.

— וואָס זשע? טאַקע דאָ אַ „פּראָפּוסק?“

און ווײַנשטאָק האָט דערביי אויסגעזען ווי אַ ברוגזער וואָס וויל זיך איבערבעטן.

באַרנשטיין האָט נאָר מיד געשמייכלט, אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פאַרשריבענעם פּאַפּיר מיט שטעמפּלען און אונטערשריפטן, און מיט רויִק

עטוואס באַרימעריש קול אים געגעבן צו פאַרשטיין:

— אַט דאָס איז די ביטע, וואָס איך האָב דערלאַנגט צום אַפּטייל פון יידישע ענינים. און אַט דאָס גרויסע כתב אין דער קרום איז פון „גובע־וואַק" . . . און אַט איז פון „גובאיספּאַלקאָם" . . . איר זעט עס יעצט פאַרטיקערהייט . . . אָבער אַנקומען קומט עס אָן שוין ניט אַזוי גרינג . . .

וויינשטאַק האָט געשוויגן און האָט אויסגעהערט די אַלע שוועריקייטן וואָס באַרנשטיינען איז אויסגעקומען דורכצומאַכן. די פּרויען האָבן גע־שמייכלט שטילערהייט. באַרנשטיינס מיידעלע מיט די טונקל־בלאָנדע געקרויזטע האָר, איז געשטאַנען מיט גרויסע, ברוינע אויגן און האָט אויך געשוויגן. זי האָט זיך אַנגעשטויסן, אַז מען רעדט וועגן זייער ערנסטע וויכטיקע זאַכן . . .

— נו, און דער פּראָפּוסק?

באַרנשטיין האָט אים דערלאַנגט אַ רויטן צעטל. וויינשטאַק האָט איבערגעלייענט יעדעס וואָרט, געלייענט מיט קאָפּ און דערביי זיך גוט איינגעקוקט, ער זאָל קיין טעות נישט האָבן און ווען ער האָט איבערגעלייענט זיין אייגענעם נאָמען, האָט ער ווידער דערפילט קעלט אין האַרצן.

— יאָ . . .

— נו, איצט פאַרט מען שוין? האָ? — האָט באַרנשטיין מיד געשמייכלט.

— זעט אויס אַזוי . . .

— און נישט געזוימט: דער פּראָפּוסק איז גילטיק אויף פערצן טעג.

— און נאָך פערצן טעג?

— דאַרף מען אים איבערבייטן אויף אַ צווייטן.

— איז עס דאָך קיין אומגליק נישט . . .

נאָר די שמאָלע, טונקל־גרויע אויגן פון פרוי וויינשטאַק האָבן זיך געגעבן אַ צינד־אָן ווי ביי אַן אויסגעהונגערטער חיה:

— צו וואָס דאַרף מען דען וואַרטן? ס'איז דאָ אַ פּראָפּוסק? — איז גענומען און געפאָרן! . . .

— ווער זאָגט דען מען זאָל וואַרטן? — האָט זיך פרוי באַרנשטיין דערשראָקן — שוין, דאַכט זיך, גענוג געהונגערט.

באַרנשטיין האָט צונויפגעלייגט די פּאַפּירן:

— וואָס וואַרטן? ווער וואַרטן? ס'איז אַן אַבסורד . . . וואָרעם ווער קען וויסן וואָס ס'וועט שפּעטער זיין? היינט קען מען פאָרן — דאַרף מען עס נישט אָפּלייגן. אַט אַ שטייגער, זאָגט איר דאָך אַליין, הער וויינשטאַק, אַז ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אויפשטאַנדן . . . אַז די דערפער שטעלן צונויף באַנדעס . . .

באַרנשטיין האָט אויסגעלאָזט מיט אַ חוזק־שמייכעלע:
— איר ווילט אַלץ נישט אויפגעבן די מלחמה קעגן די באָלשעוויקעס? אַ?
— וואָס הייסט?
— אַט שיקט איר אויף זיי אַן די פראַנצויזן . . . אַט שטעלט איר אויף אַנטקעגן זיי גאַנץ אייראָפּאַ . . . און אין מיטן דערינען יאָגט איר גאָר אַן באַנדעס אויף זיי . . . וואָס זשע, איר ווילט זיי דווקא באַזיגן? . . .
וויינשטאָק האָט זיך באַמיט צו שמייכלען:
— דאַכט זיך, איר פאָרט דאָך שוין אַוועק, און שטייט נאָך אַלץ שטאָל און אייזן פאַר „זיי״ . . .
— אדרבה: באַווייזט מיר אַ קונץ און באַקומט אַ פּראָפּוסק ביי באַנדעס? אַ פּאָגראָם קענט איר פון באַנדעס באַקומען.
— געוויס . . . ווער זאָגט דען אַנדערש . . .
פרוי וויינשטאַק האָט זיך אַריינגעמישט:
— איי, לאָזט שוין געמאַך . . . לאָמיר בעסער ריידן פון וויכטיקערס: ווען רעכנט איר זאָל מען אַרויספאָרן?
—היינט איז מיטוואָך . . . אַזוי, אַרום דעם קומענדיקן דינסטיק וואָלט מען געדאַרפט פאָרן.
— און אַז דעם צווייטן דינסטיק? — האָט וויינשטאַק געפרעגט.
באַרנשטיין האָט געקוקט אויף איִם מיט וואונדער.
— מען קען דאָך נישט כאַפּן — האָט וויינשטאָק אַראָפּגעלאָזט די אויגן — מען דאַרף זיך דאָך צוגרייטן, ס׳איז דאָך נישט קיין קינדער־שפּילעכל . . .
— וואָס זשע? איר דאַרפט פאַרקויפן אייערע געשעפטן? אייערע סחורות? . . .
ווען באַרנשטיין האָט דאָס געפרעגט האָט שאַרפס געגעבן אַ קוק אַרויס פון זיינע אויגן.
— ווייס איך וואָס ער רעדט! — האָט פרוי וויינשטאַק זיך אָנגע־כאַפּט — מען וועט פאָרן די אַנדערע וואָך און גענוג! . . . די וואַזשנע געשעפטן וואָס מען האָט דאָ צו ליקווידירן . . . אַ קלייניקייט אַביסל! אַז נישט דינסטיק איז מיטוואָך, אַבער די קומענדיקע וואָך פאָרט מען.
— אַבער גאָט מיין איינציקער — האָט וויינשטאַק באַקומען רחמנות־דיקע אויגן — וואָס איז עס פאַר אַ געאיילעניש? וואָס איז דאָס לוי־פעניש? . . .
באַרענשטיין האָט געשמייכלט און געטראַכט:
„ווייניט און וויינט . . . כסדר נאָר מען שטאַרבט פון הונגער . . . און

אז עס קומט צו פֿאָרן . . . ווער ווייסט וויפֿיל סחורה ער האָט נאָך ליגן באַהאַלטן . . . אַבי עס וויינט . . . בורזשוען . . . "

סאיז געוואָרן אַ געפּרעסטע שטילקייט. וויינשטאָק איז געזעסן שטאַרק בלייך.

ביי בארנשטיינס מיידעלע האָבן זיך גענומען קלעפּן די אייגלעך. איז די מוטער אוועק אין צווייטן צימער צובעטן דאָס בעט און דער פאָטער האָט דערוויילּ געגענעצט און גענומען דאָס קינד צו זיך אויפֿן שויס:

— אַ? מירעלע? שלעפּעריק? ווילסט שלאָפֿן?

דאָס מיידעלע האָט געשאָקלט מיטן קעפּל אויף ניין און די צושאָטענע לאָקן האָבן זיך לאַנגזאַם געוויגט.

— וויל שלאָפֿן און שאָקלט אז נישט — האָסט גוט ארומגעשטיפט דעם גאַנצן טאָג? האַ?

דאָס קינד האָט געשמייכלט מיט שלאָף אין די אייגלעך.

וויינשטאָק האָט געפֿילט אזוי ווי ער וואָלט נאָר וואָס עפּעס קאַליע געמאַכט. האָט ער געפּרואווט שמייכלען און געוואָלט צוריק פאַריכטן.

— סיי ווי סיי . . . מיר וועלן שוין פֿאָרן.

— געוויס.

ווען ער איז שוין געשטאַנען צום ארויסגיין, האָט ער געקלערט אַז מען דאַרף נאָך עפּעס זאָגן און האָט נישט געוואוסט וואָס אזוינס. פרוי וויינשטאָק האָט געשמייכלט און געזאָגט:

— אַ דאַנק אייך, בארנשטיין. איך זאָג אייך איצט דעם אמת: איך האָב זיך אליין נישט געגלייבט, אַז איר וועט עס קענען דורכפירן. כ'האָב זיך אסור געגלייבט . . .

דערוויילּ איז פרוי בארנשטיין ארויסגעקומען פון צווייטן צימער:

— זע נאָר: איר גייט שוין טאַקע? ס'איז דאָך נאָך פרי . . . וואָס איילט איר?

— ווייס איך? איך בין מיד פון גאַנצן טאָג. געשטאַנען ביים טישל . . . די זון באַקט . . . און ווי אויף צופּיקעניש — קומט אַלע ווײַלע צו אַ באַקאַנטער און דאָס בלוט קאָכט זיך איבער צען מאָל אין טאָג . . . אַז מען איז פאַרט נישט געוואוינט צו דעם! . . .

— און וואָס טוען אנדערע, אַז זיי שטייען מיט טישלעך דאָס גאַנצע לעבן? און וואָס טוען די, וואָס אַרבעטן שווער און ביטער און האָבן קיינמאָל נישט קיין ברויט צו דער זעט?

— אַ? איז טאַקע שלעכט . . . ווער זאָגט דען?

און שוין שטייענדיק ביי דער טיר און זעענדיק דאָס דינע שמייכעלע אונטער בארנשטיינס אויגן, האָט ער מיט אַ וואַקלדיק קול צוגעגעבן:

— מילא . . . כ׳ווייס? . . . וואָס איז דער אונטערשייד, מיר וועלן עס שוין איבערקומען . . . אַ טאָג פריער, אַ טאָג שפּעטער . . . מען וועט דאָך שוין פאָרן . . .

— איך פאָר די אַנדערע וואָך! — האָט בארנשטיין אַ זאָג געטאָן.

— געוויס . . . געוויס פאָרן מיר — האָט זיך פרוי וויינשטאָק אפּגע־רופן — וואָס הערט איר וואָס ער זאָגט אייך . . . מיר פאָרן די אַנדערע וואָך. דערווייל אַ גוטע נאַכט.

—אַ גוטע נאַכט . . .

* * *

אַריינקומענדיק צו זיך אין שטוב, האָט פרוי וויינשטאַק גלייך אַ זאָג געטאָן:

— וואָס איז מיט דיר סאַמואיל? וואָס איז עס פאַר אַ ריידן?

— וואָס איז?

— וואָס זשע? דו טוסט אים אפשר אַ טובה? פון זיינעטוועגן קענסטו זיך בלייבן דאָ און שטיין אין גאַס מיטן טישל, וויפיל דיין האַרץ גלוסט . . .

וויינשטאָק האָט געשוויגן.

— איך פאַרשטיי אייגנטלעך נישט, וואָס איז פּלוצלונג געוואָרן? די גאַנצע צייט גייסטו אים נאָך און בעטסט זיך ביי אים: פאָרן און פאָרן . . . אַז מען קען שוין דאָ מער נישט בלייבן . . . אַז עס וועט אויסקומען דאָ צו שטאַרבן פון הונגער . . . און אַז גאָט האָט שוין געהאָלפן, מען האָט שוין אַ מיגלעכקייט צו פאָרן, בלאָזטו זיך נאָך?

פרוי וויינשטאָק האָט גערעדט מיט שטילער פאַרביטערונג און אַז וויינשטאָק האָט אַלץ נישט געענטפערט, האָט זי אויסגעשטעלט די אויגן אויף אים:

— וואָס זשע שווייגסטו, וואָס?

— וואָס זאָל איך רעדן?

— ווילסטו טאַקע אַלץ זיצן דאָ און וואַרטן ביז דו וועסט זיי איבער־קומען? שוין גאַנצע צוויי יאָר, אַז דו קומסט זיי איבער און דערווייל: זעסטו אוים ווי אַ בעטלער, דיין ווייב גייט אָפּגעריסן ווי די ערגסטע קבצנטע און די קינדער קומען אָפּ זייערע טעג מיט אַ שוואַרץ שטיקל ברויט.

וויינשטאָק האָט געקוקט אויף דעם צוכעסטען פּנים פון זיין ווייב און שפּיציקע פאַרביסנקייט איז געווען אין אים. איצט האָט ער ניט געפילט קיין שרעק, נאָר ס׳האָט זיך אין אים מיט בייזקייט געטראַכט: „און אַט מיט

דעם פאַרגרינטן ווייב שלעפּ זיך איצט קיין וואַרשע״ . . .

— דיין ווייב . . . דיין ווייב . . . האָט ער איבערגעחזרט.

פרוי וויינשטאָק האָט אים שאַרף געגעבן אַ קוק־אָן. עס איז געווען ווי אין איר וואָלט זיך עפּעס איבערגעריסן.

—ביסט אַ גראָבער יונג . . . אַ גראָבער יונג און געגנוג! . . .

— הער אויף צו מיר אַזוי צו ריידן!

— וואָס איז? וואָס איז דער יחוס מיט דיר? קוק אים נאָר אָן דעם גרויסן מאַן!

כעס האָט אין אים אויפגעפלאַקערט: ווידער מיט איר אינטעליגענטישקייט! ווער עס דאַרף איר האָבן מיט איר אינטעליגענטישקייט! ער האָט טיף און גיך געאָטעמט דורך די נאָזלעכער, האָט געפילט ווי שפּיציקע שאַרפע ווערטער שטופּן זיך אים פון האַלדז. נאָר ער האָט גאָרנישט געזאָגט און מיט פאַרביסענע ליפּן זיך געגעבן אַ דריי־אויס, אַריין אין שלאָפצימער און פאַרקלאַפּט די טיר נאָך זיך . . .

ער האָט אויסגעטאָן דאָס רעקל, דעם קאָלנער, געבליבן אין ווייסן, נישט איבעריק קלאָרן העמד, האָט זיך אנידערגעזעצט אויפן בעט און אַזוי געבליבן זיצן, האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צווישן די הענט און ס׳האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרצן.

— וואָס פון וויינשטאָקן איז געוואָרן . . .

וואָס איז ער איצט? איצט איז ער נישט מער ווי אַ גראָבער יונג . . . און זי — זי איז די אינטעליגענטקע. און אפשר ווייסט עמעצער צו וואָס ער דאַרף איר האָבן מיט איר אינטעליגענטישקייט? עס געפעלט איר נישט? געווים בין איך אַ גראָבער יונג. נו? ווער זשע האַלט איר צו?

דאָס פענצטער איז געשטאַנען אָפן און די בלויע נאַכט האָט מיט זיסן ריח אַריינגעאָטעמט. די פאַרהאַנגען האָבן זיך שטיל באַוועגט און ווייסע גלאַנצן זיינען געפאַלן פון גרויסן טרומאַ־שפּיגל אין טונקלקייט פון צימער. די בעטן זיינען געשטאַנען אַזוי זיכער איינגעפונדעוועט, דאָס טואַלעט־טישל האָט געקוקט מיט היימישקייט און דער כעס איז אויסגעגאַנגען אין אים; אויף זיין אָרט איז געקומען גרויס רחמנות צו זיך אַליין און צו אייגן פאַרמעגן.

אויפגעבויט אַ שטוב, אַ געשעפט, צוויי געראָטענע קינדער, און רבקה׳לע איז אַ גוטע מאַמע. זי איז טאַקע אַ געבילדעטע אויך, און אַ בריה, אַ ציכטיקע. דאָס בעט שמעקט מיט זויבערן ווייכן ריח. נעם זשע איצט, צעברעך אַלץ, פאַרלאָז אַלץ און לאָז זיך אין דער וועלט אַריין מיט ליידיקע הענט כמעט . . . און אַז ער וועט שוין אָנקומען קיין וואַרשע וועט מען ערשט קוקן אויף אים מיט רחמנות און מיט באַדויערונג, און אפשר מיט אַביסל נקמה אין האַרצן:

— אַט דאָס איז וויינשטאָק?
— דער גביר וויינשטאָק?
— אַ שיינער גביר . . .
— אַז גאָט שטראָפט אַ מענטש . . .

איז ער אַזוי געזעסן מיט זיין רחמנות, ביז ס׳האָט זיך געעפנט די טיר און רויטלעכע שיין האָט זיך געגעבן אַ גאָס־אַריין אין צימער. רבקהלע האָט דאָס קליינע לעמפּל אַוועקגעשטעלט אויפן טואַלעט־טישל, האָט זיך אויסגעדרייט צו אים, געשטאַנען אַ הויכע, אַ דאַרע, נאָר אין די אויגן האָט געברענט שטילע פאַרביסנקייט:

— מילא . . . ווילסט זיצן דאָ? זיץ! . . . צו וואָס נאָך אַזוי צערודערט? . . .

זיך אָפּגערוט אַ ווײַלע און ווידער:

— קיינער שטייט דאָך ניט מיט קיין בייטשן איבער דיר . . . עס ציט דיך דאַ צו בלייבן? — בלייב!

וויינשטאָק האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אין די אויגן איז געווען טרויער.

איז שוין רבקהלע געוואָרן געלאַסענער:

—איך וואָלט פונדעסטוועגן געוואָלט פאַרשטיין, וואָס איז עפּעס פּלוצלונג ביי דיר אַנדערש געוואָרן? האָסט דאָך אַליין גערעדט פון פאָרן די גאַנצע צייט? וואָס איז? די לאַגע אונדזערע האָט זיך געביטן?

— ס׳איז עפּעס גוט אנצוקומען אַ קבצן אין דער פרעמד? — האָט זיין קול געציטערט.

— מילא, וואָס קען מען זיך העלפן? ס׳איז טאַקע נישט גוט. נו, און דאָ שטיין מיט אַ טישל איז בעסער?

— ס׳איז טאַקע אָך און וויי . . . אָבער דאָ לעבסטו כאָטש מיט האָפענונג: ס׳וועט דאָך פאַרט אייביק נישט אַנהאַלטן אַזאַ „רציחה״ . . . אַ וועלט איז דאָך פאָרט נישט הפקר . . . און אַז גאָט וועט העלפן, מען וועט זיי נאָר איבערקומען, איז וויינשטאָק — צוריק וויינשטאָק: ס׳איז דאָ אַ שטוב, אַ געשעפט, סחורה אַביסל ליגט באַהאַלטן . . . אָבער . . .

— דו האַלטסט זיי אין איין איבערקומען און דערווייל ווערט פון אונדז אַ תל. איידער מען וועט דערלעבן די נחמה וועט דערווייל אויסגיין די נשמה . . . פאָלג מיך סאַמואיל: שלאָג זיך אַרויס די נאַרישקייטן פון קאָפּ . . . מען איז זיי ביז אַהער נישט איבערגעקומען, וועט מען זיי שוין ווייטער אויך נישט איבערקומען . . .

וויינשטאָק האָט געפילט אַז דאָס וואָס ער האָט נאָר וואָס געזאָגט, איז נישט די אמתע סיבה פון זיין צערודערטקייט. ער האָט איצט ווידער

געפילט בלינדע אומבאגרייפלעכע שרעק, און ער האָט געשפּירט שטיל געוויין זיצט אים אין האַרצן. ער האָט געוואָלט אַ זאָג טאָן:

„רבקהלע, איך שרעק מיך . . . איך האָב מורא און איך ווייס אליין נישט פאַר וואָס" . . .

ער האָט די ווערטער געטראַכט, געפילט ווי אָט, אָט, וועט ער זיי ארויסזיפצן. רבקהלע האָט דערווייל געהאַט אראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס קליידל און איז געבליבן שטיין פאַרן גרויסן שפּיגל.

האָט ווײַנשטאָק שוין געקראָגן אנגעכמורעטע אויגן און שוין נישט געדענקט די ווערטער וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן, ווארעם: פון שפּיגל ארויס האָבן געקוקט צוויי נאַקעטע, לאַנגע, דאַרע הענט, אַ שטאַרק אײַנגעפאַלענע ברוסט, דורכגעשטרייפט מיט טונקל־גרינע אָדערן, וואָס זיינען געלעגן אונטער דינער, בלייכער הויט. דאָס אונטערקליידל האָט דער דינער טאַליע כמעט צוויי מאָל ארומגענומען, האָט עס אויסגעזען, ווי אַ קינד וואָלט זיך אנגעטאָן דער מאַמעס אונטערקליידל. און עפּעס אַ קרענקלעכן ריח האָט ווײַנשטאָק געפילט.

„ווי דאָס זעהט אויס . . . און מיט אָט דעם . . . גיי פאַר איצט אין דער וועלט אריין."

און מאָדנע: פון רבקהלעס בלייכן פּנים, וואָס האָט געקוקט פון שפּיגל ארויס, האָט עס פלוצלונג געגעבן אן אָטעם מיט גרינקייט און פאַרביסנקייט:

— וואָס זשע ביסטו אזוי שטיל געוואָרן?

— וואָס וועל איך ריידן מיט דיר? . . .

זי האָט זיך געגעבן אַ דריי־אויס מיט צענויפגעצויגענע ברעמען ארום די אויגן:

— און מיט וועמען אַ שטייגער וואָלסטו יאָ גערעדט?

— לאָז מיך צורו.

— איך לאָז דיך . . . פון מיינעטוועגן — קענסטו זיך אפילו גלייך אָנטאָן און געהן אהין, וואו דיר איז ליב . . .

ער האָט גאָרנישט געענטפערט, האָט זיך גענומען אויסטאָן די שיך און האָט זיך גלייך געלייגט . . .

צום אפענעם פענצטער האָט זיך געטראָגן שטאַרקע מענערישע שטים. זי האָט געזונגען מיט־הארציק און מיט ציטערדיקן טרויער. ווער־זשע זינגט דאָס אזוי? אהא! דאָס זינגט מען אין דעם נאָענטן „אסאַבניאַק." „זיי" זינגען!

ווײַנשטאָק האָט געוואוסט אז דער „אסאַבניאַק" איז רעקווירט:

איז מען אהין צוגעקומען איינמאָל אינדערפרי און באַפוילן — אין פיר און צוואַנציק שעה פאַרלאָזן דאָס הויז.

— וואו זשע וועלען מיר וואוינען?
— אנטקעגן איבער . . . ביי א שכן . . .
אין דעם זעלבן טאָג נאָך האָט דער אייגנטימער — א הויכער רוס מיט א נגידיש קלאָר פּארטראכט פּנים — צוזאמען מיט ווייב און טעכטער איבערגעטראָגן זייערע זאכן צום שכן אנטקעגן־איבער.
אויפן אַנדערן טאָג האָט מען געזען מיליטער־לייט דרייען זיך ארום אויפן הויף פון „אסאבניאק", נאר וואָס עס טוט זיך אינעווייניק אין די צימערן, האָט מען נישט געוואוסט.
א סברה: דאָרט האָבן זיך באַזעצט טשעקיסטן.
אבער די שטים איז אזוי הארציק און פול מיט בענקשאפט:
— „פּאָ—ליו—ביל גאָ—ריאטשאָ!"
און וויינשטאק האָט דערפילט דעם ריח פון אידאס קלאָרן ליב. האָט עס דערפילט אזוי נאָענט, געזען די ווייסע געזונטע ציין און געהערט ווי זי שעפּטשעט אים אין אויער אריין:
— איך בענק דאך אזוי נאָך דיר . . . איך האָב דיך דאך אזוי ליב . . .
איז ווי אזוי זשע וועט ער איצט אוועקפאָרן אויף שטענדיק פון איר? אָט פאַרוואָס ער איז אזוי צעטומלט . . .
נאר רבקהלע איז, זעט אויס, נאָך נישט געשלאָפן. זי האָט ארויסגעגראָבן דעם אויפגעשויבערטן קאָפּ פון קישן און מיט רואיקייט א זאָג געטאָן:
— וועסטו זיך בלייבן און איך מיט די קינדער וועלן פאָרן.
און געקומען איז עס אזוי פלוצלונג, אז וויינשטאק האָט אזש א ציטער געטאָן, האָט א ווילע אפּגעשוויגן און דערנאָך איבערגעפרעגט:
— וואָס זאָגסטו, וואָס?
— איך זאָג: דו קענסט זיך בלייבן, אויב דיך האלט עס דאָ אזוי שטארק. איך מיט די קינדער וועלן פאָרן.
שטיל א ווילע.
און די מענער־שטים פאַרגייט זיך דאָרט אין טרויעריק־הארציקן אויסגעשריי און רייסט זיך איבער.
— איך האָב שוין מער נישט קיין כח צו ליידן. איך בין אפּגעריסן, קראַנק . . . די קינדער זיינען א תל געוואָרן . . . איך זע דאָך שוין אויס ווי א טויטע . . . איך בין קראַנק פון נישט דערעסן . . .
— ווער זאָגט דען? ווער זאָגט דען? געווים וועט מען פאָרן . . . כ'האָב נאר גלאַט אזוי גערעדט . . . ס'איז אָך און ווי . . . אבער פאָרן וועט מען . . .
—אַן אנדערער וואָלט געווען גליקלעך . . . וואָלט געטאַנצט פאַר פרייד . . . אזא גלעגנהייט . . . מענטשן וואָלטן געגעבן מיליאָנען פאַר א

„פּראָפּוסק״ . . . און ער — — —

זי האָט איבערגעריסן דאָס ריידן און ס'האָט זיך געדאכט, אז עס וויינט אינדערשטיל. וויינשטאק האָט זיך איצט נעפּילט שטארק שולדיק און ער האָט נישט פארשטאַנען פון וואַנען דאָס קומט, וואָס ער איז אזוי צעטומלט געוואָרן דערהערנדיק, אז ס'איז שוין דאָ דער „פּראָפּוסק״. אדרבא די גאַנצע צייט האָט ער דאָך מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דעם. אידא? זאָל ער דעריבער דאָ בלייבן און אויסגיין פון הונגער? אידא אליין זעט אוים שוין גאר נישט אזוי גוט די לעצטע צייטן. און וואָס? ער וועט זיך אייביק האַלטן מיט אידאן?

איבעריקנס: זאָל ער נאר קומען מיט דער פרוי און קינדער קיין ווארשע. זאָלן זיי נאר זיין פארזארגט. דערנאָך וועט ער שוין זען, וואָס ער האָט צו טאָן.

— רבקה'לע? רבקה'לע

— וואָס ווילסטו?

— דו שלאפסט?

— ניין . . . איך וויל שלאָפן, נאר איך קען נישט.

— מיר וועלן פאָרן . . . געוויס וועלן מיר פאָרן . . . כ'ווייס אליין נישט, וואָס מיט מיר איז געווען, עפּעס איז מיר א שאָד געווען אלץ צו לאָזן אויף הפקר . . . נאר ווי זאגסטו: און אז מען וועט אויסגיין פון הונגער, וועט שוין גוט זיין? און שטיין מיט א טישל אין גאָס, דאָס בלוט זאָל זיך צען מאָל א טאָג איבערקאָכן פון בושה, איז פאר מיר א תכלית? מילא — פארפאלן! מען וועט מוזן אנהייבן זיך אויפבויען פונדאַסניי . . . וואָס קען מען העלפן . . .

— וואָס זשע האָסטו מיר געדארפט דאָס בלוט פארצאַפּן?

— איך ווייס אליין נישט . . . אויף דער ערשטער מינוט . . . ווערט מען צעטומלט . . .

איצט איז זיין שרעק אינגאַנצן אפּגעטראָטן און אויפן הארצן איז אים גרינגער געוואָרן.

ג.

צומארגנס איז וויינשטאק אויפגעשטאַנען מיט א פרייליך געמיט און געוואוסט: פּטור! מער שטייט ער שוין נישט מיטן טישל אין גאָס.

איז אין אים אויפגעגאַנגען שטילע, קלארע פרייד. יונגער יוני־טאָג

איז געשטאַנען אונטער די פענצטער און געזונגען מיט ליכטיק-זוניקע אויגן. פּאַסן זון האָבן לאַכנדיק זיך גענייגט דורך די אָפענע פענצטער און — אַזאַ טאָג איז נאָך גאָר אויף דער וועלט נישט געווען.

ער האָט זיך געוואַשן מיט הנאה. אַלע גלידער זיינע האָבן אַזוי גרינג געאָטעמט. דערנאָך האָט ער זיך אָנגעטאָן און, אַז ער איז אַריינגעקומען אין עס-שטוב, האָט אַ ווייס-טישטוך צו אים געקוקט פון טיש אַראָפּ: פון אַ קריגל הייסע מילך האָט זיך אויפגעהויבן פּאַרע און געקיצלט דו נאָז-לעכער; די קינדער זיינען געזעסן ביים טיש מיט ליכטיקע אויגן און רבקהלעס פּנים האָט געשיינט מיט שמייכל.

ער האָט זיך געזעצט צום טיש, זיך איינגעקוקט אין דער פּוטער, וואָס איז געלעגן אַ פּירעקעכדיק שטיקל אויף אַ גלעזערן שעלעכל; אויף די געקאָכטע אייער, וואָס האָבן ווי ווייסע באַבולמעטע אויגן געקוקט פון טעצל אַרויס, און ער האָט זיך צעשמייכלט:

— אַ יום-טובדיקע סעודה! . . .

— סיי ווי סיי פאָרן מיר דאָך שוין, איז וואָס זשע וועלן מיר איצט זשאַלעווען?

— אויך גערעכט.

דאָס גרעסערע יינגל, דודקע, האָט אויסגעזען זייער געזעצט, ווי אַ פולשטענדיק דערוואַקסענער מענטש, ער איז געזעסן ווי מען זיצט ביי אַ חתונה-סעודה: רואיק, אין דערוואַרטונג. דער קליינער הערצוג מיט דעם בלייכן פּנימעל און מיט די גרינע אָדערלעך אויף די שלייפן, האָט געהאַט שוואַרצע הונגעריק-צעגלאַנצטע אייגלעך. ער איז געזעסן מיט אומגעדולד, האָט אַלע ווייַלע גענומען אויסשטרעקן דאָס הענטל, האָט נישט געוואַגט און דאָס הענטל צוריקגעצויגן.

— מאַמע . . . איך וויל אַן איי.

דאָס קולעכל איז געווען אַזוי געבראָכן און טרויעריק ווי ביי אַ יתום.

די מוטער האָט זיך גלייך געכאַפּט:

— נאַ דיר . . . נאַ דיר אַן איי, קינד מיינס.

די מוטער האָט עס אַרויסגעזאָגט מיט גרויס ליבשאַפט און אין אירע אויגן איז געווען פייכטער גלאַנץ. זי האָט אים דערלאַנגט אַן איי אויף אַ טעלערל. דאָס קינד האָט עס גענומען אַ כאַפּ אין די הענטלעך און גלייך אָפּגעלאָזט:

— היים . . .

— לאָז, וועל איך דיר עס אָפּשיילן.

און פון אָפענעם פענצטער בלאָזט אַ צערטלעך ווינטל. ציטערן די שטיקלעך שאָטנס פון די בלעטלעך אויף דעם גרויסן זון-פלעק, וואָס ליגט

אויף דער פּאָדלאָגע.

— מאַמע . . . מען וועט שוין אַלע טאָג עסן אייער?

— אַלע טאָג, קינד מיינס.

וויינשטאַק האָט געגעסן מיט אַפּעטיט. אין אים האָט עס געשמייכלט און געפילט האָט ער איצט, אַז ער איז שטאַרק פאַרנומען. אין אים איז צוריק געוועז די סוחרישע ענערגיע, וואָס איז שוין לאַנג געלעגן אין פאַרגליווערטן דרימל.

— וואָס איילסטו זיך אַזוי, סאַמואיל?

— וואָס רעדסטו וואָס? וואָס הייסט וואָס איך איַל? מען דאַרף זיך דאָך עפּעס צוגרייטן צו דער רייזע . . . מען דאַרף דאָך אָפּטאָן אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך אָפּטאָן.

— ווילסטו נאָך אַביסל מילך?

— ניין, גיב בעסער די קינדער.

ער איז אויפגעשטאַנען פון טיש, האָט זיך אָנגעטאָן דאָס היטל מיטן דאַשעק און באַקומען אַ פּנים פון גאָר אַ באַשעפטיקטן מענטשן.

— איך וויל גלייך צוגיין צו ראַזנצווייגן, לאָמיך זען, וואָס מען קען מאַכן מיטן ביסל סחורה, וואָס עס ליגט ביי אים באַהאַלטן.

— און צו סאַלאַמאַנטשיקן כאַפּ זיך אויך אַריין . . . ער קען זיין אַ קונה . . .

— אויך גערעכט.

רבקהלע האָט אַלץ געשמייכלט. נאָר די אויגן אירע זיינען אַלץ געוועזן אַזוי שמאָל און דער שטערן אירער — באַדעקט מיט אַן אַ שיעור דינע קנייטשעלעך, ביי דער קין זיינען געלעגן אַ פּאָר בלויע אָדערן אונטער דער הויט און געלקייט האָט פלעקנווייז אַראָפּגעקוקט פון איר איינגעפאַלענעם פּנים.

האָט עס אין אים אַן איבל געטאָן און ער האָט זיך ווידער דערמאַנט אַן אידאַן, נאָר ער האָט דאָס דערמאַנטע פון זיך אָפּגעשטויסן, דערביי געהאַט טשילע פאַרלעגנהייט אויפן געזיכט.

— וואָס קוקסטו אַזוי, סאַמואיל?

— גאָרנישט . . . אַ גוטן טאָג.

— גיי מיט גליק . . .

אַראָפּגעקומען אויפן הויף האָט ער אַנגעקלאַפּט אין פענצטער צו באַרנשטיינען:

— איר גייט אפשר אין גאַס אַריין?

— איין מינוט . . . אַט טרינק איך אויס די טיי.

— וואַרט איך.

ער האָט דערוויל אַרומגעשפּאַנט איבערן הויף. די ביימלעך זיינען געשטאַנען גאַר יונגע און שיטערע. אַ זון איז געלעגן איבער דער גרינ־באַגראַזטער ערד. און דער גרויסער הונט, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ קייט, האָט אומגעדולדיק געטופּעט מיט די פאָדערשטע שטייפע פיס. זיינע גרויסע אויסגעהונגערטע אויגן האָבן זיך גלאַנציק געדרייט הין און צוריק ווי שרויפן און אַרויסגעשרויפט אַ שטום געבעט.

— אויך הונגעריק . . . און מען האַלט אים נאָך אויף אַ קייט . . . אפשר וויסטו צוליב וואָס?

דער הונט האָט אָנגעהויבן אַרויסלאָזן דינע קולות. דאָס קול האָט זיך געקייקלט אין קייקעלעך, ווי ער וואָלט עס געבלאָזן דורך וואַסער, וואָס בלעזלט זיך. ווײַנשטאַק האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— הונגעריק, האַ? צו וועמען זשע האָסטו טענות? האָב זשע טענות צו „זיי" . . . צו די „רוצחים" — די באָלשעוויקעס . . . צו זיי האָב טענות . . .

באַרנשטיין איז אַרויסגעקומען אַ דאַרער, אַ בלייכער און נאָר די גרוי־גרינע אויגן זיינע האָבן געלאַכט צום זוניקן דרויסן. ער האָט געהאַלטן דעם קאָפּ עטוואָס געבויגן, ווי די מידקייט וואָלט שווער אויף אים געלעגן.

— גוט מאָרגן.

— גוט מאָרגן, גוט יאָר . . .

— איך שטיי דאָ און קוק אויף די עטלעכע ביימלעך, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן.

— האַ? ביימלעך זאָגט איר?

— איך מיין עס קעגן דעם: ווען עס קומט חס ושלום אויס צו בלייבן נאָך אויף אַ ווינטער, וואָלט געווען גאָר שלעכט. אָבער גאָר שטאַרק שלעכט. שוין נישטאָ וואָס אויסצוהאַקן . . . פאַראַיאָרן האָבן מיר אויסגעהאַקט די לעצטע ביימער, געבליבן זיינען נאָך עטלעכע קשאַקעס . . . אוי וועט מען דאָ פרירן . . .

— וואָס זשע? איר פאָרט די אַנדערע וואָך?

— וואָס פאַר אַ פראַגע? וואָס הייסט צי איך פאָר?

— ווייס איך? נעכטן האָט איר זיך דאָך געקווענקלט.

— נאַרישקייטן. וואָס הייסט? איך האָב זיך געקווענקלט? איך האָב נאָר מורא געהאַט, אַז מיר וועלן נישט באַוויזן אויף דער אַנדע־רער וואָך . . . אָבער איך האָב זיך באַלד באַטראַכט: וואָס אייגנטלעך האָב איך דאָ אַזוינס אָפּצוטאָן ביזן פאָרן? כ'האָב נישט וואָס אויפצוטאָן. מען דאַרף פאַרקויפן די פּאָר שטיקלעך מעבל? — מילא, וועט מען פאַרקויפן און גענוג. באַרנשטיין האָט געשמייכלט און פון דעם שמייכל איז ווײַנשטאַק

אביסל צעשראקן געוואָרן. דערפאר גענומען ריידן:

— איך מוז אייך זאָגן פאניע בארנשטיין: איך וועל עס אייך קיינמאל נישט פארגעסן . . . איך וועל אייך אייביק דאנקבאר זיין . . . ווארעם איר ווייסט דאך דעם אמת: איר ראטעוועט אונדז פשוט דאָס לעבן . . . מיר שטארבן דאך שוין פשוט פון הונגער . . . איך וויים גארנישט מיט וואָס איך וועל אייך אמאל קענען אָפדאנקען . . . איר פארשטייט . . .

— נו, גענוג . . . גענוג . . .

— איר ווייסט דען וואָס איר טוט מיט אונדז? ווי וואָלטן מיר אויס־געזען ווען מיר האָבן אייך נישט און מען דארף דאָ בלייבן נאך אויף א ווינטער? מר וואָלטן דאָ אויסגעשטארבן.

בארנשטיין איז געווען אביסל צעטראגן. איצט האָט ער דוקא גערענקט ווי אט דער וויינשטאק איז גאר נישט געווען אזא צדיק און אזא גוטער מענטש, ווען אין שטאט האָבן געהערשט דעניקענצעס און ער — בארנשטיין האָט פשוט אויף קיין ברויט נישט געהאט. וויינשטאָק האָט זיך דוקא געבאָדן אין געלט און פונדעסטוועגן . . . גאר גארנישט: זאל א בורזשוי וויסן, אז מען איז נישט ווי ער . . . אז נישט־בורזשויען קענען דוקא יאָ א טובה טאָן . . . און זאָל ער וויסן אז דוקא בארנשטיין האָט עס אים געטאָן.

— מילא . . . דא בין איך דאך א צעבראכענע כלי . . . נאר אז גאט וועט מיר העלפן מיר וועלן בשלום אנקומען קיין פוילן — וועט איר שוין זען ווער וויינשטאק איז.

— גוט . . . גוט . . האָט בארנשטיין געשמייכלט.

און וויינשטאק האָט אליין נישט געוואוסט פאר וואָס, נאר ביי די לעצטע ווערטער, האָט זיך דאָס הארץ אין אים געגעבן א קארטשע־איין און א נישטגוטקייט האָט אים צום האלדז א שלאָג געטאָן.

— דא צעשיידן מיר זיך . . . איך דארף אריינגיין צו סאָלאָמאָנ־טשיקן.

— א גוטן טאָג.

— ווען וועט איר זיין אין דער היים פאניע בארנשטיין?

— פארנאכט.

און די נישטגוטקייט איז אין אים געווען ביז ער איז אריין צו סאלאמאנטשיקן אין שפייז־קלייטל. דאָרט האָט ער זיך ווידער דערמאנט, אז מער דארף ער נישט שטיין מיטן טישל אין גאס און זיין שטילע פרייד האָט צו אים צוריקגעקערט.

— אָ! גוט מאָרגן גאָספּאָדין וויינשטאק.

וויינשטאק האָט געשמייכלט:

— איר האָט אפשר צייט א מינוט, פאַניע סאַלאַמאָן?

סאַלאַמאַן איז געוואָרן שטאַרק רירעוודיק, איז מיט זיין פאַרמעליקטקייט אפּויער פון הינטערן טיש און וויינשטאָקן גלייך אריינגעפירט אין דער דערבייאיקער שטוב.

דער טיש אין דער שטוב איז געווען באַשטעלט מיט א טשייניק, טעפּלעך, טעלערס און פאַרשיידענע בלעכענע פּושקעס. האָט עס דאָרט אויסגעזען ווי ביי א פאָטאָגראַפער אין לאַבראַטאָריע. פון וואַנט אראָפּ האָבן געקוקט אַלטע פאַרגעלטע משפחה־בילדער און א פּאַרדומפּנקייט פון בוימל מיט קעראָסין אויסגעמישט איז דאָרט געווען.

— וואָס האָט איר געוואָלט זאָגן פאַניע וויינשטאָק?

— קיינער דאַרף דערוויייל פון דעם נישט וויסן: איך פאָר אוועק די אנדערע וואָך.

— אזוי? גאַנץ גלייך . . . וואוּאַהין זשע?

— וואָס הייסט וואוּאַהין? איך פאָר אהיים, קיין פּוילן פאָר איך!

— אזוי? מיט אן ערלויבעניש הייסט עס? א גליקלעכער מענטש.

סאַלאַמאַנס גרוי־קעציִשע אויגן האָבן באַקומען א שאַרפן גלאַנץ. ער האָט גלייך דערפילט מיט וואָס דאָס שמעקט און דערפאַר דוקא גערעדט פון עפּעס אנדערש:

— פאַניע וויינשטאָק! איר זענט א גליקלעכער מענטש! עפּעס אין קליינינקייט? ווי גרינג ער רעדט עם אַרויס: איך פאָר אוועק . . . איר ווערט דאָך פּטור פון אַלע צרות . . . ווארעם, עס דוקט זיך אָן א ווינטער, שוין דער אמתער ווינטער, און גאָט ווייסט צי מען וועט אים קענען איבערלעבן . . . מען וועט פּשוט אויסגיין פון הונגער און קעלט . . .

— האָב איך אייך געוואָלט זאָגן . . .

— זאָגט מיר גאָרנישט, פאַניע וויינשטאָק: איר דאַרפט פּשוט טאַנצן אין גאַס פאַר פרייד . . . און ווי אזוי? ווי אזוי האָט איר באַקומען א „פּראָפּוסק”? מען שיקט שוין דען די פּוילישע בירגער? מען שיקט דאָך נישט . . . איז אדרבה: ווי אזוי? מען קריגט דאָך נישט קיין „פּראָפּוסק”. . . פאַר מיליאָנען קריגט מען דאָך נישט? . . .

— באַרנשטיינען קענט איר דאָך —

— דעם לערער? אט דעם, וואָס וואוינט מיט אייך? שוין . . . ווייס איך שוין אַלץ . . . איר דאַרפט מיר שוין גאָרנישט זאָגן . . . ער וואוינט דאָך צוזאַמען מיט אייך . . . און מיט „זיי” דאָרט, איז ער דאָך אויסגעקאָכט . . . א גאַנצער שני שבשמעלקע . . . שוין, ווייס איך שוין . . . האָט ער ביי אייך געכאַפּט די שיינע עטלעכע קערבלעך . . . און ער איז עס בפירוש ווערט . . . ווארעם: ער איז א גאַנץ איידעלער, א גאַנץ געלערנטער יונגערמאַן . . .

און פלאגט זיך נעבעך די גאנצע צייט אזוי שטארק . . . איך וועל אייך זאגן דעם אמת, צווישן אונדז זאל עס בלייבן: אז זיין ווייב קומט אריין צו מיר, פארקויף איך איר א האלב ברויט פון מיינעם . . .

— איר האט א טעות, פאניע סאלאמאן: ער פארט אליין אויך קיין פוילן . . . ער איז דאך א פוילישער . . . האט ער געהאט אין זיך אזוי פיל איידלקייט: האט געוואוסט, אז מיר פייניקן זיך אזוי, האט ער זיך אויס־געסטארעט פאר אונדז אויך.

— אומזיסט?

— ער ווייסט דאך אז איך האב נישט . . .

— איי . . . איז ער דאך גאר א טייערער יונגערמאן.

— אבער הערט אויס, פאניע סאלאמאן —

— גאר א וואזשנער יונגערמאן.

דער שמייכל פון וויינשטאקס ליפן האט זיך אפגעווישט און ער האט באקומען אן ערנסט, שטרענג פנים:

— איך האב נישט קיין צייט, הערט מיך אויס.

—איך הער, איך הער פאניע וויינשטאק.

און וויינשטאק האט עס דוקא געמאכט בקצור:

אזוי פיל און אזוי פיל סחורה האט ער פאר דעם טישל . . . אויב סאלאמאן וויל — קען ער עס צונעמען.

— ווייס איך? ווער וועט עס ביי מיר קויפן? ווער פעלט היינט לוקסוס־זאכן?

— פאר ביליק.

— מילא, וואס איז שייך? איר דארפט דאך פארן . . . איר מוזט דאך פון דעם פטור ווערן. מילא, איך וועל עס צונעמען . . . איר ווייסט גארנישט ווי גליקלעך איר זענט . . . די הענט דארפט איר אים אויסקושן . . . אזוי? און גארנישט גענומען פאר דעם? איז ער דאך באמת א פיינער יונגערמאן, אט דער בארנשטיין! אן איידעלער מענטש בלייבט פארט אן איידעלער מענטש . . .

— לאמיר מאכן א סוף.

— אפשר פארנאכט? פאלגט מיך: קומט אריין פארנאכט. ס'וועט זיין שטילער, רואיקער.

— וועט איר זיין אין דער היים?

— געוויס, וואס הייסט פאניע וויינשטאק? אז מען רעדט איז גערעדט . . . אדרבה; זעט: אפשר האט איר נאך אביסל סחורה . . . מילא . . . וועל איך שוין נעמען דאס איבעריקע אויך . . . אפשר האט איר אביסל טיי . . . איי זענט איר א גליקלעכער מענטש . . .

וויינשטאק איז גיך ארוים פון סאַלאָמאָנען.

איצט איז וויינשטאק געגאַנגען מיט שטייפע טריט איבער זוניקער גאַס. ער האָט געשמייכלט אין זיך אריין און געטראַכט:

— אָט גייט אַ צעטראָגענער מענטש, טראָגט עפּעס אין פּאַפּיר איינגעוויקלט און ציטערט מען זאָל אים נישט פאַרהאַלטן . . . און איך — איך פאַר אוועק . . .

א אידענע האָט געטראָגן אַ פּאָר שטיקלעך האָלץ. זי איז געגאַנגען מיט גיכע שאַרנדיקע טריט. דאס פּנים איז איר געווען נאָך קיילכדיק, די אויגן — נאָך ליכטיק, נאָר אַ שווערקייט איז געלעגן אויף אירע אַקסלען, ווער ווייסט: אפשר וויינט דאָרט איר קינד אין שטוב און זי האָט קוים איצט באַקומען אַ פּאָר שטיקלעך האָלץ. לויפט זי אהיים כדי אנצעוואַרעמען אביסל וואַסער פאַר איר קינד און איך — איך פאָר אוועק . . .

ער האָט געאָטעמט גרינג און אויפן האַלדז איז געווען אַזאַ צערטלעכע וואַרעמקייט. דער קאָפּ איז צוריק געזעסן שטייף אויף די אַקסלען.

נאָר ווען ער איז צוגעקומען צום הויף וואו די ראַזענצווייגס האָבן געוואוינט — האָט אומאַנגענעמלעכקייט זיין הארץ אַ קיל געטאָן . . . און אפשר וועט ער גאָר אידאַן אין שטוב נישט טרעפן? אפשר . . .

נאָר די טיר האָט אים געעפנט אידאַ און זי האָט זיך פאַרשעמט:

— אַ!

זי איז געווען אנגעטאָן אין אַ קרעטאָן קליידל, וואָס איז לויז געהאַנגען אויף איר. די הענט זיינען אין גאַנצן נאַקעט געווען און דאָס פּנים איז איר עפּעס געווען קלענער ווי שטענדיק . . .

— קומט אריין.

אומגעקוקט זיך און געזען, אז אין פאָדערשטן צימער איז קיינער נישטאָ, האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— וואָס מאַכסטו, סאַמואיל?

— אַזוי . . . וואָס זאָל מען מאַכן? דער טאַטע איז נישטאָ?

אידאַ איז בלייכער געוואָרן און פאַרביסנקייט האָט געגעבן אַ שפּאַר ארוים פון אירע ברוינע אויגן:

— דאַרפסט דעם טאַטן?

— יאָ . . .

—ער וועט באַלד ארייננקומען.

זי האָט אים אריינגעפירט אין קליינעם עס־צימער, וואָס איז נאָך נישט געווען צוגערוימט. די עטלעכע שטולן זיינען געשטאַנען צערוקט און דער טיש איז געווען באַשטעלט מיט עטלעכע טעצלעך און נישט געוואַשענע גלעזער.

— איין מינוט און איך רוים־צו.

— ס׳מאכט נישט אוים.

פון קיך איז מיט שווערע טריט ארויסגעקומען א דיקע יידענע. א ברייט פארטוך האט ארומגענומען איר צעגאָסענע פיגור, דאָס פּנים איז געווען טונקל־רויטלעך, האט עס אויסגעזען, אז זי איז איך נאר וואָס פאר־גאנגען אין א הוסט. זי האט זיך אפּגעשטעלט אויף דער שוועל און געפינטלט מיט מוטנע אויגן:

— א! דער הער וויינשטאק!

— מאַמע . . . ווייסט נישט וואו דער טאַטע איז?

— ער איז ארויסגעגאנגען זיך קויפן א פּאַפּיראָס . . . ער וועט באלד אריינקומען.

— וואָס זשע הערט זיך, הער וויינשטאק?

— וואָס מ׳שטיינס געזאָגט קען זיך הערן? איך דארף האָבן דעם מאַן אייערן.

— ער וועט באלד זיין.

זי האט געשאַרט מיט שווערע טריט, האט פארכאַפּט פון טיש די פּאָר טעצלעך מיט די גלעזער און איז מיט זיי צוריק אוועק אין קיך אריין.

אידא איז צוגעגאנגען שטאַרק נאענט צו וויינשטאקן, האט א ווײַלע פאַרלעגן געקוקט אויף אים און האט ניט געוואוסט צי שמייכלען צי טרויעריק זיין. די זון איז געפאלן אויף איר פּנים און וויינשטאק האט באמערקט די דינע קנייטשלעך, וואָס ליגן אונטער אירע אויגן און ביי די ווינקלען פון מויל. געלבלעכע מאַטקייט איז איצט געלעגן אויף איר געזיכט און די הענט קוקן מיט נאכגעלאָזטער ווייכקייט . . . איז אים גרינגער געוואָרן און ער האט א טראכט געטאָן: „אָט פאַר איך דאָך שוין אוועק" . . .

און פּלוצלונג האט זי געגעבן א וויקל אירע הענט ארום זיין האלדז און אירע ליפּן האָבן זיך שטאַרק איינגעקלעפּט אין זיינע. זיינע הענט האָבן ארומגעהילט אירע פּלייצעס און ער האט לייכט אויפגעציטערט דערפילנדיק אין זיינע הענט איר לייב דורך דעם דינעם קלייד. אבער מיט אמאָל האט זיך עס אין אים איבערגעריסן: ער האט זיך דערשראָקן פאַר אזוינס, וואָס איז אים נישט פארשטענדלעך געווען . . . ער האט זיך דערשראָקן פאַר איר ליבע, וואָס ציט אים צו זיך . . . אים איז שווער געוואָרן, זיינע הענט האָבן זיך מאַכטלאָז נאכגעלאָזט און ער האט ארויסגעשטאַמלט:

— די מאַמע קען נאך אריינקומען.

אידא האט א וואָרף־געטאָן א טונקעלן בליק אויף אים און האט זיך פון אים אפּגערוקט.

ער האט געשמייכלט פארלעגן און אידאס פּנים איז געוואָרן פאַר־

וואָלקנס. זי האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף אים און ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז זי קוקט אין אים אַריין. האָט ער גלייך אַ זאָג געטאָן:

— ווייסט, אידא, מיר האָבן שוין אַ „פּראָפּוסק״.

אידא האָט זיך נישט געביטן אין פּנים און האָט איבערגעפרעגט:

— טאַקע?

ער האָט גערעדט שטיל, מיט אַביסל אַ געבראָכן קול: עס מוז דאָך אַמאָל אַ סוף נעמען צו אַזאַ לעבן. עס איז אים שוין מיאוס געוואָרן דאָס קבצנותדיקע לעבן . . . אין שטוב איז אַ הונגער . . . די קינדער ליידן . . ער מוז זיי דאָך אַוועקפירן. דאָרט אין פּוילן האָט „זי״ עלטערן . . . ברי־דער און שוועסטער, און — זאָלן זיי נאָר זיין פאַרזאָרגט, וועט ער ווערן אַ פרייער מענטש.

אין זיין טאָן איז געווען טרויער און געפאַלנקייט. אידאס פּנים איז געוואָרן ווייכער, שטילער מיטלייד האָט זיך גענומען שפּינען אין אירע אויגן.

— כ׳וויל אַראָפּוואַרפן דעם עול פון קאָפּ אַראָפּ . . . עס איז מיר שוין נמאס געוואָרן . . . כ׳האָב שוין מער קיין כח נישט . . .

— געווים דאַרפסטו פאָרן . . . געווים . . . און דאָרט . . .

זי האָט נישט פאַרענדיקט: דאָס פּנים אירס איז שוין איצט געווען איינגעהילט אין טרויער. האָט זיך ווײַנשטאָק אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו איר און מיט ביידע הענט אַ גלעט געטאָן איר געשווירענעם קאָפּ; האָט גענומען שפּאַנען הין און צוריק איבערן צימער: אדרבה: וואָס קען ער טאָן? . . . וואָס וועט פון אים דאָ ווערן? . . . און מען וועט עס דאָך מיט דער צייט איבערקומען . . . עס וועט סוף כל סוף צו דעם אַן ענדע נעמען, ער קען נאָר נישט וואַרטן מער. וועט ער דערווייל אַוועקפירן די קינדער און דערנאָך: איז דאָך דער וועג אָפן . . . איבעריקנס: אפשר וועט אידא קענען אַריבער די גרענעץ . . . פון אַזוי אַ זיצן דאָ, וועט דאָך געווים גאָרנישט אַרויסקומען . . .

און ער האָט אַזוי גערעדט און געשפּאַנט הין און צוריק ביז אידאס אויגן האָבן זיך אויסגעלייטערט און אַ שמייכל האָט זיך טרויעריק גענומען שפּינען אויף אירע פולע ליפּן.

— געווים דאַרפסטו פאָרן . . . אַז דו וועסט שוין זיין דאָרט, וועל איך אפשר אויך קענען פאָרן . . .

און ווײַנשטאָק האָט איצט געפילט אַזאַ וואַרעמע געטריישאַפט צו איר, זי איז דאָך אַזאַ גוטע, אַזאַ האַרציקע, . . . וועט ער איר דען אַמאָל פאַרגעסן? אידיטשקאַ טייערע!

עמעצער האָט אָנגענומען די קליאַמקע פון דער קאָרידאָר־טיר

— אָט גייט דער טאַטע.

וויינשטאק האָט זיך אפּגערוקט פון איר. צעטומלטיש איז אים ארוים אויפן פּנים און גלייך צוריק איינגעזאפּט געוואָרן.

* * *

דער אלטער ראזענצווייג האָט מיט אונטערטעניקייט אויסגעהערט וויינשטאָקן:

— אז איך וועל עס גיין איצט פארקויפן, ס׳הייסט כאפּענדיק אויף איין פוס, וועט מען מיר דאך געבן הלוואי די העלפט פון דעם וואָס עס איז ווערט. איז צו וואס זשע זאָל עס אריינפאַלן אין לחלוטין פרעמדע הענט? איז דאך גלייכער: שאפט איר זיך געלט און נעמט עס צו וועט עס כאטש בלייבן ביי אייך, וועט איר עס פארקויפן געלאסן, ביסלעכווייס און איר וועט גוט פארדינען . . .

און ווידער:

— אליץ אזעלכע זאכן וואָס ווערן נישט קאליע . . . מען קען עס האלטן. און אליץ — נוצליכע ארטיקלען: טואלעט־זייף, פּאדעם, טיי . . . ס׳איז דאך אליץ מיט גאלד גלייך.

— וויפיעל אשטייגער קען עס אנטרעפן?

— אָט וועל איך אייך באלד זאָגן . . . כ׳וועל נאר צוזאמענרע־כענען.

וויינשטאק האָט ארויסגענומען א בויגן פּאפּיר, אויף וועלכן ער האָט געהאָט פארשריבן אליץ וואָס ער האָט געהאט באהאלטן ביי ראזענצווייגן. וויפיל „שווארצע יאָרן" — ס׳הייסט פעקלעך טיי, וויפיל „געלע טעג" — געלע זייף און וויפיל „ראזעווע טעג". וויפיל „שווארצע קארטאָפל" — שווארצע קלעצלעך פּאדעם און וויפיל „ווייסע בולבעס". ער האָט גענומען רעכענען אויף אן אנדער שטיקל פּאפּיר און דער אלטער ראזענצווייג האָט געקוקט מיט דרימלענדיק פּנים און געדיכט קורץ בערדל, נאר די אויגן האָבן ביי אים איצט געלויכטן.

— איר ווייסט דאך וויפיל עס שטייט איצט פּאדעם . . . ביי עלף טויזנט רובל א קלעצל, און אז איך וועל אייך רעכענען נאר אכט, איז נישט קיין עולה?

אידא איז דערווייל אוועק, איז אריין אין שלאפצימער, האָט זיך דארט געפּארקעט און לסוף איז זי אריינגעקומען אנגעטאָן אין א טונקל־גראָנעט קלייד מיט ווייסן קאלנער און ווייסע מאנזשעטן. זי האָט אינגאנצן אויסגעזען אנדערש: פריש, יונג, פול מיט לעבן. זי האָט אריינגעבראכט צוויי גלעזער טיי.

— טרינקט . . . ס׳איז נאך אמתע טיי.

— אזוי?

וויינשטאק האָט זיך צעשמייכלט:

— איך דערקען דעם ריח . . .

אויך אידא האָט געשמייכלט:

— אָט וועל איך אריינגעבן צוקער.

דער אלטער האָט געזען דעם לעצטן סך הכל און פארצויגן די ליפּן, שאָקלנדיק געלאָסן מיטן קאָפּ אין דער ברייט:

— איין קליייניקייט . . .וואו זשע נעמט מען אזוי פיל געלט? ווען האָב איך פארמאָגט אזא סומע?

— אפשר וואָלט איר צוגענומען א שותף?

— האָ? ס'איז אפשר א פּלאַן . . . כאָטש א שאָד איז עס מיר . . .

— וואָס קען איך העלפן? אז איך פאָר אוועק די אנדערע וואָך . . . איך קען גאר נישט ווארטן.

—אויך גערעכט . . . ווען איר קאנט ווארטן, קאנט איר דאך אליין פארקויפן . . . געווים . . .

— יאָ, פּאַניע ראזענצווייג, פאראן דאָרט א פּעקעלע טיי פון צען פונט . . . דאָס דאַרף איך האָבן . . . כ'האָב צוגעזאָגט:

— הערסטו! לאָזט זשע שוין דאָס פּעקעלע אויך . . .

— נו . . . זאָל זיין א העלפט , , צוגעזאָגט . . .

— איר וועט האָבן גענוג דריי פונט . . .

— ניין, פינף, דאָס מוז איך שוין.

אידא האָט אריינגעבראכט צוקער, האָט זיך אויך אוועקגעזעצט ביים טיש. דער אלטער איז געווען סוהריש־צעטומלט, האָט כסדר געטראכט וועמען צו נעמן פאר א שותף און אלע ווײַלע געפרעגט אויפן קול:

— ־הא, אפשר ער? אפשר טאקע? . . .

דורכן אפענעם פענצטער האָט עס געשמעקט מיט טרוקענער בייסיקער ווארעמקייט און אויף די פענצטער איז שוין איצט געלעגן שאָטן. וויינשטאָק האָט א קוק געטאָן אויף זיין זייגערל.

ער מוז שוין גיין. ער האָט דאך נאך אזוי פיל צו דערלײדיקן . . . די פינף פונט וויל ער טאקע שוין איצט מיטנעמען.

— ביילע? ביילע!

דער אלטער האָט איצט גערופן מיט באפעלעריש סוהריש קול.

— האָ? — האָט זיך די אלטע באוויזן אין טיר.

— ניי דאָרט צו . . . — ער איז צוגעגאנגען צו דער אלטער און צו איר געשעפּטשעט אין דער שטיל.

די אלטע איז גלייך אוועק פון דער טיר.

— אַט וועל איך גיין און וועל עס איינפּאַקן ווי עס באַדאַרף צו זיין . . .
האָט זיך אידא אויפגעשטעלט — איר דאַרפט עס דאָך טראָגן אויף דער גאַס . . .

עס האָט לאַנג ניט גענומען. אידא האָט אַריינגעבראַכט אַ פּעקעלע פאַרפּאַקט אין צייטונג־פּאַפּיר און ס'האָט אויסגעזען ווי אַ לאַנג ברויט. ווײַנשטאָק האָט זיך אויפגעשטעלט, ער איז שוין געשטאַנען ביי דער טיר און האָט זיך צוריקגעקערט צום אַלטן:

— למעה"ש מאָרגן . . . העכסטנס איבערמאָרגן מוז עס דערליידיקט ווערן.

— ס'וועט שוין זיין אין אָרדנונג.

— און אפשר קענט איר באַקומען וואַליוטע?

— מירן שוין זען.

— איז ווי אַזוי זשע?

— מאָרגן אין אָוונט וועל איך זיין ביי אייך אינדערהיים.

— איז גוט . . . אַ גוטן.

אידא האָט אים אַרויסבאַגלייט אין קאָרידאָר אַריין:

— מיר וועלן זיך דאָך נאָך זען, סאַמואיל?

— וואָס פאַר אַ פראַגע . . . אידישקע טייערע . . .

— ווען פּאָרסטוו?

— די אַנדערע וואָך . . . דינסטיק . . . אָדער העכסטנס מיטוואָך אינ־דערפרי . . . דו וועסט דאָך קומען זיך געזעגענען . . . קום צו אידישקאַ . . .

און ער איז אַרויס אויפן גאַס מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ.

די טריט זיינע זיינען איצט געוועזן זיכערע, שטייפע. איצט האָט ער צוריק געפילט זיינע אַלע גלידער און די שלאַנקע הייך זיינע. און ס'איז ליכ־טיק אין אַלע אברים.

„זי איז אַ טייערע . . . זי פאַרשטייט דאָך, אַז איך מוז פאָרן . . . אידא טייערע."

און זאָל ער נאָר בשלום אַריבער די גרענעץ, וועט ער שוין דערנאָך זען וואָס ער האָט צו טאָן . . . איצט וועט ער זיך נאָך אַריינכאַפּן צו שלימלמאַנען: ער האָט געבעטן עטלעכע פונטלעך ווייסאַצקים . . . אַז סאָלאָמאָן וועט אויך וועלן, וועט ער אים געבן פון דעם, וואָס ער האָט אינ־דערהיים. ער פאָרט דאָך סיי ווי אַוועק.

ער האָט געשפּאַנט מיט פריילעכע טריט און געדאַכט האָט אים: פון ערגעץ ווייט טראָגט זיך פריילעך געזאַנג און זינגט אין ליכטיק־זוניקן טאָג אַריין . . .

* * *

דער שטילער הויף, וואו ווײַנשטאַק מיט באַרנשטײַנען האָבן געוואױנט, איז אױפגערודערט געוואָרן. ס'האָט אױסגעזען: דער הויף, וואָס האָט מאָנאַטן־לאַנג געדרימלט שווײַגנדיק אונטער דער זון, האָט זיך מיט אַמאָל אױפגעכאַפּט און צעעפנט זײַנע טױערן פאַר פרעמדע מענטשן.

אין די לעצטע טעג האָט זיך דאָס טירל אַפּט געעפנט מיט אַ קרעכץ, דער הונט, וואָס איז געלעגן אױף אַ קייט בײַ זײַן ביידל, איז אױפגעשפּרונגען מיט כעס, האָט געטופּעט מיט די פאָדערשטע שטײפע פיס און זיך געריסן צו די פרעמדע, וואָס האָבן די שוועל אַריבערגעטראָטן, נאָר די פרעמדע האָבן זיך אױף אים נישט אומגעקוקט, זײ האָבן גערעדט צווישן זיך מיט האַלבע ווערטער און מיט הײזעריקע קולות. איבער קאָרידאָר און טרעפּ האָבן געקלאַפּט שווערע טריט. געקלאַפּט הילכיק מיט הילצערנע ברעטלעך אױף באָרוועסע האַריקע פיס. אין די צימערן בײַ ווײַנשטאָקן און באַרנשטײנען האָט מען גערוקט דאָס מעבל פון אָרט צו אָרט. פרעמדע הענט האָבן עס באַטאַפּט, אויגן האָבן געקוקט מבינישע און צוזאַמענגעצויגענע, ווי זײ וואָלטן געקוקט אױף שפּאַקטיוון. האָט מען גערעדט מיט אימפּעט, זיך געדונגען און אױסגעדונגען.

רבקהלע האָט באַקומען אַ שטילע פאַרב אױף דעם דאַרן פּנים, די האָר זײַנען איר כסדר געוואָרן שטאַרק צעשויבערט. האָט זי אױסגעזען ווי אַ בעל־הביתטע ערב פּסח... און פרוי באַרנשטײן האָט רואיק און שטיל געפּאַקט די זאַכן אין נײַעם גרויסן קויש אַרײַן.

די מענער זײַנען ניט געווען אינדערהײם. ווײַנשטאָק איז אַלץ געווען פאַרנומען מיטן מאַכן פון סחורה געלט און פון געלט — וואַליוטע, בריליאַנטן, און באַרנשטײן — מיט צונויפשלאָגן אַביסל געלט אױף דער הוצאה...

זונטיק פאַרנאַכט איז באַרנשטײן אַהײם געקומען מיט אַ בשורה:

— מיר פאָרן דינסטיק... עס גײען אָפּ צו דער גרענעץ אַ פּאָר וואַגאָנעס פון „גובעוואַק”, נו — האָט דער פאַרוואַלטער פון „גובעוואַק”, וואָס איז זײַנער אַן אַלטער חבר, אַליין געווען אַמאָל אַ לערער — אים צוגעזאָגט אַן אָרט אין די וואַגאָנעס...

— וואָס איר רעדט? טאַקע? אױף אַן אמת? — האָט ווײַנשטאַק זיך געוואונדערט.

— דאָס איז דאָך אַ גליק! ממש אַ גליק... — האָט פרוי ווײַנשטאַק געשמייכלט.

— וועט איר זײַן גרייט אױף דינסטיק?

— וואָס פאַר אַ פראַגע?! מיר זײַנען שוין גרייט.

— איז גוט... כ'מוז אײַך זאָגן: איך אַליין האָב זיך נישט גערעכנט

אויף אזא גלענגהייט . . . און כ'בין זיך פשוט מחיה. ווארעם: הייב זיך איצט אן צו שלעפן אויף די באנען . . . אומעטום — „אביסקען", שאלות, מעשיות. אזוי אבער, פארן מיר גלייך. קיינער פרעגט נישט קיין קשיות . . . און אז מיר וועלן נאר זיין אויף דער גרענעץ, וועט מען אונדז שוין דארט איינשליסן אין אן „עשאלאן", וואס וועט אנקומען פון קיעוו אדער פון כארקאוו . . . פון די שטעט גייען שוין „עשאלאנען" . . . דאס וועל איך שוין זען דורכפירן . . . מען וועט אונדז שוין אנשליסן . . .

— הייסט עס: מיר פארן שוין זיכער דינסטיק? — האט איבער־געפרעגט די פרוי וויינשטאק.

— אומבאדינגט, געוויס . . .

אין וויינשטאקן האט ווידער אויפגעשטיגן טעמפע שרעק, אזוי, אז עס האט אים ליכט פארצויגן אין האלדז. אויף זיין פנים האט ארויס־געשלאגן בלייכקייט און צערודערונג. דאס האט אבער געדויערט בלויז איין ווײלע, באלד האט ער זיך דערמאנט:

מען דארף זען פארזארגן די וואליוטע און די עטלעכע „שטיינדלעך" מען זאל זיי נישט קענען געפינען . . . האָ? איז ווי אזוי זשע? האָ? אפשר טאקע אין די קנאפל פון די שיך? האָ? דאכט זיך דאס בעסטע ארט . . . און מען דארף זיך גלייך נעמען צו דעם . . . גלייך אוועקגיין צו א באקאנטן שוסטער . . .

און ער האט שוין נישט געהערט דאס געשריי פון זיין שרעק . . .

ד.

בלויער באגינען האט מיט גרויסע שטייענדיקע אויגן ארייגעקוקט דורכן פענצטער און וויינשטאק איז אויפגעקומען פון שלאף מיט ציטערניש אין הארצן. ער האט מיט בלאנדזשענדיקע אויגן זיך ארומגעקוקט איבערן שלאף־צימער, האט געקוקט אזוי ווי ער וואלט געהאט פארגעסן וואס ער דארף איצט טאן, האט זיך גלייך דערמאנט: דינסטיק, און ער איז אויפגע־שטאנען.

דאס הארץ האט אלץ געציטערט. ס'איז אים קאלט געווען. טרויער האט זיך ארום הארצן געוויקלט. ער האט געאטעמט אפגעהאקט און גיך און נאר געדענקט, אז עפעס שרעקלעכס האט זיך אים געחלומט, דעם חלום אליין האט ער נישט געדענקט. אין אים איז בלויז געבליבן דער טעם פון חלום, און דער טעם איז געווען אזא מוראדיק איבלדיקער.

— רבקהלע? רבקהלע!

נאר דאָס ווייב איז געשלאָפן איינגעטוליעט דאָס פּנים אין קישן און האָט זיין רוף נישט געהערט. איז ער ארויס פון שלאָפצימער, אריין אין קיך, האָט זיך געוואַשן מיט קאַלטע וואַסער, זיך ארומגעווישט און אַלץ געפילט, אַז אים איז קאַלט, און אַז עס פיבערט אים אין הארצן. איז ער אריין אין עס־צימער, געטראָפן די קוישן שטייען פאַרפּאַקטע, ארומגעבונדענע מיט נייע, דיקע שטריק, האָט ער אויף זיי געקוקט אַ לענגערע ווײַלע און מיט אַמאָל איז אים איינגעפאַלן:

— וועל איך זיי נאך אויספּאַקן צוריק?

ס׳אַר אַ משוגענער איינפאַל . . . ס׳אַר אַ נארישקייטן עס קריכן אים אין קאָפּ אריין.

ער האָט זיך אָנגעטאָן, זיך פאַרקנעפּלט אויף אַלע קנעפּלעך און ס׳איז אים אַלץ קאַלט געווען, איז ער געשטאַנען ביים פענצטער און געקוקט ווייט איבערן הויף אריבער.

פון האריזאָנט האָט זיך געגאָסן לייכטע רויטקייט. שטיקלעך גע־רייטלטע וואָלקנס ,ווי צעשויבערטע וואַטע, האָבן זיך שנעל געטראָגן איבער בלויקייט. ער האָט מיט די אויגן נאכגעפאָלגט אַ שטיקל וואָלקן און געזען ווי עס ווערט אַלץ קלענער און קלענער ביז ס׳איז אינגאַנצן נישט געוואָרן. דיביימער אויפן גאַס שאָקלען זיך מיט שטיל גערויש, די הייזער שטייען שטילע, בלינדע, און ער האָט באַקומען אַ געפיל, אַז אינעווייניק אין די הייזער איז וואַרעם און רואיק, און עס האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרץ: אַלע בלייבן זיי אויף זייערע ערטער. און ער, דאַרף זיך איצט לאָזן אויף פרעמדע וועגן . . . ער האָט ווידער גענומען שווידערן און שטום געוויין איז אים אונ־טערגעגאַנגען צום גימען.

— פאַרפאַלן . . . מען מוז שוין פאָרן . . .

— רבקהלע? רבקהלע!

דאָס ווייבל האָט רעשיק געגעבן אַ הויב־אויף דעם קאָפּ, האָט אויך געהאַט בלאַנדזשענדיקע בליקן, דערנאָך האָט זי לייכט אַ שמייכל געטאָן און אָפּגעזיפצט:

— ביסט שוין אויפגעשטאַנען סאַמואיל? וויפיל איז דער זייגער?

ערשט איצט האָט ער אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און געזאָגט: נאך פיר.

— וואָס עפּעס אַזוי פרי?

— ווייס איך?!

זי האָט ווידער אָפּגעזיפצט:

— כ׳האָב געהאַט אַזעלכע שלעכטע חלומות . . . אַ שרעק . . .

נאר ער האט מורא געהאט צו הערן אירע חלומות. האט ער געזאגט:

— אז מען איז צערודערט . . . פארן פארן . . .ס'איז דאך פונדעסט־וועגן נישט קיין שפילעכל . . .

און אים איז איינגעפאלן:

— איך גיי אראפ אויף א ווײלע אויפן הויף.

אראפגעקומען אונטן — האט ער שוין געטראפן פעטע שטיקער זון ליגן אויפן הויף. האט ער גענומען אומשפאצירן, געטוליעט די אקסלען און עס איז אים ווארעמער געווארן, נאר די שווערקייט אין הארץ איז אלץ געלעגן און עס האט אים געאיבלט.

דערווייל איז ארויסגעקומען בארנשטיין. זיין פנים איז געווען בלייך און צערודערט. זיינע אויגן, ווי ביי א מענטשן וואס פאסט שוין א פאר טעג: גרויסע, קלארע און רואיק־לייכטנדיקע. האט ער דערזען ווײנשטאקן זיצן אויף א באנק, אויף דער זון, האט ער א שמייכל געטאן:

— גוט מארגן . . . וואס זענט איר אזוי פרי אויפגעשטאנען?

— ס'שלאפט זיך נישט . . . רייזע־פיבער . . .

ווײנשטאק אליין האט זיך אויך צעשמייכלט; אים איז גרינגער געווארן.

— א שיינער טאג שטעלט זיך . . . אויף ווען האט איר באשטעלט די פור?

— אויף צוויי אזייגער — האט ווײנשטאק געענטפערט — איר זאגט דאך אז די באן וועט אפגיין ארום פיר?

— איז גוט.

ביידע האבן איצט געשפאנט הין און צוריק. מען האט גערעדט וועגן דער רייזע און וועגן דעם, וואס מען וועט דארט, אויף יענער זייט גרענעץ — טאן. ווי אזוי מען דארף דארט טענהן מיט די פאליאקן . . .

— אויף יענער זייט גרענעץ האט איר שוין נישט וואס צו זארגן . . . איך בין דא . . .

ווײנשטאק האט דערביי שטאלצער אויפגעהייבן דעם קאפ.

בארנשטיין האט ווידער געשמייכלט: האט זיך ווידער דערמאנט אז אט דער ווײנשטאק איז שוין גארנישט אזא טייערער תכשיט. ער איז נאר גוט ווען ער איז אויף צרות . . .

און ווײנשטאק האט צוגעגעבן:

— לאמיר נאר זיין אויף יענער זייט . . . דער עיקר איז די זייט . . .

— מיט דער זייט קאנט איר זיין זיכער. איך האב „פאפירלעך” . . . איך וועל זיי נאר באווייזן דער „טראיקע” וואס געפינט זיך אויף שיפּיטאווקער פונקט — וועט מען אונדז גלייך איינשליסן אין ערשטן בעסטן „עשאלאן”.

דערווייל האָט זיך דער טאָג צעבליט. דאָס ווינטל איז געוואָרן לייכט און פריש. די ביימער האָבן פאַרלוירן די פאַרהוילענע שאַרפקייט פון זייער פרימאָרגן־ערנסט און די שווערע שטילקייט איז אוועקגעקומען. איצט האָט די זון אַ קלאָרע געלאַכט פון ריינעם הימל אַראָפּ און זומערדיק געזאַנג האָט זיך געטראָגן פון אַרום. פון געסל האָבן זיך אַריינגעריסן קולות. ערגעץ האָט אַ הונט געהאַווקעט און פון וויטן האָט דער ים געאָטעמט מיט געזאַלצענער פרישקייט. באַרנשטיין האָט זיך אומגעקוקט און דערזען: זיין פרוי שטייט ביים אָפענעם פענצטער פון זייער דירה . . .

— נו, מען דאַרף אַריינגיין, מען דאַרף איינפּאַקן דאָס בעטגעוואַנט.

ביידע זיינען אַריין אין די שטובן.

רבקהלע איז שוין געווען אָנגעטאָן. די קינדער זיינען שוין געווען אויפגעשטאַנען און זיך געפּריידט. זיצנדיק ביים טיש אויפגעלייגט:

— ווען מען היינט פאָרן, מאַמע?

— היינט.

— וואוהין פאָרט מען, מאַמע?

— ווען שוין זען פאַרטיקערהייט.

ווינשטאַק האָט זיך געפילט בעסער. אים איז שוין נישט קאַלט געווען, נאָר עסן האָט ער נישט געוואָלט: דער איבל אין האַרצן איז נאָך אַלץ געווען.

* * *

ווען ווינשטאַק האָט שוין געהאַט פאַרנייט דעם לעצטן זאַק מיט בעטגעוואַנט, האָט זיך געעפנט די טיר און ס'איז אַריינגעקומען אידאַ.

זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ העלן קאָסטיום און אַ קליין היטעלע אויפן קאָפּ. ווינשטאַק האָט זיך אויסגעגלייכט פון איבערן זאַק, האָט זיך איינגעקוקט אין איר און באַמערקט ווי אידאַס פּנים איז צעשראָקן. די אויגן זיינען גרעסער און די ליפּן ציטערן לייכט.

— אידאַ!

באַלד דערפילט דעם ווייבס אויגן אויף זיך. האָט זידצעטומלעניש אויפגעהויבן אין אים און ער האָט גלייך צוגענומען די אויגן פון אידאַן.

אידאַ איז צוגעגאַנגען צו רבקהלען, איר די האַנט פריינדלעך געדריקט און זי איז דערפון רואיקער געוואָרן.

— איר פאָרט טאַקע?!

— נו וואָס דען קען מען טאָן?

אין שטוב זיינען איצט געווען פאַרשיידענע מענטשן. מען האָט

צענומען די בעטן, גערוקט דעם טריומא־שפיגל און די קינדער זיינען געלאָפן ארויף און אראָפ איבער די טרעפ. אידא איז געשטאַנען אַן איבעריקע, אַ פאַרלוירענע און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. מיט אמאָל האָט זי זיך געכאַפּט, האָט אויסגעטאָן דאָס היטעלע און גענומען צוהעלפן דער פרוי וויינשטאַק:

— דאָס עסן וואו וועט איר ארייגלייגן?

— אָט אין דעם האַנט־קיישעלע.

מיט אמאָל האָט זיך דערהערט אַן אויסגעצויגענער טפּרו־ו־ו און אַ טרייסלעריי פון אַ פערדישן האַלדז אין כאמעט. וויינשטאַק איז צו צום פענצטער.

— שוין דא די פור.

און זיך צעבייזערט אויף די פרעמדע מענטשן:

— וואָס פּלאָנטערט איר זיך אונטער די פיס? איר וועט נישט אויסקומען מיטן צונעמען דאָס מעבל? וואָס ברענט עס אזוי ביי אייך?

די פרעמדע האָבן נישט געענטפערט, האָבן זיך געטאָן זייערס, און נאר די פּנימער זייערע האָבן אויף זיך געטראָגן דעם אויסדרוק: ס'איז אונדזערס . . . מיר האָבן דערפאַר באַצאָלט . . .

ס'איז ארויפגעקומען דער פורמאַן און האָט גענומען אראָפּ־טראָגן די שווערע פּעק און די קוישן. וויינשטאַק האָט צונעהאָלפן. די קינדער האָבן אראָפּגעטראָגן די קליינע קיישעלעך און בארנשטיין — וואָס האָט געוואוינט אונטן — האָט זיינע קוישן ארויסגעשטעלט אין קאָרידאָר.

ווען אלע קוישן מיט די פּעק זיינען שוין געווען אין דרויסן, האָט זיך דער פורמאַן אוועקגעשטעלט אויפן וואגן און בארנשטיין מיט וויינ־שטאָקן האָבן אים ארויף־דערלאַנגט די פּעק.

בערל רויטמאַן — וואָס האָט געוואוינט אין זעלבן הויז — איז אנגעלאָפן, געבליבן שטיין ביי דער פור און געקוקט מיט נישט פאַרגינערישע אויגן: זע נאר זע, זיי פאָרן דאך טאַקע . . . פאָרן . . . .שכנים פון גאַס זיינען ארייגגעקומען אויפן הויף מיט שטילע טריט, האָבן זיך אוועקגעשטעלט אין גרופּקעס און געקוקט מיט קנאה, טייל האָבן אַזש צוגעשאָקלט מיט די קעפּ.

— מען פאָרט טאַקע . . .

— הלוואי קען איך פאָרן . . .

— און דאָרט, אין פוילן, מיינט איר איז וואָס?

— מען לעבט דאך דאָרט.

— אַז אַך און וויי צו דעם דאָרטיקן לעבן . . . ביי די פּאָליאַקן . . .

וויינשטאַק האָט זיך ארומגעקוקט אויף די פרעמדע מענטשן און

געהאַט אַ געפיל ווי זיי וואָלטן זיך דאַ צונויפגעקומען אויף אַ לויה. שטייען זיי און וואַרטן מען זאָל אַרויסטראָגן דעם מת . . . איז וואָס זשע זיינען זיי זיך דאַ צונויפגעקומען?

די פור איז שוין געשטאַנען אויפגעפּאַקט.

— וועלן מיר זיך געזעגענען, אידאַ?

— איך וועל אייך אַרויסבאַגלייטן.

דער אַרומיקער עולם האָט זיך געזעגנט:

— פאָרט געזונט . . .

— איר זאָלט בשלום איבערקומען דעם וועג.

— זאָל אייך גאָט העלפן.

דער גרויסער, שוואַרצער הונט איז געשטאַנען פעסט אויף אַלע פיר פיס. די מוסקולן פון די פאַדערשטע לאַפעס האָבן געציטערט און די אויגן, האָבן גרויסע, געצונדענע און טרויעריקע געקוקט מיט וואונדער: וואָס זשע טוט זיך דאַ? אַ?

דער טויער האָט זיך געעפנט. די פערד האָבן איינגעבויגן די העלדזער, אַ באַוועג געטאָן מיט די קעפּ, זיך געגעבן אַ שטרענגר־אָן און דער וואָגן האָט זיך גערירט.

אויפן וואָגן זיינען געזעסן די קינדער. זיי זיינען געווען אָנגעטאָן יום־טובדיק און די פּנימלעך זיינען געווען פריילעך אָן צעשראָקן, האָט עס אויסגעזען ווי זיי פאָרן מיט אויף אַ חתונה. די מענער האָבן זיך געלאָזט גיין נאָך דעם וואָגן.

— און מיר, וועלן אַרויסגיין דורכן טירל אויף דער זייט, וועלן מיר זיך דערווייל געזעגענען מיט שכנים און מיר וועלן זיך אַנטרעפן מיט דער פור אויף ביעלינסקי גאַס — האָט געזאָגט פרוי וויינשטאָק צו פרוי באַרנשטיין.

— טאַקע אַזוי . . .

אידאַ איז געווען צערודערט, זי איז געשטאַנען אַזוי ווי זי וואָלט זיך אָנגעשטויסן מיט ווער עמען אין וועג און זי ווייסט נישט אין וועלכער זייט צו גיין כדי זיך מיט יענעם אויסמיידן.

— און איר, אידאַ — איר קענט אַרויסגיין דורכן טויער מיט סאַמויאילן . . . מיר וועלן זיך דאַרפן פאַרהאַלטן מיט שכנים.

איז אידאַ צוגעגאַנגען צו וויינשטאָקן און געגאַנגען נעבן אים.

די פור איז אַרויסגעפאָרן פון טויער. באַרנשטיין האָט זיך אָפּ־געשטעלט, האָט שטיל געקוקט צוריק אויפן ליכטיקן הויף. געזען ווי דער הונט שטייט נאָך אַלץ ביי זייןביידל און אין די אויגן איז ביי אים גרויס אומגעדולד. האָט אַראָפּגעקוקט און געזען ווי דער ים זילבערט רואיק קעגן

דער זון. ס'איז געווען, ווי זיין לעצטער בליק וואָלט אין זיך איינגעזאַפּט דעם מאדנעם טרויער, וואָס באַזעצט זיך איצט אין פּאַרלאָזטע צימערן . . . און שטיל איז ער מיט דעם טרויער אוועק נאָך דער פור.

ווײנשטאַק האָט ווידער געפילט ווי זיין האַרץ איז פאַרקלעמט און געוואוסט: זיין בעט האָבן שוין פרעמדע הענט צענומען. אָפּגעווישט איז די רו וואָס האָט אין זיין בעט געוואוינט אויף אים נאָך שווערע טעג . . . האָט ער ווידער דערפילט אין זיך דעם טעם פון חלום, וואָס ער האָט געהאַט די פאַרגאַנגענע נאַכט, נאָר דעם חלום האָט ער אַלץ נישט געדענקט.

די פור האָט זיך דערווײַל דערווייטערט, באַרנשטיין איז אויך געווען אָפּגערוקט. און ווײנשטאַק האָט דערפילט: אידאַס האַנט האָט זיינע אָנגענומען.

זי האָט גאָרנישט געזאָגט נאָר אין איר האַנט איז געווען אַזוי פיל טרויער און בענקשאַפט, אַז דאָס האַרץ האָט זיך געגעבן אַ קורטשע צונויף.

— גאָט ווייסט . . . ס'קען זיין אַז מיר וועלן זיך שוין קיינמאָל נישט זען . . .

אַזוי האָט אידאַ אַ זאָג געטאָן. ווײנשטאַק האָט דערזען צוויי גרויסע ברוינע אויגן, וואָס גלאַנצן מיט פייכטקייט.

— פאַר וואָס מיינסטו אַזוי אידיטשקאַ . . . טייערע אידאַ?

— איך ווייס נישט.

און ביידע האָבן מער נישט גערעדט.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צום סוף פון געסל, וואָס גייט אויף ביע־לינסקי, האָט זי ווידער אויפגעהויבן אויף אים אירע ליכטיקע אויגן:

— פאַר געזונט סאַמואיל . . .

— —זיי געזונט, אידיטשקאַ! . . . איך וועל דיך נישט פאַרגעסן . . . ווי קאָן מען עס . . . אָדער דו וועסט קומען . . . אָדער איך וועל צוריק־קומען . . .

און געפילט האָט ער, אַז ס'איז שוין גאָרנישט אַזוי זיכער . . .

אידאַ האָט געשמייכלט ווי אַ קראַנק קינד נאָר אין די אויגן האָט טרויעריקס געציטערט.

— וואָס־זשע האָב איך געקאָנט טאָן? זאָג אַליין . . .

— איך זאָג דען?

און זי האָט אָפּגעלאָזט זיין האַנט. זיי זיינען שוין געווען אויף ביעלינ־סקי, פון וויטן זיינען שוין געשטאַנען די פרויען און האָבן געוואַרט . . . איצט האָט ווײנשטאַק זיך טיף איינגעקוקט אין אידאַס פּנים און געזען. דאָס פּנים איז קלענער געוואָרן און אונטער די אויגן ליגן קנייטשעלעך . . . נאָר דאָס האַרץ האָט דאָך שטיל געוויינט . . .

די פור האָט זיך אָפּגעשטעלט. מען האָט זיך געזעגנט מיט אידאַן. ווען זי האָט געהאַלטן איר האַנט אין סאַמואילס האָט זי אויסגעצויגן אַ לענגערן בליק אויף אים. האָט אַראָפּגעגנבעט אַ שטילן זיפץ. און וויינשטאַק האָט געקוקט אויף איר האַלדז, וואָס איז געווען געלבלעך און איינגעפאַלן . . . און האָט אויך באַלד דערזען ווי זי האַלט איין מיט אַלע כחות די טרערן וואָס שפּאַרן זיך אין די אויגן אַריין.

אידאַ איז גלייך אוועק. אוועק מיט דעם געוויין וואָס האָט זיך פון איר געריסן. אַלע האָבן זיך איצט אויפגעזעצט אויף די געפּעק און די פור איז גיך אוועק מיט דער גאַס.

וויינשטאַק האָט זיך געפילט גרינגער.

דער טאָג איז געשטאַנען אַ צייטיקער. דער דרויסן איז געווען פאַר־גליוועט. טרוקענער ריח איז אויפגעגאַנגען פון גאַס. מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, נאָכגעקוקט. קעפּ האָבן נאָכגעשאָקלט מיט באַוואונדערונג און דערפון אַליין האָט זיך וויינשטאַק דערפילט בעסער.

באַרנשטיין האָט געשוויגן. ער איז אַלץ געזעסן מיט דעם טרויער, וואָס ער האָט מיטגענומען פון פאַרלאָזטן הויף.

ס'איז שוין געווען פאַרנאַכט ווען זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט אין קויטיקן פראַכט־וואַגאָן.

דער וואַגאָן איז געווען אָנגעפּאַקט מיט עסטרייכישע קריגס־געפאַנגענע און מיט ציווילע דערשלאָגענע יידן, וועלכע זיינען געווען אַנטלאָפן פון די קליינע שטעטלעך, וואו עס האָבן געווילדעוועט באַנדעס, און איצט, ווען דאָרט איז שוין שטיל געווען, האָט זיי דער „גובעוואַק" צוריקגעשיקט. די יידן מיט די עסטרייכער זיינען געווען קויטיק, האָבן געהאַט בלייכע, אויסגעצערטע פּנימער. אין וואַגאָן איז געשטאַנען פאַרדומפּענער ריח און באַרנשטיין האָט זיך געזעגנט מיטן פאַרוואַלטער פון „גובעוואַק". יענער האָט צו אים שטיל גערעדט און לסוף אים איבערגעגעבן אַ פּאַפּירל:

—דאָס וועט איר דערלאַנגען צום עלטסטן פון דער „טראַיקע" וואָס געפינט זיך אויפן פּונקט.

— איך דאַנק אייך . . . זייט געזונט . . .

די זון האָט אַרויסגעקוקט אַ צעברענטע פון צעפּלאַסענער רויטקייט אַרום. די טראַנזיט־סטאַנציע איז געוואָרן ליידיק, אַ פּאָר רויט־אַרמייער האָבן זיך אַרומגעדרייט מיט זייערע ביקסן אויף די אַקסלען. ערגעץ האָט מען געזונגען אַ זעלנעריש טרויעריק־פרייל עך ליד און זו־מערדיקער פאַרנאַכטיקער אומעט האָט געווייניט פון ווייטע פרעמדע וועגן אַראָפּ.

— „גאָטאָוואָ!"

דאָס געשריי האָט אפּגעהילכט תשעה־באבדיס. עס האָט זיך דורכ־געשלענגלט א פייף, דערנאָך האָט עס א שלאָג־געטאָן מיט א וואָלקן רויך און מיט א שווערן זיפץ. די רעדער האָבן זיך צעציטערט מיט אומגעדולד און זיך גענומען באַוועגן.

אין וואַגאָן איז געווען שטאַרק שטיל, ווי מען וואָלט דערוואַרט א מוראָדיקע פּאַסירונג.

ווײַנשטאַק איז געזעסן אויף א זאַק מיט בעטגעוואַנט און מיט אַמאָל האָט ער זיך דערמאָנט זײַן חלום:

„ס'איז פינצטער אַרום. שטאַרק פינצטער, נאָר ער זעט . . . זיצט ער מיט זײַן טישל אויף א גרויסן מאַרק און קיינער איז אין גאַנצן מאַרק ניטאָ. קיין מענטש זעט מען ניט אָבער אָן א שיעור טריט הערט זיך פון אַלע זײַטן. געדיכטע, פּלאָנטערדיקע טריט. באַגען שנײַדן דורך דעם מאַרק, לויפן פאַרבײַ, גרילצן און פּייפן, מיט מוראַדיקע קולות.

אָט גייט אַוועק זײַן באַן און ער זיצט נעבן זײַן טישל און קען זיך נישט אויפהייבן. רבקהלע און באַרנשטיין רופן אים. ער הערט ווי זיי שרייען מיט אַזאַ שטיל קול: „די באַן גייט אַוועק! . . . ” נאָר ער קען נישט ענטפערן. די ווערטער שטיקן אין האַלדז מיט ווייטיק און ער קען זיי נישט אַרויסברענגען.

פלוצלונג גיט עס א פייף . . . ער פאַלט מיטן פּנים צו דער ערד. ער הערט ווי די באַן גייט אַוועק און באַרנשטיינס קול ווערט ווי אויס־געשעפּט. ער קען נישט אָטעמען. עס דריקט אַזוי שווער אויף אים . . . וואָס־זשע אַזוינס ליגט אויף אים? ער שפּאַרט אָן בײדע הענט, נאָר זײַן גוף איז אַזוי שווער, ער קען אים נישט אויפהייבן . . . נעבן אים שטייט א הויכער, שוואַרצער גוי, לאַכט מיט גרויסע געלע ציינער . . . די הענט זײַנע לאָזן זיך נאָך און ער פאַלט צוריק מיטן פּנים אין ווייכער ערד אַרײַן” . . .

ווײַנשטאַק האָט דערפילט: דאָס האַרץ ציטערט אין אים און די טרערן שפּאַרן אין האַלדז מיט געזאַלצנקייט. איז ער געזעסן און באַוועגט מיט די ברעמען ווי א בלינדער.

פאַרנאַכט. אומהיימלעכער טרויער טראָגט זיך פון וואַלד. דער צוג לויפט צווישן ביימער און עס דאַכט זיך: אָן א שיעור שוואַרצע נעכט קוקן פון וואַלד אַרויס. אָט אָט וועט עפּעס געשען.

אין וואַגאָן האָבן אַלע שווער געשוויגן.

ה.

אין מיטן דער נאַכט האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט און דער לאָקאָ־

מאטיוו האָט אנגעהויבן ארויסלאָזן יאמערלעכע קולות. וויינשטאק האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין דרימל און עס האָט אין אים אויפגעפּלאַצט אזא שרעק, אז דאס הארץ האָט זיך אים געגעבן א לאַז־אַראָפּ . . . ווי ער וואָלט אריין אין א שטאַרק־קאַלט וואַסער. דאָס ערשטע וואָס אים איז איינגעפאַלן איז געווען: א באַנדע.

ער האָט זיך אויסגעגלייכט, מיט דער האַנט א טאַפּ געטאָן צי ער האָט די שיך אויף די פיס . . . געהערט ווי ארום אים שטעלט מען זיך אויף און מען קרעכצט און מען ציט זיך . . . פון דער אויפגערוקטער טיר האָט עס געבלאָזן מיט קילקייט און ער האָט געשווינדערט און נישט געקענט ארויסברייננגען קיין וואָרט.

האָט זיך דאָך געשטאַרקט, איז אויפגעשטאַנען און אזוי שטייענדיק אין פינצטערן וואַגאָן געפילט אז עפּעס וועט מיט אים באַלד געשען.

א שמאָל פּאַסיקל פייער האָט אויפגעפלאַמט אין וואַגאָן: עמעצער האָט אָנגעצונדן א שוועבעלע, דערנאָך א שטיקל ליכט.

— וואָס איז געשען?

— וואָס שטייט מען?

— וואָס איז עס פאַר א פּיפּערייען?

מען האָט זיך געשטופּט צו דער טיר. וויינשטאק האָט אַלץ שווער געאָטעמט און נישט געפילט דאָס האַרץ.

ביי דער טיר האָט זיך באַוויזן דער קאָנדוקטאָר מיט א לאַמטערן אין האַנט:

— שרעקט אייך נישט, ס׳איז גאָר נישט. דער צוג איז א לאַנגער, איז פאַר איין לאָקאָמאָטיוו שווער צו שלעפּן, ווייל דער וועג גייט דאָ באַרג־ארויף.

— אזוי?!

— וואָס זשע וועט זיין?

— גאָרנישט, מען וועט מוזן אָפּטשעפּען א העלפט וואַגאָנעס. דער לאָקאָמאָטיוו וועט א העלפט אָפּפירן ביז דער נאָענטער סטאַנציע, וועט זיך אויסוועקסלען און קומען נאָך די איבעריקע.

— און דערווייל וועט מען דאָ שטייען אין וואַלד?

— יאָ.

עס האָט געדויערט אריבער א האַלבע שעה. די וואַגאָנעס זיינען געשטאַנען רואיק און די נאַכט איז געשטאַנען א שוואַרצע, מיט שאַרפע געשליפענע שטערן. אין וואַגאָן האָט מען געשמועסט, זיך געשושקעט, אַנדערע האָבן שווער געכראָפּעט אין שלאָף, נאָר וויינשטאק האָט זיך נישט געקאָנט באַרואיקן. ער איז געזעסן אויף א זאַק מיט בעטגעוואַנט אָן איינגעקאָר־

טשעטער. שרעקעדיקער איבל האָט געפּרעסט אויף דעם אָרט וואו דאָס האַרץ איז פריער געווען און ניט געלאָזט דאָס האַרץ צוריקקומען אויפן אָרט. עד האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו דער אָפענער טיר, געקוקט אין פינצטער־קייט אריין און באַלד צוריקגעקערט אויף זיין אָרט. די פרוי מיט די קינדער זיינען געשלאָפן ליגנדיק אויף דער פּאָדלאָגע, אָנשפּאַרנדיק זיך אָן זייערע פּעקלעך, און באַרנשטיין איז אַ פּאָר מאָל אַראָפּגעגאַנגען פון וואַגאָן ביז — די מאַשין איז ענדלעך צוריקגעקומען און די איבעריקע וואַ־גאָנעס צוגענומען.

איז צוריק שטיל געוואָרן אין וואַגאָן, נאָר וויינשטאָק האָט שוין מער נישט איינגעדרימלט.

ער איז געזעסן מיט אָפענע אויגן, האָט גאָרנישט געזען אַרום זיך און געטראַכט פון זיין וואָרעמען בעט, וואָס איז דאָרט פאַרבליבן. איצט ליגט אַ פרעמדער פויער אויף דעם, אָדער עס שטייט גאָר ביי אַן אָרעמען הענד־לער אין שטעלכל. ער האָט דערפילט אַז די געפּאַלנקייט בייגט זיין קאָפּ: וואָס ס'איז געוואָרן פון אים, פון וויינשטאָקן.

און עס וועט דאָך דער וועג גלאַטיק נישט אָפּגיין. עפּעס וועט דאָך פּאַסירן. די וועגן זיינען דאָך פול מיט באַנדעס . . . מען לאָקערט דאָך אויף יעדן צוג.

און ווידער זיך דערמאַנט אַן זיין חלום, ווידער זיך איינגעטראַכט אין אים, צוריק אין אים פאַרזונקן. . . .

אינדערפרי איז דער צוג אָנגעקומען אין „בירזולע". מען האָט זיך דאָרט אָפּגעשטעלט אויף דער סטאַנציע, אויפגערוקט די גאַנצע טיר און אַ יונגע זון האָט אריינגעקוקט מיט פרימאָרגנקייט. מען האָט זיך אויפגע־כאַפּט פון האַרטן און צערודערטן שלאָף, געצויגן די אָנגעקוועטשטע גלידער, אַרויסגעלאָזט קולות און זיך געוואַשט די פּנימער. רבקהלע איז אויפגע־שטאַנען און גלייך דערזען, אַז וויינשטאָקס פּנים איז אינגאַנצן פאַר־ענדערט: ס'איז געוואָרן שטאַרק בלייך און ס'האָט אויסגעזען, אַז אונטער דער הויט איז אַ שיטערקייט, אַרום די אויגן זיינען געלעגן שוואַרץ־בלויע רינגען און די שרעק האָט מיט טונקלקייט פון אים אַראָפּגעקוקט.

עטלעכע מענטשן זיינען אַרויס פון וואַגאָן, כדי צו קויפן עפּעס אויף דער סטאַנציע, אַנדערע זיינען אַראָפּ ברענגען וואַסער, נאָר וויינשטאָק איז געבליבן אויף זיין אָרט. ער האָט כסדר געשוויגן.

— סאַמואיל, גיי אַראָפּ, וועסטו זיך אַביסל אַרומוואַשן.

ניין, ער קאָן נישט אַראָפּגיין . . . זאָל דודקע אַראָפּגיין און אַרויפ־ברענגען אַ טשייניק וואַסער, וועט ער זיך אָפּוואַשן פון וואַגאָן אַרויס . . .

רבקהלע האָט געקוקט אויף אים מיט אַזעלכע אויגן, ווי זי וואָלט

אים נישט דערקענט.

— קענסט דאָך אראָפּגיין?

— אז איך קען נישט . . .

ער האָט אַליין נישט געוואוסט פאַרוואָס ער האָט מורא צו פאַרלאָזן דעם וואגאָן. זיין פּנים האָט כסדר אויסגעזען, ווי געוויין וואָלט אויף דעם פאַרגליווערט געוואָרן.

* * *

דער צוג האָט זיך געשלעפּט פויל און מיט נעדולד, איז אויף יעדער סטאַנציע געשטאַנען לאַנגע שעהן. וויינשטאַקן איז אויסגעקומען, אז דער צוג וועט זיך אייביק אזוי שלעפּן און וועט קיינמאָל צום באַשטימטן אָרט נישט קומען, און די אומגעדולד און די שרעק וואַקסט אַלץ מער און מער. ער פילט זי שוין אין אַלע אברים, זיין גאַנצער גוף איז אָנגעגאָסן מיט שרעק און אַלע ווייל ציטערט ער אויף:

— אָט קוקט מען אויף אים.

און אפשר האָט מען דאָרט געפונען זיין באַהאַלטענע סחורה און מען האָט גליך געגעבן צו וויסן אויף דער סטאַנציע?

צו וואָס זשע האָט ער געדאַרפט פאָרן? און דאָרט איז געבליבן אידאַ. איר לייב שמעקט מיט פרישקייט און געזונטקייט און ער — שלעפּט זיך אַרום איבער שמוציקע סטאַנציעס, עסט שוואַרץ ברויט מיט פויערישן וואורשט, און רבקהלע — זי איז שוין טרוקן ווי אַ שפּאָן און דאָס פּנים איז איר אזוי איינגעפאַלן און אַ גרינקייט קוקט פון דעם . . . צו וואָס האָט ער עס באַדאַרפט? ער וואָלט דאָרט נאָך אַביסל אונטערגעוואַרט, און „מען וועט זיי דאָך פאָרט אַמאָל איבערקומען, אָט די „רוצחים".

איינמאָל בייטאָג — ווען דער צוג איז געפאָרן אין וואַלד, האָט זיך פּלוצלונג אויפגעהויבן אַ גערויש; שטיקלעך געשרייען און קולות האָבן אָפּגעהילכט צווישן די ביימער און — פּאַך־פּאַך־פּאַך! מען שיסט.

— אָט איז עס.

אין וויינשטאַקן האָט עס אַזאַ געשריי געטאָן, אז עס האָט אים פאַר־טויבט. מענטשן האָבן זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע, האָבן זיך געטוליעט צו די ווענט, נאָר וויינשטאַק איז געשטאַנען נישט ווייט פון דער אָפענער טיר און געהאַט דאָס געפיל, אז אומזיסט איז דאָס אויסבאַהאַלטן זיך.

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט און אויך דאָס שיסעריי איז אַנטשוויגן געוואָרן. עס האָבן זיך געהערט בלויז געשרייען און אַלע זיינען צו צו דער

אַפּענער טיר.

— אזוי גאָר?

— און איך האָב געמיינט מי יודע וואָס! . . .

— און איך האָב זיך שטאַרק געשראָקן.

די זעלנער וואָס באַגלייטן דעם צוג האָבן באַמערקט ווי אַ פּאָר מענטשן שטייען ביים וועג און ווילן זיך אַרויפכאַפּן אויפן צוג. האָבן זיי גענומען שיסן . . . זיינען יענע אַנטלאָפן . . .

דער צוג איז ווייטער געפאָרן. אַלע האָבן זיך באַרואיקט, נאָר וויינשטאָק האָט אַלץ מרה־שחורהדיג געטראַכט:

— ווען איך וואָלט געקענט זיין צוריק אין דער היים . . .

— — — — — — — — — — — — — — —

אויף דער שליסל־סטאַנציע „קאַזאַטין" איז צום וואַגאָן צוגעקומען אַ מיליטער־מאַן קלינגענדיק מיט די שפּאָרן. האָט זיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט:

— ווער פאָרט דאָ?

וויינשטאָק האָט זיך געגעבן אַ קאַרטשע־איין און האָט זיך באַלד דוקא באַרואיקט. דערווייל זיינען צוגעקומען נאָך צוויי פּאַרשוינען. זיי האָבן געקוקט אין וואַגאָן אריין מיט שאַרפע אויגן. וויינשטאָקן איז אויסגעקומען, אַז מען האָט אויף אים אַנגעשטעלט אַ פּראָזשעקטאָר. נאָר ער איז געבליבן רואיק.

דער קאָמענדאַנט פון וואַגאָן האָט איבערגעפרעגט:

— מיט וועמען האָב איך די ערע, חבר?

— מיטן באַפאָלמעכטיקטן פון „אַסאָבי אַדיעל". פאַרשטאַנען?

אזוי האָט געענטפערט דער הויכער בלאָנדער מאַן, וואָס האָט געהאַט בלייך פּנים, בלויע אויגן, און דערביי אויסגעצויגן די האַנט.

דער קאָמענדאַנט האָט אים דערלאַנגט דעם „ספּיסאָק" מיטן „פּראָפּוסק" פון זיינע מענטשן. דער פאַרשוין האָט אין דעם פּאַפּיר אַריינגעקוקט לאַנג און פאַרזיכטיק, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן, אַז די אותיות זיינען נישט קיין געפעלשטע און אַז די ווערטער זיינען געשריבן אָן גרייזן . . . אַ צווייטער, אַ נידעריקער, אַ ברייטביינערדיקער מיט אַ טונקל פּנים און שוואַרצע אויגן האָט זיך געגעבן אַ נעם־אָן מיט ביידע הענט ביי די אייזנס, וואָס זיינען ביי די זייטן פון טיר אין אושאַק, האָט זיך לייכט און געשיקט געגעבן אַ הייב און געבליבן שטיין אין וואַגאָן.

ער האָט גאַרנישט גערעדט. ער האָט זיך בלויז אַרומגעקוקט און די אויגן זיינע האָבן געקוקט נישט אויף די מענטשן, נאָר אין זיי אַריין . . . ווײַנשטאָקן האָט אויף אַ ווײַלע זיך געגעבן אַ פאַרדריי דער קאָפּ, ווי די אויגן וואָלטן זיך אין אים אַרײַנגעשטאָכן. נאָר יענער האָט גאַרנישט געפרעגט. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט, איז צוריק אַראָפּגעשפּרונגען, האָט עפּעס אַ שושקע געטאָן צום בלאָנדן מיט די בלויע אויגן און יענער האָט געזאָגט:

— מען וואָלט געדאַרפט דורכקוקן די זאַכן, וואָס זיי פירן.

— זיי פאַרבעטן אין „אָסאָבי אָדיעל״ — האָט דער שוואַרצער אַ זאָג געטאָן . . .

די מענטשן אין וואַגאָן האָבן באַקומען צערודערטע פּנימער און ווײַנשטאָק האָט זיך דווקא געפילט רואיק: וואָס קען דאָ זיין? מער ווי צוריקשיקן קען מען דאָך נישט . . .

— דאָ זיינען דאָך עסטרייכישע געפאַנגענע . . . וואָס איז דאָ פאַראַן צו זוכן?

דער וואַגאָן־קאָמענדאַנט האָט דערביי מיט פאַרוואונדערונג אַ שמייכל געטאָן.

דער בלאָנדער האָט זיך פאַרטראַכט, האָט געשוויגן און גלייך געקוקט אויף דעם קאָמענדאַנט.

איז דער שוואַרצער צוגעגאַנגען האַרט צום וואַגאָן־קאָמענדאַנט און אָפּגעציילט עטלעכע ווערטער:

— און די ציווילע, וואָס געפינען זיך?

— איר מיינט די עטלעכע „בעזשענצעס״ — די אָפּגעריסענע יידן? . . .

— איך ווייס שוין וועמען איך מיין.

און ער האָט ווידער זיך אָנגעכאַפּט ביי די אײַזנס, וואָס ביי דער טיר אין אושאַק, ווידער זיך אַ צי געטאָן ווי אַ קאַץ און געבליבן שטיין אין וואַגאָן.

האָט ווידער דורכגעקוקט די פּאַסאַזשירן. האָט אָנגעצייגט מיטן פינגער אויף ווײַנשטאָקן:

— נעמט אייערע זאַכן.

מאָדנע: ווײַנשטאָק איז געבליבן זייער רואיק, איז גלייך אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט, ווי ער וואָלט אויף דעם אויסגעקוקט.

— אַלע זאַכן?

דאָ איז אָבער באַרנשטיין צוגעגאַנגען צום בלאָנדן, וואָס איז געשטאַנען אין דרויסן נעבן וואַגאָן, האָט גענומען ריידן צו אים שטיל און געלאַסן. דער שוואַרצער האָט זיך אומגעקוקט, געזען ווי באַרנשטיין גיט

איבער צום בלאָנדן אין האַנט אריין איין פּאַפּיר און אַ צווייטן, איז ער ארויסגעשפּרונגען פון וואַגאָן און זיינע שווארצע, שטעכיקע, שטילע אויגן האָבן גיך אריינגעבליקט אין פּאַפּיר, דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן אויף באָרנשטיינען.

— צוזאַמען מיט אייך?

— יאָ.

דער בלאָנדער האָט איבערגעלייענט און געזאָגט:

— „טאַק".

האָט צוריקגעגעבן באָרנשטיינען די פּאַפּירלעך און נאָך אַמאָל געזאָגט:

— „טאַק".

— און איר פירט מיט זיך נישט קיין איבעריקע זאַכן?

— געוויס נישט.

— אַזוי . . .

באָרנשטיין האָט זיך צעשמייכלט:

— ווען איך זאָל אפילו מעגן און וועלן פירן פאַרמאָג איך נישט . . . קיינמאָל נישט פאַרמאָגט . . .

— און דער צווייטער דאָרט?

— אויך נישט . . . פון וואַנען?

— „באַראַשאָ" — האָט דער בלאָנדער געזאָגט, און מיט געלאַסענע טריט גענומען אוועקגיין קלינגענדיק מיט די שפּאָרן.

דער שווארצער איז נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען. לסוף אויך אוועקגעגאַנגען.

אין וואַגאָן האָבן אַלע פרייער אָפּגעאָטעמט.

— אַבי „קאַזאַטין" איבערגעקומען.

— איצט וועט שוין אַלץ גוט זיין.

פרוי באָרנשטיין האָט געשמייכלט, געכאַפּט דאָס קינד אויף די הענט און עס גענומען קושן. פרוי ווײַנשטאַק האָט מיט ליכטיקע אויגן געקוקט אויף באָרנשטיינען:

— גאָט צו דאַנקען . . . גיי איצט און הייב זיך אָן מיט זיי . . .

די איבעריקע יידן האָבן שטיל אונטערגעשמייכלט:

— ווי אַזוי? אַ? וואָס אַזוינס האָט איר זיי געוויזן?

נאָר איין ווײַנשטאַק איז געשטאַנען, ווי ער וואָלט גאָרנישט געהערט און מאָדנע: איצט האָט די שרעק אין אים געוויינט. ער האָט געפילט מיט אַלע אברים, אַז ער וויל צוריקפאָרן.

— וואָס זשע שטייסטו אַזוי, סאַמואיל? שוין! איבערגעקומען.

— אַ?

און ער האָט געקוקט מיט אַ צעוויינטיקט פּנים אויף זיין ווייב און אין אים איז געווען אַ שטיל געבעט:

„לאָמיר נעמען און צוריקפאָרן . . . צוריקפאָרן".

נאר ער האָט גארנישט געזאָגט.

— — — — — — — — — — — — — — —

שפּעטער איז וויינשטאָק מיט פרוי און קינדער געזעסן ארום אַן ארויסגערוקטן קאסטן. די פרוי האָט אים דערלאנגט ברויט מיט וואורשט און גערעדט דערביי מיט אַ ווייך קול:

— איז וואָס זשע ביסטו אזוי צערודערט, סאמואיל? אַן אנדערער אויף דיין ארט וואָלט זיך געפילט גליקלעך , , , ווען מען געראָט עס היינט זיך ארויסצוכאפּן פון דעם „גיהנום"?

וויינשטאָק האָט געהאט קינדערישע טרויעריקע אויגן:

— ניי איצט . . . שוין ניט קיין יינגעלע . . . קום צופאָרן אין אַ פרעמד לאנד . . . קום אַ קבצן, אַ דערשלאָגענער . . .

נאר געפילט האָט ער: ס'איז נישט דאָס . . .

— נארישקייטן, ס'איז נישט אין קיין פרעמד לאנד . . . ס'איז די היים . . . ווי לאנג איז עס, אז מיר זיינען אוועק פון דאָרט? צוועלף יאָר?

— אבער צו וואָס נעמט מען זיך ערשט דאָרט?

— נישקשה, גאָט וועט העלפן . . . פאראן גענוג אייגענע . . . און וואָס דאַרפסטו שוין דערפון קלערן?

וויינשטאָק האָט זיך באמת צו שמייכלען, נאר אלץ געפילט, אז ס'איז נישט דאָס . . . ס'איז עפּעס אנדערש, וואָס אזוינס? דאָס האָט ער אויך נישט געוואוסט . . .

— ביסט טאַקע גערעכט . . . נישט יעדן טרעפט אַזאַ צופאל . . . אַט וועט מען אריבער די גרענעץ . . . מילא, וועט מען אנהייבן אויפסניי . . . לאָמיר נאר בשלום איבערקומען דעם וועג.

—שוין נענטער ווי ווייטער.

וויינשטאָק האָט איצט געשמייכלט און זיך געפילט שטאַרק מיד . . .

ז.

דער וואגאָן איז געבליבן שטיין אויף דער סטאנציע איבערנאכט.

די נאכט האָט געגאַפּעט אַ שטילע, אַ שוואַרצע און ס׳האָט אויסגעזען, אַז די וואַגאָנעס שטייען ערגעץ אין מיטן וואַלד. פון וויטן האָבן זיך געטראָגן שווערע דונערן, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט איבער פינצטערע וועלדער. פון צייט צו צייט האָט רויטער בליץ אַ בלענד געטאָן איבער דער געגנט. פּייכטע קילקייט האָט זיך אַריינגעגאָסן אין וואַגאָן און מען האָט פאַרמאַכט די טיר. שפּעטער איז געוואָרן גאָר שטיל און דריבנער רעגן האָט אנגעהויבן פּויקן אויפן דאַך פון וואגאן . . . האָט מען זיך געטוליעט צו איינן ליב און קליידער און מען איז איינגעשלאָפן מיט געשמאַקן שלאָף.

וויינשטאַק איז אויך געשלאָפן, נאָר געדאַכט האָט זיך אים, אַז ער שלאָפט נישט. ס׳איז געווען אזוי, אַז אין שלאָף האָט ער געהאַט דאָס געפיל, אַז ער האָט מורא איינצושלאָפן, כדי נישט צו דערזען דאָס, וואָס איז געווען גרייט זיך צו באַווייזן . . . פון ערגעץ־ווייט האָט געקלאַפּערט דער הויכער משונהדיקער פויער מיט די גרויסע געלע ציין.

אַ פּאָר מאָל האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אדער עס האָט זיך אים געדאַכט אזוי. די טיר פון וואגאן האָט זיך אויפגערוקט, אַ לאַמטערן האָט זיך אויפגעהייבן און ס׳האָבן אַריינגעקוקט די שוואַרצע, שטעכיקע בליקן פון דעם שוואַרצן טשעקיסט. געקוקט, געקוקט, דערנאָך האָט זיך די טיר צוריק פאַרוקט און דער רעגן האָט געפּויקט איבערן דאַך.

נאָך שפּעטער — האָט דאָס פּויקן פון רעגן זיך צוזאַמענגעגאָסן און אָפּגעשטאַרבן.

נאָר אינדערפרי — ווען מען האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און אויפגערוקט די טיר — האָט מען געטראָפן אַ בלויען, ריינעם הימל. די רעלסן זיינען געלעגן גלאַנציקע און עס האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון נאַסע קוילן. לאָקאָמאָטיוון האָבן געפּייפט און געזשוזשעט און רעדער האָבן געריבן איבער רעלסן.

פּלוצלונג האָט דער וואגאן געקראָגן אַ שטויס — איז צוריקגעפאַלן און זיך גענומען רוקן.

וויינשטאַק האָט געקנייטשט דעם שטערן און געהאַט ברייט־צעעפנטע אויגן: ער האָט זיך געוויגט צווישן שרעק און אומשרעק.

דער וואגאן האָט זיך באַלד אָפּגעשטעלט. בארנשטיין האָט אַרויס־געבויגן דעם קאָפּ און געזאָגט:

— אָט טשעפּעט מען שוין צו אונדזער וואַגאָן צו אַ צוג.

ווידער האָט עס אנגעשלאָגן אָן וואגאָן און ער איז לאַנגזאַם געגאַנגען אויף צוריק. געגאַנגען, געגאַנגען און זיך אנגעשלאָגן לייכט און עס האָט זיך דורכגעטראָגן אַן אויסגעצויגן קלינגעריי פון וואַגאָנעס, וואָס האָבן זיך איינע אָן די אַנדערע אָנגעקלאַפּט.

ס'האָט זיך דערהערט א פייף און ס'איז שטיל געוואָרן.

בארנשטיין מיטן וואגאָן־קאמענדאנט זיינען אראפּגעשפּרונגען פון וואגאָן. האָבן זיך אפּגעשטעלט נעבן א בעאמטן, עפּעס זיך אויסגעפרעגט און באַלד איז באַרנשטיין צוריקגעקומען:

— אין פופצן מינוט ארום פאָרן מיר — און גלייך ביזן לעצטן פונקט.

וויינשטאק האָט ווידער דערפילט ווי דאס הארץ גיט זיך אים א לאָז אראָפּ נידעריקער. נאר אין וואגאָן איז געווארן רעשיק.

— מען דארף אראָפּלויפן נאך ברויט . . .

— אפשר קריגן „קיפּיאטאָק"?

— רירט זיך . . .

— ס'ווערט שפּעט . . .

— מען פאָרט דאָך באַלד . . .

בארנשטיין האָט געכאַפּט דעם טשייניק און וויינשטאק איז גע־שטאַנען ווי פארבלאָנדזשעט.

— וועסט אפשר אויך גיין אראָפּ? — האָט געפרעגט פרוי וויינשטאק. ער האָט גענומען דעם טשייניק אין האנט אריין.

— קויף נאך א ברויט . . . אפשר וועסטו דארט זען פּוטער . . . אָדער אייער . . .

ער איז אראפּגעקראכן פון וואגאָן, געגאַנגען נעבן בארנשטיינען און האָט געדענקט דאָס אויסזען פון דעם הויכן פויער מיט די גרויסע געלע ציין, וואָס ער האָט געזען אין חלום . . . האָט ער דערפאַר געקוקט מיט טרויעריקע אויגן און בארנשטיין האָט א פאר מאָל א קוק געטאָן אויף אים מיט וואונדער.

— וואָס זשע זענט איר אזוי צעשראָקן, פּאַניע וויינשטאק?

— איך? איך בין גארנישט צעשראָקן.

— איר שווייגט דאָך אזוי דעם גאַנצן וועג . . .

— וואָס זשע זאָל איך טאָן? שרייען?

— ניין, כ'מיין . . .

און געזען ווי וויינשטאקס פּנים באַמיט זיך עפּעס צו באַהאַלטן, האָט ער נישט פאָרענדיקט די פראגע און בשעת מעשה געטראַכט: האָט מסתּם א גרויסע מנה־יפה מיט זיך . . . ציטערט ער דערפאַר אזוי . . .

נאך אַמאָל אויסגעצויגן א קוק אויף אים און וויינשטאק האָט באַ־קומען א נאַרישן שמייכל אויף די עטוואס באוואקסענע ליפּן; האָט צוריק גענומען די אויגן און שוין געשוויגן.

און וויינשטאָק האָט איצט געטראַכט:

„מען וועט עס איבערקומען . . . א מענטש קומט אַלץ איבער" . . .
— אין די וואַגאָנעס!
— שנעלער!
— „גאַטאָוואָ!"

וויינשטאק איז א פּאַרסאַפּעטער צוגעלאָפן אין איין אָטעם, האָט אַרויפגעשטעלט דעם טשייניק, אוועקגעלייגט דאָס איינגעקויפטע, זיך אַנגע־כאַפּט אַן די אייזנס, באַרנשטיין האָט אים אונטערגעשטופּט און ער איז אַריין. באַרנשטיין אַליין איז פלינק אַריינגעשפּרונגען, נאָר די וואַגאָ־נעס זיינען נאָך געשטאַנען.

„וואָס זשע שטייט מען נאָך? האָ? זיי ווילן נאָך עפּעס אָפּטאָן?"
אַזוי האָט וויינשטאק געטראַכט.
— סאַמואיל, זעץ זיך אַוועק, וועלן מיר דערווייל אָפּעסן.
— איך וויל נאָך נישט עסן.
— איך האָב דאָך שוין צוגעגרייט?
— זאָל מען פריער רירן פון אָרט.
באַרנשטיין האָט זיך אָפּגערופן:
—מען וועט שוין פאָרן . . . מען וועט שוין פאָרן . . . —
און ווידער א מאָדנעם בליק געוואָרפן אויף וויינשטאַקס בלייכן פּנים.

א דינער פייף האָט דורכגעבלעזלט פון קאָנדוקטאָרס פייפל. דער לאָ־קאָמאָטיוו האָט אָפּגעענטפערט מיט אַן אויסגעצויגן געשריי, האָט שווער גענומען סאָפּען און שפייען מיט דיקע שטיקער רויך און — מיט אַמאָל א נעם געטאָן פון אָרט. א ראַפּטומדיקער קלינג און ס'האָט זיך אָנגעהויבן א קלאַפּעריי פון רעדער. נאָך א שלעפּ — און דער צוג האָט זיך גענומען טראָגן אין פעלד אַריין.

איצט איז געשטאַנען א לאַכעדיקער סוף־יוני־טאָג אין פעלד. דער טאָג איז געוועזן צעבליט און האָט געזונגען מט יונגער פריילעכקייט. א נעץ פון סווישטשערייען האָט זיך געטראָגן איבער טרוקענע זאַנגען. א ווינטל איז געלאָפן פאַרביי די וואַגאָנעס און געבראַכט ריח פון פאַרגאַנגענע טעג.

וויינשטאַק האָט געזעסן לאַנגזאַם און שטיל. האָט אויסגעזען ווי א מענטש, וועמען מען האָט שטאַרק באַליידיקט און ער איז אומשולדיק. ער האָט געגעסן און געפילט ווי אין אים זיצט א זיפץ, וואָס קען זיך נישט אַרויסרייסן. מיט אַמאָל — זיך דערמאַנט אַן אידאַן און געפילט ווי זי נעמט אַן אַזוי שטיל זיין האַנט און פון אירע אויגן קוקט אַרויס די נשמה אירע; איז ער אַזוי געבליבן זיצן מיטן עסן אין דער האַנט און דאָס מויל אָביסל

אָפּן, ווי ער וואָלט געהאַלטן ביים אויסברעכן אין אַ געוויין.

און דער צוג לויפט אַזוי גיך. די רעדער גליטשן זיך מיט אימפּעט און אַ שטויב האָט זיך אויפגעהויבן און טראָגט זיך צוריק ווי אַ דורכזיכ־טיקער וואָלקן.

און עס לויפן אַוועק מיילן און אידאַ ווערט אַלץ ווייטער. זיצט זי דאָרט מיט גרויסע אויגן, טראַכט וועגן אים, וואָס דערווייטערט זיך אַלץ מער און מער.

— וואָס זשע עסטו נישט?

שטאַלענע שאַרפקייט קוקט פון ווייבס שמאָלע אויגן, די ליפּן האָבן זיך צונויפגעלייגט אַזוי פאַרביסן. ווער זשע איז זי, אָט די מיט דעם בייזן איינגעפאַלענעם פּנים? און נאָך וואָס האָט ער זיך געלאָזט מיט איר אין פרעמדקייט אַריין?

— וואָס פּאַר אַ טראַגעדיעס מאַכסטו דאָ? האָסט זיך פאַרבענקט נאָכן טישל?

אין האַרץ האָט זיך עפּעס דובאָם געשטעלט. אַ וואָרט ווי אַ גרין שלענגל האָט זיך פון דאָרט אַ ציי־געטאָן אין האַלדז אַריין. נאָר ער האָט פאַרקלעמט די ציין, האָט געגעבן אַ לייג־אַוועק דאָס עסן פון האַנט:

— וואָס פייניקסטו מיך? — און אַן עקל איז אַרום אויף זיין פּנים.

עס ציען זיך צונויף די שמאָלע אויגן און די שאַרפקייט ווערט שפּיציקער.

— אַז איך וויל נישט עסן.

— עס נישט! ווער בעט דיך? . . .

האָט ער זיך אויפגעשטעלט, האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, האָט באַ־מערקט ווי שמייכלדיקע אויגן באַפאַלן זיין פּנים, ווי זומער־פליגן, האָט ער זיך אויסגעדרייט און צוגעגאַנגען צו דער אָפענער טיר.

אין וואַגאָן איז געווען שטילע פריילעכקייט. מען האָט גערעדט מיט אויפגעלעבטע קולות, ווי עס ריידן וואַנדרערער, וואָס האָבן אין ערגעץ גאַרניט געלאָזט און זיינען נישט זיכער אַז זיי וועלן ערגעץ עפּעס געפינען. איז מען געלעגן אָדער געזעסן. האָט מען זיך געווערטלט און געלאַכט שטי־לערהייט.

— ווי דער צוג לויפט עס. ער האָט קיין צייט נישט

— ס'איז אַ צייט פון רעוואָלוציע — איז קיין צייט נישטאָ . . .

— און די פּאַסאַזשיר־צוגן קריכן ווי די ווערעם . . .

דער צוג האָט זיך געטראָגן פייל פון בויגן. האָט געשלונגען ווערסטן, צוריקגעשפּיגן שטחים, בריקן און טייכלעך, און—

דער זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון וויינשטאָקס האַלדז, די אויגן

האָבן זיך פאַרגאָסן מיט פּינקטקייט: ווי עס שמעקן אידאַס נאַקעטע הענט, וואָס ליגן ארום זיין האַלדז. דער אָטעם איז אַזאַ צאַרטער און שכורער:

— „סאַמואיל, טייערער! איך בענק נאָך דיר . . .”

און זי זיצט דאָרט און בענקט, און ער — ער פאַרט דאָ מיט דער דאַזיקער, וואָס האָט אַזעלכע ביינערדיקע טרוקענע פינגער און די הויט פון פּנים ליגט האַרט אויף די ביינער . . . איצט געדענקט ער ווי ער האָט גערעדט צו אידאַן:

„לאָמיך נאָר זיי אוועקפירן . . . לאָמיך נאָר די קינדער פאַר־זאָרגן און איך וועל ווערן אַ פרייער מענטש” . . .

און אידאַ האָט זיך צעשמייכלט ווי אַ קינד, וואָס האַלט ביים וויינען. די אויגן אירע זיינען געווען אָנגעפילט מיט טרויער. איצט פאַרשטייט ער דעם באַטייט פון איר קוקן: ס'וועט גאָר נישט זיין . . . וועסט קיין פרייער מענטש נישט זיין . . .

און פונדעסטוועגן:

„געווים דאַרפסטו פאָרן”

ער האָט איצט דערפילט מיט אַלע חושים: מער וועט ער אידאַן נישט זען . . . אין האַרץ האָט זיך היים געוויין אין אַ קנויל צוזאַמענגעוויקלט . . . האָט ער די אויגן פאַרמאַכט און דעם קאָפּ צוגעשפּאַרט צום אושאַק פון דער אָפענער טיר . . .

— — — — — — — — — — — — — — —

דער צוג טראָגט זיך ווי אַ ווירבער. מיט אַמאָל רייסט זיך אריין אין גערויש אַ געשריי, און ווידער אַ געשריי. וויינשטאָק האָט געעפנט די אויגן און נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס טוט זיך. ער האָט נאָר געפילט, אַז ער קען נישט אויסדרייען דעם קאָפּ, כדי נישט צו זען רבקהלען . . . אָבער, וואָס איז עפּעס? אַ שווערער וואָלקן טראָגט זיך פאַרביי דעם צוג. דער וואָלקן ציט זיך ווי אַ געדיכטער שטראָם, לויפט צוריק און שלאָגט איבער די רעדער און עטוואָס העכער פון די רעדער. וואָס איז דאָס?

מען שרייט? ווער שרייט דאָס?

ער האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ: אויפן פעלד שטייען פויערים מיט גרויסע שטרויענע קאַפּעליושן. איינער האַלט אין האַנט אַ לאַנגע זאַך און פאָכעט מיט איר. נאָר אָט איז ער שוין ווייט פון אויג, און אָט שאָקלט איינער מיט די הענט . . . וואָס זשע שרייען זיי? זיינען עס באַנדיטן? וואָס איז דאָ?

אין האַרצן האָט ווידער אַ פלייץ געטאָן שרעק. אין אים האָט עס

הויך א געשריי געטאָן: רוק זיך אָפּ! אבער הינטער אים זיצט דאָרט רבקהלע . . .

אים איז באַפאַלן א חשק א קוק צו טאָן, וואָס עס טוט זיך אין דרויסן, האָט ער ווידער ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ, אנגעשטרענגט זיך צו קוקן אהין צו דער זייט, וואו דער לאָקאָמאָטיוו איז צו די וואַגאָנעס געשפּאַנט, און פּלוצלונג: דער וואָלקן האָט זיך געגעבן א הייב־אויף. הארטע דריבנעקייט האָט א שמיים געטאָן איבערן קאָפּ, א מוראדיקער געשריי האָט א רעווע געטאָן פון ווילדן צוזאַמענשלאָג, דער וואַגאָן האָט זיך געגעבן א הייב־אויף פון איין זייט און די טיר האָט מיט געוואַלדיקער קראַפט א שלאָג געטאָן איבערן האַלדז.

די טיר האָט, זעט אויס, דעם האַלדז דורכגעשלאָגן . . . דער קאָפּ איז אוועקגעפאַלן . . . כאָטש ער איז דאָ געבן זיינע אַקסלען. דורך אים האָט עס דורכגעשרויפט אין איין אָטעם:

— כ׳על אידאָן מער נישט זען . . .

און ער פאַלט אין פינצטערקייט און — גאָרנישט . . .

— — — — — — — — — — — — —

דער וועג איז געלעגן שטיל. א דיקע שאָכט קאָרן האָט זיך געצויגן ווייט אוועק און דאָס אויג האָט דעם אנפאַנג נישט דערגרייכט. דער לאָקאָמאָטיוו האָט געזאָטן און געסאָפּעט ערגעץ ווייט פון דאַנען. אויף די רעלסן איז געלעגן א צוזאַמענגעבראָכענער וואַגאָן און זיך געטרונקען אין קאָרן. די איבעריקע וואַגאָנעס זיינען געווען צונויפגעשלאָגן איינער אויפן אנדערן און זיינען געשטאַנען „דובאָם", מיט די רעדער אין דער הייך. אייניקע — די לעצטע — זיינען איינגאַנצן געווען איבערגעקערט.

ווייַנשטאָקס קאָפּ מיט דעם שוואַרצן פּאַרלאָפּענעם פּנים האָט ארויסגעקוקט פון צווישן דער טיר און וואַנט פון וואַגאָן, וואָס איז געשטאַנען מיט איין פּאָר רעדער ארויף. פון וואַגאָן האָבן זיך געריסן געשרייען און קרעכצן. פון די פעלדער ארום זיינען געלאָפן צעשראָקענע איינציקע פּויערים צו הילף.

אז מען האָט אפּגעשטופּט די טיר פון וואַגאָן, האָט דער קאָפּ געגעבן א זינק אראָפּ און איז צוזאַמען מיטן קערפּער ארויסגעפאַלן.

— — — — — — — — — — — — —

רבקהלע איז געשטאַנען מיט איבערגעקערטע אויגן. זי האָט נישט געפילט דעם ווייטיק פון אייגענער נישט געפערליכער צעשלאָגנקייט. זי האָט

זיך געפיינטקט און נישט געקענט קיין ווארט ארויסריידן . . . דערנאך האָט דאָס פּנים זיך געגעבן א קארטשע איין, ווי זי וואָלט ענדלעך פארשטאנען, האָט אויסגעצויגן די הענט און כמעט רואיק ארויסגערעדט:

— ער האָט זיך אבער די נאנצע צייט געשראָקן . . . דאָס הארץ האָט אים געזאָגט . . .

און זי האָט געגעבן א פארמאך די אויגן און געזונקען אין חלשות . . .

פילאדעלפיע, מערץ 1925.

II

צופלוס

מאַכט

א.

איבער פאַרשנייעטע האַרטע וועגן, וואָס פירן צו לענינגראַד, האָט זיך נעצויגן מיליטער.

אָפּטרעטנדיק און פאַרפאָלגט פון שונאס האַרמאַטן, האָבן די רייען באַלד אינדערפריה זיך צעמישט; אַרומגעכאַפּט פון פּלוצלומדיקער אומגעהויערער שרעק, האָט זיך די רעוואָלוציע־אַרמיי צעפליקט און דאָס מיליטער האָט גרופּנווייז זיך אַ ריס געטאָן איבער וועגן און פעלדער—צעשפּליטערטער, צעקאַכטער שטראָם: מען איז געלאָפן פון שרפה מיט אויפגעהויבענע הענט, נישט אַרויסלאָזנדיק די ביקסן פון צווישן פאַרשטאַרטע געבויגענע פינגער; איינער איבער אַנדערן איז געפאַלן, זיך אויפגעהויבן און ווייטער געלאָפן. די באַפעלן פון קאָמאַנדירן, האָט ווינט איבער ווייס־פּראָסטיקע פעלדער אוועקגעטראָגן און די זעלנער זיינען געלאָפן צונויפגעשלאָגענע סטאַדע שעפּסען פון שרעק געיאָגט. אַסך האָבן פון זיך געוואָרפן די אַמוניציע און אַסך האָבן אומזיניק געשריגן. פערד האָבן געהירזשעט, אַרויפגעריסן די קעפּ, זיך געשטעלט דובאָם, זיך געיאָגט און געפּלאָנטערט צווישן מענטשן; זיי האָבן זיך צעררייצט געריסן פון די כאָמעטעס, געוואָרפן מיט די העלדזער און געשטשירעט מיט גרויסע ציינער, טרייסלנדיק די שווער אָראָפּהענגענדיקע ליפּן; די וועגענער זיינען געשפּרונגען איבער אויפגעאַקערטן שניי און די רעדער פון די האַרמאַטן האָבן געשריגן איבער סקריפּענדיקע וועגן. די געשרייען האָבן זיך געמישט מיט די ליאַרמען פון ווינט; דעם שונאס קוילן האָבן געשלאָגן אין פּלייצעס. זעלנער האָבן זיך אוועקגעוואָלגערט אין שניי; סנאַריאַדן האָבן זיך צעריסן, אויפגעהויבן שוואַרץ־ווייסע זיילן. ערגעץ אויפן פעלד איז אַ פערד משוגע געוואָרן, געשפּרונגען צעיאַכמערט, שלעפּנדיק נאָך

זיך אָן איבערגעקערטן וואָגן. קיינער האָט זיך אויף דעם נישט אומגעקוקט. אַלע האָבן זיך געריסן פאָרויס מיט אַרויסגעזעצטע משונה־ברענענדיקע אויגן און צעקרומטע געזיכטער.

ערשט נאָך האַלבן טאָג, האָט זיך דאָס געלאָף געגומען איינשטילן: דעם שונאס קוילן האָבן מער נישט דערגרייכט. אין געדיכט־צונויפגעשלאָגענע גרופּן האָבן איצט די זעלנער געשפּאַנט מיט שווערע, מידע, געדיכטע טריט און מיט אויסגעלאָשענע אויגן. זיי האָבן זיך שווער געבויגן אונטער געווער און אַמוניציע. איינציקע האָבן געשפּאַנט מיט בלויזע קעפּ און דער ווינט האָט זייערע האָר צו שטערנס געטריבן. וואו נישט וואו האָט איינער געהונקען ציטערנדיק מיט די ליפּן און געביסן מיט די ציין זיינע קרעכצן.

איצט האָט מען געשפּאַנט שווייגנדיק און דערשלאָגן. אַלע האָבן געשוויגן. דאָס לשון און שטימען פאַרלוירן. די פיס זיינען געווען פאַרהיל־צערט, די פינגער — צוזאַמענגעוואַקסן און דער פראָסט איז שטעכיק גע־קראָכן דורך די קליידער, נאָר קיינער האָט גאַרנישט געזאָגט. מען האָט געשפּאַנט און נישט געקוקט איינער אויפן אַנדערן. שטומע בושה האָט געפרעסן די גלידער און די פּלייצעס האָבן ווי געטאָן. די פּנימער זיינען איצט געווען שטאַרק אויסגעצערט און באַצויגן מיט טונקעלע, גערינצלטע הויטן. פון די אויגן האָט געטריפט כמורנע שרעק. פינצטערע צעטומלעניש האָט געפלאַטערט מיט שוואַרצע פליגל איבער די קעפּ:

— פאַרשפּילט . . . פאַר־שפּיל־ ־ל־ט . . .

טויב האָבן נאָכגעשריגן די האַרמאַטן־קלעפּ. ווייט, אויף די פעלדער, האָבן אויפגעשלאָגן זיילן שניי געמישט מיט שוואַרצער ערד, די זיילן האָבן זיך געריסן אין דער הייך, זיך געבראָכן, צעפאַלן. די קלעפּ זיינען איצט גע־קומען איינציקע, ווייטע.

די זעלנער האָבן געשפּאַנט געלאַסענער און מיט געזונקענע קעפּ. די פערד האָבן שווער און אונטערטעניק געטראָטן, מיט נידעריק־געבויגענע העלדזער און אַראָפּגעלאָזטע אויגן. די שוואַרצע ליפּן זייערע האָבן קאַנוואָל־סירט און אין די ווינקל מיילער האָט ווייסער שוים געפרירט. זיי האָבן שטאַרק געסאָפּעט פאַכנדיק מיט די איינגעפאַלענע זייטן און דורך די נאָזלעכער געטריבן ווייסע פּאַסקעם פּאַרע אין פראָסטיקן דרויסן אַריין.

ס'האָט געגומען צופאַלן די נאַכט. דער הימל האָט זיך אַנגעדראָלן. וואָלקנס זיינען געקראָכן פון הייגן. געקראָכן טונקעלע איינס אין אַנדערן, איינס איבער אַנדערן. זיך צונויפגעפלאָנטערט און אויסגעמזוגט: אויפגע־שויבערטע שוואַרצע וואַטע. ווינט האָט געגומען שניידן מיט אימפּעט און שרייען אין איין אָטעם. אין לײדיקייט האָט שניי געגומען צאַפּלען, צוערשט געלאַסן פאַרטראַכט, דאַן — ווייסע, דריבנע גרייפּלעך האָבן געגומען געדיכט

שיטן. דער דרויסן האָט טונקל געגעפּלט. דער ווינט האָט זיך צעלאָזט, געוויקלט שניי־פּלאַכטעס איבער פעלד און וועג. נאַכגעלאָזט, געדולדיק צונויפ־געטריבן שניי אויף איין אָרט, אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש ווי וויאַכטש פון אומגעהויער־לאַנגער בייטש. מיט אַמאָל אַ טרייב געטאָן און ווייסע זייל האָט געגעבן אַ שרויף־אַרויס פון דער ערד. אַרויפגעשאָסן אין דער הייך, זיך צעבראָכן, צונויפגעפאַלן און פאַרשאָטן קעפּ און געזיכטער.

— פאַרשפּיל־ל־ט! . . .פאַרשפּיל־ל־ט . . .

פון ווייטן האָט זיך טונקל געצייכנט די הויפּטשטאָט. זי איז געלעגן מיט צונויפגעשלאָגענע הייזער און שנייאיקן נעפּל. יהויכע הייזער האָבן זיך געשטרעקט מיט פאַרגאַפונג. קלויסטער־טורעמס האָבן געהויבן גרויסע צלמים איבער שטאָט. זיי האָבן געוואונקען אויף ווייטן אַרום. קופּאָלן האָבן ווינטערדיק־פאַרזאַרגט געקוקט מיט בלינדקייט אין וועלט אַריין.

שטום־געבעט, געהילט אין טרויער, איז פון שטאָט אויפגעגאַנגען.

די זעלנער האָבן געפילט: מידקייט ליגט ווי געדיכטע סמאָלע איבער אַקסל און אָרעמס. אין די צעטומלטע קעפּ האָט זיך געוויגט אַ טראַכטונג וועגן וואַרימע שטובן, טרוקענע לופט און ווייכע געלעגערס. די ברעמען האָבן זיך אויסגעגלייכט און די וויעס, גענומען זיך אַראָפּלאָזן.

— שטיי־ען!

דער קאָמאַנדיר איז פּלוצלונג אויסגעוואַקסן פאַר אַלעמענס אויגן. ער איז געזעסן אויף זיין הויך, גרוי פערד, אַ גלייכער, געשטרעקטער און שלאַנקער. די פּעלצענע קוטשמע האָט ער עטוואָס אונטערגעהויבן און עס האָט זיך באַוויזן אַ פאַסיקל שטערן איבער די אויגן.

— אָפּשטעלן זיך!

די זעלנער זיינען געווען צוגעקומען צו די דערפער, וואָס רינגלען אַרום די הויפּטשטאָט.

אַלע האָבן אויפגעהויבן די אויגן, געקוקט אויפן קאָמאַנדיר, אַזוי ווי זיי וואָלטן אים קיינמאָל ניט געזען, און ס'האָט מאָדנע געוואונדערט:

— זע נאַר: אַ מענטש רעדט דאָך?

— שטיי־ט!

די זעלנער האָבן זיך גענומען אָפּשטעלן. ס'איז געוואָרן שטיל. מען האָט זיך אַרומגעקוקט ווי פאַרבלאָנדזשעטע: אָט, דאָ נישט ווייט שטייען שוין הייזער. אַך — הייזער! אין זיי — קער איצט זיין וואַרעם . . .

פון אַלע זייטן האָבן זיך געצויגן מחנות און זיך דאָ אָפּגעשטעלט ווי אַרויסגעשוואָומענע פון טייך.

— אַפּיצירן! שטאַב־אַפּיצירן!

מען האָט זיך גענומען איבערשרייען, איבערופן. פון צווישן די

גרופּן האָבן זיך ארויסגעשיילט די אפיצירן, האָבן שווער געפּלאָנטערט מיט די פּיס און זיך צונויפגענומען ארום קאמאנדיר.

— אוועקשטעלן דאָ דעם פראנט . . . צעשטעלן א וואך! . . . אויפ־שטעלן די קיכן! . . .

שטילער געמורמל אָן ווערטער האָט געריזלט צווישן מידע זעלנער.

דער קאמאנדיר האָט זיך ארויסגעדרייט אויף זיין פערד און זיך איינ־געקוקט אין ווייטקייט. פון שטאָט האָט זיך געטראָגן א רייטער. ער איז געלעגן מיטן קאָפּ צום פערדס נאַקן און דאָס פערד איז געלעגן אין לופטן— געשוואומען מיטן רייטער.

— א קוריער!

דאָס ווארט איז מיד אראָפּגעפאַלן פון קאמאנדירס ליפּן און קיינער האָט זיך נישט אפּגערופן. דער רייטער האָט זיך דערנענטערט. איצט האָט מען שוין געזען: דאָס פערד באַוועגט אַלע ווילע מיט די פּיס, רירט לייכט אָן דעם שניי און רויך לויפט צוריק.

דער קאמאנדיר האָט א צי געטאָן דאָס ציימל און זיין פערד האָט זיך ארויסגעדרייט מיטן קאָפּ צום אנקומענדיקן. א קלאַפּערײ פון פּאַדקאָוועס, א טרייסל פון רייטער, א לאַנגער סאַפּע דורך צעברייטערטע נאָזלעכער און דאָס פערד מיטן רייטער איז שטיין געבליבן הארט נעבן קאמאנדיר.

— א באַפעל!

ארויסגעשלעפּט פון ארבל־מאַנקעט פון שינעל א פּארמאַכטן קאָנ־ווערט. דער קאמאנדיר האָט — נאָך א ווילע פּאָרקען זיך — אויפגעריסן, דורכגעקוקט מיט איין לאַנגן דורשטיקן בליק — אויסגעזופּט די ווערטער, און:—

— באַלד!

זיך ארויסגעדרייט, דערזען נעבן זיך דעם פּאָליטישן קאָמיסאַר זיינעם. ער איז געזעסן א שטאַרק גלייכער אויפן פערד און געוואַרט.

— מיר פאָרן אין שטאַב!

— גוט!

דער קאמאנדיר האָט נאָך איבערגעגעבן באַפעלן צו די אפיצירן: האָט פארגעלייגט א פּלאַן ווי אוועקצושטעלן דעם פראנט און ווארטן אויף ווייטער־דיקע באַפעלן.

— מיר פאָרן!

אַלע דריי האָבן א טרייב געטאָן די פערד, זיך אוועקגעלאָזט מיט דעם וועג מיט וועלכן דער קוריער איז געקומען. דער פּאָליטקאָם האָט א פרעג געטאָן ביים קאָמאַנדיר:

— ווי מיינט איר?

— כ׳וויים נישט . . . כ׳וויים גארנישט.

— וועט מען דארפן ווייטער אפטרעטן? די שטאט פארלאָזן?

דער קאמאנדיר האָט צוגעווארפן א בליק צום פאליטקאמס צעטומלט פנים, און מיט לייכטן שמייכל:

— אפטרעטן איז אמאל וויכטיקער פון בלייבן.

מער האָט שוין יענער ניט געפרעגט. זיי האָבן א טרייב געטאָן די פערד, דערלאנגט שפּאָרן, זיך צוגעבויגן צו די העלדזער און די פאָדקאָוועס האָבן אויפגעוויקלט שניי־רויך איבער וועג . . .

ב.

ס׳איז שוין געווען נאכט ווען זיי זיינען געריטן איבער לענינגראדער גאסן. די שטאט איז געשטאַנען א פינצטערע, אן עלנטע און האָט אויס־געזען — א פארלאָזענע. די פענצטער פון די הייזער זיינען געווען בלינדע, ס׳האָט פון זיי געגלאנצט פארטאיעטע שווארצקייט. וואו נישט וואו, האָט פארבארגענע ליכטיקייט זיך געשטיקט הינטער געדיכטע שטאָרן. די לאמ־טערנעס אין גאס זיינען געהאנגען אויסגעלאשענע, האָבן זיך באוועגט ווי געהאנגענע מיט שטומען קרעכץ אין שנייאיקן דרויסן. די גאסן זיינען געווען ליידיק, אלע טויערן — פארהאקט. איז זיי אויסגעקומען: זיי רייטן דורך היילן. א פּאָר מאָל, און טעמפּער רוף איז זיי אנטקעגנגעקומען:

— ווער רייט?

— אייגענע!

— א צייכן און דערלויבעניש!

דער קוריער האָט געזאָגט דעם „פּאראל”; האָט דאָס משונהדיקע ווארט ארויסגעלאָזט פון מויל לייכט און גליטשיק; האָט דערלאנגט צונויפגעלייגט פּאפּירל. דער הויפּט פון פאטרול האָט עס גענומען אין גרויסער, שווערער האנט, האָט עס באלויכטן מיט עלעקטריש לעמפּל, וואָס ער האָט פון בוזעם ארויסבאקומען, צוריקגעגעבן און זיך אויסגעשטרעקט:—

— אנטשולדיקט! . . .

זיי זיינען ווייטער געריטן. דער קאמאנדיר האָט געשוויגן און לאנג־זאם געטראַכט: „און מאָרגן . . . מאָרגן אין דער צייט וועלן מיר שוין דאָ נישט זיין . . . מאָרגן וועט יודעניטש דאָ ארומהוליען מיט זיינע אפיצירן”. . . ער האָט זיך דערפאר נישט געוואונדערט וואָס די הייזער טרינקען זיך ביזן האלדז אין שטילקייט; וואָס די שווארצע שויבן בלאנקען אזוי תמעוואטע . . .

עס האָט אויסגעזען: הינטער די שויבן שטייען גרויע קעץ און טשאַטעווען מיט גרין־צעגליטע אויגן אויף דער גאַס אַרויס . . .

דער פּאַליטקאָם האָט אַ פרעג געטאָן ביים קוריער:

— איז די שטאָט עוואַקואירט?

— זיך געהאַט אָנגעהויבן עוואַקואירן —

— און אָפּגעשטעלט?

— דער פירער איז אָנגעקומען, האָט ער די עוואַקואַציע אָפּגעשטעלט.

—דער פירער?

די שטים פון פּאַליטקאָם האָט אַ קלונג געטאָן מיט פרייד און האָפנונג: „דער פירער איז מיט אונדז!"

דער קאָמאַנדיר האָט פון אונטער די וואָנסעס אַראָפּגעלאָזט אַ שמייכל.

זיי זיינען צוגעקומען צום שטאַב. די גרויסע אַלטע געביידע, וואָס איז געשטאַנען ברייט צעלייגט, איז אויך געווען פינצטער. ביים ברייטן אַריינגאַנג נאָר, האָט שוואַכע ליכטיקייט אַרויסגעשלאָגן און איז געלעגן מיט געלבליכקייט אויפן שניי.

אַ פּאָר זעלנער זיינען אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן, האָבן איבערגענומען די פערד און דער קאָמאַנדיר מיטן פּאַליטקאָם זיינען אַריין אין דער געביידע.

זיי האָבן געשפּאַנט מיט געמאָסטענע טריט איבער ברייטן קאָרידאָר. די שפּאָרן האָבן געצײילט די שפּאַן.

— דעזשורני!

אַן אָפיציר איז זיי אַנגעלאָפן אַנטקעגן:

— אין זאַל נומער אַכט . . . מען וואַרט אויף אייך.

דער קאָמאַנדיר האָט זיך גלייך געלאָזט איבער די מאַרמאָרנע טרעפּ, וואָס זיינען געווען העל באַלויכטן. ער האָט פון זיך נישט אַראָפּגעטרייסלט דעם שניי און האָט זיך נישט אומגעקוקט. דער פּאַליטקאָם האָט זיך געהאַט אויף אַ ווײַלע פאַרהאַלטן: געוואָלט עפּעס פרעגן ביים דעזשורני־אָפיציר און האָט אויך גאָרנישט געפרעגט.

זיי זיינען אַריין אין זאַל וואו דער שטאַב איז געווען פאַרזאַמלט.

ביי אַ לאַנגן גרויסן טיש זיינען געזעסן די שטאַב־גענעראַלן, אַלע אין שוואַרצע מונדירן מיט מיליטערישע צייכנס אויף די אַרבל. אַלע זיינען געזעסן שווייגנדיקע, נאַכטיק־פאַרטראַכטע. אויבן־אָן איז געזעסן דער פירער — דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער רויטער אַרמיי, אָנגעטאָן — האַלב מיליטעריש, האַלב ציוויל. די געדיכטע שאַטענע האָר — לייכט געקנייטשט, צעוואָרפן אין ווייכע פאַסמעס. דאָס שפּיציקע בערדל האָט געשטאַרט אויף פאָרויס, דאָס ברייטע מויל — עקשנותדיק צונויפגעפּרעסט אונטער געדיכטע וואָנסעס. זיינע אויגן האָבן שפּיזלדיק געלויכטן דורך די קלאָרע פענסנע־גלעזלעך. זיי

זיינען געשטאַנען אויף איין פונקט, די אויגן, נאָר אויסגעזען האָט: דינע געווינטלעך שרויפן זיך אין זיי. ער איז געזעסן עטוואָס געבויגן, נאָר קיין מידקייט האָט זיך פון אים ניט געשפּירט. אַז ער האָט דערזען די אַריינקומענדיקע, האָט ער זיך עטוואָס אויסגעגלייכט:

— גוט נאָוונט, חברים!

געענטפערט האָט מען קורץ, אָפּגעהאַקט, אַזוי — אַז מען האָט נישט דערהערט וואָס זיי האָבן געענטפערט. איז עס געווען אַ וואָרט אָדער סתּם אַ קלאַנג?

דער קאָמאַנדיר האָט אַראָפּגעשלעפּט די קוטשמע פון זיין קאָפּ און די לענגערע, גלייכע האָר זיינע, זיינען צוריקגעפאַלן צעשויבערטע, טונקל־בלאָנדע און ערטערווייז ־ לייכט־גרויע. ער האָט צעשפּילעט דעם שינעל, איז צוגעגאַנגען צום טיש, זיך אַוועקגעזעצט נישט ווייט פון פּירער און געוואַרט ציענדיק טיף דעם אָטעם.

דער פּירער האָט לאַנגזאַם־שאַרף געמאָלדן:

— די זיצונג הייבט זיך אָן.

שטיל. אַלטע גענעראַלן, וואָס האָבן געהאַט געדינט אין דער צאַרישער אַרמיי, האָבן געהאַט ערנסטע אויגן און אויף די געזיכטער איז געלעגן פאַרבאָרגענע באַליידיקונג. זיי האָבן זיך נישט גערירט פון זייערע ערטער, האָבן נישט אויפגעהויבן די אויגן און האָבן געוואַרט.

דער פּירער האָט זיך געווענדט צום אָנגעקומענעם קאָמאַנדיר:

— ווי איז דער פראָנט?

דער קאָמאַנדיר האָט אויף אים אויפגעהויבן די אויגן. אויף די ליפּן האָט זיך געגליטשט שמייכל. האָט זיך אָנגעטראָפן מיט די שאַרפע בליקן פון פּירער און דער שמייכל האָט ראַפּטום איינגעזאַפּט.

— מיר הערן! —

— דער פראָנט? ס'איז נישטאָ קיין פראָנט. די אַרמיי איז מיד . . . דאָס אָפּטרעטן איז געווען פּאַניש . . . דער שונא האָט די גאַנצע צייט פאַרפאָלגט מיט זיין שווערער אַרטילעריע . . . די זעלנער זיינען שטאַרק אויסגעמאַטערט . . . און ערגער נאָך: דערשלאָגן . . .

ער האָט גענומען אין האַנט אַ בליישטיפט, געפירט מיט אים איבער דער גרויסער לאַנד־קאַרטע, וואָס איז געלעגן אויפן טיש. דערציילט גענוי ווי דאָס אָפּטרעטן איז פאָרגעקומען. גענעראַלן האָבן געבויגן די קעפּ, געצויגן די שטערנס, געקנייטשט די ברעמען, און האָבן נאָכגעפאָלגט דעם בליישטיפט. דער פּירער בלויז, איז געזעסן רואיק, פאַרעקשנט, מיט פאַרפּרעסטע ליפּן. ס'האָט אויסגעזען: ער טראַכט פון עפּעס אַנדערש. דאַן:

— האָט איר באַפוילן אָוועקצושטעלן דעם פראָנט ביי דער שטאָט?

— באַפּוילן, איצט שטייט שוין דער פראָנט געווים. די פּאָזיציעס, וואָס מיר פאַרנעמען איצט לויט מיינע אָנווייזונגען, זיינען נישט קיין שלעכטע, אָבער . . .

— אָבער?

— די אַרמיי איז אויסגעמאַטערט און דערשלאָגן. איך שטעל מיר נישט פאָר, אַז די אַרמיי זאָל אַפילו געבן אַ ווידערשטאַנד.

אַ ווײַלע האָט דער פירער געשוויגן. זיינע אויגן זיינען געוואָרן שמעלער, שפּיציקער. דאַן זיך געווענדט צו אַ גענעראַל:

— אייער מיינונג, גענעראַל?

— כ׳מיין: מען קען די שטאָט נאָך פאַרטיידיקן . . . מיר זיינען אומשטאַנד זיך צו האַלטן עטלעכע טעג . . .

— עטלעכע טעג?

דער גענעראַל האָט צום פירער צוגעוואָרפן קורצן בליק, צוריקגענומען דעם בליק און:—

— ביז ס׳וועט אונטערקומען אַ פרישע אַרמיי . . . העכסטנס אַ פּאָר טעג קענען מיר זיך האַלטן . . . איך זאָג נישט, אַז אונדזער לאַגע איז קאַטעס־טראָפאַל . . . ווען מיר זאָלן נאָר צוקריגן אַ פרישע אַרמיי . . .

— און די אַרמיי?

— אַן אַרמיי וואָס טרעט אָפּ, וועט מער נישט אָנגרייפן.

— אַזאַ געזעץ?

— אַ געזעץ פון סטראַטעגיע.

— אָבער נישט פון רעוואָלוציע!

זיך גלייך געווענדט צו אַ צווייטן גענעראַל:

— און אייער מיינונג?

איך גלייב נישט אַז מיט די זעלנער זאָל מען קענען אָנגרייפן!

— גענעראַל! איר האָט ווייניג גלויבן! דאָס זיינען נישט קיין זעל־נער. דאָס זיינען רעוואָלוציאָנערן!

שטיל.

— נאָך נעכטן האָב איך באַפוילן: מאָביליזירן צען טויזנט חברים! מיין באַפעל איז דורכגעפירט: זיי זיינען שוין אין קאַזאַרמעס אונטער דער ביקס . . . היינט ביינאַכט נאָך, גייען זיי אַרויס און פאַרנעמען די פאָדערשטע רייען.

— זיי זיינען נישט געשולט.

— די רעוואָלוציע לערנט שנעל אויס!

דער גענעראַל האָט לייכט אַ שמייכל געטאָן: אפשר . . .

איינער פון די הויפּט־גענעראַלן האָט פאָרגעלייגט:

פארלאָזן די שטאָט . . . גלייך אפטרעטן און זיך דערוואַרטן ביז פרישע כוחות וועלן אנקומען . . . דאַן, אנהייבן אַ דעמאָנסטראַטיווע שלאַכט אויפן לינקן פליגל . . . אָפציען אהין דעם שונאס כחות — ער האָט דערביי געפירט מיטן בליישטיפט איבער דער קאַרטע — די פרישע אַרמיי קאָנצענטרירן אויף דער זייט . . .

נאָר ווען אַלע זיינען שוין געווען געניגט צו דעם פּלאַן, האָט דער פירער זיך געגעבן אַ שטעל־אויף אַ בליכער, מיט עטוואָס ציטערדיקע ליפּן; זיין שפּיציק בערדל האָט זיך נאָך שאַרפער פאַריסן אויף פאַרויס, זיינע אויגן האָבן איצט געברענט, געשאָסן מיט אַנגעגליטע שפּיזלען:

— פאַרלאָזן לעגינגראַד?—קיינמאָל נישט! עס טאָר ניט זיין דער פאַל! אפילו אויף קיין איין טאָג נישט! און ־ ־ ־ מיר וועלן זי נישט פאַר־לאָזן! איר זייט אַלע סטראַטעגן פון מלחמה . . . אָבער נישט פון רעוואָלו־ציע! ענטוזיאַזם! ווילן! — דאָס זיינען די געזעצן פון רעוואָלוציע! אונדזערע „פּוטילעווער" האָבן פאַרפאַרטיקט די ערשטע זיבן טאַנקעס . . . אַזעלכע ווי ביים שונא . . זיי וועלן קומען גלייך צו הילף. צען טויזנט רעוואָלוציאָנערן גייען אַרויס אין אַוואַנגאַרד! . . . איך אַליין גיי אינדערפרי אַרויס צו דער אַרמיי. איך וועל זיי איבערגעבן דעם באַפעל אַנצוגרייפן, און מיר — מיר וועלן זיי פּאַלגן! זיי וועלן פאָלגן דער רעוואָלוציע! פאַר אייך בלייבט איבער איצט — אויסאַרבעטן דעם פּלאַן פון דער אַטאַקע!

ער האָט עס אָפּגעזאָגט אַזוי, אַז קיינעם איז מער נישט איינגעפאַלן איבערצושפּאַרן. די גענעראַלן האָבן זיך איבערגעקוקט מיט וואונדער און מיט באַהאַלטענעם שמייכל. זיי האָבן לייכט געצויגן מיט די אַקסלען און דער הויפּט־גענעראַל האָט אַפילו אַ שמייכל געטאָן.

— אַזוי בלייבט עס!

דער פירער האָט זיך אויפגעהויבן:

— מאַכט פאַרטיק דעם פּלאַן פון אַנגריף; באַשטימט די קאָמאַנדירן פאַר אַלע טיילן. אינדערפרי הייבן מיר אָן דעם אַנגריף . . . אַז דער פּלאַן וועט זיין פאַרטיק — לאָזט מיר וויסן! . . .

האָט זיך אויסגעדרייט צום שטאַב־סעקרעטאַר:

— גיט גלייך איבער דעם באַפעל אין די קאַזאַרמעס: אַלע מאָבילי־זירטע חברים זאָלן גלייך אַרויסטרעטן אויפן פראָנט!

און ער איז מיט שטייפע, געציילטע טריט אַוועק צו זיך אין קאַבינעט.

ג.

אַ שניידנדיק פראָסטיקער פרימאָרגן האָט ווי שאַרף גלאָז זיך אַראָפּגע־

לאָזט איבער פעלדער און וועגן. דער שניי איז געלעגן אין פאַרפרוירענע כוואַליעס און דער ווינט האָט איצט שטיל־שאַרף געשניטן דאָס פּנים מיט שאַרפע מעסער. דער פראָנט איז געלעגן שטיל און געטשאַטעוועט אויפן שונאס רייען, וואָס זיינען געווען קוים מיטן אויג צו דערגרייכן. בלייכע, צעבעסטע, זיינען די מאָביליזירטע געלעגן אויפן שניי אונטער אויפגעשאָטענע בערגלעך און עקשנותדיק געשוויגן. די האַרמאַטן זיינען געשטאַנען ווייטער הינטער זיי מיט אויפגעהויבענע פּיסקעס און צערייצטע אומגעדולד האָט געדענ־דזשעט אין זייערע העלדזער. דער טאָג האָט געקוקט מיט גערינצלט פּנים. דער פראָסט איז געקראָכן הינטער די קליידער, געוואַקסן ווי שימל אויף די פּלייצעס און געשטאָכן דאָס לייב מיט טעמפּע נאָדלען.

די אַרמיי, וואָס איז נעכטן אָפּגעטראָטן, איז געווען דערוווייטערט פון די ערשטע רייען. זעלנער האָבן פאַרפולט די פאַרשטאָט, זיינען געשטאַנען אין גרופּן און געציטערט פון קעלט און מידקייט. פון די אויגן איז גערונען יאוש; פון די געזיכטער האָט געטריפט דערשלאָגנקייט און אין די לייבער האָט געריזלט באַגער נאָך וואַרעמקייט און רו. די קאָמאַנדירן זיינען אַרומ־געלאָפן אויף זייערע פערד. די וואָנסעס פאַרצויגן מיט פראָסט און די אויגן — קלענער און שאַרפער.

איבער פאַרשנייעטע פעלדער האָט זיך באַוויזן אַ רייטער. ער איז געריטן געלאָסן און אין אויסגעשטרעקטער האַנט, האָט געפלאַטערט ווייס פענדל. ער האָט זיך דערנענטערט צו ערשטע פּאָסטנס, האָט זיך אָפּגעשטעלט. צוויי באַוואָפנטע זיינען צו אים צוגעקומען. ער איז אַראָפּ פון פערד, און די באַוואָפנטע האָבן זיך אים געשטעלט פון ביידע זייטן. אַ דריטער האָט איבערגענומען דאָס פערד. מען האָט אים דורכגעפירט די ערשטע ליניעס.

דער געקומענער איז געווען אַ הויכער, יונגער אָפיציר מיט גאָלדענע שליפעס אויף די אַקסלען. אויפן קאָפּ אַ „פּאַפּאַכע" און פענסנע איבער די אויגן. פון „באַשליק" אַרום האָבן געשיינט ריין־ראַזירטע, ראָזעווע באַקן. ער איז געגאַנגען געשטרעקט, מיט שלאַנקע פיס אין גוטע שטיוול — און דעם קאָפּ האָט ער געטראָגן זיגעריש־פאַררים. די, וואָס זיינען געלעגן אויפן שניי האָבן אים באַגלייט מיט שפּיציק־דרילעווענדיקע בליקן. מעסער־דיקע ווערטער האָבן זיך ווי דינע, גרינע, שלענגלעך געבויגן, געדרייט. דער אָפיציר האָט לייכט געשמייכלט קוקנדיק אויף די ציווילע מיט ביקסן . . .

מען האָט דעם אָפיציר געבראַכט אין נאָענטן דאָרף, וואָס איז געווען פאַרפלייצט מיט זעלנער. אַלע האָבן געשוויגן און צעבראָכנקייט האָט געבויגן די נאַקנס. האָט דער אָפיציר זיך באַמיט איינצוהאַלטן זיין חוזק־שמייכעלע און נישט געקענט. זעלנער האָבן געקוקט אויף אים טעמפּ, נאָר די פּנימער האָבן זיך געקרומט:

— א ווייסער הונט!
—מיט שליפעס!
— אויפהענגען אים.
— ווי דאס גייט!
— אין זיין טרפהנער מאמען אריין!
דער אפיציר האָט זיך אנגעבלאָזן, געזאָגט צו זיינע באַגלייטער:
— כ׳קום מיט א שליחות . . . כ׳בעט נישט באַלײדיקן! . . .
— גוט . . . גוט . . .
דער אפיציר האָט געבראַכט צום קאָמאַנדיר פון די רעוואָלוציאָנערן א געשריבענעם פארשלאַג פון יודעניטש:
„ליידיקט אָפּ די שטאָט ביז צוועלף בייטאָג, אויב איר ווילט אויס־מיידן אומזיסטע בלוט־פארגיסונג.״
דער קאָמאַנדיר האָט דאָס פּאַפּיר דורכגעזיפּט מיט איין אויסגעצויגע־נעם בליק. האָט צונויפגעקלעמט די ברעמען און שטאַרק צונויפגעדריקט די ציין; האָט א ווײַלע שטאַרק אנגעשטרענגט געקוקט דורכן פענצטער פון פויערישן הויז.
עפּעס האָט זיין בליק געזוכט צו דערזען. דערנאָך געזאָגט:
— באַלד . . .
איז אריין אין צווייטן צימער, א ווײַלע געזוימט. און אפּאַראַט האָט ערגעץ געזשומעט . . . צוריק ארויסגעקומען, האָט איבערגעגעבן דעם אפיציר א פארמאַכטן קאָנווערט און דערביי געזאָגט:
— ביז צוועלף וועלן מיר לאָזן וויסן . . . גאַנץ באַשטימט . . . עס קען זיין . . . עס קען זיין . . .
דער אפיציר האָט זיך אויסגעדרייט צונויפקלאַפּנדיק די קנאַפּל. די באַגלייטער האָבן אים דורכגעפירט די פאַדערשטע רייען — דאָרט איז ער אויפגעזעסן אויפן פערד, גענומען דאָס צײמל אין די הענט און געזאָגט צו די באַגלייטער:—
— צי וואָס, ברידער, זיך שלאָגן? פאַר וואָס זאָלט איר זיך שלאָגן?
— שווייג!
דער אפיציר האָט אראָפּגעצויגן דעם קאָפּ אין די אַקסלען אריין:
— אנטשולדיגט.
— טראָג זיך אָפּ!
ער האָט א טרייב געטאָן דאָס פערד און מיט אויפגעהויבן ווייס פענדל אוועקגעיאָגט.
זעלנער אויפן שנײ האָבן הײס געסאַפּעט, געקריצט מיט די ציין. צאָרן האָט געדרילעוועט די ביינער.

ד.

דערווייל האָבן די כמאַרעס זיך גענומען רייסן. בלויע שטיקער האָבן געבליקט פון צווישן טונקל און העל־גרויע קריעס. דער ווינט איז געוואָרן נאָך שאַרפער.

שטילער מורמל — שטורעם־אַנקום אין געדיכטן וואַלד — האָט זיך דורכגעטראָגן צווישן הינטערשטע רייען און אַלע מיט אַמאָל האָבן דעם מורמל דערהערט:

— דער פּירער!

זעלנער האָבן זיך גענומען אויסגלייכן. קעפּ — אויסדרייען. פּאַרנאַ־פונג האָט געשוועבט פון פּנים צו פּנים. זעלנער האָבן זיך גענומען צונויפ־שפּאַרן, זיך געטוליעט איינער צו אַנדערן. ווי שטילער שטראָם האָט באַגייס־טערונג אַ פלייץ געטאָן:

— אַ . . .

— אַ, דאָרט . . .

— ער קומט . . .

די מאַסע אויפן פּלאַץ האָט געיערט, געוואַקסן געדיכטער און גרעסער, דאָס פעלד איז געוואָרן געדיכט באַוואַקסן, און פון ווייטן שניידט זיך אויטאָ־מאָביל אַרומגערינגלט מיט רייטער, וואָס זיצן אויף זייערע פערד געבויגענע און שטילע. אין דער מאַסע האָט גענומען אויפוואַכן, זיך רייניקן. איצט איז מען געשטאַנען מיט נייגער, מענטש צו מענטש נאָענט, אַקסל צו אַקסל געטוליעט. די פּנימער ליטערן זיך. ווערן מענטשלעכער, אומרואיקער, און די מידקייט שיילט זיך און וועפּט אויס.

די מאַסע האָט זיך צעשפּאָלטן, אַריינגעלאָזט אויטאָמאָביל מיט רייטער אין מיטן. און:—

— אַ—אַ—אַ—אַ!

דער פּירער האָט זיך באַוויזן. געשטאַנען שטיל אַ ווײַלע מיט פאַר־פרעסטע ליפּן. די שאַרפע אויגן האָבן געבלאָנקעט איבער טויזנטער קעפּ און געזיכטער. פּאַטערלעכקייט האָט געפּליסט פון די אויגן. אַלע האָבן געשפּירט די היימישקייט און שאַרפקייט פון די בליקן. און דער פּירער שטייט געשטרעקט, גלייך, פעסט, רואיק מיט פאַריסענעם קאָפּ. זיין פּאַלטאָ— דער זעלבער שטאָף ווי די שינעלן ביי די זעלנער. דאָס היטל — מיליטעריש. אָן אייגענער . . . אַ נאָענטער . . . זיין פּנים — פאַרשטייפט מיט אנגצויגענע מוסקולן, עס פינקלען די גלעזלעך איבער זיינע אויגן. די בליקן שטעכן דורך דאָס גלאָז. שטייט ער, שווייגט, קוקט אָן, און די הערצער קלאַפּן

האסטיקער, הייסער. אומגעדולד וויקלט זיך ארום לייבער. מען ווארט אויף זיין וואָרט.

— גוט מאָרגן, ברידער מיינע!

א פּאָר שטימען גיבן היים א דרילעווע דעם דרויסן, נאר דער פירער האָט אויסגעשטרעקט א האַנט:

— שווייגן! דער שונא לויערט! . . .

שטיל. מען הערט נאר דעם ווינט, וואָס ציט דין קול איבער קעפּ. אַלע אויגן — אויסגעשטעלט אויף אים. ער הייבט אָן. הארציק, היימיש טייכל שלענגלט זיך. עס רעדט געטרייער פאָטער צו זיינע פאַרמאַטערטע קינדער:

— ווייסט איר ברידער און חברים, וואָס מיר ווילן? ווייסט איר צוליב וואָס מיר שלאָגן זיך? — אָט וועל איך אייך זאָגן.

קאָמאַנדירן גאַפּען מיט קיילעכדיקע אויגן. בליקן בלאָנדזשען פאַרוואונ־דערט: א לעקציע אין מיטן דערינען? . . .

נאר די זעלנער הערן. זייערע אויגן ווערן קלאָרער, גלאַנציקער. געזיכטער שיינען, לייכטן. עס שמעקט מיט גליק . . . מיט זוניק גליק. . .דער פירער רעדט געלאַסן, אזוי איינפאך און ברידערלעך־ווארעם: ס׳קומט גליקלעך לעבן אויף דער וועלט . . . יושר און גערעכטיקייט נידערט אראָפּ אויף דער ערד. קיינער לעבט נישט פון אנדערנס מי און קיינעמס פּראַצע ווערט נישט בארויבט. מענטשן ארבעטן. אַלע ארבעטן. מיט געזאנג און הנאה גייט די ארבעט, אפגעווישט איז זארג פון געזיכטער און ליכטיקע זון שיינט איבער אַלע קעפּ . . . נישטא מער די בושה פון הונגער און צער פון נישט באקליידט און באשיכט . . . אין די שטובן—וויים, ליכטיק און ווארעם. לאָז אָפן די טירן און קיינער וועט גארנישט אוועקנעמען . . . יעדער האָט וואָס ער דארף, וויפיל ער דארף . . . קינדער אין די שולן. שיינענדיקע געזונטע פרויען אין היימען, און געראטענע, געזונטע טעכטער אין טאנץ און מיט יובלדיק געזאנג אין אפּרו־צייט.

פאר די אויגן וואַקסט גליק פון וועלכן יעדער האָט אין זיין קינדהייט געחלומט. די פּנימער ווערן ליכטיקער, די הערצער — פריילעכער. מען פילט נישט מער די קעלט. שמייכל בליט אויף די ליפּן. די מיילער זיינען צעעפנט. טרינקען באַלזאם . . . די ווערטער זיינען געשמאקע, זוניקע. און:—ס׳איז גארנישט אזוי שווער. אָט דאָס לעבן ווילן מיר איינפירן. און — מיר וועלן. איבער אַלע וועגן מארשירט דאָס גליק צו אונדז און:—ס׳וועט מער נישט זיין פּאָר וואָס בלוט צו פאַרגיסן. אויס מיט ליידן און יסורים. יום־טוב וועט שטיין אויף דער וועלט.

די מאַסע אטעמט מיט צעהיצטע אויגן. ס׳איז דאך אזוי איינפאך און פארשטענדלעך: אָט, אָט, און ס׳קומט דאָס גליק. און ווען אַלע אויגן

זיינען צעשיינט, אַלע מיילער צעעפנט, צעשמייכלט זיך דער פירער:

— קינדער! ווילט איר אַזאַ לעבן? איר ווילט דאָך?!

— יאַ־אַ־אַ . . . יאַ־אַ־אַ! . .

שטילער, שטאַרקער רעווע שלאָגט פון קינדעריש־צעוואָרימטע הערצער.

— געוויס ווילט איר . . . מיר אַלע ווילן עס . . . שוין גענוג האָבן מיר געליטן . . . הונדערטער יאָר געליטן . . . און ווייסט איר ווען דאָס וועט זיין?

רוט אָפּ אַ ווײַלע און הערבער:

— ווען מיר . . . די רעוואָלוציע וועט גובר זיין!

— מיר וועלן . . . מיר וועל־ל־ן . . .

— געוויס וועלן מיר . . . און ווייסט איר, וואָס עס וואָלט געווען ווען ער — שטרעקט ער די האַנט צום שונא — דער פיינט וואָלט מנצח געווען? אָט וועל איך אייך זאָגן:—

די געזיכטער קאָנוואולסירן: מען האָט זיך גאַר געהאַט פאַרגעסן אָן שונא. איצט שטייען אפיצירן מיט אויפגעריסענע אויגן ווי פאַר אַנטפּלעקונג.

— אָט וואָס עס וועט זיין:—

דאָס קול — פאַרביטערט, אנגעזאַפּט מיט פּיין, האַרט און צעוויי־טיקט. שוואַרצע כמאַרעס לויפן זיך צונויף פון אַלע זייטן. עס ווערט פינצטער. מחנות ווערן געטריבן מיט בייטש און ביקס איבער וועגן און פעלדער . . . קאַלטע, פינצטערע קאַזעמעטן יאָגן נאַכט אויף דער נשמה. הונגער, קעלט, נאַקעטקייט, באָרוועסקייט און הילפלאָזיקייט יאָמערן . . . הענט שטרעקן זיך און אָן אַראַפּניק שלאָגט איבער זיי. בייטש טאַנצט איבער געבויגענע פּלייצעס . . . פייכטע קעלערס . . . נישט געהייצטע אויוונס . . . קראַנקע פרויען . . . אויסגעבלייכטע קינדער . . . פאַרשוואַרצטע טעכטער . . . געשענדעטע פון פריץ . . . געשמיסענע פון פּריצישע וועכ־טער . . .

די פּנימער — רינצלען זיך, באַציען זיך מיט שוואַרצע הויטן . . . אויגן צינדן זיך מיט צאָרן . . . ציינער קריצן . . . הייסע ראַקעטן שלאָגן שטיל מיט איינגעהאַלטנקייט:

— נידער מיט אים!

— אַ טויט דעם שונא!

דער פירער האָט איצט אויפגעהויבן זיין שטים: פאַר וואָס? פאַר וואָס אַזוי פיל פּיין און יסורים? און זיין שטים וויגט זיך ווי אַ גלאָק: אָט איז שוין דאָס גליק און די פרייד אויסגעשמידט . . . קומט שונא און פאַר־לענדט אַלץ, אַלץ וואָס איז דורך בלוט אין לעבן דערגרייכט געוואָרן. גיהנם

נידערט אראָפּ אויף דער וועלט . . .

ס'ביילן זיך פויסטן. ס'בליט האַס. פאַרביסנקייט זידט. אפּיצירן שטייען שוין צעטראַגן און אומגעדולד ברענט די פּיס.

— וועט איר לאָזן דעם שונא אומברענגען אונדזער גליק? ענטפערט!

— ניין! קיינמאָל נישט!

רעוועריען דרייען זיך צוזאַמען ווי שטריק. נישטאָ מער קיין סימן פון מידקייט אויף די זעלנער. פייער צינדט אַלע גלידער.

— ווער זשע וועט זיגן?

— מיר־ר־ר!

— די רעוואָלוציע!

— אויף לעבן און טויט!

פון הינטערן דאָרף האָבן זיך באַוויזן זיבן טאַנקעס. איבער יעדער — גרויסע רויטע פאָן. פלאַטערן זיי, די פענער און שרייען איבער ווייסע פעלדער. מעכטיק רוקן זיך די נייע טאַנקעס און די פענער ציען רויטע פּאַסן . . .

— און איצט! —

שטאָל אין קול: —

— אָנגרייפן!!!

מעכטיקער גלאָק האָט ארויסגעוואָרפן האַרטן קלאַנג. אַלע האָבן מיט־אַמאָל דערהערט דעם באַפעל. געשריי האָט זיך געקייטלט, געבראָכן, באַהעפט, צעריסן, און: —

די האַרמאַטן האָבן גענומען זעצן. מיט באַטויבנדיקע געשרייען האָט אַרמיי זיך אַ וואָרף געטאָן פאָרויס. דער רעש איז געקומען אַזוי פּלוצלונג, אַזוי מיטאַמאָל. די ערד האָט זיך צעבראָכן, דער הימל — צעפּליקט, ים איז ארויס פון די ברעגן. פאַרפלייצונג יאָגט שטורעמדיקע כוואַליעס איבער שניי־פעלדער. הימל, ערד און דרויסן האָבן גענומען ליאַרמען מיט באַנומענע קולות.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווי צעקאַכטע לאַווע איז די רעוואָלוציע־אַרמיי אַנגעלאָפן אויף שונאס לאַגערן. די קאָמאַנדירן האָבן קוים די זעלנער דעריאָגט. דער שונא איז צעמישט געוואָרן, האָט זיך פאַרלוירן. הענט און פיס זיינען אָפּגענומען געוואָרן. ליאַרם און מהומה איז אַריין און צעמישט זיינע רייען. פלאַמען האָבן געשלאָגן און געברענט אונטער די פיס. אומזיניק געלויפעריי איבער פעלדער, פערד וואַלגערן זיך איבער מענטשן, מענטשן פאַלן איבער פערד. מען שליידערט די ביקסן און די לאַווע רוקט זיך און פאַרשלינגט . . . און: —

דעם שונאס האַרמאַטן זיינען געבליבן פאַרלאָזטע אין פעלד. דאָס געיעג איז צעשטראַמט. שונאס סאָלדאַטן שטייען אויף די קניען מיט אויפגעהויבענע, ליידיקע הענט . . . שונאס קאָמאַנדירן לויפן אויף זייערע פערד. די קוילן דעריאָגן, יאָגן דורך זייערע פּלייצעס און זיי פאַלן פאַרבלוטיקטע אויפן שניי. שווידערלעכע קרעכצערייען טרינקען זיך אין אויסגעצויגענע מרוטשן . . .

און דער פירער שטייט אין זיין אויטאָמאָביל, קוקט דורך בינאָקל און קען שוין זיין אַרמיי נישט דערגרייכן. אַ פאַרוואונדעטער זעלנער הינקט אויף אַ פוס און איילט פאָרויס מיט אַ ביקס אין האַנט . . . אַנדערע צוויי, רייסן זיך פון די סאַניטאַרנס הענט, קאַראַבקען זיך אויף אַלע פיר און ווילן נישט אָפּטרעטן . . .

ס'שטייט דער פירער, קוקט אין זיין בינאָקל און זעט: מען פירט אַהער גאַנצע מחנות געפאַנגענע, באַזיגטע, און ליכטיקער שמייכל בליט אויף זיינע ליפּן . . .

— — — — — — — — — — — — — — —

דעם אָוונט האָט די הויפּט שטאָדט צוריק געלויכטן. די גאַסן זיינען געווען ליכטיק, יום־טובדיק און פון אַלע זייטן האָט זיך געטראָגן יובל פון אָרקעסטערס, וואָס האָבן געזונגען אין נאַכט אַריין דאָס געזאַנג פון נצחון . . .

פילאַדעלפיע, 1926

שלאַכט

א.

פּולווער־שטויב, געמישט מיט געדיכטן רויך, איז קנוילנדיק געקראָכן איבערברייטן פּאַס ערד, וואָס ליגט צווישן פינצטערע וואַסערן און פירט צום האַלב־אינדזל קרים, וואו דער שונא האָט זיך באַפעסטיקט. ריזיקע העל־דזער האָבן ערגעץ מוראַדיק געכאַרכלט אין נאַכט אריין. פון פינצטערע היילן האָט עס געשפּיגן מיט שוואַרצע, שווערע קלעפּ, וואָס זיינען געפאַלן צו דער ערד, זיך אין איר איינגעגעבערט. די פאָדערשטע מחנות פון דער רעוואָלוציע־אַרמיי האָבן מיט הייזעריק, געשטיקט רעווען דורך פאַרקלעמטע ציין, זיך געריסן פאָרויס אין פייערדיקן קאָרידאָר.

— ל־י־ג־ן!

ווי דורך דיקער וואַנט איז דער באַפעל אָנגעקומען צו פאַרטויבטע אויערן. די ערשטע רייען, פאַרנאַנדערגערוקטע און צונויפגעשמאָלצענע, זיינען געפאַלן צו שוואַרצער ערד. צעהיצטע שווערע הענט און פּנימער האָבן דורשטיק זיך געקלעפּט צו קילקייט, די געשרייען זיינען מיטאמאָל איי־בערגעריסן געוואָרן.

די העלדזער האָבן נאָך ערגעץ געכריפּעט מיט מידקייט, שווערער קלאַפּ האָט וואַרטשענדיק געבלאָנדזשעט , זיך אָפּגעטונקען און שווערער וואַסער־אויפשפּריץ איז ווי געשריי אויסגעגאַנגען. איינציקע בליצן האָבן דורכגע־שפּאַרט די פינצטערקייט און אויסגעלאָשן.

ס'איז געוואָרן שטיל, ווי נאָך אַפלויפנדיקן שווערן שטורעם.

— אָ־פּ־ר־ו־ע־ן!

קיינער האָט דאָס קול ניט געהערט נאָר די מחנות האָבן דאָס מיט די לייבער דערפילט.

דער רויך האָט זיך גענומען אַפּוויקלען, אַוועקבלאַנדזשען. געשטאַנען איז שאַרפער ריח ווי נאָך אַ נאַר־וואָס איינגעלאָשענער שריפה. ערגעץ האָט נאָך געררייכערט, דער רעש האָט זיך געטראָגן אין ווייטקייט ווי אַ גרויסע סטייע פייגל וואָלט נאָר וואָס פון דאָגען אַפּגעפלויגן. איצט האָט מען דער־הערט: איינגעהאַלטענע, אויסגעצויגענע קרעכצן האָבן זיך געריסן דורך פאַרשטשעמעטע ציין פון פאַרוואונדעטע.

די רייען זיינען געלעגן פאַרפרוירענע אויף שווארצער ערד. גאָר שטיל האָבן זיך באַוועגט סאַניטאַרן, שעפּטשענדיק מיט קורצע, אָפּגעהאַקטע ווער־טער. איינבייסנדיק מיט די ציין אין די קרעכצן, האָבן זיך פאַרוואונדעטע געלאָזט צונויפנעמען. געטאָן האָט מען עס מיט פאַרהוילנקייט, ווי מען גנבעט זיך איבער אַ גרענעץ אין אַ פינצטערער נאַכט.

איצט האָט מען געזען: הימל הענגט איבער קאָפּ. ליכטיקע אויגן ווינקען פון דאָרט. נישט ווייט זיינען די ערשטע דראָט־פאַרצוימונגען. די פינצטערניש האָט געבליאַקעוועט. איצט האָט מען געפילט: זומער־ווינט שפּאַצירט באַרוועס איבער קעפּ און העלדזער. דער שטויב האָט געררייצט די הויט, געביסן די אויגן. און פון ווייטן — שווארצקייט גלאַנצט אין נאַכט; די וואַסערן ליגן דאָרטן מיט פאַרבאַרגענער פאַרביסנקייט און שווארצע גע־ביידעם זיצן אויף זיי מיט די פיס אונטער זיך . . . די אויגן האָבן געזוכט, זיך אָפּגעשטעלט אויף די דראָט־פאַרצוימונגען: פּלעקער שטאַרצן פון דער ערד, פון איינעם צום אַנדערן — געדיכטער געפלעכט, וואָס איז דאָ און דאָרט צעריסן און ליגט צונויפגעקלאַטשעט.

„מען האָט דערגרייכט.”

אין די הערצער איז געוואָרן ליכטיקער. שטילע בשורה האָט זיך אין זיי אריינגעגאָסן, „מען איז דאָך צו עפּעס דערגאַנגען פאַר די עטלעכע שעה וואָס די שלאַכט האָט געברענט.” אין די קעפּ איז געווען נעפּל. מען האָט געדענקט און נישט געדענקט די פאַרגאַנגענע שעהן. ווילאַנג איז מען געקראָכן אין פייערדיקן „קאָרידאָר”? ווילאַנג האָט די שלאַכט געברענט? און דאָרט זיצט דער שונא, זיצט ווי אַ שווארצער הונט אין אַ נאָרע פאַר־שטעקט. ס'האָט זיך נישט געקלערט: ווער ליגט דערנעבן? לעבט דער חבר? די רייע ליגט. די מחנה לעבט, ס'איז דאָ רייע און מחנה. איצט ליגט מחנה אויף דער ערד רייע נאָך רייע.

ס'איז שוין געווען אינגאַנצן שטיל, די מידקייט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די גופים. דער שונא שווייגט, אַלע זיינען דאָרט אין מידקייט פאַר־טרונקען, ניטאָ מער קיין שאַרף פון דאָרט. פּראָזשעקטאָר־אויג שרייבט פייערדיקן קרייז אין שווארצקייט און לאָזט גלייך אַראָפּ די ברעם. בלויז דער זומער־ווינט גלעט די רייען מיט קילער האַנט.

שלאָף האָט גענומען שווערן די אויגן־דעקלעך. האָבן זיי זיך אראָפּ־געלאָזט, זיך געקלעפּט צו די אויגן. א רגע האָט זיך געטראַכט: „מען טאָר ניט איינשלאָפן", נאָר דאָס טראַכטן האָט גלייך אויסגעוועפּט.

ס'איז געוואָרן שטיל איבער דעם גאַנצן שטח.

* * *

הינטער די רייען, ביים אנהייב פון „קאָרידאָר", נישט ווייט פון פּלאַץ וואו די הארמאטן זיינען געשטאַנען און געשוויגן מיט פארגליווערטן געבּרום אין די פארשטאַרטע העלדזער — איז די קאָמאַנדע געזעסן אויף דער ערד; גע־זעסן שווייגנדיק, מיד, און צווישן — דער קאמאנדיר יושקעוויטש.

אַלע האָבן געשוויגן. אויסגעזעצן אין זייערע ברייטע שינעלן ווי קליינע סטאַיקעס היי אויפן פעלד ביינאַכט. זיי האָבן געריייכערט די געוויקלטע פּאַפּיראָסן פון די אַרבל אַרויס; דער אויפלייכט פון יעדן צי איז געבליבן אין אַרבל און אין אויגן. מען האָט געאָטעמט טיף ווי נאָך שווערער אַרבעט. זיך צוגעהערט צו דער נאַכט, געוואַכט איבער די מחנות, וואָס זיינען געלעגן געטוליעט צו דער ערד ווי קינדער איינגעשלאָפענע אין מאַמעס שויס.

דער קאָמאַנדיר האָט זיך אויפגעשטעלט; איז געבליבן שטיין אין שינעל, אַ הויכער, גלייכער, ברייטפּלייציקער, מיט שפּיציקן היטל אויפן קאָפּ. האָט אויס־געזען: ריזיקע בראָנדז־פיגור פון אַלטע צייטן; די לאַנגע פיס—איינגעוואַקסן אין דער ערד. איז ער אַזוי געשטאַנען אַ ווײַלע, נעזוכט מיט פאָרשונג אין דער נאַכט, זיך צוריקגעזעצט און פון די ליפּן האָט זיך אָפּגעשיילט:

— איינגעשטילט.

ס'איז צוריקגעקומען אַ שעפּטשע:

— פאַרמאַטערט אויף טויט.

ווערטער האָבן זיך ווייך געבויגן, שטיל געפאַלן ווי בלעטער פון בוים:

— ווי די הינט אין דער נאָרע.

— זיך קוים דערוואַרט אויף אָפּרו.

— געדונגענע . . . ווערן גיך מיד . . .

ווידער שטיל, הוילקייט רופט פון דער נאַכט. ווידער האָט דער קאָ־מאַנדיר אַרויסגעשעפּטשעט:

— פראַנצויזישע האַרמאַטן.

אַ וואָרעם האָט זיך אַ קאָרטשע געטאָן:

— וורַאַנגעלס פאַרבינדעטע.

מיט האַלבן זיפץ:

— ווען מיר פּאַקן זיי.

— זיי וואָלטן צוניץ געקומען.

— זיי אונטערטרייבן מיט די אייגענע האַרמאַטן . . . ניט שלעכט.

— אונדזער ארמיי דאַרף זיי.

מען איז געזעסן אויף דער ערד. זיך געבויגן. געלענט אויף די עלנ־בויגנס; די אומרו האָט אין די לייבער געקאָכט. אַלע ווײַלע האָט מען זיך גענעבן א זעץ אויף, זיך ארומגעקוקט, צוריק זיך געבויגן.

די נאַכט האָט שוין איצט געוועלטיקט. צו די אויערן האָט דערגרייכט ווייטער רויש פון כוואַליעס. דין רעוּוען האָט זיך געצויגן פון ים. פון ווייטנס זיינען געשטאַנען רייען הארמאַטן, וואַרטנדיק מיט פּאַרקאַכטקייט אין די העלדזער. פון די פלאַנגען האָט זיך דערטראָגן אפּגעריסן פערדיש הירזשען.

„אונדזער קאַוואַלעריע".

— אַז זיי וועלן א טרייב טאָן — אָהאָ!

— די פראַנצייזישע האַרמאַטן וועלן בלייבן אויף אונדזער זייט.

— פראַנצייזישע האַרמאַטן!

— געקומען אהער . . . הינטישע זין . . .

אין די קאַמאַנדירישע הערצער איז געשטאַנען בענקשאַפט נאָך די שווערע הארמאַטן; בענקשאַפט פון אָרעמע נאָך רייכע הייזער . . . אָט קען מען זען זייערע סילועטן פון ווייטן. מינוטן טריפן לאַנגזאַם ווי טראָפּנס טינט . . .

— ווען מען גיט איצט א טרייב!

— דער „קאָרידאָר" איז א שלעכטער.

— אָבער אַזוי פּלוצלונג, מיט אַמאָל!

— די חברים זיינען פאַרמאַטערט . . . א רחמנות.

— וועט מען וואַרטן ביז איינדערפרי?

דער קאַמאַנדיר האָט געשוויגן. האָט זיך געוואָלט דערמאָנען עפּעס וויכטיקס און ניט געקאָנט. געוואוסט: ער דאַרף עפּעס געדענקען, אָבער וואָס? נאָך פאַרנאַכט, ווען די ארמיי האָט באַטראָטן דעם „קאָרידאָר", האָט ער געהאַט איינזינען זייער א וויכטיקע זאַך . . . מען מוז עס געדענקען . . . און די צייט רוקט זיך; אין לייב עגבערט מיט אומגעדולד געהילט אין בלינדער שרעק: ער מוז זיך דערמאָנען . . . ער מוז . . .

די גאַנצע קאַמאַנדע האָט זיך מיטאַמאָל געגעבן א זעץ אויף: ווייכע פאַרזיכטיקע טריט האָבן זיך דערנענטערט.

— א רייטער.

ס'האָט אויסגעזען: די גאַנצע קאַמאַנדע זיצט די גאַנצע צייט און וואַרט אויף אָט דעם רייטער. ווי דער גורל פון די שווערע פראַנצייזישע האַרמאַטן, וואָס וועקן אַזוי פיל קנאה אין הערצער, הענגט אָפּ פון אָט דעם רייטער. די ווייכע טריט פון די פערדישע פּאָדקאָוועס אין זאַמד זיינען געוואָרן גאָר נאָענט. אַלע·האָבן זיך אויפגעשטעלט אויף די קניען; דערוואַרטונג האָט געעגבערט פון די אויגן. יושקעוויטש האָט זיך אויפגעשטעלט, געמאַכט א פּאָר טריט

פארויס, האלטנדיק די רעכטע האנט אויפן הענטל פון זיין רעוואָלווער.

שטיל כארכלען פון פערדישע נאזלעכער איז צוגעקומען.

— חבר קאמאנדיר?

— „פּאראָל”?

— „דאנבאס”.

— איך הער.

דער זעלנער איז ניט אראָפּ פון פערד, האָט זיך איינגעבויגן, ארויס־געשעפּטשעט:

דער חבר קאמאנדיר פון דער ארטילעריע וואָס געפינט זיך אויפן רעכטן פלאנג —

— וואָס?

—געשיקט דערמאנען: נאך א צוויי שעה צום צופלוס.

— אָ!

איצט האָט זיך יושקעוויטש דערמאנט. האָט אזש אויפגעשווידערט. גענומען באוועגן מיט די פינגער פון די הענט.

— ער ווארט אויף אינסטרוקציעס. דער צופלוס קען צוקומען ביז די הארמאטן און זיי וועלן נעמען זינקען.

— באלד וועט מען באשליסן.

— ווארטן?

— געוויס.

דער רייטער איז שטיל אראָפּ פון פערד, זיך געזעצט האלטנדיק די לייצן אין האנט. יושקעוויטש האָט זיך אראפּגעלאָזט אויף די קניען:

— א באראטונג.

— עפּעס פּאסירט?

— אין צוויי שעה ארום קען מען דערווארטן דעם צופלוס.

— צופלוס?

—די הארמאטן קענען זינקען.

כדי צו קענען באשיסן פון רעכטן פלאנג די שיפן פון שונא, וואָס האָבן געהאלטן דעם „קארידאָר” אונטער פייער — האָט מען געהאט צוגעפירט די הארמאטן נאָענט צום ברעג.

א קוק אויף האנט־זייגערל ביים צי פון פּאפּיראָס:

— איצט איז צוועלף . . . נאך צוויי שעה . . . אריבער צוויי שעה.

עס האָט גענומט גלייך באשלאָסן ווערן: צוריקציען די הארמאטן, און דאָס הייסט: ארויסציען די ארמיי פון „קארידאר” . . . אויב אזוי איז די פריי־ערדיקע דריי שעהדיקע שלאכט געווען אומזיסט . . . אדער — גלייך אנהייבן אן אנגריף, דורכרייסן די דראט־פארצוימונגען, זיגן אָדער אפּטרעטן.

דער קאָמאַנדיר האָט געזאָגט:
— מיר טאָרן ניט האָבן קיין אומזיסטע שלאַכטן.
— וואָס עס דאַרף זיין שפּעטער זאָל זיין פריער!
— רעוואָלוציע־כח וועט מידקייט פאַרטרייבן!
— ווילן צום זיג איז שטאַרקער פון מידקייט.
— אָנגרייפן?
— אָנגרייפן!
— די האַרמאַטן וועלן אונדזערע זיין!
— גלייך איבערגעבן דעם באַפעל.
און צום רייטער:
— פאַרלויף צום לינקן פלאַנג אויך . . . איך, קום גלייך אַהין.
— גוט.
מיט איין שפּרונג געבליבן זיצן אויף זיין פערד, וואָס האָט שטאַרק אַ פאַרים־געטאָן דעם קאָפּ און אוועק.
יושקעוויטש האָט באַפוילן:
— יעדער צו זיין טייל! איך — צו מיין קאַוואַלעריע־קאָרפּוס.

ב.

קורצער אַפגעהאַקטער שעפּטש איז געקראָכן צווישן די רייען אויף דער ערד ווי פייער איבער טרוקענעם גראָז־פעלד.
— זייט גרייט!
שטיל באַוועגונג צווישן רייען. ס'האָט אויסגעזען: שרעקלעך־גרויסער בית־עולם האָט זיך גענומען רירן אין מיטן נאַכט. טויטע וואַכן אויף. אויגן האָבן זיך געעפנט. פינגער האָבן געקרעמפּט אַרום די ביקסן. די קעפּ זיינען אויסגעלייטערט נאָך דער שעה פון רו. איצט האָט מען זיך דערמאָנט און געטראַכט: מען מוז דעם לעצטן שונא באַזיגן. מען האָט געזען די שוואַרצע באַפעסטיקונג פאַר די אויגן. די דראָט־פאַרצוימונגען האָבן געקוקט מיט פאַרגליווערטער עקשנות. די פלעקער האָבן ווי פאַרטאַיעטע קאַטערס געטאַרטשעט. און די עקשנות אַפּצעווישן די באַפעסטיקונג, האָט געבויערט די ביינער, געמאַכט ציטערן דאָס לייב, געמאַנט פאַרביסן. הענט האָבן געטאַפּט קוילן־טאַשן, געלאָדן די ביקסן. דאָרט שלאָפט דער שונא אין שוואַרצקייט. . . „מיר וועלן אים אויפוועקן".
ס'האָבן צעציטערט די רענדזשענדיקע העלדזער פון דער לאַנגער רייע

הארמאטן, נישט וויט פון אנהויב „קארידאר". פראזשעקטארס האָבן געשניטן די נאכט מיט לאַנגע, דיקע בייטשן ליכט; געליינט די שפּיצן אויף באַפּעסטונגען און דראָט־פּאַרצוימונגען, באַטאַפּט בלינדע קרייסערס, וואָס זיינען ווי סאָוועס געזעסן דרימלענדיק אויף שווארצע וואסערן ביי די זייטן פון „קארידאר", און גלייך: צענדליקער פּיסקעס האָבן גענומען שפּייען מיט רויטע שטיקער און מיט שווארצע קנוילן. געקאַטשעט האָבן זיך שווערע קלעפּ, געפאַלן אי־ער דראָט־פּאַרצוימונגען, געריסן די ערד און שווארצע פאנטאנען האָבן אויפ־געשפּריצט און צוריקגעפאַלן. גלייך האָט געדיכטער רעש זיך אויפגעכאַפּט ביים שונא. פייערבייטשן האָבן גענומען צוריקשמייסן, פאַסן ליכט מיט פאַסן ליכט האָבן זיך צונויפגעשלאָגן, שווער געוויכטיקע סנאריאדן האָבן די לופט צעציטערט, זיך אויסגעמיטן, זיך אנגעריבן און די ערד האָט גענומען קאָכן. פייער לאַווע האָט איבער איר געזאָטן. דער שטויב האָט געדעקט פּנימער און העלדזער, האָט געטריקנט די ליפּן, אין די אויגן האָט שווארץ פייער זיך צעצינדן, ווילד, תאוהדיק, און די אויערן זיינען געוואָרן אנגעשטרענגט; גע־דורשט נאך באַפעל.

ס'האָט זיך אנגעצונדן די געגנט. די נאכט האָט זיך באַגאָסן מיט בלוט. דער „קארידאר" האָט געברענט. די קלעפּ האָבן זיך געקייטלט. קלאַפּ אין קלאַפּ. זעץ אין זעץ. זיך ארומגעכאַפּט, זיך צעריסן. אויסגעלאָשן דער הימל. צווישן די מחנות פאַלן שווארצע בערג, דעקן צו דראָט־פּאַר־צוימונגען, רייסן זיך פון דער ערד מיט געוויין, געשריי קוילערט זיך ווי צישען פון שלאַנג:

— אָנ־גריי־פ־ן!

און ווי דאס וואָרט האָט זיך דערקוילערט צו די אויערן, איז די שווארצע רייען שגעון באַפאַלן. קריגער פון פארגאנגענע דורות האָבן זיך פון דער ערד אפּגעריסן, זיך א וואָרף געטאָן מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן און אויפ־געפלאַצטן כעס. די פּיס האָבן זיך געטראָגן אין לופטן. פינגער האָבן אימ־פּעטיק געצווינגן די צינגלעך. ס'האָט אויסגעבראָכן ווילד רעווען, ווי שטורעמדיקע כוואַליע וואַלט זיך דורך דאך אין גרוים לידיק הויז אריינגעריסן. פייער מיט שווארצן שטויב האָט זיך געקנוילט איבער אקסלען און קעפּ, די געשרייען האָבן געריסן ווי די ליארמען פון חיות אין ברענענדיקער שטאַל . . . די פּראָזשעקטארס האָבן געליינט פייערדיקע פּאַסן, מענטשן זיינען ווי בלינדע, שווארצע קעץ געקראָכן איבער צעגליטע דראָטן; געקראָכן איינער איבער אנדערן, איינער אונטער אנדערן; געבליבן הענגען אויף פּלעקער, געפאַלן אין גריבער, זיך געקוילערט פון בערגלעך, און די מאַסע שפּאַרט געדיכטער, שגעון טרייבט, ווייטיק טרייבט, דאס לייב רייסט זיך אין פייער אריין, עס קנוילט מיט מענטשלעכע גופים ווי געקנויל פון שלאַנגען און עס רעוועט

איין געשריי. אינמיטן: דאָס רעוועו האָט זיך צעריסן אין טויזנטער רע־וועריען: אריבער די ערשטע פּארצוימונגען! דאָס געשריי רייסט די נאכט אין שטיקער, שרייט אריבער דאָס קלאַפּן פון די סנאַריאַדן.

שווארצע אָקסן גראָבן מיט הערנער די ערד. שפּריצט־אויף די שווארצע ערד ווי וואַסער־זײַלן, הענט און פיס טרייסלען זיך אין די אויפשפּריצונגען. די רייען שטופּען זיך, לויפן איינע איבער די אנדערע, שווארצע גופים דעקן די דראָטן, די פּלעקער זעען זיך שוין ניט ארויס. פּלוצלונג: פון די זייטן רייען האָבן רייטער זיך א לאָז געטאָן. ליאַרם פון ערדציטערניש וועו הייזער פאַלן, פון אונטער דער ערד האָט עס א פּלייץ געטאָן. פערד פליען, טראגנדיק געבוויגענע מענטשן, אין די ליכטיקע פּאַסן טרייסלען זיך פערדישע פיס, שפּרינ־גען איבער דראָטן, אט קומט א זעץ און קערט איבער דאָס פערד מיטן רייטער, אט שפּרינגט א צווייטס, בלײַבט הענגען מיט בויך איבער דראָטן, אנדערע שפּרינגען איבער דעם, עס ברענט און אין דער שרפה קנוילן זיך מענטשן און פערד.

די הארמאטן זעצן ריטמיש, מיט הנאה, דער קאָמאנדיר **יושקעוויטש** זיצט אויף זיין פערד פאַר די רייען קאוואַלעריע אויפן פלאַנג. ס׳ציטערט אין די פערדישע העלדזער. ס׳קאַנוואַלסירן די נאָזלעכער, ס׳קאַכט אין די פיס, און יושקעוויטש פּילט: ווייטיק וויקלט זיך ווי אײַזערנע רייפן איבער האַרץ און פּלייצע. פאַרקילט געוויין ריזלט אין די אדערן. נאָר די אויגן רייסט ער ניט אָפּ פון דאָרט וואו עס קנוילן זיך די מענטשן. אבער מיטאַמאָל האָט ער די אויגן אפּגעקלעפּט: שווערער זידיקער קעסל האָט זיך צעריסן: אויף א קרייסער האָט א פּייער־צונג געגעבן א שפּרונג־אויף און — דער קרייסער, וואָס האָט באוואכט דעם טייך ביים לינקן ברעג, איז אראָפּ פון זינען, האָט זיך מיט איילעניש א לאָז געטאָן, יאָגט אוועק מיט פייער און ליאַרם, דער פּראזשעקטאָר יאָגט נאָך און ער לויפט — דער טייך איז אָפן!

— די בריקן!

באפעל פאַלט אין נאַכט אריין:

— די הארמאטן פון רעכטן פלאַנג — צום „קאָרידאָר"!

א רייטער יאָגט אוועק.

די בריקן פאַלן איבער טייך, אָן זין, אָן טעם, משוגענע הענט בלויז וואַרפן בריקן.

— מיט מיר!

געדיכטע רייען רייטער באוועגן זיך איבער בריקן. פערד רייבן זיך איינס אָן צווייטן. טאַפּטשען שטיל, שטויסן זיך, לאָזן בלעזלעך דורך צעברענטע נאָזלעכער. ווייסער שוים ריזלט אין ווינקלען פון ציטערדיקע פּיסקעס און אין יושקעוויטשעס בלוט האָט פרייד אויפגעזונגען: דער־

גריכט דעם באדן הינטערן שונאס פלייצעס . . .

— הורא! הור־ר־ר־א!

אייזערנע פעסלעך קייקלען זיך אין דער נאכט, שלאָגן זיך צונויף, צע־פאלן זיך.

די רייטער טראגן זיך אין ווילד געלאף אויף דעם שונא פון דער אנדערער זייט באפעסטונגען. די געשרייען לויפן פארויס. ווילדער זיפץ פון שונאס גאנצער מחנה האָט אריינגעציטערט אין פינצטערער וועלט. דער שונא האָט אַן קול זיך צעליארעמט. ערד און הימעל און נאכט שרייען איין געשריי, וואָס פארטויבט די וועלט, אז מען הערט שוין ניט דאס געשריי. דער שונא האָט ארויסגעלאָזט די לעצטע יללה. זיך געוואָרפן אונטער די פיס פון פערד. „שטיקעס" גראָבן זיך אין לייבער, דרילעווען די ביינער, א געפלעכט פון מענטש און פערד . . . ציין בייסן האלדז, פינגער בויערן פנימער, אויגן. ס'פאלט זיגער איבער באזיגטן. מענטש אויף פערד, פערד אויף מענטש.

הארמאטן זעצן נאך פון וויטן, נאר דאָ אויף די באפעסטונגען זיצן זיי שוין שטיל, האָבן נישט קיין כח מער.

דער קאמאנדיר יושקעוויטש האָט דערפילט: עפעס איז אריין אין זיין לינקן ארעם. האָט דערזען: צעגליטע, היהשע אויגן דרייען זיך ווי גלאָז־נעווינטן און שרייען מיט יאָמער. ער האָט ארויסגעלאָזט א קרעכץ, אים גלייך צוריקגעשלונגען. די רעכטע האנט האָט א דריק געטאָן דאָס צינגל פון רעוואָלווער. די ביקס איז געפאלן צוזאמען מיט דעם, וואָס האָט איר געהאלטן, און צוריקגעשלעפט די שטיק פון האנט ארויס.

ער האָט זיך א וואקל געטאָן, נאר א פאָר אייזערנע, חברשע הענט האָבן אים ארומגעכאפט, ניט געלאָזט פון פערד אראָפפאלן.

איצט האָט דער ווייטיק פון ארעם א שלאָג געטאָן אין קאפ אריין. גע־הערט האָט ער דעם ווילדן יובל פון זיג, וואָס האָט זיך ווי פארפלייצונג געטראָגן פון „קארידאר". ער האָט נאך א טראכט געטאָן:

— דעם שונאס הארמאטן זיינען געבליבן.

דאַן האָט זיך אויסגעמישט אין קאָפ — נעפל . . .

— — — — — — — — — — — — — —

ליכטיקער זומער־מארגן איז שטיל געשטאנען אויף דער וועלט. יונגע זון האָט געשמייכלט איבער האלב־אינדזל און געגאסן בלייך גאלד אויף די וואַ־סערן. די רעוואלוציע־קאוולעריע האָט זיך ווילד געטראגן פון שטאט צו שטאט. נאר אין די שטעט האָבן איבער שטילע גאסן זיך ארומגעדרייט

ארבעטער און פּויערים מיט ביקסן אויף די אַקסלען:

— שוין אַנטלאָפן!... אַלץ געלאָזט און אַנטלאָפן צו די שיפן!...

ביי די ברעגן פון האַלב־אינדזל זיינען געשטאַנען שיפן, אויפגעקליבן פאַרשוואַרצטע אָפיצירן. אויף די גאַסן און וועגן זיינען געלעגן איינציקע פאַר־שוינען, געלעגן מיט די פּנימער צו דער ערד און מיט צעוואָרפענע הענט און פיס.

קרים איז געווען פאַרנומען פון דער רעוואָלוציע־אַרמיי.

ג.

אין דער שטאָט, וואָס ליגט די ערשטע אויפן „קאָרידאָר", וואָס ציט זיך צווישן וואַסערן, איז נאָך דער שלאַכט־נאַכט געשטאַנען שווערער שרפה־ריח, נאָר דער הימל איז געווען בלוי, אויסגעוואַשן: אַ זון, אַ גאָלדענע, איז גע־לעגן מיט אַ שמייכל איבער די גאַסן. ס'האָט אויסגעזען: טירן און פענצטער זיינען צעעפנט און די הייזער שטייען ליידיק; אויף די גאַסן האָבן זיך געקליבן ארבעטער און פּויערים־יונגען. פון אַלע זייטן זיינען זיי געקומען, דורכ־געצויגן געסלעך מיט פאַרביסענע צעפרייטע פּנימער און רויטע פענער האָבן איבער די קעפּ געפלאַטערט מיט יום־טובדיק געלעכטער. די יונגען האָבן גע־שפּאַנט מיט אייזערנע טריט און געגאָסענע פּלייצעס. געזאַנג האָט געזאָטן אין זייערע העלדזער; פרייד האָט זיך געשטיקט אין זייערע לייבער, אזש געבליצט די פּנימער.

פאַר די הייזער זיינען געשטאַנען פרויען און קינדער. די קינדער האָבן זיך געריסן פון די מאַמעס, און, מיט בלייכע פּנימלעך, נאָך דער שלאָפלאָזער נאַכט, זיך באַהעפט מיט די גרופּן; פרויען זיינען געשטאַנען מיט אויס־געצויגענע געזיכטער פון איבערגעלעבטער שרעק. די פיס פון די שפּאַנענדיקע האָבן ריטמיש אויסגעשלאָגן זיכערקייט און זיג. די גרופּעס האָבן זיך צונויפ־געשלאָגן אַרום דעם ווייסן גרויסן הויז, וואו די קאָמאַנדע פון די זיגער האָט זיך געפונען. דער גאַנצער פּלאַץ אַרום האָט זיך אָנגעפּאַקט מיט פלאַטערדיקע פענער און קעפּ — אַ צונויפגעשאַרטע, געדיכטע מאַסע לעבעדיקע פיש, נאָר וואָס פון וואַסער אַרויסגעצויגן. מיטאַמאָל האָט געשריי זיך אַ שלאָג געטאָן פון אַלע העלדזער און דעם שטילן דרויסן צעריסן:

— הוראַ! הור־ר־ר־ראַ!

ס'איז שוין געווען אינמיטן טאָג. זון איז געשטאַנען איבער קעפּ, זיך געשמאָלצן פון תענוג און באַגילדט די פענער, די אַנטבלויזטע קעפּ:

— אונדזער קאמאנדיר! זאָל לעבן!

די פרייד איז געזעסן אין די לייבער, האָט געציטערט פון אומגעדולד, געוואַרט אויפן קאמאנדיר. מען האָט גערופן זיין נאמען, אַלע אויגן זיינען ווי פליגן באַפאלן דעם באַלקאָן, וואָס איז ליידיק געהאנגען אין דערוואַרטונג — דער קאמאנדיר האָט זיך ניט געוויזן.

— אונדזער קאמאנדיר!

דער קאמאנדיר איז געזעסן אין הויז אין אַ טיפן שטול. דאָס צימער איז געווען גרויס, ליכטיק און ליידיק. זיין פּנים איז געווען בלייך — ווייס פּייער האָט געברענט אונטער דער הויט, און זיין גאַנצער גוף ווי אַ ליידיקע קרוג. פּוסטקייט פון עלנט פעלד האָט פון אים אַרויסגעוויינט דורך די אויגן . . . זיין לינקע האנט איז געווען ווייס באַנדאַזשירט און אויפגעהאנגען אויף שוואַרצן באַנד וואָס האָט זיין האַלדז אַרומגענומען. זיין קאָפּ איז געווען געבויגן, די שרעק איז געזעסן אויפן קאַרק. ער האָט נאָך אַלץ געזען דעם גרויל פון פאַרגאַנגענער נאַכט: מענטשן, שוואַרצע, שטומע, קלעטערן איבער דראָט־פאַרצוימונגען, זיילן פייער גלעטן קופּעס מענטשן, וואָס קנוילן זיך ווי ווערעם איינער איבער אַנדערן, וויקלען זיך אין פינצטער אַריין, קרעכצן בלעד־לען אויף ציטערדיקע ליפּן . . .

ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן־דעקלעך, פאַרשטעלט די אויגן און נאָך שאַרפער געזען: אין ליכט פון פייער־שטראָם שפּרינגט אַ פערד, טרייסלט מיט פאַדערשטע פיס, פאַלט אַריין אין מענטשן־קנויל.

האָט גיך צעעפנט די אויגן, אין לייב איז געשטאַנען אַ ציטער מיט אַן איבל. ער האָט מיט דער רעכטער האַנט געגלעט די לינקע, פאַרבאַנדאַזשירטע. אַ קליין ביסל טרייסט איז געווען אין דער פאַרוואונדעטער האַנט . . . אָבער: „וויפיל זיינען דאָרט געבליבן ליגן? וויפיל לעבנס קאָסט דער זיג?”

צו זיינע אויערן האָט נישט דערגרייכט דאָס יובלען און רופן פון פאָלק. דאָס טויט־געשריי פון געפאַלענע האָט געגעשט אַרום אים און דעם יובל־געשריי ניט צוגעלאָזט.

מיט שטילע אַבלדיקע טריט איז אַריין דער געהילף.

— דאָס פאָלק רופט!

— האָ?

— דער פּלאַץ איז פול . . . אַרבעטער און פּויערים . . . מען רופט דעם קאָמאַנדיר . . .

— גוט.

אויפן באַלקאָן האָט זיך באַוויזן דער קאמאנדיר אַרומגערינגלט פון זיין שטאַב. די פרייד האָט זיך אַרויסגעריסן פון די לייבער. דאָס בלייכע, אויסגעמאַטערטע פּנים זיינס, די ווייס־באַנדאַזשירטע האַנט האָט אָנגעצונדן

ווילדן ענטוזיאזם און אויפגעריסן די פרייד. פאַנגען האָבן זיך גענומען טרייס־לען, היטלען האָבן ארויפגעשאָסן, און דאָס געשריי האָט געשלאָגן ווי א שלאַקס־רעגן:

— זאָל לעבן אונדזער פירער!

— זאָל לעבן אונדזער העלד!

— זאָל ל־ע־ב־ב־ן!

די פּנימער האָבן זיך געצונדן. אויגן האָבן געבלישטשעט ווי גלאַנ־ציקע, שווארצע דימענטן. מיילער זיינען געשטאַנען אפענע, קיילעכדיקע. אקסלען האָבן זיך געשטרעקט. זון האָט מיטגעזונגען.

נאר דער קאמאנדיר האָט זיך אפילו קיין ריר ניט געטאָן. ער איז געשטאַנען גלייך און דער גרויסער צער, וואָס האָט געקלעמט זיין הארץ האָט שטיל געטרויערט דורך דער הויט פון זיין פּנים. זיינע בליקן האָבן זיך געשטרעקט צום „קאָרידאָר".

אין געדיכטען עולם האָט זיך אריינגעשטופּט — ווי א קלין אין גע־שפּאָלטן האָלץ — א פרישע גרופּע מיט פענער און ארקעסטער. גלייך האָט אויפגעשאָלט דאָס געזאַנג פון נצחון.

אַלע זיינען פארשטארט. דער קאמאנדיר האָט אויפגעהויבן די האַנט צום היטל, נאר קיין סימן פון פרייד איז נישט געווען אין אים. דאָס פּנים איז געבליבן פארגליווערט אין טרויער.

דער ארקעסטער איז שטיל געוואָרן. די הערצער האָבן גענומען שרייען פרייד דורך אפענע מיילער. דא האָט דער קאמאנדיר אויסגעצויגן די רעכטע האַנט. דאָס געשריי איז איבערגעשניטן געוואָרן, ווי מיט א שאַרף מעסער, מיט איין שניט. אויגן האָבן ארויפגעגלאַנצט מיט אנטציקונג. מיילער — געעפנט ווי דארשטיקע.

— קומט אהין צו אונדזערע געפאַלענע.

ער האָט עס ארויסגעזאָגט מיט אזא קול, אז די פרייד האָט זיך אפּגע־ווישט פון די פּנימער, די יובל־מחנה האָט זיך איבערגעבראכן אין א טרויער־מחנה. שטיל האָט מען זיך גרופּירט, אויסגעשטעלט. דער קאמאנדיר, אין באַגלייטונג פון זיין נאָנצן שטאַב און א גרופּע באוואפנטע זעלנער, האָבן זיך געלאָזט פאָרויס. נאָך זיי האָט זיך שטיל געצויגן די טרויער פּראצעסיע.

געקומען צום פּלאַץ, וואו ביז איצט זיינען געווען דעם שונאס באַפעס־טונגען. געטראָפן דאָרט דעם שונאס הארמאטן, וואָס זיינען איצט געשטאַ־נען פארשעמטע, מיט פארבונדענע פּיסקעס, האָט זיך דער קאמאנדיר אויפגע־שטעלט אויף א בערגל, געבליבן שטיין געפרוירן:

דער „קאָרידאָר" איז געווען פארשטאָפּט מיט מענטשלעכע קערפּערס. גאַנצע שטויסן זיינען זיי געלעגן. איינער איבער אנדערן, אַ צווישן—

פערד מיט פארגליווערטע, שטארע פיס און אויפגעלאָפענע בייכער ווי די קעסלען. געלעגען זיינען הרוגים מיט אפענע ווייסע אויגן צום הימל, מיט אויפ־געשטעלטע קניען, מיט צונויפגעקוועטשטע הענט. די זון האָט געשיינט אויף געל־שווארצע פנימער. איבערגעצויגענע מיט שטויב זיינען זיי געלעגן און געשוויגן ווי די ערד . . . פליגן האָבן זיך געקלעפּט צו צעעפנטע, פאר־בלוטיקטע מיילער און נאזלעכער, און געוויינט האָבן פנימער מיט אזא געוויין וואָס די וועלט האָט נאָך נישט געהערט . . .

די וואסערן פון וויטן האָבן געשוויגן מיט אראָפּגעלאָזטע ברעמען. די זון האָט צעקרימט דאָס פּנים ווי א זקן, וואָס דאָס הארץ האָט אים פארקלעמט.

און יושקעוויטש האָט א טראכט געטאָן:

„דאָס איז שלאכט".

ווי ער וואָלט זיך איצט קלאר דערוואוסט, וואָס דאָס איז אזוינס. און ער האָט איצט נישט פארשטאנען: „ווי אזוי האָט עס פאסירט וואס טויזנטער לעבנס זיינען אונטערגעהאקט געוואָרן אין איין נאכט? ווי אזוי?"

די מאסע האָט געשוויגן. די פענער האָבן אראָפּגעלאָזט די אויגן, גע־בויגן די העלדזער.

דער קאָמאנדיר האָט געזאָגט מיט א פרעמד קול:

— זעט! טויזנטער פון אונדזערע בעסטע חברים ליגן דאָ . . . אין איין נאכט זיינען זיי אומגעקומען . . . איך האָב געזען ווי זיי זיינען ווי קדושים געקראָכן אין פייער. . .ס'איז אונדזער שטאלץ, אבער נאָך מער אונזער ווייטיק און אונזער טרויער . . .בייגט די פאנען, בייגט די קעפּ . . .

אלע קעפּ אנטבלויזט, זיך געבויגן ווי געדיכט פעלד אונטער ווינט. די פאנען האָבן זיך אבלדיק גענייגט. דער קאמאנדיר איז געשטאנען מיט געזונ־קענעם קאָפּ, געבראָכן, געפילט ווי טרערן שפּארן זיך צו די אויגן. און דאָס שווייגן פון דער מחנה האָט מיט מוראדיקן טרויער געליארמט אין זוניקער וועלט אריין.

די געגנט האָט איינגעהאלטן דעם אטעם. אזא טרויער־געשריי האָט נאָך הימל און ערד נישט געהערט . . .

פילאדעלפיא, מאַי 1927

א משפּט

זאָרין, פּאָליטקאָם פון צוועלפטן קאַוואַלעריע־קאָרפּוס, איז ראַפּטום אויפגעקומען פון זיין טראַכטן; האָט זיך ארומגעקוקט מיט פארגליווערט איינגעפאַלן פּנים; מיט אויגן ווי צוויי געוואַשענע שוואַרצע וויינטרויבן און האָט זיך אויסגעגלייכט אין שטול: איצט איז שוין געווען שטיל ארום. די צימערן פון קאָרפּוס־שטאַב האָבן שווער געשוויגן. די קאַנצעלאַריע־טיר איז צוגעפאַלן מיט דינעם, אויסגעצויגענעם קרעכץ און לעצטער קלאַנג פון שפּאָרן האָט געוועפּט. ערגעץ נאָר האָט זיך פאַרזעצט אַ שרייב־מאַשינקע און גיך, אין איין אָטעם, געשאָטן קורצע, האַרט־ביינערדיקע קלעפּ אין שטיל־קייט אריין.

יאָ. עפּעס איז דאַ נישט גלאַטיק.

דורכגעפירט די לינקע האַנט איבער די שוואַרצע פּאַסמעס האָר, וואָס זיינען געלעגן צעשאָטענע אויף זיין קאָפּ; די ליפּן זיינען געווען צוזאַמענגע־קלעפּט און די קנייטשן ביי די ליפּן זיינען געוואָרן טיפער.

נאָך אין דער פרי, ווען ער איז אריין אין שטאַב, האָט ער געטראָפן: ביי דער שוועל פון קאָמאַנדירס צימער איז געשטאַנען דראַזדאָוו, אָט דער הויכער, שלאַנקער שטאַב־אָפיציר מיט די בלאָנדע האָר. איז ער געשטאַנען מיט אַ מין פאַרבאָרגנקייט אונטער דער הויט פון פּנים, דעם קאָפּ עטוואָס געבויגן. אין טיר איז געשטאַנען פּאָפּאָוו, דער הויפּט פון שטאַב, און שטיל געשעפּטשעט. דראַזדאָוו האָט שטיל געענטפערט:

— גוט . . . איך הער . . .

איצט געדענקט זאָרין: ווען פּאָפּאָוו האָט אים באַמערקט, האָט עפּעס געגעבן אַ זאָפּ־איין אין זיין פּנים. אָט אַ שטייגער ווי טראָפּן וואַסער, וואָס

פאַלט אויף אנגעהייצטער בלעך, גיט אַ טריקן־אוים. זיינע ליפּן האָבן אַ שעפּטש געטאָן. דראַזדאָוו האָט זיך געגעבן אַ דריי־אוים, צונויפקלאַפּנדיק די קנאַפּל. אַז ער האָט דערזען זאַרינען, האָט אויך זיין פּנים געגעבן אַ פאַרגליווער; זיינע אויגן האָבן משונה אַ פינטל געטאָן. פּאַפּאָוו האָט לייכט אַ שמייכל געטאָן באַגריסנדיק זיך מיט אים. אָבער דער שמייכל איז בלויז געלעגן אויף די ליפּן ווי ארויפגעלייגט. זאַרין האָט געהאַט דאָס געפיל אַז מען קען דעם שמייכל מיט אַ פינגער אראָפּווישן.

— פאַראַן אַ באַריכט?

— פאַראַן.

פּאַפּאָוו איז אריין אין זיין קאַבינעט. זאַרין נאָך אים.

זאַרין איז געשטאַנען אַ געבויגענער, געקוקט אין באַריכט פון פראָנט: דער פּוילישער פראָנט האַלט זיך; די רויטע ארמיי מאַנעוורירט; מען דערוואַרט די קאַוואַלעריע . . . ער האָט נישט געקוקט אויף פּאַפּאָוון, נאָר געפילט האָט ער: אין זיינע אויגן ברענט איצט אַ שמייכעלע, אַן אמת שמייכעלע, וואָס באַלעקעט ארוים רויט חוזק־צינגל. אפילו זיינע האַרטע, טונקל־בלאָנדע האָר, וואָס זיינען געשוירן אין אַ „יאָזש" און שטייען ווי נאָדלען—אויך זיי שמייכלען. נאָר ווען זאַרין האָט אויסגעקערעוועט צו אים די אויגן, איז דער שמייכל אין די אויגן געווען איינגעזאַפּט און דער באַזונדערער שמייכל איז צוריק געווען אָנגעטאָן אויף די ליפּן.

— שוין דאַ אַ באַפעל?

פּאַפּאָוו האָט די ליפּן נישט פאַנאַנדערגעקלעפּט. זיי זיינען געבליבן אונטער די געדיכטע וואָנסן, וואָס האָבן זיי צוגעדעקט. האָט בלויז אויס־געצויגן די האַנט און אָנגעוויזן.

זאַרין האָט מיט די אויגן גיך אויסגעזופּט דעם באַפעל: דער הויפּט־שטאַב באַפעלט דעם צוועלפטן קאָרפּוס צו זיין גרייט און גלייך ארויסמאַר־שירן צום פראָנט.

נישט אויפהייבנדיק די אויגן האָט ער געפרעגט:

— אין צוויי טעג ארום, הייסט עס?

— יאָ.

— אונדזער קאָרפּוס איז גרייט?

— גרייט אונדזער קאָרפּוס.

זאַרין האָט דערפילט: צערייצטקייט האָט מיט שטאָך געגעבן אַ שלאָג־ ארויף אין האַלדז אריין. דאָס וואָרט „אונדזער" איז ארויסגעקומען ווי געשליפענע פייל . . . עפּעס איז געווען אין וואָרט באַהאַלטן. ער האָט געגעבן אַ הייב־אויף זיינע שוואַרצע אויגן, אָבער דאָס שמייכעלע איז אַלץ געלעגן ארויפגעקלעפּט אויף פּאַפּאָווס ליפּן. ער האָט די צערייצטקייט אראָפּגע־

שלונגען.

— און א באקאנטמאכונג צום מיליטער?

— וועט מען ארויסגעבן.

— מאָרגן?

אלץ וועט זיין פּינקטלעך.

מאדנע ווי פּאפּאוו האלט זיך. ער מיט זיין גאנצן שטאב אָפּיצירן זיינען ווי ארומגעגרענעצט. אים, זארינען, לאָזט מען נישט איבערטרעטן די גרענעץ. אלע זיינען פון דער אלטער ארמיי... צוריקגעקומענע נאך גענעראל ברוסילאָווס אויפרוף... „עכטע רוסן״... אַ? דער פראנט אבער ווארט, די פּאָליאקן קריכן... און דער קארפּוס — אין פּאפּאָווס הענט...

מיט א וואָך צוריק, ווען פּאפּאָוו האָט געמאכט א „סמאטאר״ פון קארפּוס, האָבן אים די סאָלדאטן אויפגענומען מיט יובל... עס האָט א שמעק געטאָן מיט פארביסענעם אָטעם פון דער אלטער ארמיי... און אין צוויי טעג ארום דארף דער קאָרפּוס ארויסמארשירן צום פראָנט... יאָ.

ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, געקוקט אויף דער וואנט פון זיין צימער אויף וועלכער ער אליין האָט אויפגעהאנגען די בילדער פון די צוויי פירער; זיך איינגעקוקט אין זייערע פּנימער. איינער האָט לייכט געשמייכלט מיט עטוואָס צונויפגעזשמורעטע אויגן. דער צווייטער האָט געקוקט שטרענג, מיט פארביסנקייט און עקשנות. אים איז אויסגעקומען אז די בילדער זיינען דאָ אויך אין דער פרעמד...

ער האָט אנגעטאָן די לעדערנע קורטקע מיטן רויטן שטערן אויפן ארבל. באטש אין דרויסן איז געשטאנען יונגער פרילינג. האָט אָנגעטאָן דאָס מיליטער־היטל מיטן שפּיץ, גענומען די טעקע און מיט פעסטע טריט ארוים פון צימער, צייַלנדיק זיינע שפּאן דורך דעם קלינגען פון די שפּאָרן.

אין קאנצעלאריע איז געווען ליידיק. א זעלנער בלויז, האָט זיך דאָרט ארומגעדרייט און צוגערוימט. די זון האָט שוין געהאט אפּגעטראָטן פון די פענצטער און די שויבן זיינען געווען באדעקט מיט מאטן שאָטן.

— אלע זיינען שוין אוועק?

דער זעלנער האָט זיך אויסגעגלייכט:

— שוין פון לאנג.

— פון לאנג?

— אויף מיטאָג... וועלן שוין באלד זיין צוריק.

— קיינער איז נישט געבליבן?

— דער „דעזשורני״ בלויז.

— גוט.

נאָך וואָס האָט ער דאָס געפרעגט? אים איז אויסגעקומען אז ער

האָט געדאַרפט זען עמעצן פון די שטאַב־אָפיצירן. עפּעס האָט ער געדאַרפט פרעגן זייער אַ וויכטיקע זאַך. וואָס אַזוינס? עס האָט צו טאָן מיטן אַרויס־מאַרשירן אויפן פראָנט. יאַ . . . אָבער וואָס?

ער איז אַרויס פון שטאַב. געגאַנגען מיט גיכע, פאַרנומענע טריט פון די טרעפּ, פאַרבייגעגאַנגען די וואַך, זיך באַגריסט מיט די זעלנער, געהאַט אין זינען עפּעס צו פרעגן ביי זיי און גאָרנישט געפרעגט. גע־גאַנגען איבער דער גאַס מיט גיכע טריט, געטראַכט אַליין נישט וויסנדיק וואָס. פאַר די אויגן: דראַזדאָוו שטייט גלייך מיט געבויגענעם קאָפּ, הערט זיך צו צו פּאַפּאָווס רייד. אים איז אויסגעקומען: אַלע אָפיצירן פון שטאַב געפינען זיך איצט ערגעץ צוזאַמען . . . ריידן צווישן זיך מיט איינגעהאַל־טענע שטימען . . .

— חבר פּאַליטקאָם?

געפרעסט איז דאָס קול געקומען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אויפ־געהויבן די אויגן. אין אָנפאַנג גאָרנישט פאַרשטאַנען. פאַר אים איז גע־שטאַנען אַ זעלנער, אַ מיטל־געוואַקסיקער, אַ פרעמדער, סקולאַטע טונקל פּנים מיט ברענענדיקע אויגן.

— כ׳וואַרט אייך דאָ אָפּ.

— מיך?

— זענט איר דער חבר פּאַליטקאָם?

— איך.

— פון צוועלפטן קאָרפּוס?

— נו יאַ . . . און איר?

— אַרבעט אין שטאַב־דרוקעריי.

— אָ!

זאַרין האָט איצט דערפילט ריח פון וויכטיקן סוד. האָט אויפגע־צויגן דעם קאָפּ. יענער האָט זיך באַמיט צו זיין רואיק. עפּעס געהיימעס האָט זיך בלויז געקנייטשט אויף זיינע טונקעלע ליפּן:

— איך האָב אייך אָפּגעוואַרט.

— וויכטיק?

— זייער.

— נו?

— נישט דאָ . . . וואו?

— אין ראַטן־הויז.

— גוט . . . ווען?

— כ׳גיי גלייך.

— כ׳קום באַלד.

דער זעלנער האָט זיך גלייך אפּגעקערט פון אים. זאַרין האָט גענומען גיין און באַלד דערפילט ברענענדיקע אומגעדולד. די אומגעדולד איז גלייך צעוואַקסן, זיך גענומען אריינגיסן אין אַלע גלידער. ער האָט גענומען אײַלן, שפּאַנען האַסטיק, שנעל, געאָטעמט טיף און געפילט: דער אָטעם ווערט קורץ. די אומגעדולד איז געוואָרן איבער זיינע כחות; די פיס האָבן נישט געוואָלט נאָכהאַלטן; דאָס האַרץ האָט זיך צוזאַמענגעדריקט. ער האָט איצט געפילט מיט אַלע חושים, אַז דאָס האָט צו טאָן מיט דעם, וואָס דראַזדאָוו איז געשטאַנען היינט אינדערפרי פאַר פּאַפּאָוון . . . עפּעס דאַרף איצט אַנטפּלעקט ווערן. אָט,אָט, קומט ער צו דער טיר, וועט זי עפענען און וועט אַלץ דערזען.

— העי! „איזוואָשטשיק"!

דער געשריי איז אַרויס אַזוי אימפּעטיק, אַז דער דראָזשקאַזש האָט מאָמענטאַל געגעבן אַ קערעווע אויס דאָס פערד, איז גלייך שטיין געבליבן פאַר אים.

— וואוּהין?

ער האָט אים געזאָגט. איז אריין אין דראָזשקע און צוגעשריגן:

— אָבער שנעלער!

דער דראָזשקאַרזש האָט גלייך דערפילט די אומגעדולד; האָט גענומען טרייבן דאָס פערד. די רעדער האָבן זיך צעשריגן און די גאַס פאַרהילכט.

— — — — — — — — — — — — — — —

ענדלעך האָט זאַרין דערהערט טריט אין קאָרידאָר. ער האָט אויפגעפּראַלט די טיר און דער זעלנער איז אריין. נישט זאַרין האָט עפּעס געפרעגט און נישט דער זעלנער האָט עפּעס געזאָגט. ער האָט אריינגערוקט די האַנט אין בוזעם, האָט אַרויסגעשלעפּט אַן אַפּדרוק, וואָס האָט זיך אויסגעטרוקנט שוין אין קעשענע און איז דערפאַר געוועזן נישט גלאַט און בלעכיק. האָט אים דערלאַנגט זאַרינען.

זאַרין האָט מיט עטוואָס ציטערדיקע הענט געהאַלטן דאָס קוויטיקע שטיקל פּאַפּיר, האָט געלייענט די באַקאַנטמאַכונג צום מיליטער און געפינטלט מיט די אויגן, ווי ער וואָלט נישט גוט געזען די ווערטער.

דער זעלנער האָט אַרויסגעשטאַמלט:

— כ'האָב עס גלייך דערשמעקט . . . עס שמעקט מיט קאָנטער-רעוואָלוציע . . .

— מיט קאָנטער-רעוואָלוציע?

— אַז מען הייסט זיך נוקם זיין אין יידן . . .

— וואו האָסטו יידן?

— אָט איז דאָך: „די אַנטי־קריסטן, די ספּעקוליאַנטן . . . זיי זיינען קעגן די רוסן" . . .

— יאָ, יאָ, ריכטיק.

— כ'האָב עס גלייך דערזען . . . און אַז מען זאָגט „אַנטי־קריסט" הייסט עס ווי מען זאָגט „זשידי". אַלע ווייסן עס. און דאָס ווייסט מען אויך: אַז מען הייסט שלאָגן יידן, אַ סימן: קאָנטער־רעוואָלוציע . . . מען ווייסט שוין . . .

— אמת.

—נו, האָב איך מיר געטראַכט: די רעוואָלוציע איז אין סכנה . . . האָב איך געמאַכט אַן אָפּדרוק . . . געבראַכט צו אייך . . . פאַרשטאַנען; אַז אַ פּאָליטקאָם, הייסט עס, פון רעוואָלוציע . . .

— און דו חבר?

— מיט דער רעוואָלוציע . . . אַ קאָמוניסט . . .נאָך פאַר דעניקינען געוועזן . . .

— אַ דאַנק דיר חבר . . . זייער גוט געטאָן . .

— און איך מוז שוין לויפן. האָט עס אין זינען, חבר פּאָליטקאָם! . . . מען וויל פאַרראַטן די רעוואָלוציע . . .

— איך וועל שוין וויסן וואָס צו טאָן.

זארין האָט וואַרעם געדריקט די פאַרהאַרטעוועטע האַנט פון זעלנער. געפילט: אָט דער זעלנער האָט איצט זיין לעבן געראַטעוועט . . . האָט אים צוגעפירט צו דער טיר. זיך דערמאָנט:

— שוין אָפּגעדרוקט?

— נאָך נישט חבר . . .ערשט מאָרגן וועט מען דרוקן . . און דרוקן דאַרף מען אַ סך . . .

— איז גוט.

האָט אים ווידער געדאַנקט און אַרויסגעלאָזט.

איצט איז אַלץ קלאָר געוועזן.

* * *

זארין איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין אין מיטן צימער. ער איז איצט געוועזן רואיקער. די אומגעדולד האָט שוין נישט געברענט. אין קאָפּ איז געוואָרן קלאָרער; וואָס זשע דאַרף ער איצט טאָן?

אַזוי שטייענדיק האָט ער געלאָזן צונויפגעלייגט דעם אָפּדרוק, פּינקטלעך צוזאַמענגעלייגט, דערנאָך אים אַריינגערוקט אין קעשענע פון

זיין לעדערנער קורטקע וואָס האָט זיך פאַרקנעפּעלט; צוגעגאַנגען צום פענצטער, שטיין געבליבן, אויפגעהויבן די האַנט מיטן זייגערל: ס'איז פיר . . . לויט דער אַלטער צייט — לויט דער זון — איז איצט צוויי. ווי ווייט איז ביז צום הויפּט־שטאַב פון דער קאַוואַלעריע? מיט אַ גוט פערד קען ער דאָרט אָנקומען אין דריי שעה. אַהאַ.

ווידער דערפילט אַז די אומרואיקייט נעמט ברענען זיין לייב. אָבער ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו בלייבן קאַלט, אויסגערעכנט.

ער איז אַרויף אויפן גאַס, צוגערופן אַ דראָזשקע און זיך געהייסן פירן צום שטאַב. דאָס מאָל האָט ער דוקא נישט געאײַלט; האָט מורא געהאַט אַרויסצולאָזן די אומגעדולד פון די ברעגן. די דראָזשקע איז אָבער צום שטאַב נישט דערפאָרן; אויפן ראָג גאַס האָט ער געהייסן זיך אָפּשטעלן. צום שטאַב איז ער צוגעגאַנגען דוקא מיט געלאַסענע טריט.

ער איז אַרום אויפן הויף. דאָרט האָבן זיך געפונען די וואַך־קאָמאַנדע און די שטאַלן. ער איז איצט געגאַנגען מיט פעסטע טריט און זיינע שפּאָרן האָבן שאַרף געצוילט די שפּאַן. האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער שטאַל, זיך אַרומגעקוקט, דערזען דעם יונגען זעלנער, וואָס איז געווען שטאַרק רירעוודיק אפילו שטייענדיק אויף אַן אָרט. דאָס איז געווען אַ בלאָנדער דאַרער שייגעץ מיט געוואַלדיק שאַרפע באַוועגונגען: אַ הייסער רייטער פון דאָנער געגנט און האָט שטענדיק געהאַלטן אין איין זינגען. דער שייגעץ האָט גלייך אויפגעכאַפּט דעם בליק, האָט זיך צעשמייכלט. זאַרין האָט אויפגעהויבן אַ האַנט. דער שייגעץ איז גלייך צוגעלאָפן.

— דיין נאָמען, חבר?

— זשאַראָוו איז מיין נאָמען.

— ווער בין איך, זשאַראָוו?

— חבר פּאָליטקאָם פון אונדזער קאָרפּוס.

— ריכטיק, פיר מיר אַרויס אַ פערד . . . אַ רירעוודיקס!

— גלייך.

אין אַ ווײַלע אַרום איז נעבן זאַרינען געשטאַנען אַ קליין רויט פערדל. דאָס פערדל איז געשטאַנען און געציטערט מיט דער פעל פון אומגעדולד. ס'איז געווען שטאַרק אויסגערוט און געוואָלט צו לויפן.

— און דו, זשאַראָוו? האָסט חשק צו פאָרן מיט מיר?

— חשק האָב איך . . . אויב איר וועט באַפעלן.

— פיר אַרויס דיין פערד!

אַרויסרייטנדיק פון הויף האָט זאַרין דערזען: דראָזדאָוו קומט אָן, גייט מיט גיכע טריט, איז שטאַרק פאַרנומען.

— חבר אַפּיציר.

דראָזדאָוו האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיך באַמיט צו שמייכלען.
— איז מיין אנוועזנהייט איצט נייטיק דען אין שטאַב?
— ס'הייסט?
— איך וויל זיך אביסעל דורכלופטערן.
— זיכער קענט איר!
— אפילו אויף א פּאָר שעה?
— אין שטאַב איז היינט נישטא וואס צו טאָן.
— צום ווידערזען, חבר.
— צום ווידערזען.
ביידע פערדלעך האָבן זיך אַ לאָז געטאָן.

דראָזדאָוו איז געבליבן שטיין אויף די טרעפּ, וואָס פירן אין שטאַב אריין, האָט נאכגעקוקט ווי די פערדלעך טראָגן זיך אוועק. גרינער שמייכל האָט אויסגעקרומט די ליפּן זיינע, וואָס זיינען געווען גלאַטע, שמאָלע און רויטע: „א גאַנצער רוס״ . . . איין אויג האָט זיך אים פארקלענערט: „צי מען דארף אים דאָ . . .״

די פערדלעך, אויסגערוטע, האָבן זיך פריילעך געטראָגן אין ריטמישן גאַנג. זאָרין איז געריטן פאָרויס און זשאראָוו האָט זיך געהאַלטן נאָך אים. אזוי האָט געדויערט ביז זיי זיינען ארויס הינטערן שטאָט. דאַן האָט שוין זאָרין מער נישט געקענט צוימען זיין אומגעדולד. ווידער האָט זי גע־ברענט אין אלע גלידער; אין די שפּיצן־פינגער האָט זי געברענט, אין די אויגן האָט זי געברענט.
— חבר זשאראָוו!
דער זעלנער האָט זיך אויסגעגלייכט מיט אים.
— וואוהין פירט דער וועג?
דער זעלנער האָט א קוק געטאָן אין ווייטקייט, האָט געזאָגט.
— הער אוים: דו האָסט חשק צו געבן א ריכטיקן לויף?
— מיט פארגעניגן!
— ווען מיר א יאָג טאָן?
— כ'בין גרייט!

מיט אַמאָל און ראַפּטום האָבן די פערדלעך דערפילט שאַרפע שפּאָרן אין די זייטן, האָבן זיי זיך א וואָרף געטאָן, געוואָרן אויסגעצויגן, לענגער. די העלדזער האָבן זיך אויסגעשטרעקט. די מאָרדעס אויסגעצויגן, די עקן פאַר־שטייפט און די פיס האָבן זיך אָפּגעריסן פון דער ערד.

זשאראָוו האָט אנגעהויבן יאָגן פון זיך קולות פון פרייד און יובל. האָט דערלאַנגט שפּאָרן און זיך געוואָלט האַלטן נאָך זאָרינען. זאָרין האָט אויסגעשריגן:

— גליַיך מיט מיר!

ווינט האָט גענומען רייסן אויף צוריק; האָט געשמיסן אין פּנים, אין האַלדז. די פערדלעך האָבן זיך אָנפאַנגס צעהירזשעט, דערנאָך גענומען בלויז שנאָרכן; זייַנען געשוואומען אין דער לופטן מיט געוואַלטיקער שנעלקייט. זשאַראָוו האָט נאָך פון צייט צו צייט אַרויסגעלאָזט אַ הפקר־געשריי. זאָרין אָבער האָט געהאַט פאַרפּרעסטע ליפּן, איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן פערדל ווי עס וואָלט אים געטריבן פון אומגליק . . . די אומגעדולד האָט איצט ווי פלאַם אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן גוף זייַנעם. ביידע רייטער האָבן אויסגעזען ווי זיי לויפן ראַטעווען פון טויט דעם ליבסטן און צוליב איין מינוט קען מען פאַרשפּעטיקן.

שוואַרצע פלעקן האָבן געשניטן איבער באַזונטן וועג. פעלדער און ביימער זייַנען צוריקגעלאָפן, שווערע שטויב־כוואַליע האָט געקנוילט אַרום זיי, און ערגעץ ביי אַ כאַטע איז אַ פייער געשטאַנען מיט אויגן ווי גרויסע לעכער, מיט אַ מויל קיילעכדיק ווי אַ רעדל און נאָכגעקוקט. . .

* * *

אַ פאַרשטויבטער, שווער־סאָפּענדיקער, עטוואָס געבויגענער, איז זאָרין אַריין אין קאַנצעלאַריע פון קאַוואַלעריע־שטאַב. ער איז שטיין געבליבן, זיך באַמיט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם און געפילט אַז אַלץ אויף אים קלעפּט זיך צו זיין לייב. ער האָט אַראָפּגעשלעפּט דאָס היטל און די האָר זייַנען צעפאַלן אין נאַסע פּאַסמעס ווי ביי אַ געטרונקענעם.

דער פאַרנאַכט איז געזעסן פאַרשטעקט און געדרימלט אין די ווינקלען פון גרויסן קאַנצעלאַריע־צימער. די שטילקייט איז געווען אַ געדיכטע ווי אין אַ שפּיטאַל, וואו עס ליגן שווערקראַנקע. ביי לאַנגן טיש אויף וועלכן ס'האָט געברענט אַ גרויסער לאָמפּ, זייַנען געזעסן צוויי שרייבער און כסדר געשריבן. ביי קלענערן טיש איז געזעסן אַ דאַרער מיליטער־מאַן. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, געקוקט אַ ווײַלע אויף זאָרינען. זיין בליק האָט אים צוגערופן.

זאָרין האָט געמאַכט עטליכע שווערע טריט, זיך דערנענטערט און אַרויסגערעדט:

— דעם קאָמאַנדיר!

דער מיליטער־מאַן האָט אַ קניטש געטאָן דעם שטערן, דערזען ווי זאָרין האָט אַ ציטער געטאָן מיט אויסגעמאַטערטקייט, האָט ער זיך אויפגעשטעלט.

— זעצט אייך, חבר.

זאָרין האָט זיך געזעצט:

— וואַסער.

דער מיליטער־מאַן האָט גלייך דערשמעקט דעם ריח פון וויכטיקייט, האָט אים דערלאַנגט אַ גלאָז וואַסער. זאָרין האָט זי מיט איין צי אויסגע־טרונקען.

— וואו איז דער קאַמאַנדיר?

— ווער זענט איר?

— פּאָליטקאָם פון צוועלפטן קאָרפּוס.

— דער קאַמאַנדיר איז איצט אויף אַ באַראַטונג.

— ס'איז זייער וויכטיק.

— ער איז זייער פאַרנומען.

— איך מוז אים גלייך זען.

— ווי אַזוי? דער הויפּט־קאַמאַנדיר פון דער גאַנצער אַרמיי איז אויף דער באַראַטונג.

— אָ! דער הויפּט־קאַמאַנדיר?

זאָרין האָט אַליין נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס דאָס איז, אָבער ער האָט דאָס דערהערט ווי בשורה . . .

— דער חבר הויפּט־קאַמאַנדיר איז נאָך נעכטן אָנגעקומען אַהער מיט זיין ספּעציעלן צוג. איצט האַלט ער אַ וויכטיקע באַראַטונג מיטן גאַנצן שטאַב פון דער קאַוואַלעריע.

— זייער גוט . . . זייער גוט . .

— דער חבר קאַמאַנדיר איז אויף דער באַראַטונג.

—איך מוז אים גלייך זען!

זאָרין האָט די לעצטע ווערטער אַרויסגעזאָגט אַזוי, אַז דער אַדיוטאַנט האָט שוין מער נישט געפרעגט. האָט בלויז אָנגעצויגן דעם שטערן.

— וואַרט אַ ווײַלע, חבר.

אַליין איז ער מיט פאַרזיכטיקע טריט אַוועק צו אַ זייטיקער טיר, געשטאַנען אַ ווײַלע ביי דער טיר, דערנאָך זי געלאָסן געעפנט. געמורמל האָט זיך געגעבן אַ רעש־אַריין. דער אַדיוטאַנט איז אַריין, צוגעמאַכט נאָך זיך די טיר און דער געמורמל איז צוריק פאַרטויבט געוואָרן.

ווי לאַנג האָט עס גענומען? אינגאַנצן אַ מינוט אָדער צוויי. זאָרינען איז אויסגעקומען, אַז עס ציט זיך זייער לאַנג. ווען דער אַדיוטאַנט איז צוריק אַרויס, האָט זיך זאָרין געגעבן אַ שטעל אויף. איצט האָט ער פאַרגעסן די מידקייט, וואָס האָט זיך ערגעץ טיף אין אים פאַרשטעקט.

דער אַדיוטאַנט האָט אים אַריינגעפירט אין אַ זייטיק צימער, פון וועלכן עס האָט געפירט אַ טיר אין באַראַטונג־צימער. איין מינוט איז

זאַרין געווען אַליין. אויך דאָ זיינען געהאַנגען די פּאָרטרעטן פון די צווי פירער, פון וועלכע איינער איז דאָ געווען אויף דער בּאַראַטונג. נאָר דאָ האָבן ביידע היימיש געשמייכלט.

די זייטיקע טיר האָט זיך געעפנט. דער קאָמאַנדיר איבער אַלע קאַוואַלעריע־קאָרפּוסן. איז אַריבערגעטראָטן די שוועל מיט דינע פיס, גע־בליבן שטיין אַ הויכער, אַ בלאַנדער. דאָס פּנים מיט ליכטיקער בלייכקייט אי־בערגעצויגן. ער האָט געשוויגן, געוואַרט. זאַרין האָט גלייך געמאָלדן:

— מיטגליד פון דער פּאַרטיי . . . פּאָליטקאָם פון צוועלפטן קאַוואַ־לעריע־קאָרפּוס.

— וואָס האָט פּאַסירט?

— דערווייל האָט נאָך נישט פּאַסירט.

— דערווייל?

דאָס פּנים פון קאָמאַנדיר האָט זיך אַ קנייטש געטאָן. די הויטן אַרום די אויגן האָבן זיך צוזאַמענגעדריקט. זאַרין האָט גלייך אַרויסגעצויגן פון קעשענע דעם אָפּדרוק:

— אָט דאָס האָט דער שטאַב פון צוועלפטן קאָרפּוס געגעבן צו דרוקן.

— אָן אייער וויסן?

— אָן.

דער קאָמאַנדיר האָט דעם אָפּדרוק גענומען פון זיין האַנט, האָט דערשפּאַנט ביז צום טיש, אויף וועלכן דער לאָמפּ האָט געברענט. האָט זיך אַנידערגעזעצט, איבערגעליינט, די ליפּן האָבן זיך אים צוזאַמענגעקלעפּט. די אויגן זיינען געוואָרן שפּיציקער. ער האָט אַרויסגעאָטעמט דורך דער נאָז, האָט באַקומען אַ פּנים ווי שאַרפער ווייטיק וואָלט אים אָנגעכאַפּט.

— די גאַנצע צייט האָב איך געפילט אַז עפּעס איז נישט אין אָרד־נונג . . . די אָפיצירן פון שטאַב האָבן זיך געהאַלטן אָנגעבלאָזן, פרעמד . . . היינט איז געקומען צו לויפן אַ חבר פון שטאַב־דרוקעריי און מיר דאָס גע־בראַכט.

דער קאָמאַנדיר איז געזעסן געבויגן, האָט אויסגעהערט, זיך אויפ־געשטעלט און זיך צוריקגעזעצט:

— דער פראָנט וואַרט אויפן קאָרפּוס . . .

— מאָרגן דרוקט מען דעם אויפרוף . . . דער קאָרפּוס ווערט פאַרסמט ווערן . . .

— וואָס־זשע קען מען איצט טאָן? . . . אינגאַנצן צוויי טעג צום אַרויסמאַרשירן?

דאָס האָט דער קאָמאַנדיר זיך געשושקעט מיט זיך אַליין.

— ווער ווייסט וואָס דער פּאַפּאַוו האָט פאַרטראַכט?
— יאָ . . .ער איז מיר די גאַנצע צייט פאַרנעקומען פּאַרדעכטיק.
— איצט איז ער אַ גאַנצער.
— דער פראָנט וואַרט . . . די רעוואָלוציע וואַרט . . נישט פריי־לעך . . .
— עס שמעקט מיט פּאָגראָם!
— ווי באַציט זיך דאָס מיליטער צו אים?
— דאַכט מיר: גוט. די זעלנער האָבן אים ליב.
— נישט גוט . . .

דער קאָמאַנדיר האָט אויסגעזען פאַרלוירן. ער האָט זיך אויפגע־שטעלט, געשטאַנען אַ ווײַלע מיט פּײַן אויפן פּנים: וואָס בלײַבט צו טאָן? און אַז דאָס מיליטער וועט זיך צעבונטעווען? ווען מען דאַרף אַרויסמאַרשירן אויפן פראָנט, איז לײַכט צו ברענגען צו אַ בונט . . . דער פּלאַן איז אויס־געאַרבעט . . . דער קאָרפּוס גייט אַרײַן אין פּלאַן . . . אַ? מיט וואָס איז גרינגער צו ריזיקירן? . . .

די טיר האָט זיך געעפנט. צום ערשטן דער הויפּט־קאָמאַנדיר, דערנאָך נאָך אַ מיליטער־מאַן זײַנען אַרײַן.
— וואָס אַזוי לאַנג?

נאָר גלײַך האָט זיך דאָס ברייטערע מויל פאַרמאַכט, צוזאַמענגע־דריקט. דאָס שפּיציגע בערדל איז געבליבן געבויגן אויף פאָרויס. די בליקן האָבן שאַרף געדרילעוועט דורך די פענסנע־גלעזלעך. אויפן שטערן, איבער דער נאָז, האָט זיך אוועקגעלייגט אַ קנייטש. דער בליק האָט אַנגערירט צו־ערשט זאַרינס פּנים, דערנאָך דעם קאָמאַנדירס.
— וואָס האָט פּאַסירט?

דעם הויפּט־קאָמאַנדירס קול איז אַרויס שאַרף ווי שטאָל.
— אָט וואָס.

דער קאָמאַנדיר האָט דערלאַנגט דעם אָפּדרוק.

דער הויפּט־קאָמאַנדיר האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן טיש. מיט אַ נעבויגענעם קאָפּ צעפּלאָשעטע האָר איבערגעלייגט , אויפגעהויבן דעם קאָפּ.
— קלאָר. וואָס זשע איז דאָ פאַראַן צו טראַכטן?
— דער קאָרפּוס דאַרף אַרויסגיין אויפן פראָנט?
— וועט ער!
— אין צוויי טעג אַרום . . . דער פראָנט וואַרט.
— נישט אויף דעם שטאַב!
— מען ריזיקירט.
— מיט וואָס?

— עס קען קומען צו א בונט.
— עס וועט נישט.
— מען קען נישט זיכער זיין.
— רעוואָלוציע — ריזיקירט!

די אויגן אונטער די פּענסנע־גלעזלעך האָבן זיך צעברענט. אין טונקעלער ברוינקייט האָבן רויטע פונקען זיך געטרונקען, געטויכט. דאָס פּנים האַרט, זיכער, אנטשלאָסן. ער איז געוואָרן אויסגעשטרעקטער, העכער, דער הויפּט־קאָמאַנדיר.

— חבר קאָמאַנדיר! רעוואָלוציע ווייסט נישט פון וואַקלונגען! ס'איז קאָנטער־רעוואָלוציע! גלייך זאָל זי אויסגעראָטן ווערן! איז דאָך בעסער א בונט אין „טיל" איידער בונט און פּאַגראָמען אויפן פראָנט?

— ריכטיק! — האָט דער צווייטער מיליטער־מאַן א זאָג געטאָן.
— ווער איז דאָרט דער קאָמאַנדיר?
— פּאַפּאָוו איז זיין נאָמען.
— פון די „צוריקגעקומענע"?
— יאָ . . . פון די „אַלטע".

א ווײַלע נאָר האָט דער הויפּט־קאָמאַנדיר געטראַכט און גלייך באַפוילן:

— גלייך ארויסרופן אהער דעם שטאַב . . . אויף א באַראַטונג הייסט עס . . . צופירן א שטרענגע וואַך ארום אונדזער שטאַב . . . אוועקשטעלן קוילן־וואַרפער . . . ווען אַט דער פּאַפּאָוו מיט זיינע אָפיצירן וועלן אנקומען אהער— גלייך ארויסשיקן פאַרניכטן דעם זאַץ פון דעם אויפרוף . . . איך וועל וואַרטן אויף זיי . . . דערוויל — באַשטימט א נייעם שטאַב פאַרן צוועלפטן קאָרפּוס!

דעם קאַוואַלעריע־קאָמאַנדירס פּנים איז צוריק אויסגעגלייטערט געוואָרן. איצט האָט ער ניט פאַרשטאַנען ווי אזוי ער האָט גאָר געקענט אנדערש טראַכטן . . .

* * *

ס'איז שוין געווען נאָך האַלבע נאַכט ווען דער שטאַב פון צוועלפטן קאַוואַלעריע־קאָרפּוס איז אנגעקומען צום הויפּט־שטאַב פון דער קאַוואַלעריע.

די צוויי גרויסע אויטאָמאָבילן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. די גרופּע קאַוואַלעריסטן אויף פערד איז אויך געבליבן שטיין אַראָפּגעשפּרונגען פון די פערד, וואָס האָבן געפאַרכקעט און געטרייסלט די נאַסע פעל.

פּאַפּאַוון האָט אַביסל פאַרוואונדערט וואָס אַנשטאָט אַ געוויינליכע וואַך האָט ער געטראָפן קוילנוואַרפער אויסגעשטעלט ביים אַריינגאַנג. מיט זיין מיליטערישן חוש האָט ער דערפילט אַז דער שטאַב איז שטאַרק באַוואָפנט. נאָר ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. אַ נידעריקער, אַ ברייט פּליי־ציקער, מיט אַ גרויסן קאָפּ וואָס איז געווען אַראָפּגעזעצט אין די אַקסלען אַריין, האָט ער געשפּאַנט דער ערשטער מיט פאַנאַנדערגעקנעפּלטן לאַנגן שינעל; געקלונגען מיט די שפּאָרן און די שווערד האָט זיך מיט אַ קריצן געשלעפּט אובער די טרעפּ. נאָך אים זיינען געגאַנגען די איבעריקע אָפיצירן. ווען זיי זיינען אַריין אינעווייניק, איז גלייך אַרויסגעקומען אַן אָפיציר און באַפוילן די געקומענע קאַוואַלעריסטן, אַריינצופירן זייערע פערד אין גרויסן הויף. יענע האָבן געפאָלגט און דער גרויסער טויער האָט זיך נאָך זיי פאַרמאַכט. ביים טויער — קוילנוואַרפער.

פּאַפּאַוו איז געגאַנגען מיט פעסטע דרייסטע טריט. די שפּאָרן האָבן גע־הילכט: דער קאָמאַנדיר גייט. ווען ער מיט זיינע אָפיצירן זיינען אַריין אין קאַנצעלאַריע, האָבן זיי דערזען: ביי אַלע ווענט אַרום שטייען זעלנער מיט ביקסן אין די הענט. פּאַפּאַוו האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַ פּאָר מאָל געפינטלט מיט די אויגן, ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָס באַטייט. דראַזדאָוו איז געוואָרן בלייך. די ליפּן זיינען אים אויך בלייך געוואָרן. ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן צו פּאַפּאַוון, נאָר איידער נאָך ער האָט באַוויזן עפּעס צו זאָגן און עס האָט זיך דערהערט אַ באַפעל:

— אָפיצירן פון צוועלפטן קאַוואַלעריע־קאָרפּוס! זייט אַזוי גוט און לייגט אַרויס אייער געווער.

דאָס איז געקומען אַזוי אומגעריכט, אַזוי אומדערוואַרט, אַז פּאַ־פּאָווס פּנים איז געוואָרן אַנגעגאָסן מיט וואַסערדיקער טינט. אַ ווייל איז געווען שטיל. פּאַפּאָוו האָט זיך באַמיט נישט צו פאַרלירן דאָס קול:

— וואָס הייסט דאָס?

דער אָפיציר, וואָס האָט געגעבן דעם באַפעל און איז איצט גע־שטאַנען קעגן פּאַפּאַוון מיטן רעוואָלווער אין האַנט, האָט קאַלט געזאָגט:

— איך ווייס נישט, חבר אָפיציער. אַזאַ באַפעל . . .

— דאָס איז אַזאַ באַראַטונג?

— כ'ווייס נישט. די באַראַטונג קומט דערנאָך.

די זעלנער וואָס זיינען געשטאַנען ביי די ווענט האָבן אויסגעשטרעקט די ביקסן. דראַזדאָוו האָט געבויגן די ליפּן ווי אין קאַנוואַלסיע. פּאַפּאָוו האָט גלייך פאַרשטאַנען אַז מען מוז פאָלגן.

— גוט. — ער האָט זיך אָפילו צעשמייכלט — אָט איז מיין רע־וואָלווער.

האָט אים אוועקגעלייגט אויפן טיש:

— אפשר די שווערד אויך?

— דערווייל נישט.

אפיצירישע הענט האָבן געציטערט. פּנימער — קאָנווולסירט. אויגן — געלאָשן און געצונדן.

ווען אַלע זיינען שוין געווען אנטוואפנט, האָבן די זעלנער ביי די ווענט אראָפּגעלאָזט די ביקסן.

דאַן האָט דער אפיציר געעפנט די טיר אין בעראַטונג־צימער אריין:

— ביטע, אפיצירן!

* * *

שווערע שטילקייט האָט זיי אנגעטראָפן אין בעראטונג־צימער. ביים לאַנגן טיש זיינען געזעסן: דער הויפּט־קאָמאנדיר, דער קאַוואַלעריע־קאָמאַנדיר, נאָך צוויי מיליטער־לייט און זאַרין. ביי די טירן זיינען געשטאַנען צו צוויי זעלנער מיט ביקסן.

פּאָפּאָוו, א טונקעלער, א שמאָלצער און פּארביסענער האָט זיך באַגריסט.

— גוטנאָוונט!

— זיצט.

אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט. א ווײַלע איז געווען שטאַרק שטיל. בליקן מיט בליקן האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן. איינע די אַנדערע אומגעוואָרפן, זיך ווידער צונויפגעשלאָגן. נאָר די בליקן פון הויפּט־קאָמאַנדיר און פירער האָבן זיך נישט געבויגן. זיי האָבן געשטאָכן אין פּאָפּאָווס פּנים ווי נאָדלען.

פּאָפּאָוו האָט צערייצט אַ פרעג געטאָן:

— דאָס איז א בעראַטונג ביי איך?

— אַ משפּט!

דאָס וואָרט איז געפאַלן פון פירערס ליפּן, האָט אויפגעפּלאַצט אין דער שטילקייט מיט אַזאַ רעש, אַז די אויערן ביי פּאָפּאָוון זיינען אויף אַ ווייל פּאַרטויבט געוואָרן.

דער משפט איז געווען א קורצער.

דער הויפּט־קאָמאַנדיר האָט דערלאַנגט פּאָפּאָוון דעם אָפּדרוק און געפרעגט:

— דאָס האָט איר געגעבן צו דרוקן?

דראזדאווס פנים איז אויסגערונען. בלייכע לידיקע הויט איז גע־בליבן. אין שטילקייט האָט זיך געהערט: ציינער שלאָגן. פּאָפּאָוו איז דווקא געוואָרן רואיק, פארביסן, אפילו א קרומער שמייכל האָט געבויגן זיינע טונקעלע ליפּן אונטער שווערע וואנסן.

דראָזדאָוו האָט גענומען שטאַמלען:

— ס'איז געווען אַ טעות . . . אַ שרעקלעכער טעות . . .

פּאָפּאָוו, ווי אַ מענטש וואָס פילט אז קיין אויסוועג איז נישטא און גייט אליין די שרעק אקעגן, האָט זיך אפּגערופן:

— צו וואָס פארענטפערן זיך?

דער הויפּט־קאמאנדיר האָט רואיק געזאָגט:

— זייער אַ מוטיקער מענטש.

— אַ רוס! — האָט פּאָפּאָוו אויסגערופן — אַלע רוסן זיינען מוטיק!

— איך פארשטיי . . . דאָס האָט איר געשריבן? אַ קאָמאַנדיר פון אַ רויטן קאָרפּוס?

— איך . . . אזוי שרייבט אַן אמתער רוס!

— און אַן אמתער כוליגאַן! — האָט דער הויפּט־קאָמאַנדיר אויס־גערופן.

פּאָפּאָוו האָט ראַפּטום געגעבן אַ שפּרונג אויף. עס האָט אויסגעזען, ער איז אינגאַנצן אראָפּ פון זינען. ער האָט אויפגעהויבן אַ ציטערדיקע האַנט מיט אַ פארקוועטשטן קולאַק. דער הויפּט־קאמאנדיר האָט אפילו קיין באַוועגונג נישט געמאַכט. האָט בלויז געקוקט שאַרף אין זיין פּנים. פּאָפּאָוו האָט נישט געקענט קיין וואָרט אַרויסברענגען. ס'האָט אויסגעזען: דער האַלדז איז אים שטאַרק צוזאַמענגעצויגן, די ווערטער ווערן אין אים דערשטיקט איידער זיי גרייכן זיינע ליפּן.

אזוי האָט געדויערט אַ ווײַלע. ענדלעך האָט ער אַראָפּגעשלונגען, האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנט, זיך צוריקגעזעצט און שווער געסאָפּעט.

מער האָט מען ביי אים גאָרנישט געפרעגט.

די אפיצירן האָבן געלייקנט: זיי האָבן גאָרניט געוואוסט פון דער גאַנצער זאַך. בלויז דער קאָמאַנדיר מיט זיין אדיוטאַנט דראָזדאָוו . . . זיי גיבן זיך אָפּ מיט אַזעלכע זאַכן . . . פּאָפּאָוו האָט געוויזן ווייסע געזונטע ציין, ס'איז געווען שווער צו וויסן צי לאַכט ער דאָס אדער — ער האַלט איין אַ רעווע.

— — — — — — — — — — — — — — —

דער פארהער איז געווען געענדיקט . דער הויפּט קאמאנדיר האָט

זיך אויפגעשטעלט:

— אַלץ איז קלאָר.

די זעלנער באַפוילן:

— פירט ארויס די ארעסטירטע.

ווען פּאַפּאָוו האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט ער געזאָגט:

— איר — בלייבט!

די אָפיצירן האָט מען ארויסגעפירט אונטער א שטרענגער וואך. די איבעריקע — אויסער פּאַפּאָוון זיינען אוועק אין א דערבייאיקן צימער זיך צו בעראטן. פּאַפּאָוו איז געזעסן אליין, האָט אלץ געוויזן ווייסע געזונטע ציין. ס'האָט אויסגעזען: ער דרימלט מיט אָפענע פארלאָשענע אויגן.

זיינע אויגן האָבן זיך א קערעווע געטאָן, ווען די טיר פון דערבייאיקן צימער האָט זיך געעפנט. אריינגעקומען איז א הויכער מיליטער־מאן. האָט געזאָגט:

— פארמשפּטער! דער הויפּט־קאמאנדיר האָט באַפוילן אייך צוריקצוגעבן אייער רעוואָלווער און זאָגן: איר זענט א מוטיקער מענטש!

ער האָט אוועקגעלייגט דעם געלאָדענעם רעוואָלווער אויפן טיש, געזאָגט:

— זייט מוטיק!

און איז ארויס.

אין דרויסן האָט געגרויט. א האַווקען פון א הונט האָט זיך פון ווייט אָדער נאָענט אהער דערטראָגן . . .

* * *

צומארגנס זיינען די צוויי אויטאמאבילן צוריקגעקומען און מיטגעבראכט א נייעם שטאב פאר דעם צוועלפטן קאוואלעריע־קארפּוס. די קאוואלעריסטן, וואָס האָבן די אויטאמאבילן באגלייט, זיינען אויך געווען אנדערע.

מיט א טאג שפּעטער האָט דער קארפּוס אנגעהויבן מארשירן צום פראָנט.

ווען דער קאוואלעריע־קאמאנדיר האָט באקומען די מיטטיילונג, אז דער קארפּוס האָט ארויסמארשירט — האָט ער דערפילט ווי טרערן ציטערן אים אין הארץ און ער האָט ניט געוואוסט: צי דאָס איז פאר אייגענער בושה אָדער פון גרוים באגייסטערונג פארן הויפּט־קאָמאנדיר . . .

פילאַדעלפיע, 1928

אַ טאַנץ

די רײַטער האָבן נאָכגעלאָזט די צײַמלעך, אויפגעהערט דערלאַנגען שפּאָרן. די פערד — ברוינע, גלאַנציקע, וואָס האָבן ביז אַהער זיך געטראָגן היים־צעקאָכטע שווימענדיק איבערן שנײ מיט אויסגעצויגענע העלדזער און מאָרדעס; מיט געשטרעקטע עקן, וואָס האָבן ווי פענדזלען געצויגן נאָך זיך דיקע פעטע ליניעס, — האָבן גענומען האַמעווען זײער אימפּעט; די פיס האָבן אָנגעהויבן באַרירן דעם באָדן, די עקן זײַנען אַראָפּגעפאַלן צו זײערע הינטערשטע פיס, די העלדזער האָבן זיך שטײַפע, גראַציעזע, אויפגעשטרעקט און פון די צעהיצטע נאָזלעכער האָט עס געזעצט מיט געדיכטע שטראָמען פּאַרע ווי פון אַ לאָקאָמאָטיוו, וואָס קוויטשעט אויס סיגנאַלן. די רײַטער האָבן זיך אויסגעגלײַכט אין זײערע זאָטלען. די פערדישע זײַטן האָבן זיך אויפגעבלאָזן און צוריקגעפאַלן. לײַכטע פּאַרע האָט פון זײ אַראָפּגערײכערט און זײערע פיס האָבן איצט געשפּאַנט עלאַסטיש, רעגלמעסיק, ברעכנדיק דאָס אײַז־הײַטל, וואָס איז געווען איבערגעצויגן איבערן שנײ. ס'איז אויסגעקומען: די פּאָדקאָוועס טרעטן איבער דין גלאָז, וואָס קרישלט זיך אונטער זײ.

— גײען נישט אין פּאַסטקע!

אַזוי האָט אַ זאָג געטאָן דער „וואָיענקאָם" זאַמעטקין אויסגלײַכענדיק זיך מיטן קאָמאַנדיר.

— זײ וועלן!

— היטן זײער פעל.

— וועלן נישט דערהיטן.

— שוין דרײַ טעג און — זײ רירן זיך נישט.

— איז נאָך אַ טאָג.

אפּגעשווינגן א ווײַלע קוקנדיק אין ווײַטקייט און אויסגעברומט:

— הינטישע זין!

באַראַדין, דער קאַמאַנדיר איבער די קאָרפּוסן, וואָס האָבן אָפּעריִרט אין דער געגנט קעגן די „ווײַסע", האָט זיך אומגעדולדיק אַ באַוועג געטאָן. האָט אונטערגעהויבן די אײַבערשטע ליפּ מיט די שוואַרצע געדיכטע וואָנסעס, דערבײַ האָט זיך זײַן שמאָלער שטערן אַ קנייטש געטאָן, אַז די פּאַפּאַכע האָט זיך גערירט. שטאַרקע, פאַרקלעמטע ציין האָבן אַ בליאַסק געטאָן מיט פאַר־ביסענער גבורה; פון די קליינע, ברוינע אויגן האָט דער כעס געגעבן אַ דרילע־וועראַרום צווי דינע שלענגלעך מיט צעעפנטע פּיסקלעך:

— זיי וועלן גיין! ס'איז אָפן — וועלן זיי קריכן!

— מעגלעך.

באַראַדין האָט אַ הייסן בליק געוואָרפן אויף זאַמעטקינס איינגעפאַלן פּנים:

— זיכער . . . איך קען זיי בעסער, די קאַזאַקן!

— כ'ווייס.

— און ס'איז גוט וואָס דער זעקסטער קאָרפּוס וועט זיך הײַנט ווײַטער אָפּרוקן.

— ס'הייסט?

— ברייטער דער „קאָרידאָר" — וועלן זיך מער העכט כאַפּן.

דער שמייכל האָט זיך צונויפגעדרייט ווי אַ ווייסער וואָרעם, זיך פאַר־קייקלט אין אַ ווינקל מויל אונטער דער וואָנסע. מיט אַ וואָך צוריק איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ באַראַטונג אין שטאַב. בלויז קאָרפּוס־קאַמאַנדירן מיט זייערע וואָיענקאָמען זײַנען דערבײַ געווען. באַראָדין האָט פאָרגעלייגט זײַן פּלאַן: מיט איין קלאַפּ אָפּשניידן אַ גרויסע מחנה . . . די איבעריקע וועלן שוין איינגאַנצן צעטומלט ווערן . . . מיט די הענט וועט מען זיי אויסכאַפּן . . . און ווײַניקער בלוט וועט זיך גיסן . . . אָט וואָס: אַ פּאַסטקע אויפשטעלן! עפענען פאַר די „ווײַסע" אַ „קאָרידאָר" . . . דער פערטער און פינפטער קאָר־פּוס בלײַבן אויפן אָרט . . . פאַרשטעלן די באַוועגונג . . . דער זעקסטער און זיבעטער קאָרפּוס — וועלן זיך דערווײַל אָפּרוקן . . . אָפּליידיקן אַ קאָרידאָר . . . קאַזאַקן! זיי וועלן גיך בײַשטיין דעם נסיון . . . וועלן קריכן אין קאָרידאָר ווי פיש אין אַ נעץ . . . דער שונא וועט זיך ווי אַ קלין אַרײַנשטופּן צווישן אונדזערע קאָרפּוסן . . . מיר וועלן קאָנצענטרירן די הויפּט כחות בײַם אָנפאַנג פון דער עפענונג . . . פּלוצלונג אַ זעץ טאָן פון בײדע זײַטן . . . פאַרמאַכן דעם רינג. און די מחנות אין קאָרידאָר וועלן זײַן פאַרשלאָסן פון אַלע זײַטן . . . ווי קאַטשקעס וועט מען זיי אויפכאַפּן . . . זיי וועלן זיך אַליין זעצן אויף די פּיסלעך: נעמט אונדז צונויף . . .

שוין דריי טעג אז דער קארידאר שטייט אָפן און וואַרט אויף זיין פאַנג. באַראַדין ברענט מיט הייסער אומגעדולד די גאַנצע דריי טעג. ער זעט אוים: פייער ברענט ארום אים, די פייער־צונגען שלאָגן איבער זיין קאָפּ און ער איז אין די פלאַמען, היינט האָט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטן. די אומרו האָט געטריבן. איז ער צוזאַמען מיט זיין וואָיעוואָדע אַרויסגעריטן אויסצו־פאָרשן די געגנט. זיי האָבן דורכגעשניטן דעם קאָרידאָר, דערגרייכט דעם זעקסטן קאַרפּוס. נו געווים: אַלץ איז גרייט. דער קאַרפּוס שטייט און וואַכט. דער זיבעטער קאָרפּוס האָט זיך קאָנצענטרירט דאָרט פון וואַנען דער אַנגריף דאַרף אַ זעץ טאָן . . . אין דער אַנדערער זייט — איז אויך אַלץ גרייט. בלויז באַראַדינס באַפעל דאַרף קומען. דער פּלאַן איז אין זיין האַנט. . .

„ווען וועלן זיי שוין נעמען קריכן, היינטישע זין!"

איצט האָבן ביידע געשוויגן. ביידע האָבן געטראַכט פון עפּעס אַזוינס, וואָס האָט די הערצער גערעגט; האָבן געהאַט דאָס געפיל: טעמפּער רעש דערטראָגט זיך און מען ווייסט נאָך נישט פון וואַנען ער קומט און פון וואָס ער קומט. די פערד האָבן לאַנגזאַם געציילט די טריט, געבויגן די העלדזער, באַשמעקט דעם שניי און געפאַרכקעט מיט קאָנוואָולסירנדיקע נאָז־לעכער. פון וויטן איז געלעגן דאָס דאָרף, וואָס זיי האָבן היינט דורכגעשניטן און ס'איז געשטאַנען שטיל ווי אַלץ וואָלט דאָרט געשלאָפן. זיי דאַרפן נאָר דורכ־ריטן דאָס דאָרף און דערנאָך — עטלעכע וויאָרסט ביז זיי וועלן דערגרייכן זייער קאַרפּוס.

פון וויטן האָט אויסגעזען: די ברייטע ווייסע דעכער ליגן אויפן שניי. דער שניי איז געווען איצט בלוילעך און די דעכער האָבן דאָרט געדולדיק געוואַרט. פון אַ קוימען האָט זיך געצויגן אַן איידעלער רויך, זיך געצויגן גלייך, געשטרעקט. אינדערהייך האָט ער זיך געדרייט אין רינגען, וואָס זיינען געוואָרן אַלץ ברייטער און אויסגעזען ווי אַ גרייצער. פון נאָך אַ קוי־מען, אין מיטן דאָרף, האָט געשלאָגן שוואַרצער, פעטער רויך, געדיכט און פינצטער ווי אַ שטיק קנוילנדיקע כמאַרע.

— אַז נישט היינט — איז מאָרגן . . . זיי וועלן קריכן . . .

זאַמעטקין האָט מיט זיינע שוואַרצע אויגן אַריינגעקוקט אין באַראַדינס טונקעלן פּנים, האָט שטיל אַ שמייכל געטאָן.

— איך קען זיי . . . חבר זאַמעטקין.

— זיכער, חבר קאָמאַנדיר.

— זיי וועלן!

— דערווייל קריכן מיר ווי טשערעפּאַכעס . . . זיי קענען דערווייל אָנהייבן.

— אָ?
— ס'איז שוין נאַכט און מיר האָבן נאָך אַ שטיקל וועג.
— ריכטיק.

דאָס לעצטע ביסל רויטקייט ביים האָריזאָנט, האָט שוין געהאַט אויס־געוועפּט. די נאַכט איז שוין געקראָכן אויפן בויך און געסאָפּעט אָן אַ קול. די ווייסע געגנט איז געלעגן אַזוי שטיל, אַז זי האָט געשריגן מיט שטילקייט. פון ווייטנס איז דער וואַלד געשטאַנען אַ געפּרווירענער און רויך האָט זיך געוויקלט צווישן די פאַרשנייטעביימער. דער הימל האָט זיך געהאַט בלוי אויסגעשאַרפט און דאָרט וואו ער נייגט זיך צו דער ערד איז געהאַנגען אַ פּאַסיקל לבנה, געהאַנגען ווי אַ גרויסע טרער, וואָס ציט זיך צום אויסגיסן . . . דין ווינטל האָט געצויגן ווי שאַרף פון אַ חלף. ערגעץ האָבן זיך קולות געבראָכן און אויסגעגאַנגען.

— גערירט זיך!

באַראַדין האָט עס אויסגעשריגן. פּאַרהוילענער אימפּעט איז אים באַ־פאַלן, דאָס בלוט האָט זיך האַסטיקער צעשטראָמט אין אים. ער האָט היים אַריינגעאָטעמט אין די וואַלענע צעפּלעך פון זיין פּעלצל, וואָס האָט מיט אויפגעשטעלטן קאַלנער אַרומגענומען זיין האַלדז און אַ האַלב פּנים. ער האָט זיך צוגעבויגן צום פערדס האַלדז, אַ שלאָג געטאָן מיט די שפּאָרן, דאָס פערד האָט אַ ציטער געטאָן מיט דער גאַנצער פעל, די פיס האָבן אַ טרייסל געטאָן, די נאָזלעכער האָבן זיך צעפּלאָטערט און מיט אַן אָפּגעהאַקטן הירזשע זיך אָפּגעריסן פון אָרט.

דאָס זעלבע האָט געטאָן זאַמעטקין און ביידע פערד האָבן זיך איצט מיט אימפּעט געטראָגן צום דאָרף. געשוועבט ווי שטיקער שאָטן איבערן שניי.

— שטיין!
— ווער רייט?
— שטיין בלייבן!
— מירן שיסן!

אומגעריכט האָבן די קולות אַ שלאָג געטאָן, ווען די רייטער זיינען פאַרביי די ערשטע הייזער פון דאָרף. באַראַדין האָט דער ערשטער באַמערקט: פון די שווייגנדיקע הייזער רייסן זיך אָפּ מענטשן און לויפן מיט אויסגע־שטרעקטע ביקסן. איין רגע אַ טראַכט געטאָן מיט כעס:

„אונדזערע זעלנער צוריק אין דאָרף?"

באַלד דערפילט: דינער, פּראַקטיקער פּאָדעם האָט דורכגעצויגן די פּלייצע און דאָרט געבליבן זיצן: „אַריינגעפאַלן".

— האַלט! האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן צו זאַמעטקינען.

ביידע רייטער האָבן שטיף פאַרצויגן די ציימלעך. די פערד האָבן ראַפּטום פאַרריסן די קעפּ. אויפגעהויבן די פאָדערשטע פיס, געגומען צוריק־שפּאַנען פּלאָנטערנדיק מיט די הינטערשטע פיס.

— ווער זענט איר?

— פון וואַנען קומט איר?

איצט האָט שוין באָראַדין קלאָר געוואוסט, אַז זיי זיינען אַריינגעפאַלן צום שונא. הייסט עס: דער שונא קריכט אין קאָרידאָר ... נו זיכער ... ער קען זיי, די קאָזאַקן ... זיי קריכן ... פון דעם באַוואוסטזיין איז אַ שפּרודלדיקע פריידע אַנגעלאָפן אין זיין ליב און פון דאָרט די שרעק פאַר־יאָגט ... זיין פערד האָט זיך אַליין נישט געוואָלט אָפּשטעלן. נישט געקענט מיטאַמאָל איבעררייסן דעם אימפּעט. האָט ער עס דערלאַנגט עטלעכע שפּאָרן, שטאַרקער פאַרצויגן דאָס ציימל, דאָס פערד האָט זיך אַ דריי געטאָן אין אַ רעדל, טאָפּטשענדיק מיט די הינטערשטע פיס און זיך אָפּגעשטעלט מיט צעקאַכטקייט אונטער דער פעל.

— „דוראַק"! לאָז אַראָפּ די ביקס!

באָראַדין האָט עס אויסגעשריגן מיט אַ באַפעלעריש קול. דער זעלנער וואָס איז אויסגעקומען אין זיין זייט האָט געפאָלגט און אַראָפּגעלאָזט די ביקס.

— „סמירנאָ"! האָט באָראַדין אויסגערופן — „נאַטשאַלסטוואָ!"

די זעלנער זיינען געבליבן שטייען אויסגעצויגן. אונטערטעניק.

איז דאָס געווען די פרייד וואָס באָראַדין האָט דערפילט, דערזעענדיק דעם שונא אין דאָרף, וואָס האָט אים געבראַכט אַזוי פיל מוט? איז עס געווען די רואיקייט, וואָס קומט פון דעם, וואָס מען האָט שוין נישט וואָס אַנצואָוווערן?

— וואו געפינט זיך די קאָמאַנדע?

— אין דאָרף „וואַשעבלאַגאָראַדיע!"

— וואו אין דאָרף?

— דאָ נישט ווייט „וואַשראַדיע!"

— זאָל איינער פון אייך אונדז צופירן!

— „סלושאַיוס!"

זאַמעטקין איז אינגאַנצן געווען צעטומלט. פלאָם האָט געברענט די הויט פון קאָפּ אונטער די האָר. ער האָט יאָ פאַרשטאַנען און נישט פאַר־שטאַנען. איינער פון די זעלנער האָט זיך געלאָזט פאָרויס. די פערד האָבן לאַנגזאַם אים נאָכגעשפּאַנט. באָראַדין האָט שטיל אַ שעפּטשע געטאָן:

— די קאָקאַרדע ...

אַליין אַראָפּגעשלעפּט די פּאַפּאַכע פון קאָפּ, מיט ציטערנדיקע פינגער דערטאַפּט דעם רויטן שטערן און אים אַרויסגעריסן פון צווישן די פוטער־צעפּלעך.

די פרייד האָט געזונגען אין זיין בלוט. הייסט עס: איך האָב גע־טראָפן . . . זיי זיינען אריין אין קארידאר . . . איצט דארף מען זיך ארויס־קריגן פון דאנען . . . ווי אזוי? ער איז געווען רואיק. האָט דערביי גע־טראכט: נאר רואיק . . . נאָר רואיק בלייבן . . . שטיל א שעפּטשע געטאָן צו זאמעטקינען: „רו־א־יק" . . .

זאמעטקין האָט אויסגעשטעלט אויף אים די אויגן. געבעט איז געווען אין זאמעטקינס אויגן. באראַדין האָט עס אפילו נישט באמערקט. ער האָט זיך אויסגעבויגן און א רוף געטאָן צום זעלנער:

— העי! ווען איז מען אריין אהער?

— מיט א שעה צוריק, וואשראדיע!

— די רויטע האָבן געמאכט פּיס?

— מיר האָבן קיינעם נישט געטראָפן דאָ.

— אָן א שלאכט?

— אָן איין שאָס!

— דאָס איז גוט . . .

זיכער איז עס גוט . . . מען מוז וואָס שנעלער ארויס פון דאנען . . . די קארפּוסן זיינען גרייט . . . נאָך אביסלווארטן . . . זאָלן זיי וואָס מער אריין אין קארידאָר . . . דעם אנגריף אנהייבן מארגן . . .טאַקע אין אָוונט . . . וואָס נאָך האָט ער געוואָלט פרעגן ביים זעלנער? הא? עפּעס האָט ער נאָך געוואָלט פרעגן . . .

די אומגעדולד האָט געברענט באראדינס לייב. ער האָט געלעכצט נאָכן מארגן . . . געגאַרט מיט שארפער תאווה צו דער מינוט, ווען דער אנגריף וועט זיך אנפאנגען. אָט וועלן זיי א זעץ טאָן . . . זיי וועלן מיט די פּיקעס א נעם טאָן דעם צוועלפטן קאזאקן פּאָלק . . . דער פּאָלק געפינט זיך דאָרט ביי זיין זייט . . . א? אָט וואָס ער האָט געוואָלט פרעגן:

— העי! פון וואסער פּאָלק?

— זעכצענטן, וואשראָדיע . . .

פאר א גרוים הויז האָבן זיי זיך אפּגעשטעלט. גוט, וואָס באָראָדין איז אין דעם הויז נישט געווען, ווען זיינע זעלנער האָבן דאָס דאָרף געהאלטן . . . א? ניין. אין דעם הויז איז ער ניט געווען . . . ער האָט בלויז דורכגעריטן דאָס דארף . . . זיך נישט אפּגעשטעלט דאָ . . . דאָס איז גוט. וואָס איז עס אזוי גוט? דאָס האָט ער נישט געוואוסט, נאר דאָס לייב האָט עס פארשטאַנען.

ס'איז געווען א גרוים הויז. געהערט צו א רייכן פּויער זעט אוים . . . ביים הויז זיינען געווען גרויסע שטאַלן. פון אינעווייניק איז געקומען א טומל, וואָס האָט זיך דארט געשטיקט ווי קאכעדיק עסן אין א פארמאכטן טאָפּ. די טיר האָט זיך אויפגעפּראַלט, ארויסגעלאָזט א שטראם טומל.

שטייפע פיס האָבן ארויסגעשפּאַנט. אהאַ! אַן אפיציר . . . און האַנט — אַן אראַפּניק. פון זיינע אַקסלען גלאַנצן שליפעס. צוגעהאַקט די טיר און:

— ווער איז דאָ?

זיינע טריט האָבן זיך פארהאַקט.

— אייגענע!

באַראַדינס שטים האָט אפּגעקלונגען פעסט און רואיק. איז גלייך אראָפּגעשפּרונגען פון פערד, האָט זיך אוועקגעשטעלט, צונויפשלאָגנדיק די קנאַפּל:

— איך באַגריס אייך! געמיינט אריינגעפאַלן צום שונא.

יענער האָט צונויפגעצויגן די ברעמען. זיך איינגעקוקט אין באַראַדינס פּנים. גענומען זיין האַנט.ביידע קאָזאַקישע הענט האָבן זיך געגעבן אַ וואַקס־צונויף. דער אפיציר האָט געפרעגט:

— פון וואַנען?

— פון אויסשפּיר.

— אַ.

— דעם גאַנצן טאָג.

— פאַלק?

— צוועלפטער!

— און די פערד?

באַראַדין האָט גלייך פארשטאַנען: ביי די ווייסע האָבן די פערד געהאַט אונטערגעשניטענע עקן.

— פאַרכאַפּטע . . . געגאַנגען אין אויסשפּיר מוז מען פאַרזיכטיק זיין . . .

— אָ־הו . . .

— טאָמער טרעפט מען אַן רויטע הינט . . .

באַראַדין האָט זיך צעלאַכט. זאַמעטקין האָט געהאַלטן די ציימלעך פון ביידע פערד און געפילט: קאַלט, שטעכעדיק זאַמד שיט זיך אונטער דער הויט פון זיין לייב.

— ווען מיר זיך אביסל אנווארעמען . . .

— גייט אריין . . .

— ביז האַלבע נאַכט . . . פאַרטאָג מוז מען אַ „ראַפּאָרט" ברענגען . . .

— כ'פארשטיי . . .

דער אפיציר האָט פאַררייכערט. דערלאַנגט באַראַדינען. זאַמעטקין האָט דערפילט, ווי עס ווערט שטילער אונטער דער הויט.

דער אפיציר איז אוועק. באַראַדין מיט זאַמעטקינען זיינען אריין אינעווייניק. די פערד האָט אַ זעלנער פון זיי צוגענומען. אין שטאַל אריינגעפירט.

די גרויסע שטוב, וואָס איז אַמאָל געווען אַ שענק, איז געווען פאַרוואַ־ליעט מיט קאַזאַקישע יונגע אָפיצירן און פּשוטע קאַזאַקן. אויפן שמוציקן דיל האָבן זיך געוואַלגערט אַמוניציע און ביקסן. מען איז געווען מיד נאָך דעם פּראַסטיקן טאָג. איז מען געזעסן אויף דער ערד, אויף די טישן און בענק. דער גרויסער אויוון, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, האָט געשלאָגן מיט געדיכטער היץ. קאַזאַקן זיינען געזעסן נעבן אויוון מיט נאַקעטע ביינערנע פּיס אויסגעוויקלטע פון די שמאַטעס. מיט פאַרקרומטע שוואַרצע נעגל, האַריקע הויטן, און זיי געוואַרעמט. דער ריח פון די פּיס האָט זיך אויסגעמישט מיטן ריח פון מאַכאָרקע, וואָס אַלע כמעט האָבן גערייכערט. אין הויז איז געשטאַנען געדיכטער נעפּל. אַ גרויסער נאַפט־לאָמפּ האָט געברענט און פון פאַרקאָפּטשעטן גלעזל האָט זיך געצויגן אַ שוואַרץ, ברייט סטענגעלע צו דער סטעליע.

מען האָט שווער געאָטעמט. מידקייט האָט געשלאָגן פון די לייבער. די פּנימער זיינען געווען פאַרביסן, טונקל, אַנגעגאָסן מיט וואַסערדיקער טינט. די אויגן זיינען געווען צעצונדן פון פאַרבאָרגענעם כעס. ווען באָראָדין מיט זאַמעטקינען זיינען אריין, האָבן אַלע קעפּ זיך אויסגעדרייט. אַלע אויגן האָבן גענומען קוקן אויף זיי. נישטערן זייער אויסזען און קליידונג. אַ ווײַלע זיינען זיי געשטאַנען אין מיטן שטוב פאַרלוירענע. געקוקט ארום זיך מיט צעטומלטע אויגן. מאָדנע: אַלע האָבן באַלד דערפילט זייער פאַרלוירנקייט. מען האָט זיך גענומען דערנענטערן צו זיי, זיך ארומשטעלן, באַטראַכטן זיי. אַ יונגער אָפיציר האָט ווידער גענומען פרעגן: „פון וואַנען?" „ווי אַזוי?" נאָר באָראָדין איז גלייך געקומען צו זיך. ער האָט זיך געזאָגט: „זיי זיינען אין פּאַסטקע" . . . „מאָרגן וועט מען אַנהייבן דעם אַנגריף" . . . און האָט זיך פּלוצים צעלאַכט מיט קאַזאַקיש געלעכטער און אַלע האָבן גענומען שמייכלען:

— איר זיצט דאָ ווי די „באַבעס!" ס'איר אַ שטילקייט!

און מיט אַ פעסט קול:

— קאַזאַקן זענט איר? . . . באַבעס זענט איר! זאָקן צו צירעווען דאַרף מען אייך געבן!

און זיך ווידער צעלאַכט.

דער יונגער אָפיציר מיט דעם איינגעפאַלענעם פּנים, וואָס האָט געהאַט אַ קאַליר פון שטאָל, וואָס האָט די גאַנצע צייט נישט אַראָפּגענומען פון אים די שפּיציקע, אויסגעשאַרפטע אויגן, האָט זיך אויך צעשמייכלט.

באָראָדין האָט גלייך גענומען דערציילן:

— די רויטע . . . זיי האָבן שטאַרק ליב „פּאָריאַדעק" . . . — ער האָט דאָס וואָרט איבערגעקרימט מיט חוזק, און אַלע האָבן זיך גענומען איינ־

הערן — ביי זיי גייט אַלץ מיט „פּאַריאַדעק״ . . . נו . . . איז אַט וואָס: זיצט זיך דאָרט ביי זיי עפּעס אַ קאָמיסאַרטשיקל . . . פירט ער דאָס בעל־הבתיש־קייט . . . זיצט ער זיך מיט אַ קעפּעלע אַ קלוגס . . . און מיט אייגעלעך אַזעלכע פֿויגלדיקע . . . אַז עס קומט אַ חבר אַרבעטער: ער איז באַרוועס . . . ער מוז האָבן שטיוול . . . גיט דאָס קאָמיסאַרטשיקל אַ קנייטש דאָס קלוגע שטערנדל און גיט אַ קראַקע ווי אַ וואָראָנע: „וו׳אַבשטשעם פּאַריאַד־קע״ . . . אַז מען וועט אַלעמען געבן שטיוול וועט מען, הייסט עס, אים אויך געבן שטיוול . . . און אַזוי כּסדר . . . וואָס מען בעט אים, האָט ער זיך אַלץ אַ ווערטעלע אַזאַ: „וו׳אַבשטשעם פּאַריאַדקע״. און איינמאָל טרעפט: אַן אַרבעטער לויפט אַריין נישט טויט נישט לעבעדיק: „ראַדיע באָגאַ״ . . . אַזוי און אַזוי . . . גיב אַ צעטעלע, טאָוואַרישטש קאָמיסאַר . . . דאָס ווייב דאַרף אַ קינד האָבן . . . ווייען האָט זי שוין . . .צו אַן אַקושאַרקע דאַרף מען זי פירן . . . אָן אַ צעטעלע קען מען נישט . . . גיב אַ צעטעלע . . . איז וואָס מיינט איר, ענטפערט דאָס קאָמיסאַרטשיקל? האַ? ער ענטפערט זיך זיינס: „וו׳אַבשטשעם פּאַריאַדקע!״ זאָל זי וואַרטן ביז אַלע וועלן גייען צו קינד . . .

ווילד געלעכטער האָט אויסגעבראָכן. די געלעכטערס האָבן געהילכט ווי פון אַ סך וואַסערפאַלן. מען האָט זיך געבויגן, געשטויסן איינער דעם אַנדערן מיט די עלנבויגן, זיך געטראָטן אויף די פיס . . .

דאָ האָט זיך באַראָדין געגעבן אַ צעקנעפּל דאָס קורצע פּעלצל. נאָר געדענקט: אויפן אַרבל פון מונדיר איז אויסגענייט אַ רויטער שטערן. איז ער געבליבן אין פּעלצל. און די היץ איז גרויס. און דאָס געלעכטער הילכט אַרום אים. און דעם יונגען אַפּיצירס שפּיציקע אויגן שטעכן אויף אים. נאָר ער קוקט זיך נישט אום.

— קאָזאַקן! וואָס זשע גאַפעט איר ווי די סאָוועס?

ער גיט זיך אַ דריי מיט צעוואָרפענע הענט.

— בראַנפן! וואו איז בראַנפן?

פון וואַנען האָבן זיך גלייך גענומען פלעשער בראַנפן? קיינער האָט עס נישט באַמערקט. פריער האָט מען פאַר די אַפּיצירן געגאָסן דעם בראַנפן אין בלעכענע טעפּלעך. איינס האָט מען דערלאַנגט באַראָדינען. ער האָט עס אָנגעקלאַפּט מיט אַנדערע אין אַפּיצירישע הענט. האָט עס מיט איין צי אויסגעטרונקען. מען האָט אים דערלאַנגט אַ צווייטס און ער האָט מיט אויפריכטיקער פרייד אויסגערופן:

— פאַר אונדזער זיג!

— הוראַ!

— פאַרן קומענדיקן אָנגריף!

— הור־ר־ר־אַ־אַ!

דער רעש איז געוואָרן שטאַרקער. די איבעריקע קאָזאַקן האָבן שוין געזופּט פון די פלעשער. איינער האָט פון אַנדערן געריסן די פלאַש. די בלוטן האָבן גענומען זידן, שרייען דורך די הויטן, שלאָגן היץ דורך די לייבער. פּנימער האָבן זיך באַגאָסן מיט רויטקייט. העלדזער האָבן זיך געצונדן. באַראָדין האָט דאָס דריטע טעפּעלע געשטופּט צו זאַמעטקינס ליפּן. יענער האָט געקוקט צו אים מיט גרויסע צעטומלטע אויגן: איז דאָס דער קאָמאַנדיר באַראָדין? . . . די שרעק איז געזעסן אין לייב. איצט האָט ער, מיט אַלע חושים געפילט: ער איז אַ ייִד . . . אַ ייִד צווישן ווילדע קאָזאַקן . . . די שרעק האָט זיך געהאַרטעוועט אין לייב, געוואָרן ווי שטיין.

— ער זעט אויס אַ זשיד!

דער יונגער אָפיציר האָט עס שאַרף אַרויסגעגאַלט. זיין קול האָט אַ קלונג געטאָן ווי שטאָל.

באַראָדין האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ בייזן בליק:

— און אַז אַ ייִד איז וואָס? האָ? נישטאָ ביי אונדז קיין ייִדן?

ביי זאַמעטקינען האָט דער גאַרגל געגעבן אַ פּאַרהילצער.

דער אָפיציר האָט נישט פאַרשטאַנען.

— „זשידעס" ביי אונדז?

— אָט האָסטו דיר נייעס! ביי אונדז אין פּאָלק — עטלעכע פּאַראַן! דו זעסט אָט דעם ייִד?

— נו איז וואָס?

— זיין טאַטע — אַן „ערשטע גילדע" געווען . . . די סוואָלאַטשעס האָבן אים צעשניטן . . . זיין מאַמען — אויפגעהאַנגען . . . אַ שוועסטער פאַרפּייניקט . . . זעסט ווי זיינע אויגן ברענען, האָ? ווייסטו וואָס דאָס הייסט?

— וואָס אַזוינס?

— שנאה ברענט אין זיי! אָט וואָס! ער לעכצט נאָך נקמה . . . אויף אַלע געפּערלעכע ערטער גייט ער פריייוויליק . . . ווער האָט אים דען היינט געהייסן גיין מיט מיר אין אויסשפּיר? האָ? אַליין געגאַנגען . . . ווען מיר האָבן נאָר אַ סך אַזעלכע . . .

און איידער דער אָפיציר איז צו זיך געקומען האָט באַראָדין אויסגערופן:

— טאַנצן!

ער האָט צעוואָרפן די הענט. האָט זיך פלינק אַ דריי געטאָן אויף די קנאַפּל. האָט אויסגעשטעלט די עלנבויגן.

— וואַרף אַראָפּ דאָס פּעלצל!

ווער האָט עס געזאָגט? — ווידער דער יונגער אָפיציר.

— איך טאַנץ ווי איך שטיי און גיי.

— הייס!

— אַ קאַזאַק ווייסט ניט פון היים און קאַלט! איך בין אַ קאַזאַק!
— בראַוואָ! בראַ־אַ־וואָ־אָ!

באַראַדין האָט זיך אַ גליטש געטאָן איבערן דיל. מען האָט זיך גלייך גענומען שטופּן אין די זייטן. אַ קרייז איז אָפּגעלײדיקט געוואָרן. איינער האָט גענומען ציען אויף אַ האַרמאָשקע. באַראַדין האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין טאַנץ.

דאָס פּעלצל צעשפּיליעט, די הענט ביי די זייטן, האָט ער צוערשט געשטעלט פּיס. געגאַנגען אין קרייז באַוועגנדיק זיך דאָ אין איין זייט דאָ אין דער צווייטער. די פּיס האָבן זיך געהויבן עלאַסטיש, פלינק, גרינג, מיט אַמאָל געגעבן אַ שלעפּ אַראָפּ די פּאַפּאַכע, זי אַ שליידער געטאָן צו זאַמעטקינען, וואָס האָט זי גלייך אונטערגעכאַפּט, און האָט זיך אַ לאָז געטאָן ווי אַ שטיק וויכער פון שטורעם אָפּגעריסן. ער האָט זיך געדרייט אויף איין אָרט ווי אַ שטויב־זייל . . . ארויסגעלאָזט געשרייען ווילדע, סטעפּישע, צעריסענע ווי שטיקער ווינט וואָס רייסן זיך פון ווּיסטעניש. מיט אַמאָל אַ שפּרונג אין דער הייך, זיך אַ זעץ געטאָן נאָר נישט געבליבן זיצן. איין פוס איז געווען אין לופטן און די פּיס האָבן זיך געשליידערט אין ווילדן אימפּעט, ווידער שטיין געבליבן, ווידער זיך געדרייט ארום זיך, זיך אַ זעץ געטאָן און זיצנדיק געשפּאַנט אין קרייז מיט שליידערנדיקע פּיס. אויפגעשפּרונגען, כמעט די סטעליע דערגרייכט און ווילדער קוויטש האָט דורכגעשניטן ווי געשריי פון ווילדן פויגל. דער טאַנץ איז געוואָרן אַלץ שנעלער, אימפּעטיקער. די האַרמאָשקע האָט געריסן אין איין אָטעם, צענדליקער הענט האָבן גענומען פּליעסקען, צענדליקער מיילער האָבן געוואָרפן הייסע שטיקער געשרייען ווי ברענענדיקע קוילן.

— קאַזאַקען! קאַזאַקיש בלוט!

איינער האָט זיך אויסגעטיילט. ס'איז אַן אָפיציר. ער האָט גענומען טאַנצן באַראַדינען אַנטקעגן.

באַראַדין האָט היים געוועקט.

— גערירט זיך!

— לעבעדיקער!

— קאַזאַקן!

באַראַדין האָט געוואָרפן די געשרייען. געפילט ווי די פרייד שרייט אין זיין בלוט. איצט איז ער שוין געווען זיכער: מאָרגן וועט ער זיין ביי זיינע קאַרפּוסן. וועט געבן דעם באַפעל אַנצוגרייפן. ער האָט איצט שוין געהערט זיין אייגן הייזעריקלעך קול, וואָס טראָגט זיך מיט גבורה:

„אַנ—ג—ר—יי—פ—ן!"

דאָס בלוט אין אים האָט געיובלט מיט נצחון. און ער האָט געטאַנצט

מיט אַלע אברים.

איינער נאָכן אַנדערן האָבן די אָפיצירן זיך אָפּגעריסן פון זייערע ערטער. זייערע אָרייַן אין קרייז און די ערד האָט געגומען ברענען אונטער זייערע פיס. אַרום באַראַדינען האָבן שוין געטאַנצט אַלע אָפיצירן. אויך דער יונגער אָפיציר מיט דעם פאַרשטאַלטן פּנים האָט שוין געטאַנצט אַנטקעגן אים. די קנאַפּל האָבן הילכיק געזעצט. קניען האָבן זיך געבויגן, קערפּערס האָבן זיך באַוועגט און געוואָרפן ווי אין קאַנוואַלסיע. אַרום זייַנען געשטאַנען די קאָזאַקן, זיך געוויגט אויף זייערע ערטער, געפּליעסקעט מיט די הענט ווי מיט האַרטע ברעטלעך. די האַרמאָשקע האָט זיך געריסן פון די כּחות. די קוויטשערייען און די ליאַרמעס האָבן אַנגעשלאָגן אָן סטעליע און צוריקגעפאַלן. דער לאָמפּ האָט זיך געוואָרפן, דאָס פייער אין אים האָט געציטערט, דאָס שוואַרצע קאָפּיטש־סטענגעלע האָט זיך געדרייט אין אַלע זייטן. די בלוטן האָבן הייס געקאָכט און באַראַדין איז אין מיטן, און דאָס געשריי פון זיין בלוט שרייט אַלץ אַריבער.

זאַמעטסקין איז געשטאַנען אָן אַ זייט. האָט אַלץ געהאַט גרויסע צע־וואונדערטע אויגן, אין האַרצן האָט עס געשלאָגן מיט איינציקע, שווערע קלעפּ. ער האָט געקוקט אויף באַראַדינען און נישט פאַרשטאַנען: איז עס באַראַדין אָדער נישט?

— — — — — — — — — — — — — — —

ס'איז שוין געווען האַלבע נאַכט ווען באַראַדין איז אַרויס פון קרייז. מען האָט אים אָפּגעטראָטן אָן אָרט אויף אַ באַנק און ער האָט זיך אוועקגע־זעצט ווי אוועקגעפאַלן. ער האָט געאָטעמט שווער און טיף. האָט זיך געווישט דאָס פּנים און זיינע גלאַטע שאַטענע האָר זייַנען געווען נאַס און צעוואָרפן, ווי ביי מענטשן, וואָס האָט זיך געטרונקען און מען האָט אים פון וואַסער אַרויסגעצויגן.

ער האָט זיך צעשפּיליעט דעם מונדיר. האָט מיט דער האַנט געווישט די האָריקע ברוסט. די אָפיצירן האָבן נאָך געטאַנצט, נאָר דאָס טאַנצן איז געוואָרן געלאַשענער. די געשרייען זייַנען איצט געקומען מידע ווי פון פייגל, וואָס דערפּליען דאָס לעצטע שטיקל וועג. דער יונגער אָפיציר איז צוגעקומען, האָט זיך אַ וואַליע געטאָן אויפן באַנק נעבן באַראַדינען. האָט זיך צו אים צוגעבויגן און שכורלעך אַרויסגעמורמלט:

— אַ שד . . . אַ שד ביסטו נישט קיין מענטש!

באַראַדין האָט געשמייכלט:

— ניין . . . נישט קיין שד . . . אַ קאָזאַק בין איך!

— ריכטיק געזאָגט . . .

באָראָדין האָט גענומען פאַרקנעפּלען דעם מונדיר, האָט דערוויילן געדערט פּלאָנטערענדיק מיט דער צונג, ווי ער וואָלט געווען שכור:

— היינט . . . ארויסגעריטן איבער דער געגנט . . . מען דאַרף כאַפּן א קוקעלע . . . וואָס טוען אונדזערע „פריינט" די הינטישע זין . . . און מיין סטודענט . . . ער וויל אויך . . . סטודענטשיק, זאָג איך, וועסט ארייפאַלן . . . מען וועט דיך פּאַקן . . . און ער: מען וועט אים נישט פּאַקן . . . און אז יאָ, איז וואָס? סיידן מיט א קויל . . . א לעבעדיקן? — „דודקי בראַט" . . . טאָ קום . . . און א קעפּל האָב איך . . . זאָג איך צו מיין סטודענטשיק: דו, אין דיין מאַמען אריין . . . געפין א פּאָר פערד, וואָס מען האָט געפּאַקט ביי די רויטע . . . מיט א וואָך צוריק זיינען מיר געריטן . . . איך מיט אים . . . אהאַ זיי רייטן . . . ווער רייט? — צוויי רויטע . . . האָבן מיר זיי גענומען אויפן „פריצעל" און אוועקגעלייגט . . . האָבן מיר געבראַכט זייערע פערד . . . גיב אהער די פערד, זאָג איך צו אים . . . און פּעלצלעך ברענג . . . אָן שליפּעס . . . אָט אזוי . . . דער טייוול זאָל עס וויסן . . . געריטן און געריטן . . . נישטאָ קיין רויטער פאַר קיין רפואה . . . זיי האָבן געכאַפּט די פּיסלעך און אוועק . . . נו איז גוט . . . וועט מען קענען א טרייב טאָן מאָרגן . . . רייטן מיר צוריק . . . מיר קריכן אריין אין דאָרף אהאַ! — „סטאָי!" און „קטא יעדיעט?"

באָראָדין האָט זיך צעלאַכט. צוגעשפּאַרט די פּלייצע צו דער וואַנט און די פיס, אויסגעצויגענע, געוואַלגערט אויף דער ערד.

— געמיינט מיר זיינען אריינגעפאַלן . . . צום סוף — אין זייער מאַמען אריין . . . אייגענע! פון זעכצעטן פּאָלק, און מיר פון צוועלפטן . . .

און האָט צוגערופן זאַמעטקינען:

— קום אהער! גיב די פּאַפּאַכע!

זאַמעטקין איז צוגעגאַנגען. דעם אפיצירס אויגן האָבן זיך איינגעשטאָכן אין זיין פּנים און באָראָדין האָט ווידער געזאָגט:

— אָט אזוי שווייגט ער שטענדיק . . . זעסטו ווי זיינע אויגן ברענען? דער כעס קאָכט אין אים . . . דער דורשט נאָך נקמה זיצט אין אים ווי א שד און לאָזט אים נישט אָפּ . . . א טאַטן אומגעבראַכט . . . א שוועסטער פאַרפייניקט . . .

— זיינע אייגענע זשידעס האָבן עס געטאָן!

באָראָדין האָט זיך געגעבן א גלייך אויס:

— פאַרוואָס עפּעס דוקא יידן?

— ווער דען? ווער זיינען די רויטע?

— „בראָס!" ווען דאס וואָלט געווען אזוי?! אַ-האַ!

דער יונגער אפיציר האָט שוין געשוויגן. באָראָדין האָט זיך אויפגע-

שטעלט. זיך לייכט געשאָקלט אויף די פיס:

— איז דאס געווען א בראנפנדל?! אין אלע ביינדעלעך איז ער אריין.

ער האָט פאַרקנעפּלט דאָס פּעלצל. אָנגעטאָן די פּאַפּאַכע.

— דער זייגער?

— צוועלף באַלד . . .

— דאַרף מען נעמען דעם וועג . . . צושטעלען א ראַפּאָרט . . . וועט מען מאָרגן א שפּאַן טאָן . . . און אייער „פּאַראָל" ווי איז? א נייער געווים . . . ביי אונדז — אַלע דריי טעג א נייער.

— וואָלגאַ!

— ווי זאָגסטו? וואָלגאַ? ווי קומען מיר צו דער וואָלגאַ? . . .

דער יונגער אָפיציר האָט זיך געכאַפּט:

— איך גיי מיט אייך . . . מען דאַרף דורכקוקן די וואַך . . .

אַלע דריי זיינען אַרויס אין קאַלטן דרויסן. באַראָדין האָט אויסגעשריגן:

— די פערד!

דער יונגער אָפיציר האָט גענומען רופן דעם זעלנער וואָס איז געזעסן ביי דער שטאַל. האָט צוגעשפּאַנט צו אים. באַראדין האָט דערווייל א שעפּטשע געטאָן צו זאַמעטקינען:

— וועט עם מאָרגן פרייליך זיין, חבר!

ערשט איצט האָט זיך זאַמעטקין צעשמייכלט. ער האָט איצט ווידער דערהערט באַראַדינס אמת קול.

דער יונגער אָפיציר האָט זיי דורכגעפירט די וואַכן. ביי דער לעצטער וואַך האָט זיך באַראדין אויסגעבויגן צום אָפיציר, אויסגעשטרעקט צו אים די האַנט:

— צום ווידערזען! ווי איז אייער נאָמען?

— שטאַבסקאַפּיטאַן איוואַנאָוו.

— און מיין נאָמען — באַראדאָוו.

— באַראָדאָוו?

— יאָ . . . הער שטאַבסקאַפּיטאַן.

דער יונגער אָפיציר האָט נישט געוואוסט פאַר וואָס ער האָט נאָכגעטראַכט . . .אָן ווען דערמאַנט אים דעם נאָמען?

ביידע רייטער האָבן ראַפּטום א שלאָג געטאָן מיט די שפּאָרן, די פערד־האָבן זיך געגעבן א שטרעק־אויס און אָפּגעריסן די פיס פון שניי.

* * *

ווען זיי זיינען געווען שטארק דערווייטערט פון דארף האָט זאמעטקין אויסגעשריגן:

— חבר באָראָדין!

באָראָדין האָט איינגעהאַלטן זיין פערד. זאמעטקין האָט זיך אויסגע־גלייכט מיט אים:

— לאָמיר זיך צוקושן.

ביידע פערד האָבן געשפּאַנט איינס צום אנדערן געטוליעט. שטאַרקע הענט האָבן זיך ארומגענומען. די ליפּן זיינען זיך היים צונויפגעוואַקסן מיט שטאַרקער ליבשאַפט. איינמאָל, א צווייטן מאָל און א דריטן מאָל.

באָראָדינס קול איז געווען ליכטיק ווי זון:

— פאַרשטייסט . . . זיי זיינען אריין אין קאָרידאָר . . . ס'איז אין מיר אויפגעגאַנגען אזאַ ליכטיקייט . . . די פרייד איז זיך צעגאַנגען אין מיין לייב, אין מיין בלוט . . . דערפאַר האָב איך אזוי געטאַנצט . . . פאַרשטייסט, און מאָרגן . . . מאָרגן —

ווידער האָבן זיך די הענט געפלאָנטערט און געפּרעסט ארום די פּלייצעס:

— זעסט, זאמעטקין . . . זיי זיינען נישט קיין שלעכטע יונגען . . .זיי זיינען נאָר פאַרבלענדט . . . פאַרפירט . . . צו וואָס־זשע פאַרגיסן איבעריק בלוט? האָ? אזוי אבער — וועלן מיר זיי ארומרינגלען און זיי וועלן זיך אונטערגעבן . . .

דערנאָך האָט מען א טרייב געטאָן די פערד. זיי האָבן אויסגעצויגן די העלדזער און די מאָרדעס; אויסגעשטרעקט די עקן און זיך געלאָזט שווימען איבער ווייסע פעלדער. די עקן האָבן ווי פענדזלען געצויגן נאָך זיך שוואַרצע דיקע ליניעס. באָראָדינס האַרץ האָט אין אים געזונגען, דאָס געזאַנג פון נצחון. ער איז איצט געלאָפן צו זיינע קאַרפּוסן מיט דעם באַפעל. אין זיינע אויערן האָט איצט געהילכט זיין אייגן הייזעריקלעך קול:

— אָנ—גריי—פ—פ—ן!

אַטלאַנטיק סיטי, 1929

סכנה

א.

דער פּאָליטקאָם פון פּאַרטיזאַנער־פּאָלק חבר מיראָן, וואָס איז געזעסן ביי זיין טיש געבויגן איבער אַ צעעפנטער צייטונג, האָט זיך ראַפּטום געגעבן אַ שטרעק־אויס אין שטול, האָט אַנגעצילט זיין געהער צו דער טיר און זיינע טונקל־ברוינע קאַרשן־אויגן אונטער די גלעזלעך זיינען געוואָרן קיילעכדיק, פאַרשטאַרט ווי ביי אַ וואַלד־פויגל, וואָס האָט דערשמעקט סכנה; זיינע ליפּן האָבן זיך פאַנאַנדערגעקלעפּט און די באַקן האָבן זיך געבערגלט אונטער די אויגן: שטיל געוויש פון געדיכט אַמפּערן־זיך האָט היים אַ שלאָג געטאָן פון יענער זייט טיר. האַ? וואָס זאָל עס באַטייטן? זיין בלוט האָט בלינד און שאַרף דערשפּירט ריח פון פאַרהוילענער שרעק.

די טיר האָט אויפגעפּראַלט און עטלעכע פון די קלענערע קאָמאַנדירן, וואָס האָבן צו באַפעלן איבער וויזוואָדן און ראָטעס — האָבן צוזאַמענגעדרענגט זיך דורכגעשטופּט. נאָך זיי — נאָך עטלעכע. די שטילקייט אין פּאָלק־קאַנצעלאַריע, האָט דערביי אָן קול אַ זיפץ געטאָן און גלייך פאַרגאַפט געוואָרן.

איצט האָט דער פּאָלק־קאָמאַנדיר ארויסגענומען די אויגן פון די פּאַפּירן, וואָס זיינען פאַר אים אויפן טיש געלעגן און האָט אויסגעדרייט דעם נידעריק־געשווירענעם בלאָנדן קאָפּ צו דער טיר. דאָס סקולאַטע, פאַרהאַרטעוועטע געזיכט איז געבליבן רואיק און די קליינע העלע אויגן, גלאַנציקע ווי געשליפן גלאָז, האָבן געפאַרשט.

די אריינגעקומענע זיינען געשטאַנען צונויפגעדרענגט: זייערע געווען אנגעטאָן אין אָפּגעריבענע שינעלן. די לעדערנע פּאַסקעס האָבן שטייף ארומגענומען די טאַליעס. די שטיוול — קויטיק, צעפאָרן; די

געזיכטער — איינגעפאַלענע, שטייף־אנגעצויגענע; די באַקן — באַשיט מיט העלע און טונקעלע הערעלעך; אונטער די טונקעלע הויטן האָט געריזלט פאַר־ביסנקייט; פון די אויגן האָט עס געשפּיזלט. זיינען זיי געשטאַנען אַ צונויפגעדרענגטע הונגעריק־צערייצטע טשאַטע וועלף. הפקרות האָט היים און גערדיכט געקאַכט אין די ביינער; בייזע גבורה האָט זיך עקשנותדיק געריסן פון די האַרטע געזונטע לייבער.

דער פּאַליטקאָם האָט זיך אויפגעשטעלט. דערפילט ענגשאַפט אין האַלדז. שאַרף־שניידיקער ווינט איז צו אים צוגעפאַלן, דורכגעפּראַסטיקט דאָס לייב, אַרויסגעטריבן דאָס בלוט פון פּנים און קאַלט־פאַרקלעמט די ברוסט . . . דער קאָמאַנדיר וואַסילעוו איז אַלץ געזעסן שטיל. ער האָט צונויפגעצויגן די ברעמען, פאַרזשמורעט די אויגן און לייכט געקנייטשט דעם שטערן: זיינען זיי אונטערגעטרונקען? וועלף . . . נישט־געצוימטע וועלף . . . אויף זיי קען מען זיך אַלץ ריכטן . . .

דער פּאַרטיזאַנער פּאָלק איז נישט לאַנג צוריק איבערגעגאַנגען פון פּעטליורען צו די רויטע; האָט געהאָלפן צעשלאָגן די רעשטלעך פון פּעטליורעס אַרמיי . . . מיט עטלעכע טעג צוריק איז דער פּאָלק אַריין קיין קיעוו און זיך באַזעצט אין קאַזאַרמעס . . . ווען איז עס געווען? נעכטן? יאָ, נעכטן . . . וואַסילעוו איז אַריינגעקומען אין הויף פון די קאַזאַרמעס . . . האָט באַמערקט: מען שטייט אין גרופּעס און מען וואַרפט מיט הייסע אָפּגעהאַקטע ווערטער . . . אים דערזעענדיק — זיינען אַלע מיילער ראַפּטום פאַרהאַקט געוואָרן ווי די קלאַפּ־שלעסער . . . און איצט האָט מען זיך אַריינגעריסן מיט פאַרביסנקייט און הפקרות אין קאַנצעלאַריע . . . וואָס זשע מיינט עס? האַ? . . .

די שטילקייט האָט אָנגעהאַלטן אַ מינוט, אפשר צוויי, נאָר דעם פּאַליטקאָם איז אויסגעקומען אַז עס האַלט אָן שוין לאַנג . . .

דער קאָמאַנדיר האָט אויפגעהערט זשמורען די אויגן. קלוגער, לייכ־טער שמייכל האָט געשפּראַצט אויף זיין געזיכט. מיט צוגעלאָזנקייט אין קול האָט ער האַפּערדיק געפרעגט:

— נו, וואָס חברים? וואָס וועט איר זאָגן?

פאַרלעגנהייט האָט פון ערגעץ אַ פלייץ־געטאָן אויף דער צונויפגע־דרענגטער גרופּע. צעטומלניש איז צוגעפאַלן צו די פּנימער. אַ ווײַלע — און די פאַרביסנקייט האָט געלאָשן; די אויגן זיינען געוואָרן טעמפּ און די בייזע גבורה אין די לייבער האָט זיך געשטיקט. באַלד אָבער — אַ יונגער הײַדעמאַק האָט אין דער גרופּע אַ באַוועג געטאָן זיינע שלאַנקע צעוואַקסענע פּלייצעס; האָט זיך אויסגעשיילט פון אַלע איבעריקע. זיין האַלדז איז געווען פאַר־שטאַרט און געבויגן, ווי ער וואָלט זיך געגרייט אויף עמעצן אָנצופאַלן. זיין

פּנים איז געווען טונקל און די שוואַרצע אויגן האָבן געשרויפט פון אונטערן שטערן; די שלעסער פון די קינבאַקן זיינען געווען פאַרקלעמט און קליינע גולקעס זיינען איבער זיי הין און צוריק געלאָפן. פון אונטער דער „פּאַפּאַכע" האָט אַרויסגעשויבערט אַ בונט שוואַרצע, האַרטע האָר ווי קלימפּער פון דינעם דראָט. פון אונטער די שוואַרצע וואָנסעס האָט געשלאָגן שוואַרצע היץ און:—

— מיר ווילן אַ הוליע טאָן! אָט וואָס! — האָבן די ווערטער ווי שרויט געקלאַפּט פון זיין מויל.

די פאַרלעגנהייט איז גלייך אַפּגעפאַלן פון די, וואָס זיינען אַרום אים געשטאַנען:

— אַ הוליע טאָן!

—אָט וואָס מיר ווילן!

— און גוט אַ הוליע טאָן!

— און גלייך טאַקע!

— אָט וואָס!

— נאָך געגוג זאַכן אין די קראָמען!

— אַ הוליע טאָן אין שטעטל!

די אויסרופן האָבן געשלאָגן ווי פייער־שפּריצן פון ביקסן אין פינצטערניש. אַנטשלאָסנקייט האָט ווי געדיכטע היץ געזעצט פון די געזיכטער און צעצונדענע אויגן. ווייסע ציין האָבן געבלאַנקט . . . די רעכטע הענט זיינען געפאַלן אויף הענטלעך פון רעוואָלווערן, וואָס זיינען אין שיידלעך אויף פּאַסקעס ביי די זייטן געהאַנגען.

איצט איז דער קאַמאַנדיר אויפגעשטאַנען. ער איז געשטאַנען אַ הויכער אויף שלאַנקע לאַנגע פיס, נאָר אויסגעזען האָט ער געבויגן. ער האָט אַ קנייטש געטאָן דאָס פּנים ווי ער וואָלט דערשפּירט שאַרפן ווייטיק און די הויט אויפן האַלדז האָט פאַרבאָרגן געציטערט:

— וואָס? וואָס ווילט איר טאָן, חברים?

דער הײדעמאַק מיט די שוואַרצע וואָנסעס, האָט גלייך צוריקגעשלאָגן:

— דאָס, וואָס געהערט, חבר קאַמאַנדיר!

— אַ פּאָגראָם מאַכן?

— נו, איז וואָס? מיר ווילן!

— חברים! — דער קאַמאַנדיר האָט אַ שלונג געטאָן אַראָפּשלינגענדיק די שטיקעניש אין האַלדז — באַדענקט אייך . . . ס'איז דאָך רעוואָלוציע . . .

— דערפאַר טאַקע! ווילן מיר אַ הוליע טאָן!

ווידער האָבן אויסרופן גענומען בליצן ווי רויטע פלעמלעך אין דער

נאכט:

— מען ווייסט: צו „זשידעס" געהערן די קראמען!

— „זשידעס" זיינען בורזשועס!

— מיר זיינען באַרעכטיקט! די רעוואלוציע דינען מיר!

— אויפן פראנט זיך געוואלגערט!

— די לייז פרעסן אויף!

— די העמדער אויף די לייבער צעפליקט!

— און א גוטן ביסן וויל דער מאגן!

א פארשכורטע צונג האָט רעווענדיק ארויסגעבאלבעט:

— און א ווייכינקע נקבהלע וויל — — —

א פּאָר מיילער האָבן זיך צעכיקעט. דעם פּאַליטקאם איז אויסגעקומען, אז ס'איז פינצטער געוואָרן אין קאנצעלאריע.

דער קאמאנדיר איז געווען בלאס. האָט נישט געשפּירט קיין באָדן אונטער די פיס. און דער הײדעמאַק מיט דער פּאַפּאַכע האָט איצט געהאַלטן א נאַקעטן רעוואָלווער אין האנט, איז צוגעקומען נעענטער צום קאמאנדיר:

— מיר וועלן בלויז צוויי טעג אפּהוליען און געגוג . . .

מיט געבעט אין די אויגן האָט דער קאמאנדיר ארויסגעקרעכצט:

— דאָס קען דאך נישט זיין!?

— ס'וועט שוין יא זיין! אָט וועט איר זען! . . .

דער קאמאנדיר איז געשטאנען א פארלוירענער. פיינלעכער יאוש האָט געקלעמט דאָס הארץ; דער אטעם איז געוואָרן שווער: זיי וועלן זייערס דורכפירן . . . זיי וועלן . . .

מאָרגנע: איצט איז דער פּאַליטקאם חבר מיראָן געווען אינגאנצן געקומען צו זיך; אין קאָפּ איז אים געווען אויסגעגלייטערט און זיינע חושים זיינען געווען שטארק וואך. ער האָט געזען: אין קאנצעלאריע איז ליכטיק. אויף א פּאָר אייבערשטע שויבן פון א פענצטער ליגט רויטלעכע זון. ער האָט געפילט: דער דרויסן שמעקט שוין מיט פרילינג און ווייכע ווינטן גלעטן און טרוקענען די ערד . . . אָ? ווען מען קען געבן צו וויסן דעם חבר ראקאוו . . . דעם פארזיצער פון רעווקאם . . . וואָס-זשע וואָלט געווען? מען דארף געבן צו וויסן דעם חבר ראקאוו . . . מען דארף . . . און ער האָט אויסגעשטרעקט די האנט אין דער ווענדונג, וואו דער הײדעמאַק מיטן נאַקעטן רעוואָלווער אין האנט איז געשטאנען און ס'האָט אויסגעזען ער באַוועגט זיך שטייענדיק.

— וואַרט א ווײַלע, חבר!

יענער האָט אויסגעשפּיזלט די אויגן אויפן פּאַליטקאם:

— וואָס וועט איר זאָגן?

חוזק איז געווען אין טאָן און אין ארויסברענגען די ווערטער.

חבר מיראַן האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט נעענטער צו יענעם. איצט איז אין אים נישט געווען קיין שרעק. קיין צעטומלעניש. ער האָט גערעדט רואיק, באַפעלעריש און חבריש:

נו, גוט . . . ס'איז ריכטיק . . . זיי קומען פון פראָנט . . . אויס־געוואַלגערט זיך אין פראָסט . . . אויסגעמאַטערט . . . אָפּגעריסן . . . לייזיק . . . און ס'איז רעוואָלוציע . . . די בורזשואַזיע האָט נאָך קראַמען מיט זאַכן . . . וויל מען אַ פּאָר טעג הוליען . . . אַ פּאָר געציילטע טעג . . . ער פאַרשטייט: זאָלן זיי נעמען ביי דער בורזשואַזיע . . . זיי זיינען באַ־רעכטיקט . . . אָבער — — — נישט דער קאָמאַנדיר און נישט דער פּאָליטקאָם קענען נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט. נישט אַזוי? . . . דאַרף מען ריידן מיטן „רעווקאָם" . . . זאָלן זיי צוואַוואַרטן אַביסל: ער אַליין וועט פאַר זיי ריידן מיטן רעווקאָם . . . אַזוי און אַזוי, וועט ער זאָגן . . . אָט וועט ער צוגיין צום טעלעפאָן און וועט ריידן . . .

גלייך געמאַכט אַ באַוועגונג, זיך געוואָלט לאָזן צום טעלעפאָן, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט אין אַנדערן עק פון קאַנצעלאַריע. דער מיטן רעוואָלווער אין האַנט האָט געקוקט מיט אומצוטרוי:

— צו וואָס דאַס ריידן, האַ?

עס האָבן זיך דערהערט אויסרופן:

— זאָל ער . . . זאָל ער, אז אים ווילט זיך!

—נו גוט . . . זאָל ער פרעגן דעם רעווקאָם.

— נישט פרעגן . . . בלויז זאָגן: אַזוי און אַזוי טוט מען, און גענוג.

דער מיטן רעוואָלווער אין האַנט האָט אַלץ געקוקט מיט חשד. דאַן האָט ער געזאָגט:

— נו, גוט . . .

און ער האָט דעם פּאָליטקאָם באַגלייט צום טעלעפאָן. ווען חבר מיראַן האָט שוין געהאַלטן דאָס טעלעפאָן־רערל אין האַנט האָט דער פאַרשווין באַפוילן:

— נישט דערציילן קיין שום מעשיות . . . זאָל דער רעווקאָם גלייך קומען אהער . . . אָט וואָס . . . דורכן טעלעפאָן גאָרנישט דערציילן . . .

— — — — — — — — — — — — —

ב.

צוגעטוליעט די פּלייצע צום ווענטל פון שטול, די הענט אויף די אַנלענען, איז דער פּאַרזיצער פון רעווקאָם חבר ראַקאָוו געזעסן אומבאַוועגלעך, און זיינע העל־בלויע, ברייט־צעעפנטע, קלאָרע אויגן האָבן געקוקט צום דרויסן דורכן פענצטער. פון דערבייאיקע צימערן האָבן זיך דערטראָגן אימפּעטיקע, האַרטע שנעלן פון אַ שרייב־מאַשינקע; טריט, וואָס האָבן פון צייט צו צייט אויפגעשלאָגן מיט קלאַנג פון שפּאָרן; פּאַרטויבטע אָפּהילכן פון געהאַקטע ווערטער. נאָר דאָ אין צימער האָט די שטילקייט געיערט אין אַלע ווינקלען, געקראָכן איבער ווענט און סטעליע, ווי קריכנדיקע געוויקסן.

איז חבר ראַקאָוו געזעסן אין דער שטילקייט און פאַרנאַכטיקע פרומקייט איז געלעגן אויף זיין בלייך, מיד פּנים, אויפן בלאָנדן בערדל און בלאָנדע, ווייך־צעוואָרפענע פּאַסמעס האָר אויפן קאָפּ. האָט עס אויסגעזען: ער דרימלט זיצנדיק מיט אָפענע אויגן. מידקייט איז געקראָכן ווי קעלט אין די ביינער, האָט געגליווערט דאָס ליב, נאָר דאָס האַרץ איז געבליבן וואַך. דער קאָפּ — לויטער. פון וואַנען נעמט זיך צו אים אַזאַ מידקייט? . . . און וואָס איז דער וואונדער? די לעצטע זיצונג פון גובערניאַלן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָט זיך פאַרענדיקט ווען עס האָט שוין געגומען גרויען אויף טאָג . . . ווען מען איז זיך צעגאַנגען — איז שוין געווען ליכטיק. און מיט אַ שעה אַנדערטהאַלבן שפּעטער, וועט פאַרקומען אַ זיצונג פון רעווקאָם . . . די רעוואָלוציע ווייסט נישט פון קיין אָפּרו . . . זי שפּאַנט מיט ריזיקע, כּיעכטיקע טריט. שפּאַנט האַסטיק און מען מוז, און מען דאַרף נאָכהאַלטן . . . נישטאָ קיין צייט זיך צוצוהערן צו פערזענלעכער מידקייט, די רעוואָלוציע קען ניט וואַרטן . . .

לייכטער שמייכל האָט אַ שיין געטאָן אונטער די אויגן, האָט גלייך זיך איינגעזאַפּט און די ברעמען האָבן זיך צוזאַמענגעקנייטשט:

די רעוואָלוציע האָט באַפרייט דאָס פאָלק פון לייבלעכער קנעכטשאַפט. אָבער — וועט זי אויך לייטערן די מענטשן פון סם, וואָס ריזלט אין זייערע בלוטן? וועט די רעוואָלוציע האָבן גענוג כּח צו באַפרייען דאָס פאָלק פון די ווילדקייטן, וואָס האָבן אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן זיך איינגעפרעסן אין די לייבער און אין די ביינער?

טאַקע אויף דער לעצטער זיצונג פון צוזאַמענפאָר איז עס פאָרגע־קומען:

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן די מיטלען, וואָס דאַרפן אָנגענומען ווערן אויף אָפּצושטעלן די ספּעקולאַציע, וואָס ווערט געטריבן מיט לעבנס־

מיטלען און וואַליוטע. ס'האָט גערעדט אַ דעלעגאַט פון אַ שטעטל. האָט געשליידערט מיט האַרטע, צעהיצטע ווערטער . . . אומגעריכט האָט פינצטערער צונג־ווינט פון ערגעץ אַ בלאָז געטאָן און פון קאָנוואולסירנדיקע ליפּן איז געפאַלן דאָס וואָרט „זשידי״ . . . איידער נאָך די אויערן האָבן דאָס וואָרט רעכט דערהערט און אַ קול האָט מיט ביטערניש אַ פּליִיץ געטאָן:

— פּעטליורעוועץ!

און ווידער:

— פּאָגראָמשטשיק!

דעלעגאַטן זיינען אויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער. געשרייען האָבן זיך געיאָגט און געקרייצט. דער פאָרזיצער האָט געקלונגען מיטן גלעקל. חבר ראַקאָוו איז געזעסן ביי דעם פּרעזידיום־טיש און ער האָט געזען: דער שטעטלדיקער דעלעגאַט איז געשטאַנען צעמישט. זיין פּנים איז געווען בלייך, די ליפּן האָבן אים געציטערט, און האָט געקוקט מיט פאַרוואונדערטע אויגן, ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר . . . איינציקע פון די שטעטלדיקע דעלעגאַטן זיינען געזעסן שטיל אויף זייערע ערטער: ווי אויך זיי וואָלטן נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס ס'איז אַזאַ טומל געוואָרן . . . דער פאָרזיצער האָט אַלץ געקלונגען מיטן גלעקל און געבעטן און אויפגעפאָדערט זיך צו באַרויקן . . . אַז ס'איז שטילער געוואָרן, האָט דער שטעטלדיקער דעלעגאַט גענומען שטאַמלען:

— חברים . . . איך האָב גאָרנישט געמיינט . . אַנטשולדיקט חברים . . . כ'האָב בלויז געוואָלט — — — —

— ער איז אַ פּעטליורעוועץ! לאָזט אים נישט ריידן!

דער פאָרזיצער איז געווען אין פאַרלעגנהייט:

— חבר מיראָן, דער דעלעגאַט וויל מאַכן אַ דערקלערונג.

— ער איז אַ פּעטליורעוועץ! אַ דערקלערונג וועט ער מאַכן פאַר אַ פּאַרטיי־געריכט!

— ריכטיק, חבר פאָרזיצער!

— פאַר אַ פּאַרטיי־געריכט!

— נעמט אים צו דאָס וואָרט, חבר פאָרזיצער!

און דער פאָרזיצער האָט גלייך נאָכגעגעבן . . . ביי דעם דעלעגאַט דאָס וואָרט צוגענומען . . .

— — — — — — — — — — — — —

חבר ראַקאָוו האָט זיך צוגעבויגן צום טיש, געבליבן אַביסל געהויקערט: אין חבר מיראָן האָט זיך צעשריגן דאָס בלוט. אין אים האָבן

זיך צעליארמט די פיינען פון פעטליורעס פאַגראָמען. דערפאַר איז זיין שטים געווען אַזוי גאַליק־ביטער. . .ווי האָט שפעטער חבר מיראַן געזאָגט?. . . „אַז אַ מיטגליד פון דער פאַרטיי קאָן זיך אַזוי אַרויסכאַפּן — וואָס זשע זאָלן שוין נישט פאַרטיי־מיטגלידער טאָן?" . . . זיין שטים האָט געציטערט ווען ער האָט דאָס געזאָגט. אבער — ער גלייבט אין דער רעוואָלוציע און גלייבט, אַז זי וועט פון די מאַסן אַרויסטרייבן די ווילדקייטן וואָס רעליגיע און ביז איצטיקע הערשער האָבן אין זיי פאַרפלאַנצט. די רעוואָלוציע וועט דעם וואונדער באַווייזן . . . זי וועט אויך די נשמה פון די מאַסן באַפרייען . . .

דער טעלעפאָן אויפן טיש האָט זיך צעקלונגען. דער פאַרזיצער האָט זיך לייכט אַ צאַפּל געטאָן, האָט גענומען דאָס טעלעפאָן־טרייבל אין האַנט:

— איך הער.

זיין סעקרעטאַרס שטים: דער פּאָליטקאָם חבר מיראַן וויל ריידן . . . זאָל ער פאַרבינדן?

— ווער זאָגט איר? חבר מיראַן?

מאָדנע: נאָר וואָס געטראַכט פון אים.

— יאָ, חבר מיראַן . . . פאַרבינדן?

— פאַרבינדן.

— גלייך.

אין טעלעפאָן־אַפּאַראַט האָט עס אַ קרעכץ געטאָן. באַלד — און אַ שטים אָנגעזאַפּט מיט צערודערונג ווי אַ שוואָם מיט וואַסער, האָט זיך דערהערט:

— פאַרזיצער פון רעווקאָם, חבר ראַקאָוו?

— יאָ, איך.

— דאָס רעדט מיראַן . . . פּאָליטקאָם פון פאַרטיזאַנער פּאָלק . . . וואָס איז צו אונדז איבערגעגאַנגען פון פעטליורען . . .

דער פאַרזיצער פון רעווקאָם, חבר ראַקאָוו האָט גלייך דערשפּירט צעטומלעניש. עפּעס זיינען די ווערטער: „איבערגעגאַנגען צו אונדז פון פעטליורען" — אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט שאַרפקייט און ביטערקייט. אָ? אָט אַזוי האָט די שאַרפקייט און ביטערקייט געשריגן פון מיראַנס שטים, ווען ער האָט צום שטעטלדיקן דעלעגאַט אויסגערופן: „פעטליורעוועץ". עפּעס האָט דאָרט פּאַסירט . . . די מידקייט, וואָס איז ביז אהער געזעסן אין לייב, האָט גענומען אויסוועפּן, אַוועקרייכערן. ער איז געוואָרן אָנגעשטרענגט, האָט זיך געבויגן איבערן טיש; די מוסקולן אויפן געזיכט האָבן גענומען וויברירן:

— איך הער אייך חבר מיראַן, רעדט!

— איך קען קיין סך נישט זאָגן . . . — האָט איבערגעריסן, שווער איבערגעכאַפּט דעם אָטעם — כ'מיין, איך האָב נישט קיין סך צו זאָגן . . .

כ׳בעט אייך. . .קומט גלייך אריבער צו אונדז אין די קאזארמעס . . . אין נאמען פון דעם קאמאנדיר־באַשטאַנד פון אונדזער פּאלק בעט איך אייך . . .

חבר ראקאוו האָט דערשפּירט פּאַניק. דאָס האַרץ זיינס האָט גענומען ציילן האַרטע קלעפּ, וואָס האָבן אפּגעהילכט אין די אויערן. ער האָט דער־שפּירט חבר מיראַנס רייד . . . ער האָט גענומען אָטעמען האַסטיקער:

— איר קענט נישט ריידן, חבר מיראַן?

— ריכטיק, חבר ראקאוו!

— האָט עפּעס פּאַסירט?

— יאָ . . . קומט גלייך.

— עפּעס מיטן פּאָלק?

— יאָ . . . ס׳איז וויכטיק . . . זייער וויכטיק . . .

מיטן גאַנצן לייב און בלוט האָט חבר ראקאוו דערפילט סכנה. ער האָט געקרימט דאָס פּנים:

— כ׳פאַרשטיי . . עס שמעקט מיט אומרו? ס׳האַלט ביי עפּעס אַן אויסברוך? כ׳פאַרשטיי ריכטיק?

— יאָ! — איז געקומען אַן אויסגעשריי, וואָס האָט שאַרף אונ־טערגעשטראָכן, אַז ס׳איז ריכטיק פאַרשטאַנען. באַלד מיט איינגעהאַלטנ־קייט:—ס׳איז נויטיק . . . ס׳איז זייער נויטיק איר זאָלט גלייך קומען חבר ראקאוו.

— גוט. איך וועל באַלד אַרויספאָרן.

— מיר וואַרטן אויף אייך.

חבר ראקאוו האָט אוועקגעלייגט דאָס טעלעפאָן רערל, האָט זיך אויפ־געשטעלט, געשטאַנען אויף שטייפע פיס. האָט אַ ווײַלע געטראַכט פינטלענדיק מיט די אויגן און:—ער האָט אַלץ פאַרשטאַנען . . . „דער פּאָלק, וואָס איז צו אונדז איבערגעגאַנגען פון פּעטליורען" . . . וואָס־זשע דאַרף ער איצט טאָן? האַ? . . . ער ווייסט שוין וואָס ער דאַרף טאָן . . .

מיט הילכיקע טריט צוגעשפּאַנט צו דער טיר, זי געעפנט צום סעקרעטאַר אין צימער: זאָל דער אויטאָמאָביל זיין גרייט . . . גלייך אריינשיקן דעם פּאַר־וואַלטער . . . זאָל דער סעקרעטאַר אויך אריינקומען . . . נישט געזאַמט . . .

— גוט, חבר פּאַרזיצער!

אַ קורצע ווײַלע איז פאַרביי. ווי לאַנג די ווײַלע האָט זיך עס גע־צויגן . . . ס׳איז אריינגעקומען דער פאַרוואַלטער איבער די ענינים פון רעווקאָם, וואָס איז געווען דעם פאַרזיצערס שטעל־פאַרטרעטער. נאָך אים איז אריין דער סעקרעטאַר.

— איז דער אויטאָמאָביל גרייט?

— גרייט, חבר פאָרזיצער!

חבר ראקאוו האָט נישט געקענט איינשטיין אויף קיין אָרט. קיין סימן פון מידקייט. אימפעט האָט געשריגן אין לייב, געשלאָגן אין אלע אברים. ער האָט געאָטעמט היים און האסטיק. גערעדט **מיט קורצע געהאַקטע** פראזן. די סכנה האָט אים געטריבן. ער האָט אנגעטאָן דעם שינעל און געגעבן באפעלן: גלייך אפרופן דעם גארניזאן־נאטשאלניק . . . זיך תיכף שטעלן אין פארבינדונג מיטן מיליטער־שטאב . . . דעם פארזיצער פון „טשעקא" האָט ער נאר וואס אפגערופן . . . זאָל אים דער פארוואלטער גלייך ווידער אפרופן . . . מען מוז האנדלען שנעל . . מען טאר קיין צייט נישט פארלירן . . . די סכנה ווארט נישט.

דער פארוואלטער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאפ. געדיכטער ערנסט האָט געשפארט פון זיינע ברוינע אויגן. דער סעקרעטאר האָט געקוקט פארגאַפט, ווי ער וואָלט נישט קלאר געזען.ביידענס פנימער זיינען געווען צערודערט און פארשטאַרט, ווי זיי וואָלטן געשטאנען פארבלאנדזשעטע אין פעלד און שפירן דאָס אנקומען פון שטורעם.

— פארגעסט נישט, וואָס איך האָב אפגערעדט . . . איך פאָר . . .

אזוי האָט געזאָגט חבר ראקאוו און מיט איילנדיקע, וואגנדיקע טריט ארויס פון צימער. אנטשלאָסנקייט איז געווען אין זיינע טריט.

— — — — — — — — — — — — —

ב.

אויפן גרויסן קאזארמע־הויף זיינען געשטאנען די זעלנער פון פארטיזאנער פאלק. געשטאנען מיט די ביקסן אויף די אקסלען אנגעהאנגען און האָבן אויסגעזען: א צופעליק־צונויפגעטריבענע מחנה; זיינען געווען אנגעטאָן אין אָפגעריבענע שינעלן, צו־ברייטע און לאנגע, אדער צו־שמאלע און קורצע; אין פעלצלעך און אין סערמיאנגעס. אויף די קעפ — היטלען פון פארשיידענע פארמען און קאלירן, אָפגעקראכענע קוטשמעס און „פאפאכעס"; אויף די פיס — שטיוול, שיך, „לאפטעס" און הארטע שטיקער זעק. די געזיכטער — פארוואקסן, טונקל און אונטער דער הויט האָט געזאָטן פארביסנקייט. זיי האָבן געאָטעמט מיט איינגעהאלטענער צערייצטקייט און די אויגן האָבן שטיל געשרפעט ווי ביי פארטאיעטע וועלף, וואָס וואַרטן אויף פאסיקער מינוט . . . אויף א קאסטן אין מיטן הויף איז געשטאנען חבר

ראַקאָוו און האָט גערעדט צו זיי. זיין שטים איז געווען פּאַטערלעך און אנגעזאַפּט מיט צער: וואָס ווילן זיי טאָן? זיי ווילן ברענגען שאַנד אויף דער רעוואָלוציע? פאַרשטייען זיי, וואָס דאָס מיינט? אַ רויטער רעוואָלוציאָנערער פּאָלק מאַכט אַ פּאָגראָם? . . . זאָלן זיי געדענקען: זיי דינען איצט דער רעוואָלוציע . . . דעם פּראָלעטאַריאַט . . . זיי טאָרן נישט און קענען נישט פאַרפלעקן די פאָן פון דער רעוואָלוציע!

נעבן רעדנער זיינען געשטאַנען: דער קאָמאַנדיר וואַסיליעוו און דער פּאָליטקאָם מיראָן. זיי האָבן געפּאַרשט די פּנימער פון די זעלנער און די הערצער זייערע האָבן געקילט. זיי האָבן געשפּירט: די זעלנער הערן זיך נישט צו. זייערע בליקן זיינען געווענדט צו זייערע קאָמאַנדירן . . . און די קאָמאַנדירן שטייען צוזאַמענגעדרענגט און די פאַרביסנקייט האָט ווי שטאַרקער פּראַסט פאַרקאָוועט זייערע געזיכטער . . . זיי ווינקען זיך איבער פון צייט צו צייט מיט קורצע, פאַרבאַרגענע וואונקען . . . חבר מיראָן האָט געשפּירט: דאָס האַרץ האָט זיך אים פאַררוקט אין אַ זייט אַריין. וואָס־זשע וועט זיין? וואָס וועט דאָ זיין?

די רויטע זון האָט שוין געקוקט פון האָריזאָנט. פון פאַרהוילענע הײלן האָט מיט ווייכע טריט געשלייכט אוונט. דאָס ווינטל איז געוואָרן שאַרפער, קילער, רויטער בליאַסק פון זון איז געפאַלן אויף חבר ראַקאָווס געזיכט. זיין קול איז געוואָרן היימישער: ס׳איז אמת, זיי זיינען נישט גוט אָנגעטאָן. אָבער — נאָך אַ ביסל געדולד און מען וועט זיי פאַרזאָרגן מיט אָנטאָן . . . מיט גוטע שטיוול . . . מיט נייע שינעלן . . . מיט ריינע „רובאַשקעס" . . .

די זעלנער האָבן זיך גענומען צוהערן, נאָר דאָ — און פון צווישן דער גרופּע קאָמאַנדירן האָט זיך דערהערט:

— שוין געהערט די צוזאָגן!

און ווידער האָבן די זעלנער אויפגעהערט צו הערן.

חבר ראַקאָוו האָט דערפילט: זיינע ווערטער קומען ניט צו די אויערן פון די זעלנער; גלייך ווי די ווערטער קומען אַרויס פון זיינע ליפּן פאַלן זיי אַראָפּ אויף דער ערד ווי קאַלטע שרויטן . . . אין האַרצן האָט גענומען קלעמען שרעק און אומגעדולד: „וואָס נעמט עס אַזוי לאַנג?" . . . ער האָט באַמערקט פאַרבאָרגענע חוזק־שמייכלעך אויף עטלעכע פּנימער פון קאָמאַנדירן. און:—וועט אים געלונגען זיי צו פאַרהאַלטן ביז דעם געהעריקן מאָמענט? ער מוז . . . ער מוז זיי פאַרהאַלטן . . . די רעוואָלוציע שטייט אין קאָן . . . ער מוז דערשטיקן אין זיך די אומגעדולד . . . און —

איצט איז זיין קול געוואָרן בעטנדיק. ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט. ער בעט זיי: זאָלן זיי נישט באַדעקן די רעוואָלוציע מיט שאַנד . . . אָט וועט ער פאַלן פאַר זיי אויף די קניען און וועט זיי בעטן . . .

צווישן דער צונויפגעדרענגטער גרופּע אַנפּירער איז געוואָרן אַ שעפּטשעריי, ווי דאָס פּלאַצן פון בלעזלעך אויף הייסע לאַווע:

— זיך צעבאַלבעט ווי אַ באָבע!

— גענוג געבאַלבעט!

— פאַרמאַכן אים דאָס מויל?

דער יונגער היידעמאַק מיט דער „פּאַפּאַכע" האָט אַ שעפּטשע געטאָן:

— זאָל ער. דערווייל וועט נאַכט ווערן . . .

— איז וואָס?

— וועט זיין פינצטער . . .

— ריכטיק . . . אין דער פינצטער הוליעט זיך בעסער.

— טאָקע בעסער . . .

— עס ווערט נאַכט.

שטיל אין דער גרופּע. הייסע בלוטן יעירן אין די לייבער. נאָד־ווענטלעך באַוועגן זיך. שוואַרצע קלינגלעך גלאַנצן אין די אויגן וואָס זעען שוין: ווייסע, ווייכע לייבער צאַפּלען זיך אין דער פינצטער . . . היץ שלאָגט אין די קעפּ . . . בלוטן יושען . . .

פאַרטאַיעטע אויגן האָבן זיך איבערגעוואונקען.

חבר ראַקאָווס שטים האָט זיך געבראָכן, געהויבן און געפאַלן. ער האָט אַלץ גערעדט בעטנדיק. האָט געפילט: ווייטיק וויקלט זיך ווי האַרטע רייפן אַרום דער ברוסט . . . וועט ער קענען דערציען מיט זיינע רייד? „וואָס נעמט עס פאַרט אַזוי לאַנג"? די זון לעשט זיך. טונקעלע שאָטנס אויפן הויף און טונקעלע שאָטנס אין האַרצן . . . די סכנה איז צוואַקסן . . . אָט וועט ווערן אַ ווילדער רעווע און — — —

ס'האָט זיך איבערגעבראָכן אין זיין שטים און אין זיין האַלטונג. ער האָט אַ שלונג געטאָן מיט דערלייכטערונג, האָט זיך אויסגעשטרעקט, איז העכער געוואָרן: אין טויער האָט זיך באַוויזן זיין סעקרעטאַר. דאָס איז געוועזן אַנזאָג און בשורה . . . ראַקאָוו האָט איבערגעריסן דאָס ריידן. אין אים האָט עס הילכיק אויסגעשריגן: „ענדלעך!"

קעפּ האָבן זיך אויסגעדרייט צום טויער. אויגן האָבן געפאַרשט. די זון איז געוועזן פאַרגאַנגען. דער סעקרעטאַר האָט זיך געאַמפּערט מיט דעם זעלנער, וואָס האָט דעם טויער געהיט, און אים דעם וועג פאַרשטעלט. חבר ראַקאָוו האָט אויסגערופן:

— ס'איז דער סעקרעטאַר פון רעווקאָם! ער קומט צו מיר!

דער זעלנער האָט אויפגעכאַפּט אַ וואונק פון יונגן היידעמאַק אין דער „פּאַפּאַכע" און האָט דעם סעקרעטאַר דורכגעלאָזט.

דער סעקרעטאַר איז צוגעקומען נאָענט צו חבר ראַקאָוו:

— מען וואַרט אויף אייך אין רעווקאָם, חבר פּאַרזיצער!
אויך זיין שטים האָט געקלונגען מיט אַנזאָג.
— אַלע זיינען שוין דאָ? — האָט חבר ראַקאָוו געפרעגט.
— אַלע! זיי וואַרטן אויף אייך און די זיצונג וועט זיך גלייך אָנהייבן.
— גוט, חבר סעקרעטאַר! איך גיי.
חבר מיראָן האָט אויסגעשטעלט בעטנדיקע אויגן נאָר ראַקאָוו האָט עס ניט געוואָלט באַמערקן. ער האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם, האָט מיט זיין בליק אַרומגענומען דעם הויף. דאַן האָט זיך דערהערט שטאָל אין זיין קול:
— חברים פּאַרטיזאַנער! מער האָב איך אייך נישט וואָס צו זאָגן!
דער יונגער היידעמאַק מיט דער „פּאַפּאַכע" האָט אויסגערופן:
— און בעסער אַזוי!
— כ'וויל אייך בלויז נאָך איין מאָל דערמאָנען — — —
— נוצלאָז די רייד!
— רעד איך נישט מער!
חבר ראַקאָוו האָט זיך געווענדט צום קאָמאַנדיר וואַסיליעוו און פּאָליטקאָם מיראָן:
— באַגלייט מיך צום טויער, חברים!
ער איז אַראָפּ פון קאַסטן, האָט געלאָזן געשפּאַנט צווישן זיינע באַגלייטער. אַרום האָט עס דראָענדיק געשוויגן. דער יונגער היידעמאַק האָט מיט דער האַנט געוואונקען צום זעלנער, וואָס האָט געהיט דעם טויער. דערביי אַ שעפּטשע געטאָן: „דאָ וועלן זיי בלייבן" . . .
דערנענטערנדיק זיך צום טויער האָט חבר ראַקאָוו שטיל אַ מורמל געטאָן צו וואַסיליעוון . . . יענער האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ שעפּטש . . . מיראָן האָט פיינלעך געקנייטשט דעם שטערן: האָט ער ריכטיק פאַרשטאַנען דעם מורמל?
— נישט אַרויסגיין! — האָט דער זעלנער ביים טויער זיך געשטעלט זיי אַנטקעגן, האַלטנדיק די ביקס געשטרעקט.
פלינק ווי אַ בליץ זיינען וואַסיליעווס הענט געפאַלן אויף דער ביקס. אַ שלעפּ, און דער זעלנער איז געבליבן מיט ליידיקע אויסגעשטרעקטע הענט. ס'איז געשען אַזוי פּלוצלונג און אַזוי פלינק, אַז ווען די אויפן הויף האָבן פאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, איז שוין ביים טויער קיינער נישט געווען.
דער יונגער היידעמאַק האָט אַרויסגעליאַרעמט:
— דעריאַגן! . . . צוריקברענגען! . . . טויט אָדער לעבעדיק! . . .
אַ געפּלאַנטער פון טריט. הענט האָבן געשלעפּט רעוואָלווערן פון די שיידלעך, רציחה האָט געזאָטן, געפלאַמט די נעזיכטער. געשרייען ווי פייער־

צונגען האָבן זיך געשליידערט איינע איבער די אנדערע. א גערדרענג ביים טויער און —

א האָגל פון קוילן האָט א פלייץ־געטאָן אויף די ערשטע, וואָס זיינען ארויס פון טויער . . .איינער האָט זיך אראָפּגעזעצט מיט גרוילנדיקן קוויטש כאַפּנדיק זיך מיט די הענט פאַרן בויך. א צווייטער האָט זיך געבויגן און דרייען בייסנדיק מיט די ציין זיינע אָכצן. א דריטער איז צוגעפאַלן מיט דער פּלייצע צו דער וואנט און זיך גענומען וואקלען ווי א שכור. ס'איז געוואָרן א קלימפּער ביים טויער. די פון אינווייניק האָבן גערדרענגט ארויס און די פון דרויסן האָבן געשטופּט אויף צוריק. קוילנוואַרפער האָבן געיאָגט א שטראָם ביינערדיק־האַרטע קלעפּ.

די קאַזאַרמעס זיינען געווען ארומגערינגלט מיט מיליטער, ארום־געצוימט מיט קוילנוואַרפער און קליינע פעלד־האַרמאַטן.

— — — — — — — — — — — — —

די שיסעריי האָט לאַנג נישט אנגעהאַלטן. די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך אונטערגעגעבן.

* * *

ס'איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט. נאָך אונטערהאַנדלונגען האָבן די פּאַרטיזאַנער ארויסגעגעבן זייערע אַנפירער און מען האָט זיי אָפּגעפּידט אין „טשעקא". ביי די זעלנער האָט מען צוגענומען דאָס געווער און די שטאָט איז רואיק געשלאָפן און נישט געוואוסט פון דער סכנה, וואָס איז פאַרמיטן געוואָרן.

פילאדעלפיע, 1933

גענעראַל מאַראַזאָוו

א.

אַרויסגעקומען אויפן גאַניק פון פריציש־געפּאַרבטן הויז אין וועלכן ער האָט געוואוינט, איז דיוויזיע־גענעראַל מאַראַזאָוו געבליבן שטיין פאַרבלאָנ־דזשעט; מיט געבויגנקייט אין זיין הויכער מאַסיווער פיגור, מיט שטאַרק־פאַר־פרעסטע ליפּן אונטער די געדיכטע שוואַרץ־געפאַרבטע וואָנסעס און מיט פאַרזשמורעטע שאַרפע אויגן. הייס האָט דער אָטעם געיאָגט פון זיינע צעברייטערטע נאַזלעכער און דער כעס אין אים האָט אימפּעטיק געשפּריצט ווי פונקען פון אַנגעצונדן פייערווערק:

— אַזאַ „שוואַל"... אויך זי וואָגט שוין... אַן אַלטער בין איך איר פלוצלונג געוואָרן... און זי וואָגט צו שמייכלען מיט חוזק אין די אויגן... אַזאַ „שוואַל"...

ווען גענעראַל מאַראַזאָוו איז באַלד אינדערפרי אַריין צו זיין מעטרעסע אין שלאָפצימער, איז נאַטאַליע מיכאַילאָוונאַ געלעגן אין בעט מיט פאַרמאַכטע אויגן. דאָס קיילעכדיקע, לויטערע פּנים, איז געווען געזונקען אין ווייכקייט פון די ציגיינעריש־שוואַרצע אויפגעשויבערטע האָר. אויף די פולע ליפּן האָט זיך געשפּילט היים־ליידנשאַפטלעכער הנאהדיקער שמייכל... און אָט דער שמייכל האָט אַ צינד־געטאָן דעם גענעראַלס האַרץ, ווי ער וואָלט זי געכאַפּט ביי פאַראַט... ס'האָט אויפגעפלאַמט פאַרלאַנג: אַראָפּרייסן פון איר די צודעק, דורכלויפן מיט די אויגן איבער איר נאַקעטקייט... געפינען צייכנס... די פינגער פון זיינע הענט האָבן זיך געבויגן ווי האָקעס. ער האָט עס אָבער נישט געטאָן — אַליין נישט ווייסנדיק פאַר וואָס... ער האָט בלויז מיט בייז געשטיקט קול אויסגערופן:

— נאַטאַליאַ מיכאַילאָוונאַ!

װי זי װאָלט געװאַרט אױף דעם אױסרוף: זי האָט גלײַך געעפנט די אױגן אַן שרעק און אָן אונטערטעניקײט, װי זי װאָלט אינגאַנצן נישט געװען זײַן „סאַדיערזשאַנקאַ”. זי האָט רואיק געקוקט אױף אים, געזען: ער איז געהילט אין כאַלאַט, בײַזקײט ברענט זײַן געזיכט, און — זי האָט געשמײכלט. חוזק איז געװען אין שמײכל: װען זי איז אהײם געקומען? זי װײסט אַלײן נישט װיפיל ס'איז געװען דער זײגער. װער קוקט עס אױפן זײגער? ס'האָט אָבער געמוזט זײַן נישט שפּעט . . . אַרײַן אין הױז איז זי זײער שטיל, נישט געװאָלט אים איבערװעקן . . . אַן עלטערער מענטש דאַרף זיך אױסרוען . . .

ער איז געװען דערשטױנט: װי אַזױ רעדט זי דאָס צו אים? צו גענע־ראַל מאַראַזאָװ? עס האָט אים צוזאַמענגעצױגן אין האַלדז. די פינגער פון זײַן רעכטער האַנט האָבן זיך לאַנגזאַם באַװעגט, װי פױלע װערעם; געזוכט דעם אַראַפּניק. אָבער זי — זי האָט אַלץ געשמײכלט מיט שפּאָטישן רחמנות, װאָס האָט אים געלײמט. זי איז געװען זײער רואיק: צו װאָס דאָס שרײַען? מיט װעמען זי האָט פאַרבראַכט? האָט ער נעכטן אין אװנט געװאָלט מיטגײן מיט איר אױפן שפּאַציר . . . עלטערע מענטשן זײַנען זײער איפּערזיכטיק . . . זי װײסט עס . . . האָט ער געװאָלט מיטגײן. האָט ער דאָך אָבער מורא געהאַט טאָמער װעט אַ זעלנער בעטן בײַ אים אַ שװעבעלע . . . װאָס זשע װיל ער פון איר? זי האָט דאָך די רעװאָלוציע נישט געמאַכט . . .

מיט צװײ טעג פריער איז עס פאָרגעקומען:

גענעראַל מאַראַזאָװ איז געגאַנגען אין גאַס. געגאַנגען מיט שטײפע טריט און די שפּאָרן האָבן געצײלט די שפּאַן זײַנע. אַנקומענדיק אױפן מאַרק, האָט זיך אַ זעלנער פּאַר אים אַװעקגעשטעלט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און דער זעלנער האָט דוקא רואיק אָבער באַפעלעריש געזאָגט:

— אַ שװעבעלע, הער גענעראַל!

קײנמאָל אין לעבן האָט זיך קײן זעלנער אַזױ נישט געװענדט צו גענעראַל מאַראַזאָװ. ער האָט דערפילט: הײסע ענגשאַפט איז אָנגעלאָפן אין קאָפּ. באַלד — און דאָרט איז אינגאַנצן לײדיק געװאָרן. ער האָט גאָר־נישט געטראַכט. נישט געװאוסט צי ער שטײט אױף דער ערד, אָדער הענגט אין לופטן. דעם זעלנערס װײסע צײן האָבן אַ בלאַנק געטאָן:

— אױב דאָס קיסרל האָט זיך פאַרגינען אָפּצודאַנקען פון טראָן, קאָן זיך גענעראַל מאַראַזאָװ דערלױבן געבן אַ זעלנער אַ שװעבעלע.

דעם גענעראַלס ברעמען האָבן זיך אַ קנײטש געטאָן: האַ? האָט ער נישט אַמאָל אָט דעם זעלנער געלאָזט שמײסן אַ נאַקעטן אין מיטן גאַס, אין װינטערדיקן דרױסן? װער קאָן עס געדענקען? אײן זעלנער האָט ער געלאָזט שמײסן און דערבײ געלאַכט מיט גרױס הנאה?

— אַ שװעבעלע גיב!

דער געשריי האָט א זעץ געטאָן אין פּנים. דער גענעראַל האָט זיך באַמיט צו שמייכלען. האָט פון שינעל־קעשענע ארויסגענומען א קעסטעלע שוועבעלעך. דער זעלנער האָט די שוועבעלעך נישט גענומען פון גענעראַלס אויסגעשטרעקטע האַנט. ער האָט געלאָזן פאַרוויקלט א פּאַפּיראָס מאַכאָרקע:

— צינד אָן!

דער גענעראַל האָט געוואָלט א צי טאָן דעם אָטעם און נישט געקאָנט. ער האָט פאַרקלעמט די ציין: „מען וועט נאָך שמייסן, אוי וועט מען שמייסן"... און — האָט אַנגעריבן א שוועבעלע. ס'האָט זיך פאַרלאָשן און ער האָט ווידער אַנגעריבן. דער זעלנער איז געשטאַנען פאַרגליווערט. דעם גענעראַלס האַנט מיט אַנגעצונדן שוועבעלע, האָט זיך דערנענטערט צום זעלנער. יענער האָט פאַררייכערט. די האַנט איז אַלץ געווען געשטרעקט, ווי דער גענעראַל וואָלט פאַרגעסן אַז ער קאָן זי אַראָפּלאָזן. האָט דער זעלנער א קלאַפּ געטאָן איבער געשטרעקטער האַנט, זי אַראָפּגעקלאַפּט און איז אוועק.

נאַטאַליאַ האָט געקוקט מיט גרויסע אויגן און האָט ווידערהאָלט:

— נישט איך האָב געמאַכט די רעוואָלוציע און נישט איך בין שולדיק אין דעם, וואָס גענעראַל מאַראָזאָוו האָט מורא, טאָמער וועט א זעלנער בעטן א שוועבעלע...

מאַראָזאָוו האָט געפילט: דאָס האַרץ אין אים האָט א פּאַרפּריר־געטאָן. ער האָט דערשפּירט: האַרטע שווערקייט האָט זיך אים אוועקגעלייגט אויפן קאַרק און די פּלייצע זיינע איז שטאַרק געבויגן... די הענט זיינען פרעמדע, הענגען אויף זאַוויאַסעם ביי די אַקסלען; הענגען שווער ווי שטיקער האָלץ... ער האָט גאָרנישט געזאָגט און מיט טריט, וואָס האָבן נישט אָפּגעהילכט, איז ער ארויס פון נאַטאַליאַס צימער... איר חוזק־שמייכל האָט אים באַגלייט. ער האָט עס נישט געזען און האָט עס געוואוסט. ער איז געווען אויסגעהוילט, גאָרנישט איז געווען אין אים...

ערשט איצט — ארויסקומענדיק אויפן גאַניק, האָט צאָרן זיך צעפלאַרעמט אין אים:

— אַזאַ „שוואַל"... ארויסטרייבן זי! צוריק אריינגיין אין הויז און— „פּאַשאָל" פון דאַנען, דו...

ס'איז געווען א טאָג פון אָנפאַנג אַפּריל. א לויטערער שטילער טאָג. דער הימל — אויסגעבלויט. בלייכע זון האָט געלייגט גאָלדענע טיולן איבער שווייגנדיקן זונטיקדיקן דרויסן; לינד ווינטל האָט זיך מיט קילקייט מיטגעגליטשט. דאָס הויז איז געשטאַנען אין עק שטאָט. ס'האָט זיך דאָ געפילט ריח פון ווייכער ערד, וואָס האָט זיך געוועקט מיט לעכצונג נאָך באַפרוכפּערונג און קרעכצנדיק אָן קול ליידנשאַפטלעך געאָטעמט...

האָט גענעראַל מאַראָזאָוו א פּאָר מאָל טיף אריינגעאָטעמט די אַפּריל־

פרישקייט, האָט זיך אויסגעשטרעקט, דערפילט אויף זיך די גענעראַלסקע קליי־דער און דערשפּירט די גאַנצע הייך זיינע. האָט גענומען אָטעמען לאַנגזאַמער און דער כעס אין אים האָט זיך גענומען שטיקן ווי האָליץ־פייער אויף וועלכן מען וואַרפט לאַפּאַטעס זאַמד . . . איצט האָט ער געדענקט: נאַטאַליאַס קער־פּער איז אַ פּולער און אַ גלאַטער, אַ בייגעוודיקער און אַ קרעפּטיקער. ניין! נישט אַרויסטרייבן! באַהערשן, באַזיגן . . .

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף די רויטע לאַצן פון זיין שינעל; האָט דער־שפּירט די שווערד, וואָס הענגט אים ביי דער זייט. די עפּילעטן זיינע איצט נישטאָ אויף זיינע אַקסלען . . . ס'מאַכט נישט . . . זיי ליגן אין קאָמאָד און וואַרטן. . .זיי וועלן זיך דערוואַרטן. . .זיי וועלן צוריק זיין אויף די אַקסלען. . .

ער האָט מיט די שפּיצן פינגער פון ביידע הענט דורכגעווישט די וואַנסעס, אַרויפגעדרייט די עקן און מיט שטייפע טריט אַראָפּ פון גאַניק.

האָט געשפּאַנט מיט שטאַרקע פיס. זיינע פּלייצעס — זיינען ברייט און פעסט; זיין ברוסט איז הויך, מעכטיק. געוואוסט: פּאַרב שפּילט זיך אויף זיינע גלאַטראַזירטע באַקן. ווער וועט עס וואַגן צו זאָגן אַז ער איז אַלט? און:—

ניין! נישט אַרויסטרייבן! באַהערשן!

אָ, זי וועט נאָך טאַנצן פאַר אים אַ נאַקעטע! און ער — מיטן אַראַפּניק וועט ער וויאַכטשען! . . . שטאַרקער ווי ווען עס איז . . . רויטע צייכנס וועלן זיך לייגן אויף איר לייב . . . און זי וועט טאַנצן. באַ יעדן וויאַכטש פון אַראַפּניק וועט זי אַרויסלאָזן אַ קוויטש, וועט זיך אַ קאַרטשע טאָן און ווייטער טאַנצן. זי ווייסט: גענעראַל מאַראַזאָוו באַצאָלט . . . עך „סאַנאַליאַ״ דו . . . אַן אַלטער בין איך דיר? האַ! און האַ־האַ! . . .

ער האָט מיט דער האַנט שאַרף אַ מאַך געטאָן איין מאָל און נאָך אַמאָל. האָט היים געאָטעמט דורך פאַרקלעמטע ציין און ווילדקייט האָט געצונדן די אויגן, וואָס האָבן געזען:

זי פאַלט פאַר אים אויף די קני . . . זי קושט זיינע הענט: יעגאָר טייערער! יעגאָרטשיק ליבינקער! נישט אַזוי שטאַרק, ס'טוט צופיל ווי . . . דו ביסט יונג . . . יונגער פון אַלע אָפיצירן . . . ביסט אַזאַ שטאַרקער. . .אַזאַ קרעפּטיקער . . . אַזאַ הייסער . . . אָט אַזוי רעד, דו „שוואַל״ . . . דו געמיינע קאַבאַרעט־טענצערן . . . אַזוי רעד . . . און געטאַנצט זאָל ווערן! . . . סאַ־דיסטישע היץ האָט געשלאָגן אין זיין לייב. ער האָט אויף די הענט געפילט די באַרירונג פון גלאַטן לייב וואָס ער פּאַטשט . . . עך „סאַנאַליאַ״! . . . ער בייסט די ברוסט, די אָרעמס . . . און זי קרעכצט . . . און דעם אַראַפּניק קוש! . . . אָט אַזוי . . . און — נישט ווי אַמאָל אַ פּינפּאָנצוואָנציקער, נאָר אַ גאַנצן הונדערטער! אָט האָסטו אַ הונדערטער „שוואַל״ און וויים . . .

ער האָט זיך פאַרבלינעט מיט תאוה. ס'האָט אים פאַרצויגן אין האלדז. ער האָט שווער געשלונגען און דאָס הארץ האָט געזעצט מיט האַמערס. אין קאָפּ האָט אים היים געגעפּלט און געציטערט. ער האָט האסטיק געאָטעמט. אויף אַ ווייל זיך אָפּגעשטעלט, טיף אָפּגעאָטעמט און ווייטער געשפּאַנט.

און די זעלנער? נישט צו איינציקע ווי ביז אהער, נאָר צו צען וועט ער לאָזן שמייסן, יעדן טאָג אין מיטן גאַס פאַר אַלעמען אין די אויגן.

ער וועט זיך אַזוי ארויסגיין אין גאַס, וועט זיך שפּאַנען געלאַסן, טריט ביי טריט. אַ זעלנער? — שטיי! און דו דאָרט! — אהער גיי! פינף קעגן פינף. די ערשטע פינף לייגן זיך און די אנדערע פינף קאַטעווען מיט די רימענס . . . דאַן לייגן זיך די שמייסער און די געשמיסענע קאַטעווען. כאַ-כאַ! שוועבעלעך גיב זיי! „קאַנאַליעס" פינצטערע! . . .

האָ? האָבען די „זשידעס" געקוקט פון זייערע קראָמען ווען דער זעלנער האָט זיך געהייסן געבן אַ שוועבעלע? מסתמא . . . עך „זשידי"! זיי האָבן געשמייכלט? ער געדענקט נישט. אבער אַלץ איינס . . . שמייסן וועט מען. . .

ער האָט געשפּאַנט מיט געהויבענעם קאָפּ. האָט נישט געשפּירט די עטליכע און זעכציק יאָר זיינע. ער האָט געאָטעמט האסטיק זופּנדיק די פרישקייט און געפילט די אויסגעבאַליעטקייט פון זיין קרעפטיקן גוף. זיכער־קייט איז געוועזן אין אים:

ווי לאַנג קען אַנהאַלטן זעלנערישע הפקרות? ווי לאַנג קען מאַמע־רוס־לאַנד זיין אָן אַ צאַר? האָט ניקאָלאַי זיך אָפּגעזאָגט, וועט מיכאיל ווערן צאַר. . . ווי אַ „טרוס" האָט ניקאָלאַי געהאַנדלט! וואָס הייסט: זיך אָפּזאָגן פון טראָן?

שוועבעלעך גיב זיי „קאַנאַליעס"!

דערווייל איז גוט וואָס ארוים פון דער שטאָט געפינט זיך דער קליינער קלויסטער און ער דאַרף נישט גיין אין צענטער פון שטאָט צו דער גרויסער צערקווע . . . אָט שטייט דער קלויסטער דאָרט אויפן בערגל . . . דער גאָלדענער צלם בלאַנקט אין דער זון.

ער האָט גענומען שפּאַנען שנעלער. ער וועט אריין אין קלויסטער און . . .

— „סטאָי"! — האָט הארט געשריי אַ שלאָג געטאָן.

ב.

מיט אַמאָל זיינען גענעראַל מאַראַזאָווס פיס פאַרהילצערט געוואָרן

און ער איז שטיין געבליבן. דער היים־צעיושעטער אימפעט האָט געגעבן אַ פליוכע־אַרויס פון אים, ווי וואַסער פון אַ פענכער, וואָס שאַרף מעסער האָט ראַפּטום אויפגעשאַרפיעט:

דריי זעלנער זיינען געווען אויפן בערגל פאַר אים. צוויי זיינען געשטאַנען מיט ביקסן אויף די אַקסלן אנגעהאַנגען: די ביקסן פון פאַרנט און די רימענס אויף דער פּלייצע. דער דריטער איז געזעסן אויף אַ שטיין און זיין ביקס איז אים געלעגן אויפן שויס.

די זעלנער זיינען געווען אין קויטיקע, צעטרעפּעטע שינעלן; און צעפאַרענע, צעלעכערטע שטיוול; אויף די קעפּ — גרוי־אויסגעקראָכענע באַריקאָווע קוטשמעס.

— אהער גיי!

פויערישע וואַגונג איז געווען אין דעם אויסגעשריי. גענעראַל מאַראַזאָוום האָט האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, נאָר די שווערד זיינע האָט זי נישט אנגעכאַפּט. זיינע ליפּן זיינען פעסט צוזאַמענגעוואַקסן און זיינע טונקלברוינע אויגן זיינען שפּיציג געוואָרן.

— בעטן זאָל מען דיך? וואָס?

דער גענעראַל האָט אַרויסגעיאָגט צוויי הייסע שטראַמלעך פון די נאָזלעכער, און:—

ער האָט געמאַכט עטליכע שפּאַן און איז געבליבן שטיין נעבן די זעלנער. געשטאַנען אַ געשטרעקטער, מיט געהויבענעם קאָפּ. אויף זיין קלאָרן געזיכט איז געווען חוזק און עקל.

— זע ווי אויסגעפּוצט ער איז!

אזוי האָט אויסגערופן איינער פון די צוויי, וואָס זיינען געשטאַנען. ער האָט געהאַט פולע באַקן, וואָס זיינען געווען באַשאָטן מיט דינע, בלאַנדע הערעלעך, ווי מיט זאַמד. דאָס קורצע נעזל האָט שטיל באַוועגט מיט די ווענטלעך, ווי אַ קאַץ בעווענט מיט די וואַנסעס, ווען זי דערשמעקט אַ מויז . . . די בלויע אויגן האָבן שאַרף געגלאַנצט און ער האָט צוגעגעבן:

— ווי אַ חתן צו דער חתונה! . . .

דער צווייטער — אַ נידעריק פויערל מיט פלאַטשיקן שטערן און פּנים מיט טונקל־בלאַנדער באָרד פאַרוואַקסן, האָט כיטרע אַ גלאַנץ געטאָן מיט איין אויג:

— הים זיך, אַנטאָן! וועסט כאַפּן שמיץ!

— און דו, פּעטרא, וועסט זיין דער שמייסער?

— אַז זיין וואָוילגעבורט, דער גענעראַל, וועט באַפעלן!

— ער וועט נישט זיין אזוי שלעכט!

—ער איז אַלע מאָל געווען אַ ליבהאָבער פון שמייסען!

— נישט איצט . . . זעסטו דען נישט, פּעטרא? ער איז דאָך אַן „פּאַגאַנעס" . . .

— ער האָט זיי גרייט . . . וועט זיי אַנטאָן.

גענעראַל מאַראַזאָוו איז אַלץ געשטאַנען געשטרעקט, זיינע אויגן האָבן געשרפּעט. ער האָט אַלץ געקוקט „פון אויבען אַראָפּ" און די וואָנסעס מיט דער אייבערשטער ליפּ האָבן זיך געהאַט אויפגעהויבן. פאַרקלעמטע ציין האָבן געבלאַנקט. ס'האָט אויסגעזען: ער האַלט איין אַ געשריי . . .

שמייכל האָט געקרומט אַנטאָנס ליפּן:

— ווי געזונט ער איז! . . . און זעקס צענדליק יערעלעך האָט ער שוין געוויס אַראָפּגעשלונגען . . .

— אויב נישט מער! פון שמייסן זעלנער און „בליאַדעס" ווערט מען נישט אַלט . . .

אַנטאָנס קאָפּ האָט זיך אַראָפּגעזעצט צווישן די אַקסלען, ווי צום אַנפאַלן. האָט געמאַכט צוויי טריט, געשטאַנען פּנים צו פּנים מיטן גענעראַל, זיין רעכטע האַנט מיט געקרעמפּטע פינגער אויף דער ביקס:

— וואוּאַהין, גענעראַל?

די בלויע אויגן האָבן געלויערט.

דעם גענעראַלס פּנים האָט אָפּגעבליאַקעוועט. געוואָרן פאַרשטאַרט. די וואָנסעס האָבן אַ פּאָר מאָל זיך באַוועגט און ס'האָט אויסגעזען: ער האָט פאַרגעסן ווי אַזוי מען ברענגט אַרויס אַ וואָרט פון מויל. ערגעץ אין אים האָט עס לאַנגזאַם געטריפט. טראָפּן נאָך טראָפּן איז געפאַלן און פון האַרטקייט אָפּגעשלאָגן.

— וואוּאַהין, גענעראַל? — האָט אַנטאָן אים אַריינגעשריגן אין פּנים.

מיט געוואַלדיקער אָנשטרענגונג האָט גענעראַל מאַראַזאָוו אַרויסגעשטאַמלט:—

— אין קלויסטער אַריין גיי איך.

אַנטאָנס ליפּן האָבן זיך געקרימט.

— וועמען וועסטו דאָרט שמייסן? דאָס גלחל צי יעזוסן אַליין?

— וואָס פאַלט דיר איין? — האָט פּעטרא אַנגעשטעלט ערנסט פּנים — זיי זיינען דאָך נישט קיין זעלנער! . . . און קיין קליידלעך טראָגן זיי אויך נישט . . .

אַנטאָן האָט אַ לאַך געטאָן.

דער גענעראַל האָט באַוועגט מיט די אויגנדעקלעך: שיינט נישט מער די זון? איז נאַכט געוואָרן? אין האַרצן איז אַנגעלאָפן געדיכטע, האַרטע ענגשאַפט, וואָס האָט זיך געשטויסן אין האַלדז אַריין. ווי לאַנג וועט ער דאָ אַזוי שטיין נעבן די „כלאָפּעס" און הערן זייערע רייד? ווידער האָט ער

געמוזט אפהאַלטן די האַנט, וואָס האָט זיך געריסן צום הענטל פון זיין שווערד . . . ער האָט זיך אויפסניי אויסגעשטרעקט,מיט פארקלעמטע ציין געזען: ס׳איז ליכטיק און די זון שיינט. און:—

—וואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר?

פעסטקייט אין זיין קול, דאָס קול פון גענעראַל מאַראַזאָוו.

די צוויי זעלנער זיינען געוואָרן אביסל צעטומלט. האָבן זיך איבערגעקוקט, נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן . . . דאָ — און דער זעלנער, וואָס איז ביז אהער שווייגנדיק געזעסן, האָט זיך אויפגעשטעלט, האַלטנדיק די ביקס אין האַנט, האָט ער אפגעציילט עטליכע האַרטע טריט, צוגעקומען נאָענט.

דער, איז געווען אַ הויכער און אַ דאַרער. זיין פּנים אביסל לענגלעך, די באַקן — איינגעפאַלן, באַשאָטן מיט דריבנע שוואַרצע הערעלעך. די טשופּרינע האָט זיך געשפּאַרט פון הינטער דער קוטשמע. זיינע שוואַרצע אויגן האָבן געשרויפט געשליפנקייט:

— הער גענעראַל! זייט אזוי גוט און טוט אויס דעם שינעל!

די ווערטער זיינען ארויסגעקומען געהאַקטע, שאַרפקאַנטיקע און מאָדנע רואיק.

— דער שינעל מיינער געפעלט דיר? — האָבן דעם גענעראַלס ציין אַ בלאַנק געטאָן.

— ער געפעלט מיר נישט, הער גענעראַל!

— און ווילסט אים האָבן?

— ניין! כ׳וויל אים נישט!

— און אויסטאָן זאָל איך אים?

— יאָ. טוט אויס!

דעם זעלנערס שטים איז געווען שטאַרק, באַפעלעריש. מיט ציטער אין די הענט און גערדיכטע צערודערונג אין ליב, האָט גענעראַל מאַראַזאָוו גענומען אויסטאָן דעם שינעל.

— אָט דאָ, אויפן שטיין, זעצט זיך, הער גענעראַל!

וואונדער און טומל אין גענעראַלס געזיכט. וואונדער אין די געזיכטער פון די איבעריקע צוויי זעלנער.

— זעצט אייך!

דער גענעראַל האָט זיך געזעצט האַלטנדיק דעם שינעל אין די הענט. דער דאַרער זעלנער האָט ארויסגענומען אַ מעסערל פון קעשענע, האָט עס צעעפנט און דערלאַנגט דעם גענעראַל:

— זייט אזוי גוט . . . טרענט אָפּ דעם רויטן אונטערשלאַק פון שינעל!

אראָפּגעלאָזט די ביקס צו דער ערד. מיט ביידע הענט אנגעהאַלטן אַן „שטיק״. די אויגן פון גענעראַל נישט צוגענומען. די אויגן האָבן אונטער־

געאיילט, געצוואונגען . . . די זון האָט געקוקט מיט פאַרזשמורעטקייט. ווינטל האָט גנבהש זיך דורכגעגליטשט הין און צוריק. אפהילכן פון ווייטע געשרייען האָבן זיך דערטראָגן. פון קלויסטער האָבן קלאַנגען דערגרייכט. פּויערים, וואָס האָבן געשפּאַנט אין קלויסטער אריין, האָבן זיך אפּגעשטעלט, שווייגנדיק צוגעקוקט, נישט פאַרשטאַנען, וואָס דא קומט פאָר און נישט געוואַגט צו פרעגן . . . האָבן געוואָלט לאַכן און נישט געלאַכט . . .

גענעראַל מאַראַזאָוו איז געזעסן געבויגן. ער האָט גאָרנישט געזען, בלויז רויט. ס'איז אים אויסגעקומען, אז זיינע הענט טוען עפּעס, נאָר מיט אים האָט עס גאָרנישט צו טאָן . . . פרעמדע הענט . . . איז ער אין דרויסן? איז ער אין שטוב? שוויס האָט באַדעקט זיין שטערן, שוויס האָט גענעצט זיינע פּלייצעס.

— — — — — — — — — — — — — — —

דער דאַרער זעלנער מיט די שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן געגלאַנצט ווי געשליפן, האָט זיך איינגעבויגן און אַנגענומען דעם רויטן אונטערשלאַק. ער איז נאָך געווען צוגעניית ביי די ברעגן פּאַלעס. האָט ער אַ שטאַרקן שלעפּ געטאָן און אויפגעהויבן דאָס רויטע. האָט זיך אַרומגעקוקט. איינער פון די פּויערים וואָס זיינען אַרומגעשטאַנען, האָט געהאַלטן אַ הויכן שטעקן אין האַנט. דער זעלנער האָט גענומען דעם שטעקן פון פּויער, האָט דאָס רויטע געוואַנט צום שטעקן צוגעבונדן, און:—

אַלע האָבן דערזען אַ רויטע פאָן.

— טוט אָן דעם שינעל, הער גענעראַל! — האָט דער זעלנער באַפוילן.

דער גענעראַל האָט געפאָלגט; האָט אַרויפגעשלעפּט אויף זיך דעם שינעל אָן אונטערשלאַק. און אויסגעקומען איז אים: נישט ער טוט דאָס, נאָר עמעצער אַנדערש . . . ער אַליין איז איצט נישט ער . . . ער איז עמעצער אַנדערש . . .

דער דאַרער זעלנער האָט אים צוגעטראָגן די פאָן:

— נעמט, הער גענעראַל!

האָ? אפשר דאַך לאָזן די האַנט אַרויסציען די שווערד?

—נעמט, זאָגט מען אייך!

נישט דער גענעראַל האָט די פאָן גענומען, נאָר די הענט זיינע.

— האַלט פעסט, הער גענעראַל!

דאַן — אַ באַפעל צו די איבעריקע צוויי זעלנער. יענע האָבן זיך געשטעלט ביי ביידע זייטן פון גענעראַל מאַראַזאָוו. די ביקסן — אויף די אַקסלען פאַרלייגט. דער דריטער האָט אפּגעטראָטן עטליכע שפּאַן, געבליבן

שטיין מיטן פּנים צו זיי:

— העכער אביסל, הער גענעראַל!

און ווידער:

— נאָך אביסל העכער!

דאַן האָט עס אַ שלאָג געטאָן:

— „סמיר־ר־ר־נאָ״!

דער גענעראַל מיט דער רויטער פאָן און די זעלנער מיט די ביקסן האָבן זיך געשטרעקט, געשטאַנען אויפמערקזאַם, אין דערוואַרטונג.

— „שאַ־גאָם מאַרש!״

דער דאַרער זעלנער האָט זיך געלאָזט שפּאַנען פאַראויס מיט געמאָסטע־נע, ריטמישע טריט און מיט עפּעס אַ פרומקייט אויפן איינגעפאַלענעם פּנים.

— — — — — — — — — — — — — — —

ג.

די פּויערים וואָס האָבן זיך דאָ געהאַט צונויפגעקליבן, האָבן גענומען נאָכשפּאַנען. זיי האָבן אַלץ געהאַט צעשטויגטע פּנימער; האָבן געוואָלט לאַכן און אַלץ נישט געוואַגט.

מיטליעריקע פּויערים און כוואַצקע יונגען; עלטערע פּויערטעס און יונגע צעוואַקסענע שיקסעס, וואָס זיינען אַנגעקומען אַנטקעגן, האָבן זיך אָפּגע־שטעלט, געקוקט מיט פאַרגאַפונג און נייגער און האָבן גענומען מיט־שפּאַנען... די פּראַצעסיע האָט גענומען וואַקסן, ווי עס וואַקסט טייך אין וועלכן שטראָמען האָבן גענומען אַריינפליִיצן. די פּראַצעסיע האָט זיך געלאָזט איבער פאַרשטאַטיקע גאַסן. איבער הייזער האָט זיך צעטראָגן: גענעראַל מאַראָזאָוו, דער קאָמאַנדיר איבער דער דיוויזיע וואָס שטייט דאָ אין שטאָט, טראָגט אַ רויטע פאָן. האָבן זיך מיט אימפּעט צעעפנט די טירן, האָט מען געאיילט אויף דער גאָס אַרויס, פאַרגעסן האָט מען דעם קלויסטער און זיך גע־לאָזט מיטשפּאַנען . . . זעלנער וואָס האָבן אויף די ראָגן ראַמאַנסירט מיט זונטיק־געקליידעטע שיקסעס, האָבן באַקומען צעלויכטענע אויגן, ווי זיי וואָלטן דערהערט אַ גרויסע בשורה, האָבן זיך איבערגערופן מיט אימפּעטיקע ווערטער און צוזאַמען מיט לאַכנדיקע שיקסעס צוגעשטאַנען צו דער פּראָצעסיע. אַר־בעטער האָבן געאיילט פון זייערע אָרעמע שטיבער, און זייערע געזיכטער — ווי ביי מחותנים אויף אַ חתונה.

גענעראַל מאַראַזאָוו האָט מיטביידע הענט פעסט געהאַלטן דעם שטעקן פון וועלכן ס'האָט געפּלאַטערט דער רויטער אונטערשלאַק פון זיין גענעראַלסקן שינעל. די פיס אין גלאַנציקע שטיוול, האָבן געשפּאַנט רעגלמעסיק און מיטגעשלעפּט זיין גוף, וואָס האָט אויסגעזען אַ סך נידעריקער . . . די אויגן האָבן געטאַרטשעט, זיך געשפּאַרט פון די אויגנלעכער. די ברעמען זיינען געווען שטאַרק אויפגעהויבן און האָבן געשניטן קנייטשן אויפן שטערן. אין קאָפּ האָט געטומלט. ער האָט געקרימט דאָס פּנים, געדענקט וואָס מיט אים איז פאַרגעקומען און דאָך נישט געדענקט; האָט געזען: עס איז ליכטיק און נישט געוואוסט צי עס איז טאָג. שווערע משא האָט געשפּאַרט אויף די פּלייצעס: די עטליכע און זעכציק יאָר זיינע זיינען אים באַפאַלן און ציען אים צו דער ערד . . . אָבער:— די פיס שפּאַנען און שלעפּן אים מיט. אין קאָפּ איז אויסגעלאָשן . . . ליידיק און פינצטער איז דאָרט . . . אַ? וואָס איז עס פאַר אַ ליאַרם? דער „הוראַ" רייסט דעם דרויסן . . . דער „הוראַ" שלאָגט אַזוי שאַרף אויפן שאַרבן . . . אַ? . . .

— אָפּ־שטעל־ל־ן זיך!

גענעראַל מאַראַזאָוו האָט נישט געקענט אָפּשטעלן זיינע פיס. די הענט פון די זעלנער ביי זיינע זייטן, זיינען געפאַלן אויף זיינע אָרעמס און ער איז שטיין געבליבן.

פון קאַזאַרמע האָבן זעלנער געדיכט געשטראָמט, ווי עס שטראָמען פיש פון אַ נעץ . . . אָפּגעריסענע שטיקלעך געלעכטער . . . ווערטער בלאָנדזשען, שיסן דורך, פאַלן . . . עס לויפן פלעמלעך: „מאַראַזאָוו . . . מאַראַזאָוו . . ."

אַ שאַרעריי פון פיס. . .און דער דאַרער זעלנער באַפעלט. מעש גלאַנצט אין דער זון. און:—

— „שאַגאָם מאַרש"!

עס קייטלען זיך געדיכטע טריט און טריט. מיט אַמאָל: מאַרש האָט זיך צעהילכט. יובל ליאַרמט אין גאַנצן דרויסן . . . פון אומעטום שאַלט עס . . . שרייענדיקע שטראָמען לויפן פון בערג אַראָפּ . . . מחנות רייסן זיך די העלדזער. עס שלאָגט מיט פרייד און נצחון.

מאַראַזאָווס הענט האַלטן די פּאַן. איבער פּנים גליטשן זיך טראָפּן שוויים און איבער לייב ציען זיך שנירלעך. און די אַלטקייט וואַקסט און קריכט אויף אים . . . וואַקסט און קריכט אין אים . . . און זיינע פיס שפּאַנען און שלעפּן־מיט זיין אַלטן גוף . . .

— — — — — — — — — — — — — — —

ד.

ס'איז שוין געווען ווייט נאך האלבן טאג, ווען מען איז אנגעקומען אין צענטער פון שטאָט. איצט האָבן טויזנטער מאַרשירט. די טריט האָבן געשלאָגן געדיכט און אפּגעהילכט מיט האפּערדיקייט. פון די געזיכטער האָט פרייליכקייט שטיפעריש אראָפּגעשריגן.

יידן מיט ווייבער און קינדער זיינען ארויס פון די הייזער. ארבעטער און יונגע יידן זיינען צוגעשטאנען. עלטערע און ווייבער האָבן די טראָטוארן געדיכט באשטעלט, געקוקט אויף בייז וואונדער. געזען ווי גענעראל מאַראַזאָוו שפּאַנט מיט דער פאָן — האָט מען געשטיקט אין זיך דאָס געלעכטער: עס האָט הנאָה געטאָן און געשראָקן . . . איז דאָס גענעראל מאַראזאוו? . . .

דער גענעראל איז איצט געווען אָן היטל. די האָר אויפן קאָפּ — שיטער, גרוי און צעשויבערט. עס האָבן געטאַרטשעט גרויסע אויגן, נאר זיי זיינען געווען בלינד . . . פון צווישן די צוקוקער, האָט צו אים א בלאַנק געטאָן נאטאליאס קיילעכדיק געזיכט . . . אזוי איז אים אויסגעקומען. געבן איר פּנים — א יונג מיט שווארצע וואנסעלעך . . . ער האָט געדענקט וועמענס פּנים ס'איז און האָט נישט געוואוסט ווער עס איז . . . פראַסט־פּערעס האָבן זיך געוועבט און דאָס הארץ פארוועבט . . . אים איז אויסגעקומען: ער שפּאַנט בראש פון א לויה נאך גענעראל מאַראַזאָוו . . .

דערגרייכט דעם גרויסן מארק.

דער מיליטערישער אָרקעסטער האָט א שלאָג געטאָן הילכיק און דעם גאנצן דרויסן מיט קלאנגען פארגאָסן. דער גרויסער קלויסטער האָט זיך געקאָרטשעט אין קרעמפּן און האָט געקוקט מיט פארגאפּטע, פארלאָפּענע אויגן. ס'האָט געדיכט געשטראָמט אויפן מארק ארויף, ווי לאַווע וואָלט זיך הייס־צעקאָכט גערוקט. דער מארק האָט זיך אנגעפילט. מענטשלעכע פּנימער צונויפגעשלאָגן ווי הערינג אין א פאַס . . . ארקעסטער האָט פארשוויגן. א שארעריי פון פיס. אויף א טיש האָט זיך באוויזן דער גענעראל מיט דער פאָן און זעלנער מיט ביקסן פון זיינע זייטן. „הורא״ האָט געריסן דיקע לייוונטן.

יידן זיינען ארויס פון די קראמען, איז מען געשטאַנען שטיל פאר די טירן. געקוקט מיט פארנאכט אין די אויגן: איז דאָס טאַקע גענעראל מאַראזאָוו? ווען איז ער אזוי אַלט געוואָרן? ווי אַלט געוואָרן . . . שטערן האָט זיך געקנייטשט מיט זאָרג. ליפּן האָבן געשעפּטשעט:

— יידן זיינען אויך דאָרט פאַראַן . . . צי וואָס?

— אַ? יידן זאָגט איר? . . . וואָס מיינט?
— יידן דאַרפן זיך ניט מישן . . . ווי אַ מעשה מאַכט זיך . . .
— וואָס זשע?
— דער רשע וועט זיך אָן אַלע יידן נוקם זיין . . .
— אַ רשע מרושע . . . אפשר דאַרף מען נישט שטייען אין דרויסן?
— אַלע שטייען, שטייען מיר אויך . . . אָבער מישן זיך, דאַרפן נישט יידן . . . ווי עס זאָל נישט ווערן . . .
— אויף יעדן רשע קומט אַ סוף . . .
— עס זאָל נאָר זיין דער סוף . . .

ווידער האָט אָרקעסטער אויפגעשלאָגן געזאַנג. אין געזאַנג איז איצט געוועזן פאַרבאָרגן — ווייטיק. די מאַסע האָט געשוויגן מיט געדיכט שווייגן . . . דאָס געזאַנג האָט געוועקט פיינלעכע געדענקונג . . .

דעם גענעראַלס הענט האָבן פעסט געהאַלטן די פאָן. די פינגער זיינען פאַרשטאַרט געלעגן אַרום שטעקן. דער גענעראַל האָט די הענט נישט געפילט . . . פאַר די אויגן — בלאַמען . . . די געזיכטער זיינען צונויפגעוואַקסן, ביינגן זיך, קרימען זיך, פאַרהוילן און טויכן אויף . . .

אויף אַ טיש דערנעבן שטייט דער הויכער דאַרער זעלנער. זיינע אויגן שרויפן שוואַרצן גלאַנץ, זיינע קינבאַקן שלאָגן ווי קלאַפּ־שלעסער. ער שליידערט מיט הייסע, האַרטע ווערטער, אָבער פון פּנים קוקט פרומקייט. וואָס רעדט ער?

מאַראַזאָוו האָט געקנייטשט די ברעמען. דאָס לעצטע ביסל ווילן אָנגעשטרענגט; די ווערטער האָבן זיך געגומען שיילן פון טויבקייט אַרויס:

— ער האָט אונדז—זעלנער—געפּייניקט, באַשפּעט. . .ווי די הינט האָט ער אונדז געשמיסן . . . איך אַליין! — און דאָס קול האָט זיך מיט קוויטש אַ ריס געטאָן—האָב אויף מיין לייב געפילט די פּייניקונג פון דעם סאַדיסט . . . מיר אָבער וועלן מיט אים אַזוי נישט טאָן . . . מיר וועלן אים נישט שמייסן. . . וואָס מיר פאַרלאַנגען פון אים — ווי פון אַלע אַנדערע זיין גליכן — איז: ער זאָל פאָלגן. און — זאָל ער טראָגן אונדזער רויטע פאָן, ווען מען וועט אים הייסן . . .

אַ פלעסקעריי פון הענט. האַרטקייט האָט זיך אימפּעטיק געבראָכן, און:—

מער האָט שוין גענעראַל מאַראַזאָוו גאַרנישט געהערט און גאָרנישט פאַרשטאַנען. ער האָט געוואוסט, אַז מען וועט אים נישט באַפאַלן און זיך נישט נוקם זיין אין אים. דאָס האָט געמאַכט, אַז ער איז געוואָרן אינגאַנצן ווי אויסגעהוילט: ס'איז גאַרנישט געבליבן אין אים . . .

— — — — — — — — — — — — — — —

די זון איז געווען פארגאנגען. קילער ווינט האָט געצויגן. די פענצטער פון קלויסטער, אין מארק, האָבן געקוקט ווי געקארטשעטע שווארצע קאטערס. און גענעראַל מאַראַזאָוו — אַן אַלטער, געבויגענער, האָט געשלעפּט פרעמדע פיס און זייערע טריט האָבן זיך נישט געהערט. דער שינעל איז געהאנגען אויף אים ווי אַ זאַק און די הענט האָט ער געהאַלטן געקארטשעט אין די אַרבל.

ער האָט געשפּאַנט לאַנג דורך זייטיקע גאַסן, געסלעך און אוונט איז אים שטיל נאכגעגאַנגען.

ערגעץ ביי אַ טונקעלן פּאַרקאַן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. געשטאַנען מיט צעעפנט מויל און:—

איצט האָט ער געדענקט: אַ פּאָר מאָל האָט ער היינט געטראַכט ארויסצוציען די שווערד פון שייד און פאַלן אין געפעכט מיט די זעלנער . . . פאַר וואָס זשע האָט ער עס נישט געטאָן? אין הארצן איז געווען אַ האָפנונג, וואָס האָט דערצו ניט דערלאָזט . . . און איצט —

וואָס קען טאָן אַן אַלטער אויף וועמענס פּלייצעס עס ליגט די עלטער און דריקט צו דער ערד? . . . ער האָט געהאַט דאָס געפיל: די פּאַרב איז אָפּגעקראָכן פון זיינע וואָנסעס און זיי זיינען איצט וויים . . .

וואו זשע זאָל ער איצט גיין? גיין אהיים און דערזען דאָס חוזק־שמייכעלע אין דער „קאַנאַליאַס" אויגן?

ער האָט זיך צוגעשפּאַרט צום פּאַרקאַן. די הענט האָבן זיך אים גע־טרייסלט, די פיס — געציטערט. ער האָט זיך געבויגן און דורך צעעפנט מויל האָט געזעגט קוויטשענדיקער אָטעם: פאַר וואָס זיינען זיי אים נישט באַ־פאַלן . . . צעשלאָגן . . . צעהרגעט . . .

ביי זיינע פיס האָט זיך געריבן אַ פאַרבלאָנדזשעטע קאַץ און ער האָט געשיפּעט מיט שאָקלדיקע ליפּן:

— „סוואָלאָטש . . . סוואָלאָטש . . . סוואָלאָטש . . . "

נישט געוווען צו ווייסן: האָט ער עס געמיינט די זעלנער, וואָס זיינען אים נישט באַפאַלן און צעשלאָגן, אָדער — דעם צאַר, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון טראָן און דערמיט אומגעבראַכט דעם גענעראַל מאַראַזאָוו . . .

— — — — — — — — — — — — —

קיין קאַלטער דריבנער רעגן האָט נישט געטריפט. דער הימל איז געהאנגען אַן אויסגעבלויטער און געוואָרט, שטערן זאָלן זיך אויף אים צעלייכטן . . .

פילאַדעלפיא, נאָוועמבער 1933.

צוויכשלאג

דער יונג אַנטאָן

א.

אין אדעס, אויפן הויף, אויף וועלכן איך האָב געוואוינט, איז געווען א „דוואָרניק". האָט ער געהאַט א ברודער, האָט ער געהייסן: אַנטאָן. אַט־אַזוי־אָ האָט ער געהייסן: אַנטאָן.

א יונגער ברייט־ביינערדיקער אוקראַינער; סקולאַטע, טעמפּ, ברייט פּנים; פאַררימן נעזל און פלאַקסענע האַרטע האָר. שווייגנדיק, פאַרגאַפּעט און פאַרגראָבט. ר'איז אַלט געווען א יאָר צוואַנציק. אַכצן יאָר פון זיין לעבן זיינען פאַרגאַנגען אין זיין קליין דאָרף, פאַרוואָלגערט אין סטעפּ, וואו ס'שטייט שטענדיק פאַרגליווערטע שטילקייט און אין די פאַרנאַכטן ציען זיך געזאַנגען טרויעריקע, פאַראומערטע, ווי די אָרעמקייט, וואָס זיצט אין פויער־שע כאַטקעס. דאָרט איז אַנטאָן אויף דער וועלט געקומען, אונטערגעוואַקסן און פאַרן רייכן דאָרפס־פויער חזירים געפּאַשעט. געפּאַשעט האָט ער די חזירים מיט דער פאַרגליווערטער ערנסטקייט פון קאַלווין קולידזש.

דאָרט—אין דאָרף—האָט אַנטאָן מיט קיינעם נישט גערעדט. שעהן־לאַנג איז ער געלעגן אויף לאַנקע און געגאַפּעט צו באַזונטן הימל. ער האָט אַפּט געשמייכלט דורך דער נאָז. קיין טראַכטונג האָט זיך נישט גערירט אין זיין פאַרהילצערטן קאָפּ. ביינאַכט איז ער געלעגן אין שטאַל אויף שטרוי, און זיין שלאָף איז געווען געדיכט און טעמפּ ווי געדיכט שוואַרץ ברויט.

נאָך אַכצן יאָר איז אַנטאָן געקומען צו זיין ברודער, וואָס איז געווען „דוואָרניק" אין הויף, אויף וועלכן איך האָב דעמאָלסט געוואוינט. ווידער געשוויגן מיט צונויפגעקאַוועט שווייגן פון הערבסט אין זיין פאַרוואָרפן דאָרף.

אַזוי איז געווען אַנטאָן.

דער ברודער זיינער, איז חוץ „דוואָרניק" געווען אויך שוסטער. גאַנצע טעג איז ער געזעסן אין זיין קליין, נידעריק שטיבל, וואָס איז געווען צוגעשטעלט צום גרויסן הויז. געזעסן ביים פיר־שויבעדיקן פענצטער, ביים פאַרפּאַפּטן וואַרשטאַט און געקלאַפּט שטיפטלעך אין פאָדעשוועס.

אַנטאָנען האָט ער גענומען אונטער זיינע פליגל. פאַרט אַ לייבלעכער ברודער, מען דאַרף אים מאַכן פאַר אַ „מענטש". אַנטאָן מיטן עול פון אונטערטעניקייט אויף זיינע צעוואַקסענע פּלייצעס, האָט אַלץ געפּאָלגט: האָט געהאַקט האָלץ, געטראָגן וואַסער און האָט געשמייכלט מיט טעמפּקייט אונפן פּנים און מיט גוטסקייט פון נאַר אין די אויגן, וואָס זיינען דווקא געווען טונקל־ברוין און קלאָר. געטראָטן האָט ער מיט שווערע אָקסישע פיס. האָט געגאַפט צום הימל, ווען ער האָט געהאַט צייט.

אַזוי איז געווען אַנטאַן.

דאָס איינציקע, וואָס ער האָט זיך באַוויזן אויסצולערנען אין די צוויי יאָר, איז: אריינשלאָגן הילצערנע פלעקלעך אין דער פאָדעשווע, וואָס דער ברודער האָט שוין געהאַט אנגעלעכערט — מער נישט.

קוקנדיק אויף אים, איז אויסגעקומען צו פילן: דער קאָפּ זיינער שלאָפט, ווי אנגעגאָסן מיט סמאַלע, וואָס האָט פאַרגליווערט, און קיין פאָדעם פון טראַכטן קען אהין נישט אריין.

אז אַנטאָן האָט געזען: איינער קוקט אריין אין צייטונג — האָט ער געקראָגן ברייט־צעעפנטע אויגן: וואָס זעט דאָרט יענער אין „פּאַר־מאַזשעטן" פּאַפּיר? אז ער האָט געהערט ווי יענער לייענט — זיינען זיינע אויגן געוואָרן אנגעגאָסן מיט וואונדער: ווי אַזוי ווייסט יענער צו ריידן די אַלע ווערטער קוקנדיק אין פּאַפּיר? — ס'איז מאָדנע. זייער מאָדנע.

אַזוי איז געווען אַנטאָן.

ער איז געזעסן אין נידעריקן שטיבל ביים וואַרשטאַט נעבן ברודער. געזעסן זייער ערנסט און געשלאָגן שטיפטלעך אין געלעכערטער פאָדעשווע.

אָפּט איז ער אַרויסגעקומען אויפן הויף, וואָס איז געלעגן נישט ווייט פון ים. זיך אוועקגעשטעלט און זיך צוגעהערט צו ווייטקייט. האָט ער דאָן אויסגעזען ווי דער גרויסער שוואַרצער הונט באַרבאָס, וואָס שטייט אַמאָל אין זומערדיקער שטילער נאַכט, ווען איבער הימל טראָגן זיך העלע שטיקער כמאַרע, און הערט זיך צו צו די קלאַנגען, וואָס קומען פון זייער ווייט; פון טיפע וועלדער און ברייטע פעלדער . . .

אָט אַזוי איז געווען אַנטאָן.

ב.

אין אָדעס האָט דאָס ביז איצטיגע לעבן קאָנוואָלסירט. זוניקער

הימל און כמורנער דרויסן האָבן געהערט ווי עס רעוועט בירגער־קריג איבער וועגן און גאַסן. ס'האָבן זיך צעעפנט די שלוזן פון גרויסן לאַנד און שטורעם־דיקע כוואַליעס האָבן געפּליוכעט. געשלאָגן, זיך צונויפגעשלאָגן, פאַנאַנדער־געשלאָגן און מיט ליארם זיך צעלאָפן; מחנות מיט מחנות האָבן זיך צונויפ־געקלאַפּט און פון קראַך האָבן געציטערט וועגן און וועלדער; קליינע שטעטלעך האָבן זיך געשרומפּן, געוואַלט וואָס קלענער ווערן; נישט אָנזעעוודיק זיין; גרויסע שטעט — ווי אָדעס — האָבן זיך געטרייסלט מיט פולע אויגן שרעק און מיט אַפּגענומען לשון. איבער וועגן האָבן זיך געוואַלגערט פאַרלאָזענע הרוגים. אויף סלופּעס האָבן זיך געוויגט געהאַנגענע מיט פאַרשטאַרטע פּיס און מיט בלויע פּנימער ווי די מילצן . . . אַמאָל האָט האַפּערדיק, בשורהדיק גע־הילכט דער „אינטערנאַציאָנאַל" און אַמאָל האָט מיט פינצטערער רציחה־שוים אויף די ליפּן געװעט דער „באָזשע צאַריאַ כראַני" . . .

הערשאַפטן האָבן זיך געוועקסלט אויף רוסלאַנדס ערד. נעכט האָבן מיט זונען געהעלט און טעג האָבן מיט פינצטערקייט געליאַרמט אין שוואַרצער וועלט אריין. נאָך אַ נאַכט פון קראַבן פון איינגעפאַלענע דעכער, פון צערי־סענער ערד, פון צעשויבערטע הימלען — האָט מען אינדערפרי זיך אויפ־געהויבן מיט בלאַס־פאַרגרינטע געזיכטער און געפונען: אַ נייע הערשאַפט.

און איינמאָל אינדערפרי, ס'איז געווען אַ סוף־זומערדיקער פאַר טראַכטער פרימאָרגן, האָט מען גענומען עפענען טירן און לאַדנס. פון די הייזער איז מען אַרויסגעקומען מיט מידע פּנימער — ווי ביי אַרעסטאַנטן. פון די צעטומלטע אויגן האָט געקוקט בלייכקייט פון שלאָפלאָזער נאַכט. און:—

ערגעץ האָט שוואַרצע פויסט געשאָקלט און געוואָרנט: ס'האָט געדענדזשעט מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן דער „באָזשע צאַריאַ כראַני" — דעניקינצעס האָבן די שטאָט פאַרנומען. די באָלשעוויקעס זיינען ביינאַכט אָפּגעטראָטן.

און דאָן:

נישט געוואָרן אַנטאָן.

עטלעכע טעג, און קיינער אויפן הויף האָט עס נישט באַמערקט.

דערנאָך האָט מען זיך נעכאַפּט:

— נישטאָ אַנטאָן.

— עפּעס זעט מען נישט אַנטאָנען.

— שוין אַ וואָך אַז ער איז נישטאָ.

— וואו זשע איז אַנטאָן?

— מאָדנע: וואו זאָל ער זיין?

איינער האָט געחוזקט:

— נאָך אַנטאָנען זיך פאַרבענקט?

האָט מען געגומען שמייכלען.

אַנטאָן איז פאַרגאַנגען, אויסגעטרוקנט ווי דין שנירל וואַסער, וואָס פאַלט אויף טרוקן זאַמד . . .

שפּעטער האָט דער „דוואָרניק" — אַנטאָנס ברודער — פאַרלאָזט דעם הויף. הונגער האָט אים אין דאָרף געטריבן. אין קלײנעם שטיבל האָט זיך אַן אַנדערער באַזעצט. און:—

ווער זאָל עס געדענקען אַז אויף דעם הויף האָט זיך צוויי יאָר אַרומגעדרייט אַ טעמפּער אוקראַינישער יונג; אַ גולמדיקער קאָפּ אויף ברייטע פּלייצעס מיט דעם נאָמען אַנטאָן?

קײנער האָט נישט געדענקט.

פאַרגאַנגען אַנטאָן ווי עס פאַרגייט וואַסער־טראָפּן, וואָס פאַלט אויף אַנגעהיצטער פּליטע.

ג.

ס'זיינען אַוועק צוויי יאָר. דאָס לעבן איז געווען איבערגעבראָכן: דאָס געוועזענע איז געווען פאַרטריבן; איז אַוועק ווייט — אין יאָרן אַהין נישט צו דערגרייכן. דאָס נייע האָט זיך געשטאַלט מיט גרויסע ווייען; איז אויפגעקומען דורך פּיין און יסורים. וואָס וועט זיין? וועט דאָס אַלטע מער נישט צוריקקומען? וועט דאָס נייע אויפגיין און זיך צעבליען? —

די חיילות פון „באָזשע צאַריאַ כראַני" זיינען געווען אָפּגעווישט פון רוסלאַנדס ערד. אומעטום האָבן געשפּראָצט „סאָוועטן".

מיט דער רויאיק־פאַרגליווערטער עקשנות פון הערבערט הוואָווער, האָבן די גאוהדיקע ענגלענדער נישט געוואָלט אַנערקענען דעם איבערברוך; זיך מיט קאַלטע ציין און שפּיציקע נעגל אַנגעהאַלטן אין אַ ווינקל פון לאַנד— אין גרוזיע. דאָרט האָבן געהערשט די פאַרחלומטע דעמאָקראַטן מיט דער ברכה פון אויסלאַנד. אין גרוזיע — פאַראַן שטעט: באַקו, באַטום. אין די שטעט שלאָגן נאַפט־קוואַלן, און ווי וואויל עס שמעקן נאַפט־קוואַלן פאַר ענגליש־ראַפינירטער נאָז . . . ס'האָט נישט געהאָלפן: שטורעם איבער גרוזיע. אויפשטאַנד האָט ווי ריזיקער פאָנטאַן זיך צעשפּריצט. רויטע חיילות זיינען צו הילף געקומען די „גרוזינישע אַרבייטער און פּויערים" — „סאָוועט" האָט זיך דאָרט צעבליט.

„גרוזינישע אַרבעטער און פּויערים האָבן באַהערשט גרוזיע" — האָט עס

אין גלעקער געקלונגען.

דערציי̈ל איך דאָס, אַט צוליב וואָס:

ס׳איז געווען נאַכט. ס׳איז געווען פרילינג. א וואונדערלעכער פרילינג איז דאַן געווען. צוויי מאָל פרילינג איז געווען. עס האָבן נאָך געבלאָזן קילע ווינטלעך, נאָר אין דער קילקייט האָט שוין געשמעקט מיט ווייכער ערד און מיט זאַפט פוןביימער. אין שטוב ביי מיר האָט געברענט א וואַטע־קנייטל, וואָס איז מיט איין עק געלעגן אין בלעכל מיט איי̈ל און געצויגן פון דאָרט יניקה. פון דעם קנייטל האָט כסדר זיך געצויגן אַ קאָפּיטש־סטענגעלע . . . איך האָב געעפנט די טיר אין קאָרידאָר אריין: אָט וועל איך ארויס אין דרויסן און פילן דאָס גלעטן פון פרילינג איבער פּנים, האַלדז און אויגן. גלייך האָב איך זיך געגעבן א בייג אויף צוריק:

— ווער איז עס?

טונקל פּנים האָט פארלעגן געשמייכלט מיט געזונטע ווייסע ציין:

— נישט דערקענט? וואָס?

ברייטער געעפנט די טיר. פאַר מיר איז געשטאַנען א רויט־ארמייער. אויפן קאָפּ — א קיילכדיק „באַראַשקע״־היטעלע, ווי עס טראָגן די גרוזינער. די דענקע א גלאַטע. צוויי גאָלדענע פּאַסן, א קרייץ אויף דער דענקע . . .

— ווער איז עס?

— נאָך אַלץ נישט דערקענט?

— אָ! אַנטאָן?

— ריכטיק, אַנטאָן.

— קום אריין אַנטאָן . . . פון וואַנען? וואו געווען ביז אהער?

מיט דער אמאָליקער פאַרשעמטקייט איז אַנטאָן אריין אין שטוב. האָט אַלץ געשמייכלט מיט פאַרלעגנהייט: פון בייטאָג אָן דרייט ער זיך ארום הויף . . .ער האָט באַמערקט: אין שטיבל וואוינען אַנדערע . . . זיך געשעמט ארייַנצוגיין פרעגן אויפן ברודער. נאָר ס׳איז נאַכט . . . ער וועט דאָך נישט שלאָפן אויפן גאַס. נו — האָט ער געוואַגט . . .

איצט זיינען מיינע אויגן געווען אנגעגאָסן מיט וואונדער: איז דאָס טאַקע אַנטאָן? וואו איז זיין טעמפּקייט?

ער האָט גערעדט מיט מענטשלעך לשון. האָט באַנוצט ווערטער, וואָס נאָר א „גראַמאַטנער״ ווייסט צו באַנוצן . . . ס׳איז יאָ אַנטאָן און נישט אַנטאָן . . . דער גוטמוטיקער שמייכל איז געבליבן, אבער אין די אויגן — עפּעס נייעס איז אויפגעגאַנגען . . .

אָט דאָס איז אַנטאָן.

און ער דערציילט:

— אין דער רויטער ארמיי די גאַנצע צייט געדינט . . . איצט קומט ער פון טיפליס.

— פון טיפליס, אַנטאָן?

— ריכטיק, פון טיפליס.

— טיפליס איז דאָך גרוזיע?

— ריכטיק. גרוזיע.

— אהא . . . אַט דאָס הייסט: „אויפשטאַנד פון גרוזינישע ארבעטער און פּויערים"? אזוי הייסט עס?

כ'האָב עס געפרעגט ביי זיך אליין.

דאָ — אין מיינע אויגן זיינען געוואָרן ברייט־צעעפנט ווי אַמאָל ביי אַנטאָנען ווען ער האָט געזען ליינען אַ ציטונג:—פאַרביסנקייט האָט זיך אנגעצונדן אין אַנטאָנס אויגן. ענערגיע און ביטרעקייט האָט געפלאַמט אין פּנים:—

וואָס פאַרשטיי איך דאָ גישט? אין גרוזיע — זיך פאַרקליבן די פאַררעטער פון דער רעוואָלוציע . . . איין האַנט מיטן ענג־לענדער געמאַכט . . . ער — דער פוקס — דער ביטרינקער ענגלענדער'— זיך דאָרט אַ באַזע געמאַכט . . . זיך באַזעצט הינטער אונדזערע פּלייצעס . . . דאָס איז איינס אוועק . . . צווייטנס: דאָרט איז פאַראַן נאַפט . . . באַקו . . . באַטום . . . און מיר דאַרפן דעם נאַפט . . . נו, איז וואָס? צערעמאָניען זיך? נאַרישקייטן! האָבן מיר זיי אַ „שמיים געטאָן" און ארויסגעשמיסן די פאַררעטער מיט זייערע פאַרבינדעטע . . . נו,זיכער: די גרוזינישע ארבעטער האָבן אנגעהויבן און מיר זיינען געקומען צו הילף . . .

איז דאָס אַנטאָן?

כ'בין געוועזן צעמישט:

— אַנטאָן! פון וואַנען ווייסטו דאָס אַלץ?

— וואָס זשע? די ציטונגען שרייבן נישט?

— לייענסט ציטונגען?

— וואָס פאַר אַ פראַגע?

— דו, אַנטאָן? וואו האָסטו זיך עס אויסגעלערנט?

— אין דער ארמיי . . . מען האָט אונדז כסדר געלערנט . . . פאַר אונדז לעקציעס געהאַלטן . . . אַלע קענען מיר לייענען און שרייבן . . .

ער האָט זיך אויפגעשטעלט. אין אים איז געוועזן עקסטאַז, באַרימע־רישקייט:

— איצט ווייסן מיר אַלץ! און די פוקסישע שטיק פון ענגלענדער, דאָס האָט אונדזער הויפּט קאַמאַנדיר, „טאָוואַרישטש" טראָצקי, אונדז דערקלערט! ער ווייסט וואָס ער רעדט! מיט אים שפּילט מען זיך נישט.

און אַט וואָס ער האָט אונדז געזאָגט:

„מען קען אים דעם ענגלענדער! אַ כיטרער „שוואָל" איז ער! הינטער אונדזערע פּלייצעס זיך באַזעצט. אַ באַזע זיך געמאַכט אין גרוזיע... וועט ער די באַזע פאַרשטאַרקן, צונויפציען קרעפטן... דערנאָך ארויסשיקן קעגן אונדז די גרוזינישע קאָנטר־רעוואָלוציע און ער — דער ענגלענדער — ער וועט גייען בלויז העלפן!"

און ער זאָגט „טאָוואַרישטש" טראָצקי:

„צו וואָס וואַרטן חברים? לאָמיר עס מאַכן פריער!"

— און מיר האָבן עס געמאַכט פריער: אונדזערע אַרבעטער האָבן דאָרט אנגעהויבן און מיר — צו הילף! עך, האָט זיך עס צעברענט אַ שלאַכטעלע ביי טיפליס! מיך האָט מען פאַרוואונדעט אַ פּוס... געלעגן אין שפּיטאָל, דאָרט אויך געלערנט... איצט — אוים באַזע... אוים ענגלענדער... דער נאַפט — ביי אונדז!

איז דאָס אַנטאָן?

יאָ. דאָס איז אַנטאָן...

קוקנדיק אויף אים איז מיר דאַן קלאָר געוואָרן:

דאָס אַלטע איז פאַרגאַנגען און וועט שוין נישט צוריקקערן... דאָס נייע, וועט אויפגיין און זיך צעבליען...

פילאַדעלפיע, 1933

איבער א שמאָל דרענגל

ווייל הינטער די פענצטער פון מיין סטודיא שטייט פאַרבליפטער כמורנער פרי־הערבסט־טאָג, דערפאַר אפשר, האָט זיך פאַר מיינע אויגן באַוויזן דאָס, וואָס האָט פאַסירט מיט מיר אין אדעס מיט יארן צוריק. און אפשר דערפאַר, ווייל איך האָב די לעצטע נאכט געחלומט פון יענער כמורנער צייט? פאַסירט האָט עס אזוי:—

א.

ס'איז געווען ווינטערדיק־וואלקנדיקער פרי־מארגן. האָ? פרייטיק? יאָ. ס'איז געווען פרייטיק און איך האָב פאַרלאָזט מיין וואוינונג, וואָס איז געשטאַנען „דערשלאָגן" נישט ווייט פון שוואַרצן ים. דער הונגער פון מיין קליינער, בלאַנד־קעפּיקער טאָכטער מרים, האָט מיך פון הויז ווי מיט בייטשן געטריבן. די קינדערישע, ברוינע אויגן האָבן געקוקט מיט פאַרוואונדערונג פון קיילכדיקן פנימל: פאַר וואָס גיט מען איר נישט עסן? זי וואָלט איצט דווקא יאָ געגעסן.

— ס'איז דאך נאָך אזוי פרי? ווען ווילסטו דען עסן אזוי פרי?

— איך וויל ברויט מיט פּוטער! כ'בין הונגעריק?

דאָס לעצטע שטיקל ברויט אין שטוב, האָט מען נעכטן ביינאַכט אויפ־געגעסן. איצט איז געווען געפּרעסטע תענית־שטילקייט אין שטוב. דורך די פענצטער האָט דער טאָג אריינגעקוקט מיט בולמעס אויף די אויגן. איבער

די שויבן איז געלעגן דין פראָסט־הייטל. דער אויוון איז געשטאַנען א קאַל־טער. ס'אר א פרעמדער טרויער עס האָט געקוקט פון זיינע גרינע קאַפּליעס!

בין איך ארויס פון שטוב. איז וואָס? אַט וואָס:—

די שטאָט אָדעם, איז געלעגן אין קלעם פון דעניקינס ווילדע חילות, וואָס האָבן אָפּגעטראָטן פון קאַלטע פראָנטן. חיהשע טונקעלע מענטשן מיט שווארצער שנאה אין טעמפּע הערצער האָבן זיך געשליאַנדערט איבער גאַסן. טשיטשעשנצעס מיט רציחה־פּאַרריסענע נעז און מיט שווארץ בלוט — ווי טינט — אין די הארטע געזיכטער, זיינען באַפאַלן די שטאָט. ס'האָט פון זיי געררייכערט הפקר ווי פון רויב־פייגל.

— וואָס זשע איז? אַט וואָס:—

— נעכטן אינדערפרי, באַלד אינדערפרי, און א סטודענט איז ארויס אין גאַס. איז מיט גיכע טריט אוועק אין קליטל און געקויפט א ברויט. צוריקגעגאַנגען מיטן ברויט און:—עטלעכע טשיטשעשנצעס זיינען אים אנט־קעגנגעקומען. האָבן אים דוקא דורכגעלאָזט. נאר — א קול האָט אים נאכגע־יאגט. זיך אריינגעדרילעוועט אין זיין פּלייצע. איז דער סטודענט געפאַלן מיטן פּנים אראָפּ. געבליבן ליגן מיט צעשפּרייטע הענט און דאָס ברויט האָט זיך אוועקגעוואַלגערט. א טשיטשעשנעץ האָט געכיכיקעט און דאָס ברויט אויפגעהויבן. דער סטודענט איז געבליבן ליגן.

— פאר וואָס?

— גלאַט אזוי . . . א ייד . . .

— אזוי . . . א יידישער סטודענט . . .

די ליפּן בלייכע האָבן די ווערטער ווי שפּרוך געשעפּטשעט. די אויגן האָבן געקוקט ווייסע, פאַרפּייניקטע. און די יידן — צוהערער — האָבן שוין מער גארנישט געפרעגט. מען האָט פארשטאַנען.

בין איך ארויס פון שטוב ווי א בעטלער וואָס גייט זוכן א נס. כ'האָב געטראַכט: בייטאָג טרעפט עס זעלטן. מיטן סטודענט האָט עס געטראָפן שטאַרק פרי, כמעט באַגינען, ס'איז דאך ווי פארנאַכט. און ביז פארנאַכט וועל איך זיין צוריק אינדערהיים.

כ'בין געגאַנגען זוכן א פּופצן טויזנט רובל צו קענען קויפן א ברויט מיט א האַלב פערטל פוטער. דאָס אַלץ . . .

ב.

ווי א יורד האָב איך זיך ארומגעדרייט אין צענטער פון שטאָט.

כ׳האָב פאַרגעסן אַלע סכנות און שרעקן. כ׳האָב בלויז געדענקט די איינע פראַזע פון מיין קינד:—

„פאַר וואָס גיט מען מיר נישט עסן?״

און געזען די גרויסע, ברוינע, פאַרוואונדערטע אויגן.

האָב איך שוין דערמאַנט: ס׳איז געווען פרייטיק. און:—

פרייטיק־טעג איילן אַזוי גיך פאַרביי, גיכער ווי אַנדערע טעג. איידער מען קוקט זיך אום — נישטאָ. דערצו — קורצער ווינטער טאָג. ווען איך האָב ענדלעך זיך געהאַט דערשלאָגן צו די „אויסגעטרוימטע״ פּופּצן טויזנט און זיך געלאָזט גיין אַהיים — איז שוין געווען פאַרנאַכט.

ווי אויסגעלײדיקט די גאַסן זיינען געווען. האָבן אויסגעזען ווי הײלן. אין צענטער פון שטאָט האָט מען שוין געהאַט צוגעמאַכט די קראָמען דער פאַרנאַכט האָט געקוקט פרעמד, פאַרביסן, ווי עס קוקן סאַוועס פון קאַלטע טרוקענע צווייגן אַראָפּ. איינציקע מענטשן האָבן געאײלט מיט די קעפּ אין די אַקסלען אַראָפּגעצויגן, און מיט שטילע, ווייכע טריט, ווי מען שפּאַנט אין שפּיטאָל־קאָרידאָרן . . . איז נאָך ערגעץ געווען אַ קראָם אָפן — נישט קיין ייִדישע. אַט אַזוי ווי ערב יום כפּור פאַרנאַכט אין פרום שטעטל.

איך האָב געאײלט. פרומקייט אויף מיין פּנים און קילע הוילקייט אין די אויגן. די פּופּצן טויזנט אין מיין קעשענע — מיט וואַרימקייט פון לעבעדיק באַשעפעניש. אונטער דער טרויעריק־פאַרשטייפטער הויט פון מיין געזיכט, איז געווען גרייט פרייליך פּנים, וואָס וועט אַרויס אויף דער אויבערפלאַך אַזוי גיך ווי איך וועל איבערטרעטן די שוועל פון מיין שטוב און דערזען מיין הונגעריק קינד. אונטער דער פרייליכקייט האָט געריזלט שטיל געוויין — ווי עס ריזלט ריטשקעלע צווישן גראָז — געוויין פון אומשולדיקן, וועמענס אומשולד ס׳איז באַוויזן געוואָרן.

דערפאַר זיינען מיינע טריט געווען גרינגע, ריִרעוודיקע. און מיין גוף איז געווען געשטרעקט, ווי שווערע משא וואָלט פון אים נאָר וואָס אַראָפּגעפאַלן. האָב איך געשפּאַנט מיט פלינקע, רעגלמעסיקע טריט. אַ? —

„ס׳וועט מיט מיר גאָרנישט פּאַסירן.״

„ניין . . . ס׳וועט גאָרנישט פּאַסירן מיט מיר״ . . .

אַזוי האָב איך מיט זיכערקייט, אָן קול, פאַר זיך, געחזרט און נישט געוואוסט אַז דאָס חזרט די שרעק, וואָס גרייפט מיך אָן . . .

ווען איך בין אַרויסגעקומען אויף דער גאַס — אַרויס פון צענטער, און מיט וועלכער איך דאַרף גיין צו מיר אַהיים, צום הויז וואָס שטייט נישט ווייט פון שוואַרצן ים — האָב איך זי געטראָפן געגנצלעך אַ ליידיקע. זי איז געלעגן אַ פאַראומערטע, אַ געדיכט־שווייגנדיקע. האָט עס אויסגעזען:

אלע איינוואוינער זיינען אויסגעשטארבן. אַדער: פארפלייצונג איז געווען. איצט איז דאָס וואַסער אַפּגעפאַלן נאר קיינער איז נאך נישט צוריק־געקומען . . .

ג.

ווי שאַרפע קעלט איז שרעק מיין לייב באַפאַלן.

איצט האָב איך געדענקט דעם סטודענט, וואָס איז געבליבן ליגן מיטן פּנים צו דער ערד. און נאך האָב איך איצט געדענקט:—

— איז עס געווען פאַרנאַכט. אַ טשאַטע טשיטשעניצעס ווי אַ טשאַטע ווילדע הינט האָט זיך געשלעפּט איבער גאַס. ס'האָט זיך באַוויזן אַ יונגער־מאַן. ער האָט געאיילט — ווי איך אייל איצט — און אויף זיך האָט ער געהאַט אַ נייעם פּאַלטאָ. און ווייל דער פּאַלטאַ איז געווען אַ נייער, דערפאַר האָט שרעק מוראדיק געיאָמערט אין אים . . . דאַן: „שטיי"! האָט ער זיך אַפּגעשטעלט. „ביסט אַ זשיד. נישט אַזוי?" דער יונגערמאַן האָט נישט געענטפערט. די ביקס ביים טשיטשענעץ אין האַנט האָט זיך באַוועגט ווי אַ לעבעדיקע זאַך. און ביים יונגענמאַן איז דאָס לשון אַפּגענומען געוואָרן. זיינע אויגן האָבן געשרויפט ווי געווינטן, די ליפּן האָבן זיך געבויגן. קיין וואָרט איז נישט געקומען . . . „טו אויס דעם פּאַלטאָ!" ער איז געשטאַנען ווי געפרוירן . . . „נו, וועלן מיר זיך אליין מטריח זיין" . . . האָט מען באַ־טאַפּט זיינע קעשענעס. פון אים געלאָסן אראַפּגעצויגן דעם פּאַלטאָ, אראַפּ־גענומען די שיך און: „ביעגאם מארש!" ער האָט זיך געלאָזט לויפן מיט באָרוועסע פיס אויף פראָסטיקע שטיינער. די ביקס האָט אַ שנעל געטאָן. און — — —

אין מיינע אויערן האָבן אָפּגעהילכט די האַרטע קלעפּ פון מיין האַרץ און איך האָב דערפאַר גענומען שפּאַנען דווקא געלאַסענער. זיך נישט ארומגעקוקט. געהאַט אין זינען: מיט אַלע כוחות האַלטן די שרעק אין זיך און זי נישט ארויסלאָזן. פאַרביסן האָב איך אַלץ געחזרט אַן קול:

„ס'וועט מיט מיר גארנישט פּאַסירן" . . .

און אַט בין איך שוין נישט ווייט פון דער גאַס אין וועלכער איך דאַרף זיך פאַרקערעווען און גלייך אהיים.

דאָ:—

שווארצער סאַמעט האָט ראַפּטום געגעבן אַ פאַל־צו צו די אויגן . . .

ד.

כ'האָב זיך נישט אפּגעשטעלט. דער שווארצער סאמעט איז אפּגע־פאַלן און:—

פון דער גאַס איז מיר אנטקעגן ארויסגעקומען א סטאַיע טשיטשעצעס מיט שווארצע פּאַפּאַכעס אויף די קעפּ. הויכע, אין טונקעלע שינעלן און מיט מעסערלעך אויף די ברוסטן. די פּנימער — מיט געדיכטער סמאָלע אנגע־גאָסן. פון זייערע הייסע נאַזלעכער האָט עס געזעצט מיט שטראַמלעך פּאַרע. און זיי גייען מיר אנטקעגן אויף זעלבן טראָטואַר אויף וועלכן איך גיי. פאַר־ביסנקייט שלאָגט פון זיי ווי רויך פון פאַרמאַכט ברענענדיק הויז.

דאס האַרץ מיינס האָט ווי צעשראָקענער פויגל זיך פאַרשלאָגן צום אַקסל און דאָס אָרט — קאַלט און ליידיק.

פון שרעק איז מיר געוואָרן מאָדנע ליכטיק אין קאָפּ. כ'האָב גע־טראַכט קלאָר און פלינק:—

אויסדרייען זיך און גיין אויף צוריק? ניין, זיי וועלן מיר נאָכיאָגן. וואָלט ביי מיין זייט געווען א זייטיק געסל, וואָס שניידט זיך ארוים פון גאַס— וואָלט איך גלייך פאַרקערעוועט און זיי אין די אויגן נישט געקומען. איז אָבער אַזאַ געסל נישטאָ ביי מיין זייט. פון דער אַנדערער זייט גאָס שניידט זיך יאָ ארוים אַזאַ געסל. זאָל איך זיך לאָזן אריבערגיין די גאַס? ניין! זיי וועלן דערפילן אַז איך וויל זיי אויסמיידן. וואָס זשע טוט מען? איך בין אין קלעם.

ה.

אין מיר — אין דער טיפעניש פון מיין געביין — האָט עס אויס־געשריגן:

— גיי גלייך!

מאָדנע: די שרעק איז גלייך פון מיר אפּגעפאַלן. ווי נאָר כ'האָב דערשפּירט אַז איך קען זיי נישט אויסמיידן, איז גלייך געקומען משוגעהדיקע דרייסטקייט צו מיר. מיינע טריט זיינען געוואָרן פעסטע, זיכערע. מיין גוף— געשטערעקט. דער קאָפּ — געהויבן. און:—

אנשטאָט שרעק, האָט אין מיר געשריגן כעס. כ'האָב געפילט: מיין פּנים איז אנגעגאָסן מיט היסן, פלאַקערדיקן צאָרן.

כ'בין זיי נעגאַנגען אַנטקעגן.

זיי — זיי האָבן באַקומען צעוואָונדערטע אויגן. כ'בין אריין צווישן זיי. זיך געשניטן אַ וועג צווישן חיות. די חיות האָבן זיך צערוקט. איינער אַז געבליבן שטיין. און:—

— „אַנוקאַ!" לאָמיר זיך בייטן מיט די היטלען!

וואָס האָט ער געמיינט? כ'האָב נישט געטראַכט. זיך נישט אָפּגע־שטעלט, נישט אָפּגעענטפערט. האָב בלויז — שפּאַנענדיק — אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ און אים אָפּגעמאָסטן מיט אַזאַ צאָרנדיקן בליק, אַז — זיין מויל איז געבליבן אָפן ווי אַ „נול". שטוינונג איז געווען אין זיינע פינצטערע, פאַרגאָפּטע אויגן.

כ'האָב גלייך צוגענומען מיין בליק און נישט אומקוקנדיק זיך מער, אַוועק־געשפּאַנט אַלץ מיט די זעלבע פעסטע, זיכערע טריט. כ'האָב געפילט: אַלע זיינען שטייען געבליבן און קוקן מיר נאָך מיט וואונדער . . . אָבער איך האָב געשפּאַנט אַלץ מיט די זעלבע טריט ביז איך בין צוגעקומען צו ווינקל גאַס און פאַרקערעוועט אין דער גאַס, וואָס פירט צו מיין היים.

— — — — — — — — — — — — —

כ'האָב געהאַט דאָס געפיל: כ'בין דורכגעגאַנגען איבער שמאָל קיילעכדיק דרענגל, וואָס ליגט איבער תהום. איין וואַקל — און איך וואָלט געווען געפאַלן . . .

און געוואוסט:—

די משונהדיקע דרייסטקייט מיינע האָט זיי צעטומלט און מיך פון סכנה אַרויסגעפירט . . . און אפשר האָבן זיי געטראַכט: אַ ייד קאָן נישט זיין אַזוי דרייסט . . .

כ'בין נישט אַנטלאָפן — דאָס האָט מיך איבער תהום דורכגעפירט . . .

ו.

ענדלעך אריין צו מיר אין שטוב און אַ דערשעפּטער אַוועקגעפאַלן אויף אַ בענקל. געוואוסט: אַ האָר איז געווען צווישן מיר און טויט . . . איין צאַפּל און איך וואָלט געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ צו דער ערד, ווי דער סטודענט, וואָס איז געגאַנגען נאָך אַ ברויט און: מיין קינד וואָלט געוויינט:—

„פאַר וואָס גיט מען מיר נישט עסן?"

דער פאַרנאַכט איז טונקל געלעגן אויף די שויבן פון די פענצטער . . .
נאָך וואס דערציייל איך עס? — דאָס מעגט איר אליין פאַרשטיין.

פילאדעלפיע, 1934

פאַרענדערט

א.

ער עקזיסטירט שוין נישט, אבער זיין געשטאַלט איז מיר געבליבן: א הויכער, ברייטפּלייציקער. קיילעכדיק, גלאַט פּנים; טונקל־בלאָנדער קאָפּ און בלויע קינדערישע אויגן. גוטסקייט און צעטומלטקייט האָט פון זיי ארויס־געריכערט. צוויי פינגער אויף רעכטער האַנט — איינגעבויגן — צוזאמענ־געוואַקסן. —

געדיכט־טראַגישעם איז געזעסן אין זיין לייב, געשפּאַרט פון זיינע ביינער. געהייסן האָט ער סיגאַלעסקא און איז געווען א יידישער אַקטיאָר. אויפגעקומען אין רומעניע און געבוירן פאַר טראַגישע ראָלן. אויף זיינע פּלייצעס איז געלעגן שווערער יאָך — א קרענקלעך איפּערזיכטיק ווייב; א בלוי־ליפּנדיקע שוויגער, וואָס האָט געשפּיגן מיט דינע נאָדלען; בלוט־ארעמע, צעטומלטע קינדער — און געלעבט האָט האָט ער גרינג ווי ווינט אין פעלד.

וואָס זשע האָט ער געטאָן?

אזוי האָט ער געטאָן:—

ער האָט געשפּילט טעאַטער און געשפּילט לעבן. דער בראַנפן האָט אים געהאָלפן דורכשפּילן די טעג און נעכט. אבער שכור איז ער קיינמאָל נישט געווען. בלויז די בלויקייט פון זיינע אויגן האָט געלויכטן, ווי פון זון באַשיינט.

אזוי האָט ער געשפּילט, ביז:—

געוואַנדערט מיט גרופּע שפּילער איבער פינצטערע וועגן פון אוקראַינע, ווען דאָס לאַנד האָט זיך געטרונקען אין בירגער־מלחמה און אין הפקר. איז אזוי געווען:— א באַנדע איז די באַן באַפאַלן. ארויסגעטריבן די יידן פון די וואַגאָנעס. ווי צערייצטע הינט זיי באַשמעקט, באַטאַפּט און

מען האָט באַפוילן: „לויפן". איז מען געלאָפן איבער בלאָטיק־פעלד. און ווייל סיגאַלעסקאַ איז געווען דער העכסטער, ברייט־פּלייציקסטער — האָט ביקס זיך אין אים געצילט; קויל מיט שאַרפעגבערדיקן ברי האָט זיין פּלייצע דורכגעבריט און ער איז געפאַלן נישט אויפצושטיין מער.

איז ער נישט אויפגעשטאַנען. אבער ווען ער האָט געלעבט און גע־שפּילט טעאַטער אין אדעס — האָב איך פאַר אים מורא געהאַט. מורא געהאַט? יאָ. מורא געהאַט. ווייל: ער האָט מיך שטאַרק ליב געהאַט. ער האָט געשפּילט אין אַ פילם צו וועלכער איך האָב געשריבען די סצענאַריע און ער האָט גענומען מיך פאַרפלייצן מיט ליבשאַפט. האָט ער מיך אין גאַס באַגעגענט — איז ער מיך באַפאַלן קושן . . . איבער גאַס הענגט קויטיק־שוואַרצער הימל און זופּט מיט נאַסקייט, מענטשן שלייכן געקאַרטשעט און ער האַלט מיך פעסט און קושט מיך.

האָב איך מורא געהאַט פאַר אים.

איצט, שטייט אין דרויסן קיל־כמורנער טאָג. עס שמעקט מיט ווינטער, מיט פאַרביסענער געפרוירנקייט. און דאַן — אין אָדעס — איז עס אויך געווען אין אַ ווינטער־טאָג:—

ב.

כ'האָב געשפּאַנט איבער דער גאַס, וואָס האָט דאַן געהייסן יעקאַטערי־נענסקאַיאַ. שוין געזאָגט: ס'איז געווען ווינטער. אינדערהייך — טונקל־גרוי, אויף גאַס — פאַרהאַרטעוועטער, צונויפגעקאָוועטער שניי. ווינט האָט גע־שניטן מיט דינע, שאַרפע מעסערס. וואָס האָב איך געטראַכט? אויב איך האָב געטראַכט, איז וואַרשיינלעך פון דעם: די וועלט איז הפקר און לעבנס זיינען הפקר . . . וועט מען ביינאַכט באַפאַלן די שטאָט? אוקראַאינישע הייד־דעמאַקעס טראָגן נאַציאָנאַלע „קעזיקעס" אויף די קעפּ און שוואַרצע פאַר־ביסנקייט קאַכט אין זייערע האַרטע געזיכטער . . . וואָס זשע וועט זיין אז זיי וועלן מוזן אַפּטרעטן? אַפּיצירישע האַרמאַטן שלאָגן ערגעץ שווערע זעצן אין ווינטערדיקן דרויסן אריין.

און אָט: סיגאַלעסקאַ!

ער שפּאַנט מיר אַנטקעגן. גוטסקייט רעוועט פון אלע זיינע גלידער. ער האָט מיך דערזען און פון זיין פּנים שלאָגט אַ פאָנטאַן ליבשאַפט. כ'האָב זיך דערשראָקן: אין אזא אומעטיק־קאַלטן דרויסן, וועט ער מיך באַפאַלן קושן . . .

כ'האָב געשטערעקט די הענט זיך צו פאַרטיידיקן. ער האָט געשמייכלט: וואָס האָב איך אַזוי מורא? ער האָט מיך ליב ווי זיין לעבן . . . אָבער אַז איך ציטער אַזוי — איז נישט . . .

ער האָט מיך גענומען פאַרן אָרעם. זיינע פינגער האָבן וואַרעם געקושט מיינע האַנט־מוסקולן:

— קום מיט מיר, טייערער . . .

— וואוהין שלעפסטו מיך?

— קום. וואָס אַרט דיר?

— וואוהין?

כ'זע: ער איז מיך גרייט צו קושן. און:—

— גוט. איך גיי.

ער האָט מיך צוגעפירט צו אַ הויז און מיר זיינען אַראָפּ אין אַ קעלער־שטוב. די שטוב איז געווען גרויס — אַ פעלד. ס'האָט דאָרט געשמעקט מיט הייל. אַ סך טישלעך, איבערגעדעקטע מיט קויטיקע, רויט־בלאָ־געקעסטלטע טישטוכער. ריח פון היימיש־געמאַכטן סיראָפּ־בראָנפן האָט נעדעמפּט אין אַלע ווינקלען. אַרום די טישלעך — היימיש־פרעמדע פאַר־שוינען. מען רעדט צווישן זיך. האָ? מען רעדט דאַכט זיך יידיש. נאָר וואָס מען רעדט פאַרשטיי איך נישט. איך כאַפּ איין וואָרט פון דריי — עפּעס אַ מין דיאַלעקט.

ניין. כ'וועל נישט אַרויסלויפן. ס'ליאַרמט אונטערוועלט אין שטילע טענער. סיגאַלעסקאַ באַגריסט זיך. רופט אָן נעמען: „קאַזע", „פּאָפּעליאַטע" „דראַנג" . . .

כ'פאַרשטיי: סיגאַלעסקאַ שפּילט אין אַ טעאַטער, וואָס שטייט אויף דער גרענעץ פון מאַלדעוואַנקע. די פאַרשוינען זיינען די באַזוכער פון זיינע גרילציק־שרייענדיקע טרערן־סענטימענטאַלע פאַרשטעלונגען, און זיינע פאַרערער . . . אָבער אַנטלויפן וועל איך נישט . . .

ג.

דער עיקר, וואָס איך וויל דערציילן — איז אָט וואָס:—

מיר זיינען געזעסן ביי אַ טישל. אַ שווייגנדיקער יונג — ווער וואָלט אימשטאַנד געווען אַרויסצוקריגן פון אים אַן איבעריק וואָרט?! — האָט דערלאַנגט צוויי שפּאַרע גלעזער בראָנפן און גלייך גענומען באַצאָלט — סי־גאַלעסקאַ האָט זיין גלאָז גלייך אַריינגעצויגן און באַקומען פאַרבענקטע אויגן:

ווערט עס שטילער אין אים? ווערט גרינגער אויפן הארצן? כאָטש נאָך א גלאָז... אבער די פּופּציק־רובלדיקע נעסטן נישט אין זיינע קעשענעס...

מיט די טרעפּ איז פון גאס אראפּגעקומען א פּארשוין מיט געלאָסענע, זיכערע טריט, און סיגאַלעסקאָ האָט אויפגעטאָיעט:

— אָט איז דער שווארצער באָרע!

דערזען דעם פּארשוין און מיינע אויגנדעקלעך האָבן זיך א פּאָר מאָל באוועגט, ווי בלענדעניש וואָלט א שלאָג געטאָן: איז עס מעגלעך? בוטשע?

כ׳האָב צוריק געאיילט אין מיין געבורט־שטעטל. אין מאַרק איז געשטאַנען א שיין הויז מיט א „דיסטריבוציע״־געוועלב. דער אייגנטימער פון הויז — אהרן־וועלוול: א שיינער ייד, א פּארמעגלעכער בעל הבית. האָט ער געהאַט א יינגל, האָט ער געהייסן ברוך און גערופן האָט מען אים בוטשע: בוטשע אהרן־וועלוולס.

— סיגאַלעסקאָ. ווער איז ער?

— פון די „קעפּ״... ער וועט געבן בראַנפן.

ער איז געווען א הויכער — אָט דער באָרע. א שלאַנקער, מיט טונקל, גלאַט, ריין־ראַזירט פּנים, מיט אויגן שווארצע און גלאַנציקע—ווי געשליפענע. אויף לינקער באַק — נאָענט צו מויל — א שראַם. בלייך־געלער ווארעם, האָט זיך דאָרט איינגענורעט און אנטשלאָפן געוואָרן. ער איז געווען אָנגעטאָן אין פיינעם, טונקל־בלויען מאַנטל מיט סאַמעטענעם קאַלנער. ווייס־פּארצעלייענדיקן הארטן קראַגן, און פון שניפּס האָט געפינקלט בריליאַנט.

— כ׳וואָרט אויף דיר מיט אומגעדולד, באָרע! — האָט סיגאַלעסקאָ אים צוגערופן.

„יאָ. ס׳איז בוטשע!״

באָרע איז צוגעקומען. זיך אפּגעשטעלט ווי די פיס זיינע וואָלטן זיך אָן עפּעס אנגעשלאָגן. דער קאָפּ מיטן הארטן הוט האָט זיך געבויגן אויף פאָרויס. די ליפּן האָבן זיך פאַנאַנדערגעקלעפּט פון שמייכל, אין די אויגן האָבן געגומען שפּרינגען רויטלעכע פונקען, און:—

ראַפּטום גיט ער א שטרעק־אויס א האַנט. רופט מיך אָן ביים נאָמען:

— וואָס מאַכסטו? וואָס קוקסטו אזוי? דערקענסט מיך נישט?

— אַ?... באַלד... דאַכט מיר... זאָל עס זיין בוטשע?

— זאָלסט אזוי לעבן מיט מיר! ווי קומסטו אַהער? אַהער אין קעלער? זע נאָר זע!

אָט אזוי ווי מען טרעפט אַן אייגענעם אין דער פרעמד, האָט ער זיך מיט מיר דערפרייט. איך האָב געפילט צערודערונג... ער — קיין צייכן פון צעטומלקייט. פאַרקערט: פון אים האָט האָפעדיק געשיינט באַרימעריש־

קייט: „זע אדרבה ס׳אר א וואזשנער מענטש בוטשע איז געוואָרן״ . . .

סיגאַלעסקאָס אויגן זיינען געוואָרן קיילעכדיק:

— דו קענסט אים, באָרע?

— צי איך קען אים? מיר זיינען דאָך פון איין שטעטל. זיין טאַטע— א שוחט; מיינער — א קרעמער. א „דיסטריבוציע״ געהאַט.

— טאָ היים געבן בראָנפן!

א וואונק פון בארען צום שווייגנדיקן יונג ביים קאַנטער און יענער האָט געבראַכט בראָנפן. נישט געוואַרט אויף באַצאָלן.

— זע נאָר זע! זאָלסט אזוי לעבן מיט מיר! ס׳איז דאָך טאַקע ער!. . . עפּעס האָב איך יאָ געהערט, אז דו ביסט אין אָדעס . . . ביסט א וואזשנער קאָפּ . . . אז איך זאָל דיך טרעפן אָט דאָ? דאָס האָט דיך סיגאַלעסקא אהער פאַרפירט, אָ?

זיך ארומגעקוקט ווי חיה מיט פאַרשאַרפטע חושים:

— איך קום באַלד צו . . . כ׳על נאָר עפּעס דערליידיקן.

כ׳בין געווען צעטומלט. בין געזעסן אויף הייסע קוילן . . . סיגאַ־לעסקאָס ווערטער פּויקן:

— פון די „קאַרפּן״ נישט קיין „קורעסל״ . . . ער מיט א גרופּע מאַכן געלט . . . וואָס קוקסטו מיך אזוי אָן? נו יאָ . . . מען דריקט גאַנצע שטויסן געלט . . .

— פאַלש געלט?

— פאַלש שמאַלש . . . אלע געלטער זיינען פאַלש . . . ביז אהער האָט מען „געשלאָפּט״ אוקראַינישע פּופּציקערס . . . איצט, אז דעניקין רוקט זיך אהער — קנאַקט מען שוין „גלאָקן״ (טויזנטערס אויף וועלכע ס׳איז געווען א גלאָק) און—א טייערע נשמה . . . האָט א בריליאַנטןהאַרץ. . .

געשריי האָט אויפגעפּלאַצט, ווי באַלון וואָלט זיך צעריסן. כ׳האָב א קער געטאָן דעם קאָפּ: באָרע שטייט א היים־צוכעסטער. איינער שפּרינגט אים אנטקעגן ווי צעטומלטער האָן:

— כ׳האָב נישט מורא פאַר דיר, שוואַרצער באָרע!

באָרע ציילט שטילע ווערטער:

— לייג אוועק דעם גאָפּל און רעווע נישט, וואָרעם איך צעכמאַליע דיר באַלד דאָס פּרצוף.

— איך האָב א „שאַכטל״ (מעסער) אויך.

נישט פאַרגאַנגען נאָך דאָס לעצטע וואָרט און באָרעם פויסט האָט האַרט אנגעשלאָגן אָן יענעמס פּנים. געדרענג ארום באָרען . . . שעפּטשעריי און געבעט . . . „שוין . . . ער האָט שוין אוועקגעלייגט דעם גאָפּל״ . . . גלייך איז שטיל געוואָרן, ווי גאָרנישט וואָלט פאַרגעקומען. באָרע שטרעקט

שמייכלענדיק א האנט:

— רייב איין . . .

כ׳שעפּטשע:

— סיגאַלעסקאַ . . . לאָמיר גיין פון דאַנען?

— שוין . . . מען איז שוין איבערגעבעטן . . .

„אָט דאָס איז בוטשע אהרן־וועלוולס?!״

באַרע איז צוריק צוגעקומען. געשמייכלט: ס׳איז גאַרנישט. ער האָט געהאַט באַשטעלט א ביסל „פּופּציקער״, איצט דרייט ער . . . דעניקין גייט דאָך . . . „ווען ער ליגט ניט אַוועק דעם גאָפּל עק איך אים! כ׳האָב פיינט אַז א לויז ווערט א קנאַקער . . . אָבער שוין — שוין אויסגע־גלייכט . . . ״

בוטשע האָט גערעדט היימיש און באַרימעריש: מיט וואָס פאַרנעם איך זיך? . . . ס׳לוינט זיך נישט . . . ס׳באַצאָלט זיך נישט . . . ער — ער דריקט געלט. אין איין האַלבער שעה מאַכט ער מער ווי איך קען פאַרדינען אין דריי יאָר . . . אַ? כ׳האָב דאָך עפּעס צו טאָן מיט דרוק . . . אפשר? . . . ער האָט א ווייב — א גאַנצע אינטעלעגענטקע . . . א יינגל האָט ער אויך. כ׳זאָל אזוי לעבן מיט אים ווי איך מוז צו אים אַרויפקומען. כ׳וועל שוין טאַקע זען ווי בוטשע וואוינט . . . ער האָט א שוואָגער — ביי די „גרויסע״— (באָלשעוויקעס) א גרויסער מאַכער . . . א רעדלפירער . . . איצט איז ער א ציטונג־פאַרקויפער און האַלט אַן אויג . . . כ׳מוז צו אים קומען . . . ער וועט פאַר מיר צוגרייטן דעם שוואָגער — אַן ערלעך מענטשל און קען איינשטעלן דאָס לעבן פאַר זיין אידעאַל . . . — און „קאָטלעטן״ וועט מען פאַר מיר צוגרייטן. צי ער האָט מורא? פאַר וועמען? ר׳איז שטאַרקער פון דעניקינען מיט פּעטליורען צוזאַמען . . . כ׳זאָל אים געבן דאָס וואָרט אַז כ׳וועל אַרויפקומען . . . ער וואוינט אויף טעאַטראַלנע פּעראַוליק . . .

כ׳האָב געשוויגן. בין געווען צוריק אין שטעטל. געזען: אהרן־וועלוולס בערדל איז גרוי . . . זיינע שטילע אויגן — זיינען איבערגעגאָסן מיט טרערן גלאַנץ. קוקט מיט זיי ערגעץ ווייט און פיין ריזלט אין אים . . .

— ווען דער „שמויש״ ליגט נים אוועק דעם גאָפּל — איז אַן עק צו זיין געביין.

זיכער: אין א קעשענע ביי בוטשען ליגט א געלאָדענער רעוואָלווער . . . בוטשע אהרן־וועלוולס? ניין, ס׳איז דער שוואַרצער באַרע . . .

— — — — — — — — — — — — —

ענדלעך אַרויסגעקומען פון קעלער, אָפּגעאָטעמט און:—

— סיגאַלעסקאַ. זעט אױס: אַ געפּערלעכער יונג אַט דער בערע.
— נישט געהערט פון שװאַרצען בערע? מײנסט צו זאָגן: נישט געהערט פון אים? מיליציאָנערן טרעטן אים אָפּ דעם װעג. מאַכן אַ מענטשן מיט אַ קאָפּ נידעריקער — אַ פּאַפּיראָס בײ אים אױסצורײכערן. און אדרבה: זאָל מען פּרובירן מאַכן אַ פּאָגראָם?!
— װעט בערע נישט לאָזן?
— לאָך נישט . . . אַ גאַנצע ארמײ זײנען זײ.
— אַלע מאַכן געלט?
— אַ טײל ברעכן אױף מאַגאַזינען און לאָדן־אױס די סחורה . . . טײל מאַכן „נאַליאָטן" (האָלד־אַפּס). אָבער — אײן חברה. פֿאַראַן בײ זײ אַ פירער . . . בערע — אַ ביליאַנטענער יונג. פֿאַר אַ ײדן — װעט ער דעם האַלדז שטרעקן. װעסט גײן צו אים?
— משוגע? כ׳װיל אים מער נישט זען.
סיגאַלעסקאַס אױגן האָבן געקװאָלן מיט באַגײסטערונג און ליבשאַפט:
— לאָז מיך דיר געבן אײן קוש!?
— נײן . . . דאָס נישט . . .

— — — — — — — — — — — — —

* * *

ח.

און אָט, װאָס איך װיל נאָך דערצײלן:—
אװעק אַ יאָר, אפשר צװײ און מעגלעך דרײ: איז עס דאָך געװען אַ צײט װען טעג זײנען געװען װאָכן, װאָכן־מאָנאַטן, מאָנאַטן־יאָרן און פאַרקערט . . . כ׳האָב שױ געהאַט פאַרגעסן די קעלער־שטוב, דעם שװאַרצן בערע, סיגאַלעסקאַ — זײן לײב און לעבן איז שױן לאַנג אױף דער װעלט ניט געװען.
אַ צײט! װי די נעכט האָבן געשאַלט מיט גרױלן און געליאַרמט מיט יובל! װי געשײלט ס׳האָט זיך ליכט פון פינצטערניש און שװאַרצקײט פון העלן שײן . . . סנאַריאַדן האָבן װינקלען הײזער מיט שטיקער דעכער אַװעקגעטראָגן. קױלן זײנען װי סטאַיעס צעשראָקענע, סװישטשענדיקע פײגל געפלױגן . . . אין גרױסע, שנײדנדיקע װײען, האָט לעבן זיך געענדערט, פאַר־

מירט, איבערפֿאַרמירט, צעפֿאַלן, זיך באַהעפֿט. פֿון דעניקינס חילות — בלויז אַ טשאַד ווי נאָך גרויסער שׂרפֿה געבליבן. אָפּיצירן — אַפּגעשווימען אין פֿרעמדע לענדער. אין היילן זיך פֿאַרוואַלגערט . . . „סאָוועטן" האָבן זיך באַפֿעסטיקט, געשטאַלט. ס'האָט געוועפּט דער פּחד פֿון יידישע הייזער, די שרעק — פֿון יידישע אויגן. און:—

ס'איז געווען הייסער זומער־טאָג. ליכטיקער זוניקער בייטאָג. איבער אָדעם — אויסגעוואַשענער בלויער הימל. די גאַסן — טרוקענע, בלייכע. דער שוואַרצער ים האָט שטיל־מעכטיק געזונגען. האָב איך געשפּאַנט אויפֿן בולוואַר. פֿון וואָס האָב איך געטראַכט? אויב כ'האָב געטראַכט, איז וואַרשיינלעך פֿון דעם: דאָס לעבן איז מער נישט הפֿקר. זיכערקייט וואַקסט און וועט זיך צעוואַקסן . . . אַ? —

— וואָס מאַכסטו?

די שטים האָט מיך אָפּגעשטעלט. כ'האָב אויפֿגעהויבן די אויגן: באָרע!

„אָ! ווי פֿאַרענדערט"!

ר'האָט אויסגעזען שטאַרק אַנדערש. דאָס פּנים — איינגעפֿאַלן, באַשאָטן מיט דינע, שוואַרצע הערעלעך. אויפֿן שוואַרצן קאָפּ — אַ היטל מיט אַ דאַשיק; אויף די פֿיס — פּראָסטע שווערע שטיוול. אונטער רעקל — טונקל העמדל . . .

פֿון זיינע שטילע, שוואַרצע אויגן, האָט געפֿליצט פֿאַרשעמטקייט; אומבאַהאָלפֿנקייט איז געווען אין זיין געזיכט, אין זיין פֿיגור. כ'האָב געפֿרעגט:

— נו, וואָס?

ר'האָט געשמייכלט ווי אַ יתום. זיין קול — נישט זיכער, ווייך. ווי מענטשלעך. און:—

יענער באָרע — שוין אויס. די „געשעפֿטן" זיינע — שוין לאַנג אוועקגעוואָרפֿן: „מיט די גדולים" שפּילט מען זיך נישט" . . . טאָן — וואָס אַמאָל? ס'איז אַ בושה און אַן איינשטעלעניש . . . דער עיקר — אַ בושה . . .

האָט ער אוועקגעוואָרפֿן די „נאַרישקייטן" און זיך פֿאַרנומען צו ווערן אַ מענטש מיט מענטשן גליך . . . דאָס ווייב מיטן קינד האָט ער אוועקגענומען אין אַ שטעטל — אין קריוואָי־אָזערע . . . האָט זיך געקויפֿט אַ פּאָר גוטע פֿערד מיט אַ וואָגן . . . געוואָרן אַ פֿורמאַן . . . ער פֿירט זאַכן פֿון אָדעס אין שטעטל אַריין און צוריק . . .

— ס'איז גאַנץ פֿיין!

— ס'איז געווען גאַנץ פֿיין . . . אַן ערלעך, שווער, שטיקל ברויט.

אָבער . . . מען האָט ביי אים פאַרנומען די פערד . . . איז ער געקומען קיין אָדעס, צום „איספּאַלקאָם", „כלאָפּאָטשען" מען זאָל אים צוריקגעבן די פערד . . . גייט ער איצט זוכן דעם שוואָגער . . . אַ גאַנצער רעדל־פירער און אַ פיינער מענטש . . . אָט דאָ אין צווייטן ראַטן־הויז וועט ער אים געפינען, אפשר וועט ער אים העלפן . . . „אַז כ'וויל זיין אַ מענטש מיט מענטשן גלייך" . . .

זיין קול איז געווען בעל־הבתיש־שטיל. ער האָט געשמייכלט.

כ'האָב געשוויגן. כ'בין געווען צוריק אין מיין שטעטל. געזען:— אהרן־וועלוולס פּנים איז אויסגעלייטערט. זיינע אויגן זיינען קלאָר, טרינקען טרייסט פון פאַרהוילענעם קוואַל. ער שמייכלט, ווי איך שמייכל דאָ איצט.

דער שוואַרצער באָרע? ניין. ס'איז בוטשע אהרן־וועלוולס!

— — — — — — — — — — — — —

ס'איז דאכט זיך ליכט צו פאַרשטיין נאכוואָס איך האָב עס דער־ציילט . . . זייער ליכט . . .

פילאַדעלפיע, 1934

פאר וואָס איך לעב

שוין געהערט אַמאָל ווי געדיכטע שטילקייט שרייט מיט באַנומענע קולות פון די דעכער? שוין געזען ווי פאַרשטאַרטע אומרו שטייט און וואַרט ביי פאַרהאַקטע טירן און יאָגט שרעק־שטראָם אין הארצן? —

איך — יאָ:—

כ׳האָב געהערט, געזען און געשפּירט:—

מיט יאָרן צוריק אין אָדעס. ס׳איז געווען ליכטיק־קלאָרע ווינטער־נאַכט. דער הימעל אינדערהייך — שאַרף־בלוי ווי געבראָכן, בלוי גלאָז; מוטער־נאַקעטע לבנה אָן דינסטן נעפּל; געדיכט־צונויפגעטריבענע שטערן האָבן געפינקלט מיט קעלט און עלנט. די גאַסן אונטן — ליידיקע, ווי פריש־אויסגעשייערטע קאָרידאָרן. פּראָסטיק־ווייס הייטל — ווי ביבולע פּאַפּיר — איבער שטיינער און דעכער, קיין מענטש האָט מען נישט געזען.

וואָס פּלוצלונג האָב איך זיך דערמאָנט אָן יענער נאַכט? ס׳איז גאָרנישט פּלוצלונג. ס׳איז אַזוי:—

דורכן ראַדיאָ־קעסטל האָט זיך נאָר וואָס דערטראָגן צו מיינע אויערן דאָס אומנאַטירלעכע קול פון אַ יידישער דראַמאַטישער שוישפּילערן, וואָס האָט מיר געבראַכט די בשורה, אַז די יידישע קולטור לעבט. איך קען זי געפינען ביי איר אין טעאַטער אויף די בינע־ברעטער, איבער וועלכע זי שלעפּט די פיס און שפּילט אַ מאַמע מיט אַ צעפּליקט האַרץ . . . יאָמערט ביטער דאָס „מאַמעשי־הערץ״ און מיט פלאַטערדיקע, דאַרע הענט טוליעט זי צו איר יונגער, איינגעפאַלענער ברוסט איר געפונען זעקס־פיסיק בן־יחידל, וואָס וואָלט ביי מענטשלעכע באַדינגונגען שוין געווען אַ זיידע פון צוויי אייניקלעך — אַ יינגל און אַ מיידל . . .

האָט זי מיך צוריקגעבראַכט קיין אָדעס, צו יענער נאַכט, ווען איך בין ארויס פון יידיש־טעאַטער און אריינגעפאַלן אין די אָרעמס פון פּיינ־לעכער שרעק. אין דעם טעאַטער האָט געשפּילט דער טראַגיקער סיגאַלעסקאַ. ביי אים האָט אויף פּיצלעך זיך געפליקט אַ „פּאַטער־הערץ", יעדער ריס האָט זיך דורכגעטראָגן דורכן טעאַטער ווי מען וואָלט אימפּעטיק געפליקט האַרטע לייוונט.

איז געווען אַזוי:—

דאָס טעאַטער איז געזעסן אויף דער סאַמע גרענעץ פון מאָלדעוואַנקע. אַלע באַזוכער זיינען פון דאָרט געקומען. ווען זיי זיינען „געריירטע" ארויס פון טעאַטער, זיינען זיי אַוועק אויף יענער זייט. אויף דער זייט — צום צענטער פון שטאָט, איז קיינער נישט געגאַנגען.

איז וואָס זשע? — אָט וואָס:—

דעניקינצעס האָבן מיט בלוטיק־קאַנוואָלסירטע, ביינערדיקע הענט גע־קלאַמערט די שטאָט. פון אַפּיצירישע אויגן האָט עס געטריפט מיט גאַל און פון זייערע לייבער האָט עס געזעצט מיט נקמה־לעכצונג. שוין עטלעכע טעג אַז פון די פראָנטן האָט מען קיין נייעס נישט געבראַנגט און שטאָט האָט געשושקעט:—

— די „גרויסע" דערלאַנגען . . .
— דעניקין שטעלט פּיס . . .
— טאַקע? ווי אַזוי?
— דער פראָנט איז צעלעכערט . . .
— מאַכט ער פּליטה?
— אַלץ הייסט . . .
— אַזוי פּלוצלונג?
— פּלוצלונג . . . האָט אויסגעצויגן דעם פראָנט לאַנג און דין . . . רייסט מען אים איצט ווי שפּינוועבס . . .
—עס זאָל כאָטש אָפּגיין גלאַטיק . . .
— גלאַטיק . . . די אָפיצירן האָבן עפּעס פאַרטראַכט.
— איז דאָך שלעכט . . .
— נישט גוט . . . זייער נישט גוט . . .

אַזוי האָט שטאָט געשושקעט און אויף דעכער זיינען געזעסן אַלטע סאָוועס און געקלימפּערט:

„הפקר . . . הפקר . . . ה־פ־קר" . . .

כ'האָב עס געהערט מיט מיינע אייגענע אויערן.

בין איך ארויס פון סיגאַלעסקאַס טעאַטער און שרעק האָט מיך ארומגעכאַפּט. ס'איז האַלבע נאַכט. אויף דער זייט גייט קיינער נישט און

מיין היים ליגט ביים ים. דאַרף איך דורכשפּאַנען דעם גאַנצן צענטער, און די שטילקייט שרייט פון די דעכער:

— הפקר ס'לעבן . . . הפקר . . .

ווער גייט אין אַזאַ צייט אין טעאַטער? דאָס איז אַן אַנדער מעשה; כ'על אַן אַנדערש מאָל דערציילן.

* * *

די שרעק האָט אין מיר אויפגעטויכט גאָרונג נאָך מענטש: וואו נעמט מען נאָך אַ מענטש? און:—

— וואָס שטייט איהר אַזוי פאַרגאַפּעט?

ס'איז נישט געווען קול, נאָר דערליזונג־בשורה. כ'האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ מיט דערלייכטערונג־זיפץ. נעבן מיר איז געשטאַנען ביבערגאַל. אַזוי האָט ער געהייסן: ביבערגאַל.

ווי זיס ס'איז מיר איצט געווען דער יונג מיטן ברייטן פּנים און ווייכע, דיקע נאָז! ער איז געשטאַנען אַ נידעריקער, ברייט־פּלייציקער, און זיין פּנים — אַ לוגל מיט גוטסקייט און היימישקיים. ער האָט געשפּילט אין אָרקעסטער אין סיגאַלעסקאָס טעאַטער. דעם פידל — אין שייט — האָט ער געהאַלטן אונטערן אָרעם.

— ווי ווייט גייט איר, ביבערגאַל?

— איך וואוין אויף יעקאַטערינענסקאַיאַ.

— און איך — אַסך ווייטער.

— וואָס זשע שטייט איר? ס'איז דאָך שפּעט און קאַלט.

— קומט . . .

ווי וואונדערלעך ס'איז אין מיר געווען די פרייד פון גיין מיט נאָך איינעם. קיינמאָל אין לעבן האָב איך אַזאַ פרייד נישט געפילט. אָך ביבערגאַל! . . . אָט דער יונג, וואָס איז מיט אַ צייט צוריק געווען אין דער יידישער „דרוזשינע" און איצט — אונטער דעניקינס הערשאַפט — שפּילט ער אין אָרקעסטער, — איז דאָך מיר אַזוי אייגן . . . איז ער דען נישט יאָרנלאַנג מיין בעסטער חבר? יאָ, ער איז . . . און דאָס וואָס ער איז געווען אין דער יידישער „דרוזשינע" אַמאָל, איז זייער גוט . . . איך קען דאָך אפילו זיין טאַטן; ער זעט אויס ווי אַ פּערסיער . . . הויך, ברייט; געדיכטע, ברייטע, שוואַרצע באָרד, טונקל פּנים און — איז אַ מוהל — ביים פּערסישן שאַך האָט ער מל געווען אַ קינד — אַ קליין מאַכמעדאַנערל — און האָט באַקומען צוויי הונדערט רובל . . . דאַן געווען אמתע רובלס . . . איז ביבערגאַלס פּאָטער אַ מוהל, מיינער — איז געווען אַ שוחט . . . זיינען מיר

דאָך חברים . . .

— ביבערגאַל! איר וועט מיך אַביסל אונטערפירן?

— גוט. עטלעכע קוואַרטאַלן.

ס'אַר אַ וואוילער חבר. ווי היימיש עס שפּאַנט זיך מיט אים כאָטש ער האָט פלאַכע פיס־טריט . . .

כ'האָב געזען: פאַרביסענע אומרו שטייט ביי פאַרהאַקטע טירן, ביי פינצטערע פענצטער, און געשפּירט: דורך פאַרבאַרגענער עפּענונג פליסט שרעק צו מיר אין האַרץ אריין.

אויך איצט הער איך ווי עס הילכן האַרטע קלעפּ פון מיין האַרץ. דאַן — האָט עס מיר געציטערט אין קאָפּ. ס'איז אזוי פאַרגעקומען:—

מיר האָבן געשפּאַנט זאַלבענאַנד. די טריט האָבן אפּגעהילכט אין קאַלטן דרויסן. מיט אַמאָל — ס'האָט אַ בלאַנקע געטאָן מיליטעריש קול און די אויגן האָבן גלייך דערזען: אין ראָג פון גאַס דאָרט, שטייען באַוואָפנטע לייט. דאָס בלוט מיינס האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, אַ פאַרגליווער. אויפגעגליווערט און זיך גענומען שטיקן . . . אָבער דעם טעמפּ פון מיינע טריט האָב איך נישט געענדערט. ביבערגאַלס שטים האָט ארויסגעציטערט:

— זעט אוים: אַ פּאָליציי־פּאַטרול.

— לאָמיר זיך פאַרנעמען מיט דעם זייטיקן געסל.

— לאָמיר . . .

מיר האָבן אזוי געטאָן. די טריט אונדזערע זיינען געוואָרן ווייכער, פאָרזיכטיקער . . . דערגרייכט צו אַ צווייטער גאַס און זיך גענומען ווייטער ארויף. האָ? ס'איז שטיל . . . די שרעק איז אונדז נאכגעגאַנגען, אָבער הינטערשטעליק.

צוגעקומען צו יעקאַטערינענסקאַיאַ און ביבערגאַלס פּנים איז געוואָרן האַרטער. אונטער דער הויט האָט זיך עפּעס באַהאַלטן. האָ? איז ער מיר טאַקע אַ גוטער חבר? . . . און ער:—

— ס'איז דאָך שוין אזוי שפּעט . . . און — — —

— ביבערגאַל! איר האָט דאָך צוגעזאָגט!?

— ס'איז דאָך שטיל? . . .

אָט דאָס איז עס טאַקע: ס'איז שטיל . . . און די שטילקייט וואַרנט אזוי שטרענג . . . אָבער געזאָגט האָב איך:

—האָט איר דאָך נישט וואָס מורא צו האָבן . . .

— האָ? . . .

ער האָט נישט געהאַט קיין כוח אפּצוזאָגן. אָבער געזען האָב איך: ער שלעפּט די פיס מיט געוואַלט.

זיינען מיר געגאַנגען. צוגעקומען צו פּושקינסקאַיאַ און — צו אַ גרופּע

מיליציאַנטן. די מיליציאַנטן האָבן געשפּאַנט רואיק — שטאָט־היטער . . . איינער גיט אַ פרעג:

— נישט געזען דאָרט אונדזעריקע?

— נישט געזען.

— נישט געזען?

— וואָס האָט דען פּאַסירט? — פרעג איך.

— פּאַסירט? ס'איז אַן „אַבלאַווע"!

וועמען זוכט מען? וואָס זוכט מען? די מיליציאַנטן האָבן דערווייל אָפּגעשפּאַנט. אבער ביידע ווייסן מיר דעם באַטייט פון „אַבלאַווע" . . . מען זוכט פאַרדעכטיקטע . . . מיליטער־דעזערטירן . . . ווער זוכט? ס'קען נישט זיין, אַז בלויז מיליציאַנטן . . . די שטאָט איז גרויס. הייסט עס: דעניקינצעס העלפן זוכן . . . אָדער פאַרקערט: מיליציאַנטן העלפן . . . איז וואָס? דע־ניקינצעס . . . זיי זיינען שכור . . . ס'איז דאָך קאַלט . . . אַזוי אַז אפילו נישט שכור זיינען זיי אויך שכור . . . און מיר ביידע — זיין טאַטע אַ מוהל, מיינער אַ שוחט . . .

כ'האָב געזען: די שרעק איז אונטערגעשפּרונגען, זיך ארויפגעוואָרפן אויף ביבערגאַלען. ער מאַכט זיך נישט וויסנדיק אבער זיין פּנים — בלייך, ווי ביי נאַכט־וואַנדלער . . . ער איז דאָך נישט ווייט פון זיין היים, און די שרעק האָט זיך פאַרלייגט אויף זיין האַלדז ווי אַ שטריק. זיין קול שטופּט זיך דורך ענגשאַפט:

— איך גיי צוריק . . . איך מוז שוין צוריקגיין . . . מאָרגן אינדערפרי באַלד דאַרף איך . . .

נישט וויכטיק וואָס ער דאַרף . . . ס'וועלן קיין רייד נישט העלפן . . . נאָך אַלעמען, וואָס איז מיר ביבערגאַל? אַ פרעמדער . . .

שווייג איך. געזעגן זיך. פון הינטער מיין פּלייצע הער איך: זיינע טריט איילן. ער יאָגט זיך און באַמיט זיך צו פאַרשטיקן דעם אָפּהילך פון זיינע טריט.

כ'בין געבליבן אליין . . . איינער אליין. אַ? ווען איך קען זיך אויפהייבן אין לופטן . . . ווען איך קען. אין הארצן שלאָגן האַמערס:

„אַב—לאַווע . . . אַבלאַווע . . . אַב—לאַ—אַ—ווע!"

און פון די דעכער:

„הפקר . . . הפקר . . . הפ־קר!"

וואָס איז עס געוואָרן מיט מיינע פיס? זיי ווילן נישט גיין און רייסן זיך צום לויפן . . . כ'האַלט זיי צוריק און שלעפּ זיי . . . די הייזער שטייען בלינדע, פאַרהאַקטע. וואָרענען זיי: „נישט לויפן" . . .

שוין געזען אַ מענטש אין מיטן קרייז פון פלאַמען? אין וועלכער

זייט וואַרפֿט מען זיך? אַהער? — ניין! מיט דער זייט? — ס׳טויג נישט . . . אַך! אַ דראָזשקע האָט אָנגעיאָגט מיט הייזעריקייט און מיין קול איז הייזעריק:

— „איזוואָשטשיק״!

די דראָזשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט. כ׳קריך גלייך אין איר . . . וואָס קוקט ער אַזוי אויף מיר, דער אַנטרייבער? ניין, קיינער יאָגט זיך נישט נאָך מיר . . . ס׳איז בלויז שפּעט . . . קאַלט . . . און , , ,

— וועסט געבן אַ „פּאַלטיניק״? (אַ האַלבן הונדערטער).

— כ׳על געבן!

וואָס דען? כ׳על נישט געבן?

אונטער די ליפּן האָט זיך מיר פאַרשטעקט אַ וואָרט: „שנעלער״. אָבער איך ברייננג עס נישט אַרויס. ער פאָרט דאָך, צו וואָס דאָס טרייבן? ער פאָרט דאָך . . .

* * *

זאָל די דראָזשקע נאָר צוקומען צו ביעלינסקאַיאַ. פאַרקערעווען, דאַן — זיך פאַרנעמען רעכטס . . . אַ פּאָר קוואַרטאַלן און דאַן — מיט שטיל געסל צו מיין היים . . . דאָרט איז שטיל . . . נו געווים: אויף דעם געסל וואוינען אָפּיצירן. מיין גוף האָט זיך באַוועגט. אונטערגעאיילט . . .

אַהאַ! — ווי די דראָזשקע וואָלט זיך געגעבן אַ לאָז־אַראָפּ אין גרוב— נישט אויסצומיידן! דער באַפעל האָט האַרט אַ שלאָג געטאָן:

— „סטאָי!״ —

פון „ראָג״ גאַס קומט דער באַפעל. פון אַ שוואַרצן מענטש האָט די שטים אַרויסגעבלעזלט. ס׳איז אַ מענטש? — זעט אויס אַ מענטש. אַ ביקס הענגט אים אויפן אַקסל? — יאָ, אַ ביקס. נאָר זי הענגט פאַרקערט: דער רימען אויף דער פּלייצע און די ביקס — פאָרנט. וואו איז דאָס פּנים? — נישטאָ קיין פּנים. ס׳מוז זיין שוואַרץ . . . און דער מענטש שאָקלט זיך ווי ער וואָלט געשטאַנען אויף פרעמדע ווייכע פיס . . .

— „סטאָי!״ — גיט די שטים אַן עגבער.

איז דער אַנטרייבער טויב?

— שטעל זיך! — רוף איך צו אים.

ער האָט ראַפּטום געגעבן אַ ציי די לייצן. דער פערדעשער קאָפּ האָט זיך געגעבן אַ ריס אויף צוריק. די דראָזשקע שטייט שוין.

דער פאַרשוין האָט זיך אָפּגעריסן פון „ראָג״. זיינע פיס אָבער זיינען נישט דיסציפּלינירט. צוויי שפּאַן פאָרויס, איין שפּאַן צוריק . . . דער גוף שאָקלט זיך פון זייט צו זייט. וואו איז מיין האַרץ? כ׳הער נישט מיין

האַרץ . . . כ׳האָב מער נישט קיין כוח צו שרעקן זיך . . . און וואָס וועט שוין העלפן איצט דאָס שרעקן? „זאָל זיין וואָס עס וויל זיך" — ציילן זיך די ווערטער אין מיר „זאָל זיין וואָס עס וועט זיין" . . .

די פּיס אונטער שוואַרצהאָריקן שינעל האָבן זיך געלאָזן געפּלאָנטערט . . . געפּלאָנטערט . . . זיך דערפּלאָנטערט צו דער דראָזשקע: איצט זע איך, ווייל — כ׳האָב מער נישט קיין כוח צו שרעקן זיך און ווייל: ער שטייט נעבן מיר, זע איך: אַ טשיטשענעץ, דאָס פּנים — אַ פּענכער טינט, שוואַרצע וואָנסעס ווי שטשורע־עקן. זיי זיינען באַדעקט מיט פראָסט. די הויטן שרימפּן אַרום די אויגן ווי ביי מידער חיה. שכרות זעצט מיט היץ.

און וואָס איז מיט דער ביקס? זי ציט זיך אַרויף און אַראָפּ . . . ווי אַזוי?

אַ ווײַלע בין איך צוריק אין מיין פאָטערס הויז. איך בין אַזוי יונג און מיינע אויגן זיינען ברייט־צעעפנט מיט וואונדער: מיין טאַטע — דער שוחט — האָט אַהיים געבראַכט אַ שטיק קישקע, זי אַריבערגעלייגט איבער שטול־ווענטל, און — די קישקע ציט זיך אַרויף און לאָזט זיך אַראָפּ . . . ווי לאַנגזאַם זי ציט זיך אויס און קאַרטשעט זיך איין.

און אָט אַזוי די ביקס ביים טשיטשענעץ . . .

וויפיל יידן האָט שוין די ביקס צו דער ערד געוואָרפן אויף קיינמאָל נישט אויפצושטיין?

דער פּאַרשוין איז פון דעם טייל דעניקינס חיל, וואָס גרייפט אָן דער ערשטער און טרעט אָפּ דער לעצטער . . . נאָך אים — ציט זיך אַ שליאַך פאַרוואָלגערט מיט יידישע הרוגים. מיט געשענדעטע צעפּייניקטע ווייסע לייבער . . . וואָס איז ביי דער ביקס נאָך אַ שאָס?

„— דעניקין מאַכט פּיס . . . די „גדולים" טרייבן . . . דער פראָנט איז צעלעכערט . . . עפּעס וועלן זיי אָפּטאָן . . . "

כ׳וואָרט. די האַר מיינע טשוועקן מסתם אויף מיין קאָפּ. איך פיל נישט . . . וואָס זשע שווייגט ער? ענדלעך האָט זיין צונג אַרויסגעבאַלבעט:

— פון וואַנען?

— פון טעאַטער.

כ׳וואונדער זיך: ווי רואיק מיין שטים איז. מיר גלוסט זיך צו שמייכלען . . .און דער פּאַרשוין וויגט זיך ווי ער וואָלט געווען אין שלאָף, אויף פרעמדע ווייכע פּיס, און דער ווינט איז שטאַרק . . . שווער און לאַנגזאַם, ווי דאָס קריכן פון שלאַנג, וויקלען זיך ווערטער פון זיין צעטומלט מויל:

— הייסט עס . . . פון טעאַטער, הייסט עס . . . האַ? „לאַדנאָ" . . . פון טעאַטער . . . און וואוהין? —

—אַהיים.

— הייסט עס . . . אהיים. אזוי . . . און פון וואנען? פון טעאטער. און וואוהין — אהיים . . . „לאדנא" . . . אהיים זאגסטו? . . .

די צונג פלאָנטערט. די ווערטער קנוילן . . . ער וויגט זיך. קיין אויך נישט צו זען . . . זיי זיינען ביי אים פארמאכט, פארקיסנעט . . . די הענט האלט ער פארוקט אין די קעשענעס . . . באוועגט אלע ווילע מיט די פלייצעס . . . וויל אראפטרייבן די קעלט . . . וואס מיינט ער צוטאָן?

מיט אמאָל — די הויטן ארום די אויגן צעגייען זיך, צענעמען זיך און:—קליינע שפיציק־שארפע טשוועקלעך גיבן זיך א שלאָג אריין אין מיין פנים, זיין צונג פלאָנטערט שארפער:

— געליינט היינט די צייטונגען? האַ? געליינט אָדער נישט? מיר וועלן זיי וויזן . . . „סוואָלאָטשי", אזעלכע . . . אין זייער מאמען אריין. הע־הע! העלדזעלעך וועט מען שניידן . . . כיק און כיק . . . און רויט וועט פליוכען . . . אדערלעך וועט מען טרענען . . . הענטעלעך וועט מען ברעכן . . . פיסעלעך . . . ווארעמע פיסעלעך . . . געליינט די צייטונגען?

דראָטן ציטערן אין קאָפּ. האַ? יאָ געליינט? נישט געליינט? ווי וויל ער? הייסער שוויים שלאָגט שפילקעס פון מיין שטערן.

— טאָ ענטפער! געליינט?

— כ'האָב ביי זיך די צייטונג . . . נאך נישט באוויזן צו ליינען . . .

דער פארשוין כיקעט אין זיך אריין. כ'בין אין טויט־שטיבל ווארטנדיק אויפן טויט. ווי לאנג וועט זיך ציען דאָס ווארטן? די ביקס באוועגט זיך . . . כיקעט אויך. דער פארשוין שאָקלט זיך מיט פארמאכטע אויגן. פון זיין מויל וויקלען זיך ארויס ווייכע ווערעם:

— טאָ ליין . . . עד ס'אר א מחיה . . . ווייסינקע אזעלכע . . . ווארעמינקע ווי ווייסע טייבעלעך . . . צאפלען זיי זיך און קוויטשען . . . גיב די ליפעלעך אין דיין מאמען אריין . . . אָט האָסטו און קוויטשע נישט . . . און ברוסטעלעך אזעלכע קלאָרינקע . . . הארטינקע . . . העלדזעלעך ווייכינקע . . . באטעמטע . . . די פינגער קריכן ווי אין טייג אריין . . .

כ'קען מער נישט. די ווייכע, גרינע ווערעם קריכן איבער מיין ברוסט . . . זאָל ער שוין שיסן . . . זאָל ער . . .

— מיר קענען שוין פאָרן?

כ'האָב מיין שטים נישט דערקענט. הארט, פארביסן, מעטאל־קלאָר.

— פאָר אז דו ווילסט . . . נו פאָר . . .

כ'ווייס וואָס ער מיינט. אבער איך רוף צו אנטרייבער:

— פאָר!

די דראזשקע האָט זיך אפגעריסן פון אָרט. כ'האָב אראפגעצויגן דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען. כ'בין געווען גרייט: באלד און די קויל

וועט דורכבּרענען מיין פּלייצע, ווי אַסך יידישע פּלייצעס . . . ווי האָט ער געזאָגט?—

„פאַר אַז דו ווילסט . . . נו פאַר״ . . .

אָבער:—

ער האָט נישט געשאָסן. די דראָזשקע האָט דערוויי‫ל פאַרקערעוועט אויף ביעלינסקאַיאַ..

ס׳איז געווען קאַלט אין דרויסן און ער האָט זיך געפּוילט ארויסנעמען די הענט פון די קעשענעס . . .

— — — — — — — — — — — — —

לעב איך דערפאַר — ווייל דער שבורער טשיטששענע האָט זיך גע־פּוילט ארויסצונעמען די הענט פון די קעשענעס . . .

כ׳האָב איצט צוריקגעקערט צו יענער נאַכט אין אָדעס. מיין קאָפּ איז פאַרשעמט געבויגן. באַליידיקונג קלעמט מיין האַרץ: אָט פאַר וואָס איך לעב — — —

פילאַדעלפיע, 1934

אַנטקעגן טויט

יא, כ׳האָב געזען מיט מײנע אייגענע אויגן, ווי אַ מענטש האָט גע־שפּאַנט מיט רואיקע, געמאָסטענע טריט אַנטקעגן טויט.—

דערביי איז געשטאַנען טונקעלער, טרוקענער טאָג אין דרוסן; די גאַס איז געלעגן ליידיק און אַנגעכמורעטער, בייזער, הערבסט־ווינט האָט פאַרביסן זיך אַרומגעדרייט אין שטילקייט.—

„בלינדע", געמויערטע וואַנט און איך האָבן עס געזען.

לאָמיך דערציילן ווי דאָס איז פאָרגעקומען:—

א.

דאַרף איך פריער דערציילן:—

אין די שטעט פון גרויס רוסלאַנד האָט שוין איבער גאַסן און דעכער געיובלט די רעוואָלוציע. צעברענטע זונען האָבן געזונגען פון אויסגעוואַשענע הימלען, נאָר דאָ, אויף דרום — איז אָדם געלעגן ביים שוואַרצן ים און אין גרויען צווישן־טאָג־און־נאַכט. טאָג מיט נאַכט האָבן זיך צונויפגעשטויסן. כ׳האָב עס אַליין געזען: אויפגאַנג מיט צוריקגאַנג האָבן זיך געראַנגלט, צונויפגעשלאָגן, זיך פאַנאַנדערגעריסן און זיך ווידער באַפאַלן.—

וואָס איז געווען?

ס׳איז אַזוי געווען: —

אין מיליטער־שטאַב האָבן זיך פאַרזעצט גאַנצעס איינציקלעך: היידע־

מאַקישע אַפיציִרן, וואָס האָבן געשמידט אַפּגעזונדערט, „פּאַטריאָטיש" אוק־ראַינע־לאַנד. צעהוליעט־פּאַרביסענע אוקראַינער, מיט נאַציאָנאַלע „קעזיקעס" האָבן באַוואַכט דעם וואַקזאַל. האָבן מיט פאַרריסענע קעפּ אַרומגעשפּאַנט איבער „זייערע" גאַסן; זייערע אויגן האָבן פאַרטאַיעט געלויערט אויף יידישע טעכטער און יידישע קראָמען . . . —

אין פּאָרט אבער. — אויפן שוואַרצן ים — זיינען געזעסן שיפן מיט מאַטראָסן; זיי האָבן באַוואַכט די שיפן און באַוואַכט די שטאָט. —

איז מען געשטאַנען איינס קעגן אַנדערן מיט געשטרעקטע קעפּ, געבויגענע העלדזער און געהיט די באַוועגונגען. האָבן אוקראַינער „פאָלק"־פּריצים און אַפיצירן שטיל געשאַרפט די שווערדן, און מאַטראָסן־באָלשעוויקעס האָבן געשטייפט די פויסטן — ביז: ס'האָט זיך צונויפגעשלאָגן.

צעעפנט די קראַנען און קוילן האָבן געשטראָמט איבער גאַסן. שטאָלענער שלאַקס־רעגן האָט געשלאָגן אין אייזערנע סלופּעס און אַפּגע־שפּרונגען מיט האַרטן קלאַנג. קוילנוואַרפער האָבן געדיכט געשפּריצט האַרטע קלעפּ.

בירגער־קריג האָט געברענט אין אַדעס.

אַזוי — ביז:—

ס'איז געשטאַנען פאַרבליפטער טונקעלער פאַרנאַכט און פון פאַר־מאַכטן הויף צו פאַרמאַכטן הויף האָט עס געבלאָנדזשעט:

— ביינאַכט וועט זיין „פריילעך".

— „פריילעך"? האָ?

— זיי האָבן געשטעלט אַן אולטימאַטום.

— די מאַטראָסן?

— ווער דען? אויב די היידעמאַקעס טרעטן נישט אָפּ ביז צען דעם זייגער. —

— איז וואָס זשע?

— וועלן די שיפן אָנהייבן „ריידן" עלף דעם זייגער.

— עלף?

— פּונקט עלף.

— אַזוי . . .

אויגן קיילעכדיקע האָבן געקוקט כמורנע ווי דער פאַרנאַכט. פּנימער—בלייכע — זיינען געווען אָנגעגאָסן מיט צעטומלעניש: דאַרף מען זיך שרעקן? קומט גרויל? קומט אויסלייזונג? היידעמאַקעס! זייערע פאָנען זיינען געל און בלוי . . . כמעלניצקי און גאָנטע — זייערע זיידעס . . . זיי לעכצן צו פאַרצוקן . . . און אַז זיי וועלן מוזן אָפּטרעטן — — —

און ס'איז אַזוי געווען:

פונקט ערך דעם זייגער בייגאכט און די הארמאטן אויף די שיפן האבן גענומען שטרעקן די העלדזער, די גאסן האבן געשוויגן און געווארט. די נאכט האט געווארט, זיך דערווארט:—

גיגאנטישע פויסט האט ארייגעשלאגן אין נאכט, זי דורכגעשפאלטן.— איבער שטאט האט הארטקייט זיך געטראגן אין האלבן קרייז. געצווינגן נאך זיך א זייל צונויפגעקאוועט משונהדיק געזאנג, און דאן — פרא—א—ך—ך! ריזיגער קעסל האט זיך צעפליקט.

פון שיפן האט עס געשלאגן זעץ נאך זעץ. רעגלמעסיק, פארביסן. הייזער האבן זיך געטרייסלט ווי שיפלעך אויף אומרואיק וואסער.

מיין קליינע טאכטער מרים — שוין צוגעוואוינט צו שיסעריי ווי צו מענטשלעכע הויכע רייד — האט פון שלאף צעעפנט גרויסע ברוינע אויגן, זיך צוגעהערט צ״ים וויגן פון דריישטאקיק הויז און:—

— שוין צו שטארק שיסט מען . . .

— עס וועט שוין איצט א סוף נעמען צו דער שיסעריי.

ס'האט טאקע א סוף גענומען. די שווערע קלעפ האבן פארטריבן כמעלניצקים אייניקלעך פון אדעס. פון עטלעכע יידישע הייזער בלויז, האבן זיך געריסן געשרייען אין פוסטער פינצטערקייט ארייו . . . אינדערפרי — נישט געווען מער קיין היידעמאקעס.

אבער דעם גאנצן טאג פריער — פארן „ריידן" פון די שיף האר—מאטן — זיינען די טויערן פון די הויפן געווען פארמאכט. די איינוואוינער זיינען געווען אויף די הייף. יום־טוב אין דער וואכן . . . קוילן האבן געיאגט איבער גאסן און:—

זיינען אין גאס, פארן טויער, געווען אוקראינער — זיינען אידישע ליפן געווען בלייך, צוזאמענגעוואקסן, און שרעק איז ווי ווילדגראז געוואקסן אין די הערצער. זיינען פארן טויער געשטאנען מאטראסן — האט מען אפגעזיפצט מיט דערלייכטערונג . . . אין די הערצער האט האפנונג אויפגע־טאיעט . . . ווי אזוי האט מען עס געוואוסט, אז דער טויער איז געווען פארמאכט?

דער טויער איז טאקע געווען פארמאכט, אבער אין טויער איז געווען א פענצטערל. האט מן עס פארזיכטיק געעפנט, געכאפט א קוק:—

— א מאטראס!

האבן פנימער זיך גענומען לייטערן. האט מען באקומען מענטשלעכע שטימען.

— א היידעמאק . . .

האט מען ס'פענצטערל גלייך פארמאכט. פנימער זיינען אויסגערונען, בלייך און פארשטארט געווארן. קאלטער פחד איז ווי שימל געקראכן הינטער

די קליידער.

און איצט קען איך דערציילן, וואָס עס האָט פּאַסירט:—

ב.

ס'איז געווען אזוי:—

כ'בין געשטאַנען ביים טויער מיטן פּנים צוגעפּרעסט צו אָפּן פענצטערל. קעגנאיבער — „בלינדע", טונקעלע, געמויערטע וואַנט. זי האָט געקוקט מיט אזוי פיל מרה שחורה . . . די טראַמוויי־רעלסן אויפן גאַס, האָבן געדרימלט פאַרלאָזענע. דער מאַטראָס ביים טויער אין דרויסן, האָט אָפּגערוט. דערזען מיין פּנים אין פענצטערל:

— א פּאַפּיראָס חבר.

ארויסדערלאַנגט אים א פּאַפּיראָס און א פראַגע:

— מען קען אפשר שוין עפענען דעם טויער?

— בעסער נישט, חבר.

— ס'איז דאָך שטיל?

— ס'וועט זיך באַלד אויפסניי אנהייבן . . . די „הינט" האַלטן זיך נאָך דאָרט . . . נעבנטער צום וואָקזאַל . . . בעסער נישט עפענען,

ר'האָט נישט באַוויזן רעכט צו פאַרציען און באַפעלעריש, שפּיציק וואָרט איז פון ערגעץ אנגעלאָפן, זיך געטראָגן פון טויער צו טויער און:—

ס'איז געוואָרן קלאַפּעריי פון ביקסן־הענטלעך. קוילן האָבן זיך גע־גרייט. גלייך, און סווישטשעריי האָט א פלייץ געטאָן. טעלעגראַף־דראָטן האָבן זיך צעציטערט, צעזינגען מיט דרענדזשעריי . . . איינציקע טויבע גע־שרייען האָבן זיך געבראָכן, צעפליקט. קוילנוואָרפער האָבן גענומען קנאַקן ווי שנאַבלען פון באַטשאַנעס. געשיט הארטע שנעלן, ווי עס וואָלט גערעגנט מיט שטיינדלעך איבער בלעכענע דעכער.

דאַן — און מיינע אויגן האָבן זיך גענעבן א שפּאַר ארוים פון זייערע ערטער:—

כ'האָב דערזען:

פון דערבייאיקער גאַס איז מיט געמאַסטענע, רעגלמעסיקע טריט ארויסגעקומען א דאַרער הויכער ייד. זיין פּנים איז געווען רואיק, פאַר־גליווערט. זיין גרויע באָרד איז שטיל געלעגן אויף די לאַצן. ער איז געגאַנ־גען געשטרעקט, פאַרזיכטיק, ווי ער וואָלט זיך געהיט נישט אויסצוגליטשן. זיינע אויגן האָבן געקוקט אראָפּ צו זיינע טריט. ער האָט פאַרקערעוועט

מיט דער גאַס איבער וועלכער עס האָבן געסוויסטשעט די קוילן. געגאַנגען מיטן טראָטואַר קעגנאַיבער דעם טויער ביי וועלכן איך בין פון אינעווייניק געשטאַנען.—

אין צווייטן — איך און די בלינדע וואַנט, ביי וועלכער ער איז געגאַנגען — האָבן געזען, ווי אַ מענטש שפּאַנט מוראַדיק־רואיק צו אומקום. פון מיינע ליפּן האָט עס יאָמערדיק אַראָפּגעציטערט:

— אָ־אָ־אָ!

ווי מען זעט, אַז יענער מאַכט די לעצטע טריט צו פאַלן אין אָפּגרונט.

יידן האָבן דערהערט מיין אַכץ. מען האָט זיך גענומען שטופּן צום טויער־פּענצטערל. ציטערניש אין אַלע העלדזער:

— אוי, זעט . . .

— ר'וועט פאַלן . . .

— ר'וועט אומקומען . . .

— ווי ער גייט . . . זעט ווי ער גייט.

דער ייד האָט געשפּאַנט מיט געמאָסטענע טריט. סוויסטשערייען איבער אים, אַרום אים. כ'בין גרייט געווען יעדע רגע צו געבן אַ פאַרמאַך די אויגן, ווען ער וועט פאַלן . . . זיכערער טויט . . . און ער גייט . . .

— העי „טאָוואַרישטש"! זע! דער אַלטער דאָרט!

כ'האָב זיך פאַרכלינעט מיט מיין אויסגעשריי. דער מאַטראָס האָט נאָכגעלאָזט די אויסגעשטרעקטע הענט מיט דער ביקס. האָט דערזען און אַרויסגעזיפצט:

— „פּראָפּאַדיאַט סטאַריק" . . .

זיינע אויגן זיינען געוואָרן קיילעכדיק. זיך נישט געגלייבט וואָס זיי זען: ס'שפּאַצירט אַ מענטש מיט געמאָסטענע דריבנע טריט אונטער קוילן . . . און — גאָר נישט . . . איז עס אַ מענטש? . . . איז עס אַ גייסט? . . .

אין דריטן — איך, דער מאַטראָס און די בלינדע וואַנט — האָבן מיר איצט געזען: אַ מענטש גייט רואיק אַנטקעגן טויט . . .

ג.

מיין פּנים איז געווען צוגעשפּאַרט צום פענצטערל. דאָס געזיכט פון מאַטראָס איז געווען פול מיט אַנגסט: פאַרגעסן איז געווען גאַסן־שלאַכט. ס'איז געווען אַ מענטש . . . אַ שטילער, אַלטער מענטש . . . און דער מענטש

גיים רואיק צו אומקום . . .

דער מאַטראָס האָט געפּונען זיין קול. אויך דאָס קול איז געווען פול מיט אַנגסט:

— אַלטער! העי מענטש! אַהער גיי! כאַפּ זיך אַריבער! וועסט אַריין אין הויף!

דער מענטש האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט.

— אומגליק־לי־כער! קום אַהער! שנעלער!

דער מענטש האָט מיט קיין אויג נישט קיין פּינטל געטאָן!

— אַט־אַט! — האָב איך אַרויסגעמורמלט, געקנייטשט דאָס פּנים, געווען גרייט צו געבן אַ מאַך צו די אויגן . . .

פאַרלווירנקייט האָט באַגאַסן דעם מאַטראָס. דאַן — ער האָט געגעבן אַ שטרעק־אויס די ביקס, און — טראַך! טאַך! טאַ־ראַ־ך! . . .

די קוילן האָבן זיך געריסן איבערן אַלטנס קאָפּ. ער האָט דערשפּירט די שאַרווען און האָט זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט. די אויגנדעקלעך האָבן זיך גענומען באַוועגן. האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און דערזען: דער מאַטראָס מיט צעטומלט פּנים שאָקלט צו אים מיט דער ביקס און באַוועגט האַסטיק מיט די ליפּן. האָט דער ייד זיך אַ צאַפּל געטאָן. די באָרד האָט זיך צוזאַמענגעקנייטשט, מחמת דער קאָפּ האָט אים געגעבן אַ זינק־אַראָפּ אין די אַקסלען אַריין. ער האָט געגעבן אַ הייב־אויף די הענט און די אויגן זיינען אים געוואָרן גרויס און קיילעכדיק.

דאָס שיסעריי איבער גאַס, האָט דערווייל נאָכגעלאָזט, איבערגעכאַפּט דעם אָטעם. דער מאַטראָס האָט געטופּעט מיט אַ פוס, געשריגן באַנומען:

— גיכער! אַהער גיי! גיכער!

מיינע ליפּן האָבן זיך געשאָקלט. כ׳האָב געשעפּטשעט אָן קול:

— גיכער . . . גיכער . . . גיי־כ־ער . . .״

דער מענטש איז געשטאַנען פאַרלוירן. האָט אויסגעזען: צעשראָקן פאַרבלאָנדזשעט קינד. דער מאַטראָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, גענומען רופן מיט די הענט . . . דער מענטש האָט זיך דאַן געלאָזט גיין אַריבער די גאַס. די פינגער פון די אויפגעהויבענע הענט האָבן קאָנ־וואולסירט.

— גיכער! רירעוודיקער! שנעלער! — האָט דער מאַטראָס גע־ליאַרמט.

דער אַלטער איז געגאַנגען מיט גלאַסענע, וואַקלדיקע טריט. זיין שטערן איז געווען אַזוי געקנייטשט, ווי שאַרפער ווינט וואָלט אים אין פּנים געשניטן. דאַן — אַ צאַפּל . . . קורצער פיינלעכער קרעכץ . . . און איין האַנט איז אים געוואָרן פאַרשטאַרט. זיינע טריט זיינען איצט געוואָרן

שנעלער.

— שלים אויף דעם טויער!

דער מאטראס האָט אים געגעבן אַ שטופּ־אריין אין הויף. דעם אלטנס בלייך, שווער־באַליידיקט פּנים האָט געוויינט אָן טרערן. איין האנט איז ביי אים אלץ געווען אויפגעהויבן. פון אַ פינגער האָט געשטראמט טונקל־רויט ריטשקעלע . . .

מען איז געשטאַנען ארום אַלטן און אויף אים געפלייצט רחמנות:

— ווי גייט מען עס אזוי אונטער קוילן?

— ווי טוט מען עס אזוינס?

— וואָס הייסט?

— אַ? וואָס זאָגט איר? — האָט דער אַלטער געשטאַמלט.

איצט האָבן אַלע דערזען: דער אַלטער איז טויב. ער האָט אַלץ געפינטלט מיט די אויגן:

— וואָס האָט ער געהאט צו מיר . . . דער מאַטראָס?

— ער האָט דאָך אייך געראַטעוועט! גע—ראַ—טע—וועט!

דער אַלטער האָט נישט געהערט און נישט פאַרשטאַנען. ער האָט געמורמלט:

—וואָס האָט דער רוצח געוואָלט פון מיר? פאַר וואָס האָט ער אין מיר געשאָסן? ער האָט דאָך מיך געוואָלט אומברענגען דער רוצח! פאַר וואָס?

מען האָט פון אַ שטוב ארויסגעבראַכט אַ בענקל. מען האָט דעם אַלטן אוועקגעזעצט. אים געוואַשן דעם פינגער און פאַרבינדן די וואונד. דער טויבער האָט אַלץ נישט געקענט באַגרייפן:

— וואָס האָט ער געוואָלט? אהער וועט ער נישט קומען?

— — — — — — — — — — — — —

און וויפיל זיינען זיי, וואָס שפּאַנען טויב און בלינד צו אומקום, און אַז מען וואָרנט זיי — קערן זיי זיך אָפּ פון וואָרנער ווי פון שונא?

אסך זיינען זיי . . .

פילאַדעלפיע, 1934

דערהויבן

א.

ניין, כ'בין דערביי נישט געווען. כ'ווייס אבער ווי דאס איז פאָרגעקומען. כ'זע נאך איצט ווי עס פּאַסירט. —

ס'איז געווען אין אדעס און די נאַכט איז געווען אַ ווינטירדיקע. דערביי בין איך יאָ געווען.

ב.

איז עס געווען סוף־נאַכט. דערפאַר איז דער הימל געווען שוואַרץ ווי סמאָלע, נאָר ווייט אין מזרח האָט גרויקייט זיך געפּיקט ווי הינדל פון איי. די גאַסן זיינען געלעגן פאַרטאַיעטע, קאַלטע. פון פאַרהאַקטע פינצטערע הייזער ארויס האָט געווויינט יידישע שרעק.

שווידערלעך וויינט יידישע שרעק. שטיל, פאַרגליווערט: פאַרלוירנקייט יאָמערט פון נאַכטיקע אויגן. וואָס איז די שרעק געווען אַזוי גרויס? זי איז געווען גרעסער פון גרויס. און אָט פאַרוואָס: דעניקינס ארמיי האָט זיך געקליבן פון שטאָט. פריער האָבן געציטערט די הויטן אויף יידישע לייבער און איצט זיינען די הערצער געווען איינגעפאַלן פון שוואַרצן פּחד.

זיינען די גאַסן געלעגן אויסגעהוילטע, פאַרלאָזטע און געשטיקטער גרויל האָט זיך איבער זיי געוואַלגערט. די עלעקטרישע לאַמטערנעס האָבן געגליווערט. אויף די ראַגן זיינען געשטאַנען זעלנער. האָבן געגאַפּט פון די

ווינקלען ארויס. האָבן געהיט די אויסגעהוילטע נאַכט. וואָלט שטאַט גע־וואוסט ווער די זעלנער זיינען — וואָלט אפשר די שרעק געלאָשן, האָט מען אבער נישט געוואוסט. זעלנער זיינען זעלנער.—

אבער אין די זעלנערישע בגדים האָבן געשטעקט מאַלדעוואַנקער יונגען איבער וועלכע ס'האָט באַפוילן מישקע. ווער איז געווען מישקע? געווען, ווי מען רופט עס: „אַ באַנדיט". די צייט איז געווען אַ צעמישטע: מאַכט מיט מאַכט האָט זיך געוועקסלט, ווי עס וועקסלען זיך ליכטיקייט מיט פינצטערניש: אָט איז טאָג און אָט איז נאַכט; נישט טאָג בייטאָג און נישט נאַכט ביינאַכט, נאָר פאַרקערט.

און איצט איז געווען שטאַק פינצטערע נאַכט אפילו בייטאָג, בפרט נאָך ביינאַכט: דעניקינישע אפיצירן האָבן געקריצט מיט האַרטע ציין און בערגלעך זיינען געלאָפן אונטער דער הויט אויף די באַקן; די אויגן האָבן געגלאַנצט מיט גרינער שנאה. געשאַרפט מעסערס אויף יידיש לעבן. איז דאָך מישקע אַ באַנדיט און אַ ייד, זידט זיין האַרץ מיט אחריות פאַר יידיש לעבן און פאַר יידישע מאַמעס . . . וואָס זשע האָט ער געטאָן?

אַזוי האָט ער געטאָן:—

ר'האָט באַפוילן, האָבן זיך זיינע יונגען אָנגעטאָן אין זעלנערישע קליי־דער און געהיט די יידישע גאַסן. אפיצירן האָבן נישט געוואוסט ווער זיי זיינען: זעלנער זיינען זעלנער. אויף די דעכער האָט מען אויסגעשטעלט קוילנוואַרפער און מישקע האָט אַזוי געזאָגט:

— אַ פּאָגראָם ווילן די אפיצירן מאַכן? קורצע הענט! אַ מלחמה — דאָס יאָ, אבער אַ פּאָגראָם? אַ מכה זיי אין די העלדזער . . .

דאָס האָב איך אַליין געהערט נישט פון מישקען, נאָר פון יידישן אַקטיאָר סינאַלעסקאַ, וועמענס פאַרשטעלונגען די מאַלדעוואַנקער האָבן באַ־זוכט, און ער — ער האָט עס געהערט פון שוואַרצן באָרע, מישקעס אַדיוטאַנט.

— אַ מלחמה — דאָס קאָנען זיי קריגן. אַ פּאָגראָם? — קורצע לאַפּעס!

ג.

איצט קען איך ווייטער דערציילן:

זיינען זעלנער געשטאַנען אויף די „ראָגן", און מישקע אַליין — אין באַגלייטונג פון שוואַרצן באָרע און געלער קאָזע — האָט געשפּאַנט איבער הוילע גאַסן. מישקע איז געווען אין אפיצירישע קליידער. איז ער

דאָך אַן עלטסטער צי ניין?! די שפּאָרן זיינע האָבן געצייכנט די טריט. פאַר־ביי־גייענדיק ווינקל־גאַסן האָט ער צוגעוואָרפן מורמלען צו די זעלנער, וואָס זיינען דאָרט געשטאַנען. קיין זייטיקער וואָלט קיין וואָרט נישט געקענט כאַפּן, אָבער זיינע לייט האָבן אים פאַרשטאַנען.

מישקאַ האָט דערשפּאַנט צו פּושקינסקאַיאַ — אין רעכטן צענטער — און האָט זיך ראַפּטום אָפּגעשטעלט: פון ווינקל גאַס האָט אַ באַוואָפנטער „זעלנער" צוגעשפּאַנט. זיינע ליפּן האָבן זיך גאַרנישט באַוועגט, אָבער מישקעס אויער האָט אויפגעכאַפּט:

— נישט ווייט פון דאַנען — „זאָלאָטאָפּאָגאָניקעס"... ווילן עפּעס אָפּטאָן.

— אַהאַ...

— אָט שטייט דער „גרוזעוויק"...

— ווער וואוינט דאָרט?

— אַרבעטער, דאַכט זיך... יידן — געוויס.

אַ באַוועג מיט די אַקסלען אין לעדערן רעקל מיט די גאָלדענע שליפעס, און אַ בלעזל פון די ליפּן:

— געלאָדן?

— געלאָדן.

געענטפערט האָבן די צוויי באַגלייטער מיטן דריטן צוגעקומענעם.

— קומט.

פיר פּאָר מיליטערישע טריט האָבן אימפּעטיק אָפּגעהילכט.

און איצט הייבט זיך אָן די מעשה:—

ד.

פאַר אַ טויער איז געשטאַנען אַ לאַסט־אויטאָמאָביל און געדענדזשעט ווי פלאַקער, וואָס וואַרט אויף קרבנות. דער מאָטאָר האָט געזאָטן ווי רציחהדיק הארץ פון פאַרביסענעם אָפיציר. די גרויקייט אין מזרח האָט זיך שוין געהאַט אויסגעפּיקט — דער טאָג טוט זיך זיינס. דורך פאַרמאַכטן טויער האָט געשטראַמט גאַליק שיפעריי פון שלאַנג. אין שיפעריי האָט זיך געקאַרטשעט יידישער מיט שרעק אַנגעשטאָפּטער קרעכץ.

דער טויער האָט זיך געעפנט. צום ערשטן איז אַרויסגעקומען אַ הויכער שוואַרצוואַנסעדיקער אָפיציר מיט נאַקעטן רעוואָלווער אין האַנט. נאָך אים — צוויי דאַרע יונגען. זיי האָבן אויסגעזען געפּענטעט, כאַטש

געשפּאַנט האָבן זיי געשטרעקטע. אַרבעטער? זעט אויס: אַרבעטער. די געזיכטער — איינגעפאַלן, טונקל, טונקעלע בלייכקייט. די ליפּן — צונויפגענגעקלעפּט, פאַרעקשנט. נאָך זיי — אַ שלאַנק יונג מיידל. איז זי אַ בלאָנדע? זיכער אַ בלאָנדע! ס׳אַר אַ העל פּנים. זי האָט געפירט אַן עלטערע פרוי אונטערן אָרעם. איז עס איר מוטער? זיכער איר מוטער: אַ מאַמען פירט מען אַזוי . . . די מוטער האָט קוים געשטעלט די פיס, די ציין אין מויל האָבן געדרענדזשעט ווי עס דרענדזשען טעמפּע גלעקלעך.

צו מישקעס אויערן איז דערשוואומען יידיש:

— טאָכטער . . . וואוּהין? . . . וואוּהין פירט מען אונדז? . . . טאָכטער . . . וואָס וויל מען פון אונדז? . . .

פון די יידישע ווערטער, דערצו פון אַ יידישער מאַמע, האָט ווייך פייער אנגעצונדן מישקעס האַרץ. און:—

ס׳איז געווען אַ פדייד צו הערן, ווי דער אפיציר מיטן נאַקעטן רעוואָלווער און מיט אַ פּנים—אַ פענכבער טונקל בלוט, האָט אויסגערופן דערזעענדיק פאַר זיך אַן „אפיציר” מיט אַ „פּאַטרול”:

— גוט וואָס איר זייט דאָ, הער אפיציר!

מישקע האָט זיך אויסגעשטרעקט:

— גרייט צו דינען!

— ווּעט אונדז באַגלייטן.

— אין „ראַזוועדקע”?

דער אפיציר האָט גלאַנציק אַ שוואַרץ געטאָן מיט די אויגן. קרומער שמייכל האָט ווייך געבויגן די שוואַרצע וואַנסן:

— „זשידעס” . . . באָלשעוויקעס . . .

צוגעבויגן דעם קאָפּ, אַריינגעשעפּטשעט אין מישקעס אויער:

„ צום „צמענטאַרזש” . . . גלייך צו דער „חתונה” . . . פאַרשטאַנען?

יאָ, ער האָט פאַרשטאַנען. אַלץ הייסט פאַרשטאַנען. דאָס קלעמעניש אין האַרצן האָט געדריכט געזאָטן . . . און די אַלטע מאַמע ציטערט . . . און די טאָכטער שרייט דער אַלטער אין אויער אַריין . . . די אַלטע פרעגט:

„אָ?” וואָס זאָגסטו? . . . כ׳הער דאָך נישט?!”

די אַלטע איז טויב . . . זיכער איז זי טויב . . . מען קען עס דערקענען אין איר פּנים . . . דערפאַר הערט זי נישט.

„וואָס? . . . כ׳פאַרשטיי נישט! . . . האָ?”

אָט צו וואָס ער האָט די גאַנצע נאַכט אַרומגעשפּאַנט איבער די גאַסן. מישקעס אויג האָט אַרומגעכאַפּט די מענטשן: פינף אַפיצירן. פיר מיט ביקסן. איינער מיט אַ רעוואָלווער.

תאווה האָט געברענט אין ברוסט אויסצורופן: „האָט נישט מורא,

מאַמע״ . . . ער האָט אבער געשוויגן. די יידישע ווערטער האָבן געשטיקט אין האַלדז . . . אָ? גליך דאָ אנהייבן? באַגלייטן — און דאָרט?

ער האָט אויפגעכאַפּט פון שווארצן באָרע:

— ווייטער.

— גערעכט.

דער אפיציר מיטן נאַקעטן רעוואָלווער האָט געפרעגט:

— ווענן וואָס האַנדלט זיך?

— גאָרנישט, „וואַשע״ . . .

— איינשטייגן! — האָט דער אפיציר מיטן רעוואָלווער ארויס־געסאָפּעט.

ח.

איז מען איינגעשטיגן. פון דער טויבער אַלטער, האָט געשלאָגן צעטומלטקייט ווי פון אויפגעדרייטע קראַנען. די אפיצירן זיינען געשטאַנען ביי די ווענטלעך פון „גרוזעוויק״ אנגעשפּאַרט אָן די ביקסן. די פּאַרנומענע זיינען געזעסן אויף די קני. מוטער האָט זיך געטוליעט צו טאַכטער און אַלץ געציטערט. די טאַכטער האָט איר געהילט אין טונקעלער טוך. די ארבע־טער האָבן געשוויגן. פון זייערע אויגן האָט ארויסגעגליווערט טויט . . . אַ יונג אפיצירל מיט העל און גערויטלט פּנים, מיט „פּאַפּאַכע״ אויפן קאָפּ, האָט גערעוועט דורך פאַרקלעמטע ציין:

„ס'איז אייך נישט מאסקווע דאָ . . . הינטישע זין . . . ״

פון די פאַרנומענע האָט זיך איינער אַ באַוועג געטאָן: די קני האָבן געבראָכן . . . דעם אפיצירס „פריקלאַד״ האָט גליך אַ שלאָג־געטאָן אין פּלייצע:

— זיץ „זשידאַווסקאיא מאָרדאַ״!

דער אויטאָמאָביל האָט זיך גערוקט איבער פינצ־טערער גאַס. געקראָכן ווי אין שוואַרצער הייל. ווידער האָט „פריקלאַד״ אַ זעץ געטאָן אין פּלייצע און דאָס אפיצירל האָט אפגע־קרעכצט ווי נאָך אַ געשמאַקן ביסן.

פלאַקער האָט אויפגעשריגן אין מישקעם האַרץ. ביז אַהער האָט עס אין אים געבלעזלט, ווי עס בלעזלט געדיכט־קאַכיקע קאַשע: „הינט . . . הינט . . . הינט . . . ״ איצט האָט עס ארויסגעשלאָגן פון זיין האַלדז:

— צו וואָס דאָס שלאָגן, יונגער אפיציר?

די וואָרטער האָבן דורכגעציִשעט דורך פאַרקלעמטע ציין. דעם אפיצירלס אויגן האָבן אַ שליידער געטאָן שאַרפע שטילעטלעך מישקען אין פּנים אַריין:

— און דו — ווער ביסטו?

ער זאָל אים זאָגן ווער ער איז?! און דערשפּירן קען ער עס נישט? נישטאָ קיין צייט צו ריידן. די מינוט איז אַ יאָר! האַרט ביינערדיקע פויסט האָט אַ זעץ געטאָן אין אפיצירס ברוסט אָ! די פויסט האָט דורכגעשלאָגן דאָס האַרץ, איז אַרויס דורך דער פּלייצע . . . דאָס אָפיצירל האָט זיך אָוועקגעוואַלגערט און זיין געשריי איז געבליבן אין אים. ווי שטיין איז ער פון „גרוזעוויק" געפאַלן.

אייזערנע הענט האָבן פאַרקלעמט און אויפגעבראָכן . . . אַ געפּלעכטעריי פון הענט . . . האַנט ברעכט האַנט, אַרעם קלעמט אַרעם, דרייען זיך ווי געווינטן. העלדזער בייגן זיך, קראַכן. ציינער בייסן אָכצן . . .

היים־צעקאָכטער צאָרן האָט פאַרביסן געקרעכצט אין ערשטער גרויקייט פון יונגן טאָג. פּיס האָבן אונטערגעבראָכן, זיך געשליידערט. קאַנוואולסירט. קערפּער אונטער קערפּער, גוף איבער גוף . . . דער „גרוזעוויק" האָט זיך אָפּגעשטעלט. צאַפּלדיקע גופים האָבן ווי קלעצער פון אים אַראָפּגעוואַלגערט . . . איבער קאַלטער ערד געקייקלט . . . דער קנויל האָט זיך ענדלעך צעפליקט, גוף פון גוף אָפּגעריסן, און:—

„פּאַך! טאַך טאַראַך!"

פון אַ ווינקל גאַס זיינען אַנגעלאָפן נאָך עטלעכע פון מישקעס יונגען. די שיסעריי איז געוואָרן געדיכט. געשרייען האָבן זיך געקרייצט, צונויפגעשלאָגן. מישקעס געשריי צו איינעם פון זיינע האָט דורכגעשטראַמט:

— אויפן „גרוזעוויק", און לויף!

אַ שפּרונג, אַ קרעכץ. דער מאָטאָר האָט זיך צעבורטשעט און דער „גרוזעוויק" מיט די פרויען האָט אימפּעטיק אָוועקגעשניטן. די מענער זיינען געבליבן:

— אַ ביקס!

— גיט אַ ביקס!

ווי לאַנג האָט אָנגעהאַלטן דאָס שיסעריי? נישט לאַנג. די אפיצירן זיינען שוין נישט געווען. דאָס יונגע אפיצירל איז געלעגן פאַרטאַיעט מיטן פּנים צו די שטיינער צוגעוואַקסן.

שוין געווען שטיל. מישקע האָט באַפוילן: זיך צעגיין. דאָס אָפיצירל האָט זיך דערווייל שלאַנגיש געקאַרטשעט. אונטערגעהויבן דעם קאָפּ און שאָס האָט דורכגעשטאָכן די גרויקייט. מישקע האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן. האָט צעשטעלט די פיס און איז נישט אומגעפאַלן.

האַרטער האַגל האָט אַ פּלייץ געטאָן איבער אַפּיצירל. זיין פּנים איז צוריק צוגעפאַלן צו שטיין. מער האָט ער זיך נישט געקאַרטשעט.

— — — — — — — — — — — — —

מישקע איז געשטאַנען.

ער האָט געשפּירט: פון רעכטן דיך רינט וואַרעמע פליסיקייט אי־בערן פוס. די קויל האָט שאַרף געעגבערט אין דיך. ער האָט געקוקט מיט ליכטיקע אויגן:

— די אַלטע . . . זי איז געראַטעוועט? האַ־אַ?

— געראַטעוועט.

— געראַטעוועט! — האָט ער אַרויסגעזיפּצט מיט פרייד.

אַ יונג האָט אַרויסגעלאָזט שרעק פון מויל:

— מישאַ! ביסט דאָך פאַרוואונדעט?!

און מישקע האָט געשמייכלט. פון אים האָט געשלאָגן פרייד. אין גרויקייט האָט זיין פּנים געליכטיקט. אַזוי — אַ ווײַלע. דאַן — שאַרפע מעסערס האָבן גענומען שניידן זיין לייב . . . האָט ער געגעבן אַ שטרעק־אויס די הענט —

די יונגען האָבן אים אונטערגעכאַפּט. מישקעס אויגן זיינען איצט געווען געשלאָסן אָבער פון זיין געזיכט האָט געליכטיקט לויטערע דער־הויבנקייט . . .

פילאַדעלפיע, 1935

אַפּטייטשונגען פון ווערטער:

א.

אוטשאָט — פאַרעכנט
אַביסק — אונטערזוכונג
אַבריק — עסן פאַר פערד
איקאָנע — הייליק בילד
אָסאַבניאַק — אָפּגעזונדערט הויז
אָסאָבע אָדיעל — ספּעציעלער, אָפּטייל

ב.

„בלעך" — פּרישע אַסיגנאַציעס
בומאַזשניק — אַזא בײַטל
ביעגאַם — לויפן
ברעשיש — ליגנערסט
באָזשע מי מאָי — גאָט מיינער
בראָס — לאָז געמאַך

ג.

„גדולים" — באָלשעוויקעס
„גרינע" — קערענסקיס טויזנטער
גאָספּאָדין — הער
גובעוואַק — אַמט פאַר עוואַקואירן
גובאַיספּאָלקאָם — גוב אויספיר־קאָמיטעט
„גרוזעוויק" — לאַסט אויטאָ

ד.

„דייטשל" — דייטשע מאַרקן
דוראַק — נאַר
דוואָרניק — הויף־אויפזעער
דושאָהובניק — רוצח
דזשאָדעס — אַלטע בעטלער
דאָנבאָס — דאָנער באַסיין

ו.

וועטשערינקעס — הוליאַנקעס
וויאָרע — גלויבן
וואָיענקאָם — מיליטער־קאָמיסאַר

ז.

זדורעל טשעלאָוויק—משוגע געוואָרן אַ מענטש
זאַלאָטאָפּאָגאָניקעס — אָפּיצירן מיט שליפעס
זשאַלקאָ — אַ רחמנות

ט.

טאָוואַרישטשי — חברים
טיל — הינטערן מלחמה פראָנט
טרוס — פּחדן

כ

כאָראָשאָ — גוט

ל.

„לאַנגע" — דאָלאַרן
לאַדנאָ — פיין
לאָפּטעס — קאָרע־שיך
לאָמפּאַדע—לעמפּל פאַרן הייליק בילד

מ.

מעזשדואָסאָביצאַ — בירגער־קריג

נ.

נאראד — מאסע
נאָוויטשקי — נייע
נאגאן — אזא רעוואָלווער

ס.

ספּיסאָק — א צעטל
סטוקלקעס — האָלץ־סאנדאלן
סיפּניאָק — פּלעקן־טיפוס
סמירנאָ — געשטרעקט
סלושאיוס — כ׳פאָלג
סאָדיערזשאנקא — ווערט אויסגע־האלטן
סאָלטאס — א דאָרף־בעאמטער

פ.

פּריקאז — באפעל
פאָרגאָן — לאָסט־וואָגן
„פודן" — ענגלישע פונטן
פּאפּקע — א פּאפּירענע טעקע
פּאָליטקאָם — פּאָליטישער קאמיסאר
פּאָריאדאָק — אָרדנונג
פריצעל — ציל
פּאראָל — וואָרט־צייכן
פּראָפּוסק — דערלויבעניש־צעטל
פּוטילאָווער — ארבעטער פון אזא געווער־פאבריק
פּאפּאכע — פּעלצן היטל

צ.

„ציגיינערלעך" — רומענישע לעיעס

ק.

קאָפּיעץ — וואו קארטאָפל באגראָבן
קאָביטא — א פרוי
קיפּיאטאָק — הייסע וואסער

ר.

רוקי ווערך — הענט ארויף
ראָבאשקאָ — א העמדל
רעוווקאָם — רעוואָלוציע־קאָמיטעט
רויטע — גאָלד שטיקלעך

ש.

שוואָל — געמיינע

ת.

תק׳ערס — צארישע פינפהונדערטער

ביכער פון ב. עפּעלבוים

ארויסגעגעבן ביז איצט:

פינצטערע וועגן — דערציילונגען
אין געווימער — נאָוועלן
אויפבריז — ראָמאַן
אניפּן שוועל — ראָמאַן
דערלייזונג — ראָמאַן
ברידער — נאָוועלן
דעם זיידנס שקיעה—וועגן מעטרעלע

איבערזעצונגען פון העברעאיש:

אמנון און תמר — אַ. מאַפּו
די זינד פון שומרון — אַ. מאַפּו

* פּאָדערבלעטער — **מ. ווייס**

* אויסגעזעצט — **מ. ווייסמאַן**